STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00785

# LODZSH UN IRE YIDN

A. Tenenbaum

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Gabriel & Lillian Medress*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם טענענבוים־ארזי

# לאָדזש און אירע ייִדן

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

## 123

רעדאַקטאָר:

**מאַרק טורקאָוו**

פאַרלאַגס-לייטער:

**אַבֿרהם מיטלבערג**

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

אברהם טענענבוים-ארזי

# לאָדזש
# און אירע יידן

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס-איירעס, 1956 — תשי״ז

דרוקעריי ברידער זלאטאפּיאָרא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס



אברהם טענענבוים-ארזי

# א י נ ה אַ ל ט


הקדמה פון מחבר — 11


## ערשטער טייל

### פאַרצייטיש לאָדזש און דער קאַמף פון די דייטשן קעגן יידן


| קאַפּ. | | זייט |
|---|---|---|
| 1 | עטלעכע פראַגן אין שייכות מיט דער געשיכטע פון לאָדזש | 19 |
| 2 | די ימי בראשית פון לאָדזש | 21 |
| 3 | ווי אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט ס׳יידישע לאָדזש | 23 |
| 4 | ס׳לאָדזשער „פנים״ אין די אַמאָליקע יאָרן | 25 |
| 5 | אַרויסגעגנבעט דעם ערשטן בר־מינן פון לאָדזשער יידישן בית הקברות | 27 |
| 6 | לאָדזשער קהילה האָט נעבעך נישט קיין 54 רובל | 32 |
| 7 | ווי האָט זיך לאָדזשער יידן געלעבט פאַרצייטנס? | 37 |
| 8 | אַמאָליקע לאָדזשער דייטשן פירן איין „נירנבערגער געזעצן״ | 40 |
| 9 | לאָדזשער דייטשן פאַרלאַנגען אַ „געטאָ״ פאַר יידן | 43 |
| 10 | דאָס שפלות פון די לאָדזשער דייטשן | 49 |
| 11 | ווי אַזוי פאַרצייטיקע „נאַציס״ דערשטיקן יידישע אינדוסטריי | 52 |
| 12 | די דייטשן צווינגען צו ליקווידירן ערשטע יידישע פאַבריק | 56 |
| 13 | אַלץ איז כשר ביים דייטש אין קאַמף קעגן יידן | 63 |
| 14 | די אומגעריכטע הילף פאַר לאָדזשער יידן | 67 |
| 15 | מ׳לייגט יידן שטיינער אויפן וועג פון פאַבריקאַציע | 71 |
| 16 | די „דוד־גלית״־מלחמה אין לאָדזש | 73 |
| 17 | אויך אין געטאָ איז שווער געווען אַריינצוקומען פאַר יידן | 76 |
| 18 | פּרעהס מורא „הבה נתחכמה פן ירבה״ | 80 |
| 19 | אויך אין אַסימילאַטאָרישע אָדערן פליסט יידיש בלוט | 83 |
| 20 | לאָדזשער דייטשן נעמען צוהילף אַ „בלעם״ קעגן יידן | 87 |
| 21 | מ׳ברענגט צוהילף קאָזאַקן קעגן יידן | 90 |
| 22 | די „קאַצק־איזשביצער״ מחלוקה | 93 |
| 23 | וואָס דערציילן די זקנים? | 97 |
| 24 | דער „רעוואָלוציאָנערער פּלאַן״ פון די לאָדזשער יידן | 102 |
| 25 | ווי האָבן יידן רעאַגירט אויף דער גרינדונג פון „ניי באַלוט״ | 106 |
| 26 | די פאַרשטערטע יידישע שמחה | 108 |
| 27 | די אומגעריכטע הילף פאַר לאָדזשער יידן | 111 |
| 28 | דער נצחון פון לאָדזשער יידן איבער די דייטשן | 113 |
| 29 | דער „דייטש־יידישער שלום״ אין לאָדזש | 115 |
| 30 | אַנטייל פון די לאָדזשער יידן אין דער ערשטער פּאָווסטאַניע | 119 |
| 31 | לאָדזשער יידן ביי דער 2טער פוילישער פּאָווסטאַניע | 122 |


## צווייטער טייל

### די אַנטוויקלונג פון יידישן לאָדזש און דער אָרגאַניזיר־כוח פון די לאָדזשער יידן


| קאַפּ. | | זייט |
|---|---|---|
| 32 | ווי אַזוי יידישער פלייס האָט אַנטוויקלט די לאָדזשער אינדוסטריי | 127 |
| 33 | די מוסטערהאַפטע אָרגאַניזאַציע פון די לאָדזשער יידן | 134 |
| 34 | ווי לאָדזשער יידן באַשיצן העלדיש זייערס אַ ברודער | 138 |

| קאַפּ. | | זייט |
|---|---|---|
| 35 | אויך ביי אַן אומגליק דערקענט מען דעם לאָדזשער ייד | 143 |
| 36 | די יידישע זעלבסטשוץביים לאָדזשער פּאָגראָם | 145 |
| 37 | אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד פון לאָדזשער פּאָגראָם | 149 |
| 38 | יידישער חרם אויפן לאָדזשער טראַמוויי | 158 |
| 39 | די גזירה אַרויסצוטרייבן לאָדזשער יידן און איר סוף | 163 |
| 40 | יידישע שמירה אויפן מיליטער־טעלעגראַף | 168 |
| 41 | לאָדזשער הילף פאַר אַנדערע יידישע פּליטים | 172 |
| 42 | לאָדזשער יידנס הילף פאַר יידישע „ביעזשענצעס" אין מאָסקווע | 174 |
| 43 | די גרייטקייט פון די לאָדזשער יידן צו טון גוטס | 176 |
| 44 | די אַנטוויקלונג פון לאָדזשער פּאַרטיי און פּאַראייִנס־לעבן | 181 |
| 45 | די אַנטוויקלונג פון דער לאָדזשער יידישער אינדוסטרי | 186 |
| 46 | דער „ראָטשילד פון פּוילן" — ישראל פּאָזנאַנסקי | 193 |
| 47 | ישראל פּאָזנאַנסקי אַלס ייד און אַלס מענטש | 199 |
| 48 | הערצלס האָפענונג אויף ישראל פּאָזנאַנסקי | 203 |
| 49 | הערצלס זעלטענע אינטואיציע | 207 |
| 50 | פּאָזנאַנסקיס „ריקצוג" פון ציוניזם | 210 |
| 51 | פּאָזנאַנסקיס מוראדיקער סוד | 214 |
| 52 | קליינע עפּיזאָדן אין קאַמף קעגן ציוניזם | 217 |
| 53 | הערצל אַלס משגיח אויף פרומקייט און יידישע מנהגים | 226 |
| 54 | דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פון לאָדזשער יידן | 230 |
| 55 | לאָדזשער רעליגיעזע און קולטורעלע אינסטיטוציעס | 237 |
| 56 | די צייטונגס־מלחמה וואַרשע—לאָדזש און איר סוף | 248 |


# דריטער טייל

## נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פון די לאָדזשער יידן און זייער מיטהילף צום בוי און אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל


| | | |
|---|---|---|
| 57 | נאַציאָנאַלע יוגנט־דערציונג אין לאָדזש | 259 |
| 58 | לאָדזש און אירע רבנים | 264 |
| 59 | לאָדזשער קינסטלער, וויסנשאַפטלער און געלערנטע | 270 |
| 60 | דריי לאָדזשער יידישע קינסטלער — טרייע זין פון זייער פאָלק | 275 |
| 61 | שמואל הירשנבערג אַלס מאַלער און אַלס ייד | 281 |
| 62 | לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי אַלס ייד און אַלס קינסטלער | 286 |
| 63 | לאָדזש — די וויג פון דער „העברעישער הבימה" און העברעישער מוזיק | 294 |
| 64 | גלענצנדיקער דערפאָלג פון דער לאָדזשער „הבימה" | 298 |
| 65 | ווי לאָדזש האָט מקבל פּנים געווען דעם זיידן, ר' מענדעלע | 303 |
| 66 | שלום עליכמס סענטימענט פאַר לאָדזשער יידן | 310 |
| 67 | באַראָן ראָטשילד וועגן לאָדזשער יידן | 320 |
| 68 | וואָס זאָגט וועגן לאָדזשער יידן אַמבאַסאַדאָר מאָרגנטוי? | 324 |
| 69 | אַ לאָדזשער ייד — איניציאַטאָר פון תל אביב | 331 |
| 70 | עקיבא וויס — דער אויפּזעער ביים בויען תל אביב | 337 |
| 71 | ווי אַזוי איז אַ לאָדזשער ייד איינגעפאַלן צו בויען תל אביב | 345 |
| 72 | וואָס האָבן אַלץ לאָדזשער געטון פאַר ארץ ישראל | 353 |
| 73 | דיזענהאָף, תל אביבער בירגערמייסטער, לויבט די לאָדזשער | 358 |
| 74 | לאָדזשער אין דער ארץ ישראל אַגריקולטור | 363 |
| 75 | די מיינונג פון לאָרד באַלפור וועגן די לאָדזשער יידן | 366 |
| 76 | אומעטום דערקענט מען דעם לאָדזשער ייד מיט זיין לאָדזשערישקייט | 369 |
| 77 | וואָס האָט נחום סאָקאָלאָוו געזען אין לאָדזשער יידן | 371 |
| 78 | ווער און וואָס זענען די לאָדזשער ספּינקסן | 376 |
| | נעמען־רעגיסטער | 380 |

געהייליקט דעם ליכטיקן אָנדענק

פון מיינע עלטערן

## טוביה און בתיה־לאה טענענבוים

מיין אומפאַרגעסלעכער פרוי

## מרים ב״ר יהודה־לייב ושרה קושמיראק

און מיינע פאַרשטאָרבענע און אומגעבראַכטע

שוועסטער און ברידער

רחל בראַונער
העניע רייכערט
מרים מערענהאָלץ
דבורה שיין
יוכבד שטשעצינסקי
חנה טענענבוים

מרדכי־שמואל
יצחק־מאיר
ישראל
יוסף־שלום
צבי
און עוזר

# הקדמה פון מחבר

דאָס בוך „לאָדזש און אירע ייִדן" דאַרף בשום אופן נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאַרמעסט צו שילדערן די געשיכטע פון ייִדן אין לאָדזש אָדער די אַנטוויקלונג פון דער לאָדזשער ייִדישער קהילה. דאָס דאָזיקע בוך פּרעטענדירט אויך נישט צו געבן קיין פּרטימדיקע באַשרייבונג פון די קולטורעל־גייסטיקע און ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון לאָדזשער ייִדנטום און אוודאי און אוודאי נישט — קיין אויסשעפּנדיק בילד וועגן דער השפּעה פון „לאָדזשער ייִד" אויף דעם ייִדישן לעבן אין דער גאַרער וועלט.

די דאָזיקע אויסגערעכנטע מאָמענטן וואַרטן אויף דער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער פעדער פונעם ספּעציאַליסט־היסטאָריקער. הגם מען דאַרף צוגעבן, אַז אויפן געביט פון געשיכטע־שרייבונג האָט דאָס ייִדישע לאָדזש געהאַט מזל צו אייניקע אויסגעצייכנטע אַרבעטן פון גאַר באַדייטנדיקע ייִדישע וויסנשאַפטס־לייט.

וויפל עס איז אָבער שוין געשריבן געוואָרן וועגן לאָדזש, סיי אין אַן עקזאַקטער וויסנשאַפטלעכער פאָרם, סיי אין אַ בעלעטריסטיש־פרייער פאָרם, איז אָבער נאָך אַלץ געבליבן נישט פאַרענדיקט דאָס גרויסע פאַרביקע געמעל פון לאָדזשער ייִדישן לעבן און עס איז אויך כמעט ווי נישט אָנגערירט געוואָרן דאָס חידושדיקע קאַפּיטל פון די לאָדזשער ייִדישע ווירקונגען אויף דעם לעבן פון די ייִדן אין דער נייער צייט בכל מקום, ווו ייִדישקייט האָט געשלאָגן נייע וואָרצלען צו אַ ווייטערדיקער עקזיסטענץ און צו אַ ווייטערדיקן המשך פון די דורות־אַלטע טראַדיציעס פון פּוילישן ייִדנטום.

באַזונדערס איז נאָך אין דעם פּרט ווייניק געטון געוואָרן בנוגע דעם נייעם ייִדישן קיום אין דעם אַלט־נייעם ייִדישן היימלאַנד: ארץ ישראל.

**
*

מיט דעם דאָזיקן בוך האָב איך געוואָלט מקיים זיין בנוגע דעם חרוב־געוואָרענעם לאָדזשער יידישן לעבן צוויי זאַכן:

1) די מצווה פון כל המרבה לספר...

2) געבן מיינע לאָדזשער ברידער, די צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער וועלט, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיי קענען דינען ווי אַ קיצורדיקער יחוס־בריוו פון זייער אָפּשטאַם־אָרט און זייער געבוירנשטאָט.

צום באַדויערן, ווייסן שוין זייער ווייניק פון די „יוצאי לאָדזש" וואָס זייער היימשטאָט האָט מיט זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט אין דער ראָש פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט.

און נאָך ווייניקער פון זיי ווייסן שוין וואָס ס'איז דער מער מיט זייער געבוירנשטאָט, וועלכע איז אַמאָל אַזוי באַרימט געווען מיט איר אייגנאַרט און מיט איר שעפּערישע ענערגיע אויף אַלע געביטן פון דער יידישער עקזיסטענץ.

כדי דעם דאָזיקן מאַנגל פון וויסן צו באַזייטיקן און כדי צו געבן כאָטש וויפל ס'איז נישט ידיעות וועגן דער ראָל פון לאָדזש אין יידישן לעבן פון פּוילן און די דערגרייכונגען פון לאָדזשער יידן אין דעם אַלגעמיינעם יידישן וועלט־קיום, האָב איך געשריבן און איך פאַרעפנטלעך איצט דאָס־דאָזיקע בוך.

דערביי האָב איך בפירוש אין זין דעם אַלטן יידישן פאָלקס־זאָג, אַז יחוס איז מחייב... די לאָדזשער יידן וועלכע וועלן זיך פון דער דאָזיקער אַרבעט דערוויסן פאַרשידענע פּרטים וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט, וועלן, האָף איך, פון דער דאָזיקער פאַרגאַנגענהייט שעפּן מוט און עקשנות פאַר זייער וויטערדיקן יידישן קיום אין די נייע באַדינגונגען פון זייער היינטצייטיקן לעבן.

און אין דעם דאָזיקן מוט און עקשנות, וועט דאָס בילד פון דעם יידישן עבר אין לאָדזש, גלייב איך, שפּילן גאָרנישט קיין קליינע ראָל...

**
*

ווי געזאָגט, איז דאָס־דאָזיקע בוך נישט קיין געשיכטע־בוך און פּרעטענדירט בשום אופן נישט ווי אַזאַ באַטראַכט צו ווערן.

איך מוז אָבער באַמערקן, אַז הגם די דאָזיקע אַרבעט קלייבט זיך נישט צו פאַרטרעטן די פולע געשיכטע פון די יידן אין לאָדזש, זענען אָבער אַלע

פאַקטן און געשעענישן, — דערהויפּט, נעמען פון פּערזענלעכקייטן און זייערע מעשים, וועגן וועלכע עס ווערט אין דעם בוך דערציילט, — אויטענטישע און געשיכטלעך־וואָרהאַפטיקע.

אַ גרויסן טייל פון דעם וואָס ווערט דאָ דערציילט, האָב איך אַליין איבערגעלעבט בעת מיין זיין אין לאָדזש. אַן אַנדערן טייל, וואָס נוגע דער אַלטער געשיכטע פון אונדזער היימשטאָט, האָב איך פאַרצייכנט לויט די דערציילונגען פון מענטשן וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיט יענער צייט און זענען באַזונדערס באַגלויבט ווי עדי ראיה.

ווו עס איז מעגלעך געווען, האָב איך מיינע אייגענע דערפאַרונגען פאַרגליכן מיט די פאָרשונגען פון ווויסנשאַפטלער און גאַנץ אָפט לאָז איך רעדן אַנדערע וועגן ענינים וואָס זענען מיר אַליין גוט באַקאַנט פון מיין פּערזענלעכן אָנטייל אין זיי.

איך האָב דעריבער דעם אינעווייניקסטן גלויבן, אַז פון דעם דאָזיקן בוך וועט דער קומענדיקער היסטאָריקער קענען שעפּן אַ סך אומבאַקאַנטן מאַטעריאַל צו דער פולער געשיכטע פון לאָדזש און אירע יידן.

מעגלעך, אַז אייניקע וועלן האָבן אויף מיר תרעומות דערפאַר וואָס איך האָב צו די לאָדזשער יידן מצרף געווען אויך אַזעלכע וואָס זענען נישט געבוירן געוואָרן אין לאָדזש. מיין כלל איז, אַז כדי פאַררעכנט צו ווערן צו די בני העיר, מוז מען נישט דווקא אין איר זיין געבוירן. עס איז גענוג, אַז מען האָט זיך אין דער שטאָט דערצויגן און אַנטוויקלט און אין איר, און דורך איר, אויסגעפורעמט דעם אייגענעם גייסטיקן פּרצוף.

אַזעלכע האָב איך, לויט מיין הנחה, פאַררעכנט ווי לאָדזשער און איך האָף, אַז איך האָב דערמיט קיינעם, חלילה, קיין עוולה נישט געטון.

מיט אָט־די עטלעכע באַמערקונגען גיב איך איבער דאָס בוך אין די הענט פון די לייענער און מכח די דערגרייכונגען פון מיינע כוונות גיב איך זיך איבער צו זייער דין און צו זייער משפט.

א. ט.



דער סימבאָל פון לאָדזש, געצייכנט דורך אַרטור שיק.

ערשטער טייל

# פארצייטיש לאדזש און דער קאמף פון די דייטשן קעגן יידן

.1

# עטלעכע פראַגן אין שייכות מיט דער געשיכטע פון לאָדזש

כ'בין מסופק, צי צווישן אַלע טעקסטיל־צענטערס פון גאַנץ מזרח־אייראָפּע איז געווען נאָך אַ שטאָט, וואָס זאָל זיך האָבן אַזוי גיך אַנטוויקלט און חוץ דעם זיך דערוואָרבן אַזאַ אָנגעזעענעם נאָמען, ווי דאָס אַזוי־גערופענע „פּױלישע מאַנטשעסטער" — לאָדזש; כ'ווייס אויך נישט צי צווישן אַלע ייִדישע קהילות פון דער וועלט האָט זיך געפונען נאָך אַן עדה, וואָס איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן מיט אַזאַ טעמפּאָ און באַקומען דערצו אַזאַ שם־טוב ביי די ייִדן פון גאָר דער וועלט, ווי די לאָדזשער ייִדישע קהילה.

נו, פרעגט זיך דאָך, מיט רעכט, די פראַגע:

ווי קומט עס, וואָס גראָד דאָס פאַרוואָרפענע מיניאַטור־שטעטעלע „לאָדזש", — אַ שטעטל אָן שום פאַרבינדונגס־וועגן און אָן וועלכע ס'איז נאַטירלעכע ערד־רייכטימער — זאָל אַזוי מצליח זיין, דערהויבן צו ווערן צו דעם גרעסטן טעקסטיל־צענטער אין גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן, אין דער צייט ווען דעמאָלט (אין יאָר 1823), בעת עס האָט אין אים געוואוינט קלאַפּן דער דופּק פון די ערשטע פּאָר הילצערנע האַנט־וועב־שטולן, האָט שוין אין כמעט אַלע אַרומיקע שטעטלעך, ווי זגיערזש, פּאַביאַניץ, אַלעקסאַנדער, אָזאָרקאָוו, טאָמאַשאָוו, בעלכאַטאָוו, קאַליש א"אַנד געברויזט אַ שטאַרק אימפּולסיוו לעבן פון אַ רירעווודיקער טעקסטיל־פאַבריקאַציע?

פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס דווקא די באַצייכענונג „לאָדזשער

מענטש״ איז געוואָרן די ערן־קוואַליפיקאַציע פאַר אויפטוערישקייט אין דער אינדוסטריעלער און האַנדלס־וועלט?

און וואָס אייגנטלעך האָט גורם געווען צו דער אַזוי גיכער און ריזיקער אַנטוויקלונג פון דער לאָדזשער יידישער קהילה, וועלכע איז נאָך אין יאָר 1840 געשטאַנען מיט דער צאָל פון אירע יידישע איינוווינער אויפן 62סטן אָרט פון אַלע קהילות אין פוילן און שוין אין יאָר 1897 האָט זי דער־גרייכט צו דער מדרגה פון דער צווייט־גרעסטער קהילה נאָך וואַרשע? 1)

***

אָט די אַלע קשיות און „רעטענישן״ וועלן, האָפנטלעך, פאַרענטפערט ווערן נאָכדעם ווי מען וועט זיך באַקאָנען מיטן מאַטעריאַל, וואָס איז צו־נויפגעזאַמלט אין דעם דאָזיקן בוך.

1) אין יאָר 1823, ווען ס'איז אין לאָדזש געגרינדעט געוואָרן די טעקסטיל־אינדוסטריע, האָט די יידישע עדה געציילט סך־הכל 288 נפשות (עפּעס מער פון אַ דריטל פון די 1.004 פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג). אין יאָר 1840 זענען שוין געווען אין לאָדזש ביי טויזנט יידן; אין 1860 — 4.597; אין 1870 — 10.000; אין 1897 — 98.671; אין 1921 — 156.155; אין יאָר 1936 — 219.612; און ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג האָט לאָדזש געציילט ביי אַ פערטל מיליאָן יידן.

2

# די ימי־בראשית פון לאָדזש

ווי עס דערציילט די לעגענדע זאָל די שטאָט לאָדזש האָבן באַקומען איר נאָמען „לודזש" צוליב עפּעס אַ מיסטעריעז שיפּל, וואָס האָט זיך פּלוצים באַוויזן אויפן שטאָטישן טייך. און טאַקע דערפון זאָל אויך דערזעלבער טייך האָבן געקריגן זיין נאָמען „לודקאָ" (ביידע באַטייטן אין פּויליש: אַ שיפּל).

נישט געקוקט אָבער דערויף וואָס דער נאָמען „לודזש" איז שוין דערמאָנט אין אַלטע פּוילישע אַרכיוון הייבט מען זיך אָן צו רעכענען מיט איר ווי מיט אַ שטאָט, ערשט זייט 1823, ווען ס'איז אין איר אַנטשטאַנען די טעקסטיל־אינדוסטריע.

כדי צו האָבן אַ שטיקל באַגריף, ווי אַזוי דער שפּעטער באַוווּסטער אינדוסטריע־צענטער, „לאָדזש", האָט אַמאָל, אין הינזיכט פון פאַבריקאַציע, אויסגעזען, איז גענוג צו וויסן, אַז דער דאָזיקער „פּוילישער מאַנטשעסטער", אין וועמענס טויזנטער הייזער ס'האָבן לעצטנס געוווינט העכער 3/4 מיליאָן איינוווינער, און וואָס שוין אין יאָר 1923 זענען אין זיינע 1.145 פאַבריקן און טויזנטער ווערקשטאַטן געווען באַשעפטיקט העכער 200 טויזנט אַרבעטער — האָט נאָך אין יאָר 1839 געהאַט צווישן זיינע 8.559 איינוווינער, סך־הכל 422 וועבערס, וואָס זייער גאַנצע פּראָדוקציע, אין אַלע דעמאָלט־עקזיסטירנדע פאַבריקן, האָט נישט דערגרייכט פאַר אַ גאַנץ יאָר, דעם קוואַנטום, וואָס לאָדזש האָט מיט 60 יאָר שפּעטער פאַבריצירט אין איין איינציקער שעה!...2). (אין יאָר 1900 האָבן בלויז שייבלער און פּאָזנאַנסקי פּראָדוצירט 160 מיליאָן אַרשין סחורות).

## אברהם טענענבוים־ארזי

***

און כדי צו באַקומען אַ בילד וועגן דער ריזיקער אַנטוויקלונג פון לאָדזש אויך אַלס שטאָט, איז ווערט צו דערמאָנען, אַז אָט די דאָזיקע שטאָט, וואָס האָט זיך שפּעטער אַזוי באַוווּסט געמאַכט מיט אירע גוט־אָרגאַניזירטע סאָציאַל־קולטורעלע אוןווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי: שולן, שפּיטאָלן, אַזילן פאַר אלמנות, פאַר יתומים און זקנים, בענק אאַ״וו, — אָט דאָסזעלבע לאָדזש האָט נאָך אין יאָר 1818 קיין אייגענע קינדער־שולע נישט געהאַט, און האָט ביז צום יאָר 1841 קיין אייגן געריכט און נאָטאַר נישט פאַרמאָגט, און ביז צום יאָר 1850 אַפילו קיין שפּיטאָל פאַר אירע קראַנקע נישט געהאַט און איז געצוווּנגען געווען, כמעט מיט אַלע וויכטיקסטע לעבנס־באַדערפענישן, אַנצוקומען צו אירע עלטערע חברטעס, — צו די אַרומיקע שטעטלעך: זגיערזש, סטריקאָוו און לענטשיץ און, אין פינאַנץ און שפּיטאָל־ענינים, אַפילו צו דער סאַמאַראַדנער „עלטער־באָבע“, — צו דער הויפּטשטאָט וואַרשע אַליין...

אָט אַזוי האָט אויסגעזען לאָדזש אין אירע „ימי בראשית“!

---

2) לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק האָט לאָדזש, אין יאָר 1923, געהאַט 831 טעקסטיל־פאַבריקן, וואָס האָבן באַשעפטיקט 102.143 אַרבעטער, חוץ די 314 אַנדערע פאַבריקן, וואָס האָבן באַשעפטיקט ביי 20 טויזנט אַרבעטער.

דערביי איז כדאַי איבערצוגעבן, אַז שוין אין יאָר 1908 איז דאָס פאַרמעגן פון לאָדזש געווען העכער אַ פערטל פון אַלע 60 גרעסערע שטעט אין קאָנגרעס־פּוילן. פון אַלגעמיינעם ווערט זייערן, צוויי מיליאַרד און 60 מיליאָן רובל, איז דאָס פאַרמעגן פון לאָדזש אַליין ווערט געווען אַ האַלבן מיליאַרד און 24 מיליאָן רובל, פון וועלכן מער פון אַ דריטל האָט שוין דאַן געהערט צו יידן.

.3

## ווי אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט דאָס יידישע לאָדזש?

די לאָדזשער ייִדישע קהילה, וואָס איז אַזוי באַוווּסט געווען מיט אירע קולטורעלע, רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע,ווירטשאַפטלעכע, פילאַנטראָפּישע ווי אויך האַנדלס־ און אינדוסטריע־אינסטיטוציעס — אָט דאָס לאָדזש איז מיט לערך 140 יאָר צוריק נאָך אַזוי קליין און אָרעם געווען, אַז ביז צום יאָר 1809 האָט עס נאָך קיין אייגענע שול צום דאַוונען נישט געהאַט, און די גאַנצע ייִדישע עדה (סך־הכל 24 נפשות...) פלעגט זיך צונויפקומען צום „מנין" ביי פּריוואַט־מענטשן, ס׳רוב ביים גבאי פון שטאָט, ר׳ מענדל אָרבאַך, און ביי איינעם פון די צוויי דאַמאָלטיקע פּרנסים: משה פּייטלאָוויטש און פּנחס זיידלער.

ביז צום יאָר 1811 האָט די לאָדזשער ייִדישע קהילה צומאָל קיין אייגן בית־הקברות נישט פאַרמאָגט, און די לאָדזשער ייִדן האָבן זיך נעבעך גע־מוזט שלעפּן מיט זייערע געשטאָרבענע אַ מהלך־וועגס פון 10 ביז 30 קי־לאָמעטער, בכדי צו ברענגען זיי צו קבורה, צו־ערשט אויפן סטריקאָווער און דערנאָך אויפן לוטאָמירסקער בית־החיים, צו וועלכער לאָדזש האָט דאַן, אין רעליגיעזע ענינים, געהערט.

און ביז צום יאָר 1824 האָט לאָדזש נאָך נישט זוכה געווען צו האָבן קיין אייגענעם „מרא־דאתרא" — אַ רב, הייסט עס — און די ייִדן דק"ק לאָדזש האָבן זיך געמוזט באַגנוגענען, אין כשרות און שאלות־אַנגעלעגנ־הייטן, מיט עפּעס אַ מורא־הוראה און אין וויכטיקע רעליגיעזע ענינים זענען זיי געצוווּנגען געווען אָנצוקומען צו די רבנים פון סטריקאָוו אָדער לוטאָ־מירסק 3).

און די דאָזיקע ייִדישע קהילה, וואָס אַלע אירע 288 נפשות האָבן אין יאָר 1823 באַוווינט אַ שטח פון סך־הכל איין איינציקן קוואַדראַט קילאָמעטער לערך (די דריי געטאָ־גאַסן: פאָדזשעטשנאַ, וואָלבאָרסקאַ און סטאַרי רינעק) — אָט דאָס דאָזיקע ייִדישע לאָדזש האָט ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג שוין געציילט ביי אַ פערטל מיליאָן ייִדן, וואָס זייערע וווינהייזער, פאַבריקן, וואַרשטאַטן, ווילעס און פּאַלאַצן זענען געווען פונאַנדערגעשפּרייט איבער צענדליקער קוואַדראַט־קילאָמעטערס פון לאָדזש און אירע פאָרשטעט.

3) פון אַ פאַרצייטישן דאָקומענט פון קויאַווער ביסקופאַט (צו וועלכן לאָדזש האָט אַמאָל געהערט) ווערט מען געוואָר, אַז דער ייִדישער ישוב אין לאָדזש הייבט זיך אָן פון יאָר 1775. דעמאָלט זאָל דאָ האָבן געלעבט איין איינציקע ייִדישע פאַמיליע, זעליקאָוויטש, וואָס האָט געצויגן איר פּרנסה פון דער „פּראָפּינאַציע”.

.4

## ס'לאָדזשער „פנים" אין די אַמאָליקע יאָרן

ווי באַוווּסט איז לאָדזש געווען איינע פון די באַקאַנטסטע אינדוסטריע־שטעט אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע. איר פּאָפּולאַריטעט איז איר געקומען, נישט נאָר צוליב אירע וועב־אויסאַרבעטונגען, נאָר אויך צוליב איר גיכער אַנט־וויקלונג און שטאַרקער פונאַנדערוואַקסונג, וואָס האָט כמעט קיין גלייכן נישט געהאַט מיט קיין שום אייראָפּעישער שטאָט.

ווי ווייט לאָדזש איז דאָ, אין דער הינזיכט פון אַנטוויקלונג, געווען אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע שטעט, קאָן דערציילן די אָפיציעלע סטאַטיס־טיק וועלכע ווייזט אָן, אַז אין פאַרלויף פון 100 יאָר — פון יאָר 1800 ביז 1910 — זענען געוואַקסן: בערלין 20 מאָל אַזוי פיל; בודאַפּעשט — 16 מאָל; לייפּציג — 20 מאָל; מינכען און קעלן — צו 10 מאָל; און די סאַמאָראָדנע פּוילישע הויפּטשטאָט אויך נאָר 10 מאָל... אָט צו דערזעלבער צייט איז לאָדזש געוואַקסן אַזש אויף 600 מאָל אַזוי פיל!!!

און ווי ווייט אָט דאָס דאָזיקע לאָדזש איז אַמאָל אויך אין איר טעקס־טיל־פּראָדוקציע געווען קליין און נישטיק, קאָן מען זען פון פאָלגנדער אָפיציעלער סטאַטיסטיק: אין דער צייט וואָס די שטאָט זגיערזש האָט שוין אין יאָר 1825 עקספּאָרטירט קיין רוסלאַנד 306,270 איילן וועב־שטאָפן; אָזאָרקאָוו — 180, 363 איילן; און אַפילו דאָס פּיטשינקע שטעטעלע אַלעק־סאַנדער — 136.020 איילן — האָט גאַנץ לאָדזש אינעם זעלבן יאָר עקס־פּאָרטירט קוים 10.020 איילן...

### אברהם טענענבוים־ארזי

**
*

איז טאַקע דאָס דאָזיקע לאָדזש שפּעטער אַזוי אויסגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט, איבערשטייגנדיק דערביי אַלע אירע אַרומיקע „חברטאָרינס" — די שטעטלעך זגיערזש, פּאַביאַניץ, אָזאָרקאָוו, טאָמאַשאָוו, זדונסקאַ־וואָלאַ, קאַליש אאַ"וו — אַז נישט איינמאָל פלעגט זיך שפּעטער הערן די פראַגע: און דאָס איז עס טאַקע אָט דאָס קליינטשיקע שטעטעלע „לאָדזשע" (יידן פלעגן דאַן רופן לאָדזש — „לאָדזשע", און זגיערזש — „זעגזשע"), וואָס מיט הונדערט פערציק יאָר צוריק איז עס נאָך געווען אַרומגעהילט מיט אַזאַ געדיכטן אור־וואַלד, אַז אַפילו נאַפּאָלעאָן, מאַרשירנדיק אין 1812 אויף מאָסקווע האָט נישט געקאָנט געפונען אַ דורכגאַנגס־וועג פאַר זיינע גרויסע מיליטער־מחנות, און האָט געמוזט אָנקומען צו אַ ספּעציעלן וועג־ווייזער, וואָס זאָל אים דורכפירן ביז צום „בזשעזשינער טראַקט" — דעם דעמאָלטיקן הויפּט־וועג קיין וואַרשע? ווי לאָדזשער זקנים האָבן גע־ווּוסט צו דערציילן, איז דאַן יענער „וועג־ווייזער" געווען דער דעמאָלטי־קער חשובער בירגער ר' שמואל בערמאַן, גערופן אויך ר' „שמואל בזשעזשינער (פאָטער פון מיין זיידע ר' פישל; פּרטים דערפון געפינען זיך אין דער בראָשור „נאַפּאָלעאָן אין לאָדזש" פון מחבר).

ענלעכע פּאַרווּנדערונגס־פראַגן פלעגט מען שפּעטער אויך הערן וועגן דער לאָדזשער יידישער קהילה; ווייל, זעענדיק שפּעטער די לאָדזשער יידישע קהילה אין איר גלאַנץ און פּראַכט־עפּאָכע — אירע צענדליקער סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע קולטורעל־רעליגיעזע און עקאָנאָמיש־ווירטשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס, וואָס די דאָזיקע קהילה האָט מיט דער הילף פון אירע נדבנים אויפגעשטעלט — האָט נישט איינער מיט פּאַרווּנדערונג געפרעגט: צי איז דאָס אין דער אמתן דאָס קליינטשיקע קהילהלע, וואָס איז נישט אימשטאַנד געווען, נאָך אין יאָר 1842, צו באַצאָלן דעם לאָ־דזשער מאַגיסטראַט איר חוב פון 56 רובל (בערך 6 ענגלישע פונט), וואָס זי, — די קהילה — איז שולדיק געווען פאַר אויסהאַלטן אירע יידישע קראַנקע אין וואַרשעווער שפּיטאָל?!

.5

# אַרויסגעגנבעט דעם ערשטן בר־מינן פון לאָדזשער בית־הקברות...

ווי מיר האָבן שוין פריִער דערקלערט האָט ס׳יִדישע לאָדזש געהערט אין אירע „ימי בראשית״ (פון 1782 ביז 1811), אין רעליגיעזע ענינים, צו די צוויי יִדישע קהילות פון די דערבייִיקע שטעטלעך: סטריקאָוו און לוטאָמירסק.

צווישן די פאַרשידענע רעליגיעזע זאַכן מיט וועלכע לאָדזש האָט דאַן געמוזט אָנקומען צו די דאָזיקע צוויי קהילות איז אויך געווען דער ענין פון מקבר זיין מתים און אַלץ וואָס איז דערמיט געווען פאַרבונדן, ווי: מטפל זיין זיך מיטן נפטר ביי דער טהרה, אים טראָגן צום בית־הקברות און אים, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ברענגען צו קבר־ישראל.

און אַזוי האָט זיך טאַקע די גאַנצע צייט געפירט: געשטאָרבן איז טאַקע דער לאָדזשער ייִד אין לאָדזש, אָבער באַגראָבן ווערן האָט ער געמוזט אויפן סטריקאָווער בית־עולם, אָדער אויפן לוטאָמירסקער, וווהין מ׳האָט אים גע־טראָגן לויטן דעמאָלטיקן מנהג ישראל, אויף אַ „מיטה״ פון הילצערנע שטאַנגען, דורכמאַכנדיק דעם גאַנצן וועג צופוס.

מאַכט זיך אָבער אַ „מעשה נורא״, וועלכע האָט ממש אויפגעקאָכט די גאַנצע יִדישע עדה פון דעמאָלטיקן לאָדזש:

עס שטאַרבט אַוועק אַ ייִד, אַ גביר, אַ געוויסער בערגער, און ווי תמיד אין אַזאַ פאַל, הילט מען אים איין אין זיין טלית, מ׳לייגט אים אַרויף

אויף דער „מיטה״ און מען טראָגט אים צופוס פון שטאָט אַרויס, כדי אים צו ברענגען צו קבר־ישראל אויפן סטריקאָווער בית־עולם. און ווייל ער איז געווען ביים לעבן אַ פרומער ייִד, האָבן די יורשים פאַרלאַנגט, אַז עס זאָלן זיך מיט דעם בר־מינן מתעסק זיין אויסשליסלעך ייִדן בני־תורה.

פאַרשטייען דאָך די סטריקאָווער חברה־קדישא־לייט, אַז מ׳האָט דאָ פאַר זיך אַ פעטן „קאַרפּן־קאָפּ״... — פאַרלאַנגען זיי טאַקע פאַרן קבר, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי גאַנצע 500 גילדן — אַ סומע, וואָס איז צו יענער צייט געווען ממש אַ פאַרמעגן.

ווערט ס׳געשריי עד לב השמים: היתכן? פאַר אַ קבר פון אַ טויטן זאָל מען געבן אַ „נדן״ ווי פאַר אַ לעבעדיקער רייכער כלה? — נאָר שריי אַהין, שריי אַהער — ס׳העלפט נישט! זיי, די סטריקאָווער „חברה קדישא־לייט, זענען אוחז בידו!...

און אַזוי איז נעבעך אונדזער לאָדזשער בר־מינן געלעגן גאַנצענע צוויי מעת־לעת צייט אין סטריקאָווער „מתים־שטיבל״ און ער „רירט״ זיך נישט... ערשט אויפן דריטן טאָג איז מען, ווי עס איז, אַדורכגעקומען און מ׳האָט אין אַ מזלדיקער שעה געבראַכט דעם לאָדזשער נפטר צו קבר־ישראל. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער סכסוך מיט סטריקאָוו, און פון דעמאָלט אָן האָט לאָדזש גענומען קובר זיין אירע מתים אויפן לוטאָמירסקער בית־עולם. אָבער אויך דאָ האָט נאָך קנאַפּע דריי יאָר צייט געטראָפן אַן ענלעכער פאַל: די לוטאָמירסקער האָבן פאַרלאַנגט פאַר אַ לאָדזשער בר־מינן אַ גרויסע סומע און דאָס האָט שוין די לאָדזשער „פּני־העיר״ אַזוי פאַרדראָסן, אַז זיי האָבן געגומען ערנסט טראַכטן, צי ס׳איז שוין נישט צייט, אַז לאָדזש זאָל זוכה זיין צו אַן אייגענעם בית־הקברות. הקיצור: נאָך פיל אסיפות האָט ס׳ייִדישע לאָדזש באַשלאָסן מאַכן „שבת פאַר זיך״... און אַזוי ווי די קהילה האָט נעבעך קיין געלט נישט געהאַט אויף אַזאַ „לוקסוס״ — האָבן זיך ביי דער לעצטער אסיפה געמאָלדן עטלעכע נדבנים, וואָס האָבן פרייוויליק געהאָלפן דעם דאָזיקן הייליקן ציל צו דערגרייכן.

אַזוי האָט דאָן ר׳ משה פייטלאָוויטש (גערופן: „משה קוטשער״), גע־קויפט פאַר זיין אייגן געלט, פאַר 125 גילדן, אַ שטיק ערד ביים קריסט ניעבעלסקי און זיין פרוי מאַגדאַלענאַ. דאָס שטיק ערד האָט ער געשאַנקען

פאַרן ערשטן לאָדזשער בית־הקברות; אַ צווייטער ייִד האָט מנדב געווען האַלץ אויף צו בויען אַ „שומר־הייזל״; אַ דריטער האָט פאַר זיין געלט געמאַכט אַ צוים אַרום בית־עולם; אַ פערטער האָט מיט זיינע אייגענע הענט געמאַכט אַ צופאָר־וועג אַהין. מיט איין וואָרט: לאָדזש האָט דאַן באַקומען אַן אייגן „גוט־אָרט״!

***

און אַזוי איז, במילא, דאַן אויך געגרינדעט געוואָרן די ערשטע לאָדזשער „חברה קדישא״, אין וועלכער עס זענען אַריין די „פּני העיר״, מיט משה פייטלאָוויטש אין דער שפּיץ.

פּלוצים איז אָבער די דעמאָלטיקע לאָדזשער ניי־געגרינדעטע „חברה קדישא״ געשטעלט געוואָרן פאַר אַן עכטן „האַמלעט־פּראָבלעם״: עקזיסטירן אָדער אויפהערן עקזיסטירן? ס׳האָט פּשוט פאַרפעלט עפּעס אַזוינס, אָן וועלכן אַ בית־הקברות קאָן נישט עקזיסטירן, — עס האָט פאַרפעלט אַ בר־מינן, מיט וועלכן מ׳זאָל קאָנען באַנייען דעם אייגענעם בית־הקברות!...

„און ווי אויף צו־להכעיס דער לאָדזשער „חברה־קדישא״ — דערציילט זיך אין דער רשימה פון אַלטן לאָדזשער פּנקס — האָט זיך גאַנצע צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד נישט געמאַכט קיין מת, — עס איז קיינער נישט געשטאָרבן״...

און ווי אַזוי דאָס דאָזיקע „געשעעניש״ האָט דאַן משפּיע געווען אויף לאָדזשער ייִדן, — קאָן מען זען פון די משונהדיקע ווערסיעס, וואָס האָבן זיך אַרום דעם פאַרשפּרייט.

אַזוי, למשל, האָבן דאַן, — ווי עס האָבן מיר נאָכדערציילט זקנים פון זייערע עלטערן — געטענהט די פרומערע ייִדן, אַז דאָס איז באַשיינפּערלעך אַן „אצבע אלוקים״ צוליבן פאַרזינדיקן זיך אָן לוטאָמירסקער רב, וועלכער האָט זיך נעבעך געבעטן רחמים מ׳זאָל אים חלילה נישט אָנטון די יאָמערלעכע בושה און חרפּה און זיך אָפּרייסן פון אים און פון זיין גרויסער און חשובער קהילה.

דאַקעגן, האָט דאָס „פּראָסטע פאָלק״ —„עמך״ הייסט עס— געוווּסט צו דערציילן, אַז דער דאָזיקער „שטרייק״ — דער „שטרייק פון די לאָדזשער

קעגן מלאך־המות" — איז בפירוש אַ „כישוף־שפּיצל" פון די לוטאָמירסקער קעגן זייערע „לאָדזשער קאָנקורענטן"...

אַזוי צי אַזוי, איז אָבער אַ פאַקט, אַז די לאָדזשער חברה קדישה־לייט האָבן זיך דאַן, אין יענעם „טויטן־סעזאָן", אַרומגעדרייט פאַרטרויערט, ממש ווי די אבלים, לא עלינו..

ענדלעך האָט זיך דער אויבערשטער „מרחם" געווען און נאָך צוויי וואָכן צייט זענען די לאָדזשער חברה קדישא־לייט „אויפגעריכט" געוואָרן!...

עפּעס אַן אַלטער שניידער, ר' חיים, איז נאָך אַ לענגערער קרענק געשטאָרבן, און ווי נאָר די חברה־קדישא איז דערפון געוווער געוואָרן, איז זי באַלד געקומען און גענומען זיך מכין זיין צו דער הייליקער עבודה. און גייענדיק צום־ערשט אַליין אין מקווה אַריין, האָבן זיי דעם מת ווי גע־העריק מטהר געווען, אים זיין „רעכט־געטון" און אַרויסגעטראָגן אויפן „גוטן־אָרט".

**
*

„דאָ האָט זיך אָבער געמאַכט אַ מעשה, וואָס האָט שיער נישט געשטעלט אין סכנה דעם גאַנצן ענין: די קינדער פונעם פאַרשטאָר־בענעם האָבן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט דערלויבן, אַז זייער פאָ־טער זאָל בלייבן ליגן איינער אַליין אויפן בית־הקברות; זיי האָבן געטענהט, און מיט רעכט, אַז לויטן מנהג־ישראל לאָזט מען נישט אַ בר־מינן אַליין אויף אַ נייעם „גוט־אָרט".

ענדלעך, נאָך פיל טענות און מענות, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ר' משה פייטלאָוויטש אַליין — דער וואָס האָט געשאָנקען די קרקע אויפן בית־הקברות — וועט זיך אַוועקזעצן נעכטיקן מיטן מת, אָדער וועט דינגען דערצו אַ ייִדישן שומר, וואָס וועט דאָרט נעכטיקן ביז ס'וועט זיך נישט מאַכן נאָך אַ בר־מינן.

און אַזוי האָט טאַקע ר' משה געדונגען פאַר זיין געלט אַ שומר, וואָס האָט גענעכטיקט אויפן לאָדזשער בית־הקברות די גאַנצע צייט".

דערווייל האָט זיך אין לוטאָמירסק געקאָכט ווי אין אַ קעסל: די דאָרטיקע קהילה האָט גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן פון וואַנען עס נעמט זיך צו די לאָדזשער „דאָרפס־לייט" אַזאַ „חוצפה און העזה" זיך אָפּצורייסן

פון אַזאַ „גרויסער" יידישער קהילה ווי לוטאָמירסק, און נעמען אָנלייגן פאַר זיך אַליין אַן אייגן „בית־הקברות"!...

האָט מען וועגן דעם דאָזיקן ערנסטן ענין תיכף צונויפגערופן אַן אסיפה פון אַלע יידישע איינוווינער און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן פה אחד צו צווינגען מיט געוואַלד די לאָדזשער „דאָרפס־לייט" מקבר צו זיין זייערע מתים אויפן לוטאָמירסקער „בית־עולם".

און כדי אָנצולערנען „לעולמי עד", — פון היינט און ווייטער, אַז אַזעלכעס זאָל מער אין לאָדזש נישט געשען — זענען אויסגעקליבן געוואָרן צוויי „עקסטראַ שליחים", געזונטע יונגען, אויף וועלכע ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער חוב אויסצוגראָבן צוריק פון לאָדזשער בית־הקברות דעם באַגראָבענעם בר־מינן און אים ברענגען צו קבר־ישראל אין לוטאָמירסק.

אין מיטן נאַכט זענען די דאָזיקע צוויי שליחים געקומען קיין לאָדזש און אָנשיכורנדיק ווי געהעריק דעם שומר פון לאָדזשער בית־הקברות, האָבן זיי צוריק אַרויסגענומען פון קבר דעם בר־מינן, און נאָך לערך 3 שעה צייט איז ער שוין געקומען צו זיין „אייביקער רו" אויפן לוטאָמירסקער בית־החיים.

וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטון אין לאָדזש, נאָכדעם ווי מ'איז דערגאַנגען וואָס די לוטאָמירסקער „חברה־קדישא" האָט געטון אין דער דאָזיקער „טרויעריקער נאַכט" איז אוממעגלעך צו באַשרייבן.

ווי די זקנים פון לאָדזש האָבן מיר נאָכדערציילט פון זייערע עלטערן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דאָס דעמאָלטיקע „אומגליק", האָט זיך דאַן גענומען קאָכן אין לאָדזש ווי אין אַ קעסל. פּעטש זענען געפלויגן ווי האָגל, ס'יאָמער־געשריי פון די „באַגזלטע" לאָדזשער „חברה־קדישא"־לייט איז געגאַנגען ממש עד שמי־השמים...

ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן! דעם לאָדזשער בר־מינן האָט מען מער ניט צוריקגענומען פון לוטאָמירסק — ער איז טאַקע געווען באַגראָבן לעולם ועד...

און ערשט נאָך יענער מפּלה איז די לאָדזשער „חברה קדישא" קלוגער געוואָרן און האָט אוועקגעזעצט אַזש צוויי שומרים אויפן גוטן־אָרט. און אַזוי אַרום איז לאָדזש, מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער, געקומען צו איר אייגענעם בית־הקברות.

6.

## לאָדזשער קהילה האָט נעבעך נישט קיין 54 רובל...

לאָדזש האָט איבערגעלעבט פאַרשידענע קריזיסן אין איר געשיכטע, דעם ערגסטן אָבער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן כמעט פינף יאָר נאָכאַנאַנד, האָט זי דורכגעמאַכט באַלד אין אָנהייב פון איר עקזיסטענץ, סך־הכל צוואַנציק יאָר זייט ס׳איז אין איר איינגעפירט געוואָרן די טעקסטיל־אינדוסטריע.

און כאָטש לאָדזשער היסטאָריקער ווייזן אויף, אַז די הויפּט־סיבה פון קריזיס זענען געווען אַ ריי נאַטור־פּלאָגן, ווי, למשל, דער שטאַרקער האָגל, וואָס האָט דאַן פאַרניכטעט די תבואות, די פאַרפלייצונג וואָס האָט שפּעטער אָפּגעשווענקט די ירקות פון די פעלדער, די כאָליערע־עפּידעמיע וואָס האָט דאַן געבושעוועט אין פּוילן, נישט דערלאָזנדיק די סוחרים צו קומען קויפן סחורות אין לאָדזש און נאָך אַ ריי אַנדערע ענלעכע אומגליקן, דאָך איז אַ פאַקט, — ווי ס׳האָבן מיר זיינער צייט דערקלערט לאָדזשער זקנים, — אַז די „קאָצק־איזשביצער מחלוקה" האָט אַמשטאַרקסטן גורם געווען (ווייניקסטנס ביי ייִדן) צום דאָזיקן קריזיס.

והא־ראיה — פלעגט צו מיר דאַן טענהן איינער פון די חשובסטע לאָדזשער זקנים (מיין קרוב ר׳ ידידיה בערגער בר׳ עוזר) — גראָד ווי די מחלוקה האָט זיך געשטאַרקט, פינף יאָר נאָכאַנאַנד — פון 1840 ביז 1845 — גראָד אַזוי לאַנג האָט אויך דער גרויסער קריזיס אָנגעהאַלטן אין לאָדזש.

אויף יעדן פאַל, ווי ס׳זאָל נישט האָבן געווען, — צי די דערמאָנטע

„חסידישע מלחמה״ צי די כאָליערע זאָלן האָבן גורם געווען יענעם קריזיס — איז דאָך זיכער, אַז לאָדזש האָט אין יענע יאָרן מיטגעמאַכט דעם גרעסטן און לענגסטן קריזיס זייט איר עקזיסטענץ.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס אין שטאָט האָט אויך שטאַרק געליטן די גאַנצע ייִדישע קהילה.

אויף ווי ווייט דאָס ייִדישע לאָדזש איז דאַן געווען פאַראָרעמט, קאָן דינען פאָלגנדער פאַקט, וועלכן מיר ברענגען דאָ, לויט אָפיציעלע דאָקומענטן, ווי אויך פון רשימות פון אַלטן לאָדזשער פנקס:

„געשען איז עס אין חודש מערץ פון יאָר 1842. די לאָדזשער ייִדישע קהילה איז דאַן שולדיק געווען דעם אָרטיקן מאַגיסטראַט אַ חוב פון 54 רובל (לערך הײַנטיקע 30 דאָלאַר) פאַר הײלן אירע ייִדישע קראַנקע אין וואַרשעווער שפּיטאָל (לאָדזש האָט נאָך קיין אייגן שפּיטאָל דאַן נישט פאַרמאָגט).

און ווײַל די קהילה האָט — נישט־קוקנדיק אויף דער כסדרדיקער מאָנונג — דעם מאַגיסטראַט דעם חוב נישט באַצאָלט, האָט דער רעגי־רונגס־שעף פאַראָרדנט דעם לאָדזשער מאַגיסטראַט אַרײַנצושטעלן (אַלס שטראָף) צו די חשובסטע ייִדישע בירגער, אַ סאָלדאַט אין שטוב אַרײַן, און נישט אַרויסנעמען אים פון דאָרט, ביז די קהילה וועט נישט באַצאָלן איר חוב! אויסער דעם איז יעדער געווען מחויב צו צאָלן „אויסהאַלט־געלט״ פאַר יעדן זעלנער, צו 15 גראָשן אַ טאָג, געבנדיק אים דערבײַ פולע קעסט.

און אַזוי האָט מען עס דאַן — לויטן אַלטן פנקס — מזכה געווען מיט אַזעלכע „אורחים״ פאָלגנדע לאָדזשער בירגער:

אברהם און מאיר בראַנאָווסקי, עוזר און נתן בערגער, שמואל־יחזקאל זאַלצמאַן, אלחנן האַמבורסקי, שמואל „בזשעזשינער״ (פאָטער פון מיין זיידן פישל בערמאַן), קלמן „קוואַלער״ (פאָזנאַנסקיס פאָטער), דודל „פּזשעדבאָר־זשער (ישעיה ראָזענבלאַטס פאָטער), שלמה־יצחק בלאָוואַט, זקן אָרבאַך, אביגדור קאָכאַנסקי און אברהם פּייטלאָוויטש (דעם זיידן פון פּראָפעסאָר פּייטלאָוויטש, אַנטדעקער פון די ייִדישע פאַלאַשן אין אַביסיניע).

### אברהם טענענבוים־ארזי

***

אַז אַזאַ „אומגעבעטענער גאַסט״, אַ רוסישער קאַצאַפּ, איז דאַן געווען אין אַ ייִדישער שטוב נישט פון די גאָר אנגענעמסטע פאַרגעניגנס, בפרט נאָך פאַר פסח, בעת די בעל־הביתטע נעמט מסדר זיין די וווינונג לכבוד יום־טוב, — דאָס איז דאָך פון די זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכן.

איז דאָך אויך קיין וווּנדער נישט, אַז דער עולם האָט גענומען ממש שטורעמען און ליאַרעמען אין דער קהילה, אַז ס׳זאָל נעמען אַ סוף צו דער דאָזיקער „עקזעקוציע״ — „אַרויס מיטן „יון״ פון אונדזער שטוב״ — האָבן זיי פאַרלאַנגט (פוילישע ייִדן פלעגן דאַן רופן אַ רוסישן סאַלדאַט, „אַ יון״, פון נאָמען „איוואַן״...).

באין־ברירה האָט דער דעמאָלטיקער פרנס העיר ר׳ עוזר בערגער געשיקט אַ ספּעציעלן שליח צום לענטשיצער נאַטשאַלניק, גענעראַל סמאָ־שינסקי, מיט לערך פאָלגנדער בקשה:

„אַזוי ווי די ייִדישע קהילה אין לאָדזש איז שולדיק דעם מאַ־גיסטראַט אַ חוב פון 54 רובל, פאַר אויסהאַלטן אירע קראַנקע אין וואַרשעווער שפּיטאָלן, און צוליב דעם וואָס די קהילה האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן דעם דאָזיקן חוב ביז איצט, האָט מען, לויט דער פאַראָרדענונג פון אייער עקסעלענץ אַריינגעשטעלט אַ „מיליטער־עקזעקוציע״ אין די שטובן פון די קהילה־מיטגלידער, — בעט איך דעריבער, אין נאָמען פון דער גאַנצער ייִדישער געמיינדע, אַראָפּצו־נעמען די דאָזיקע מיליטער־עקזעקוציע און צו פאַרלענגערן גלייכ־צייטיק דעם דערמאָנטן חוב פון 54 רובל אויף אַ צייט פון סך־הכל פינף וואָכן, ווייל צוליב דעם יום־טוב פסח, וואָס קומט גראָד אָן, איז די ייִדישע קהילה נישט אימשטאַנד צו באַצאָלן איצט דעם דער־מאָנטן חוב.

אין נאָמען פון דער לאָדזשער קהילה,

**עוזר בערגער**״.

אין 11 טעג אַרום האָט דער לענטשיצער נאַטשאַלניק צוריקגעשיקט די זעלבע בקשה צום לאָדזשער מאַגיסטראַט, אויף וועלכער ער האָט אייגנ־הענטיק צוגעשריבן אָן אַ זייט (לינקס), פאָלגנדע ווערטער:



די בקשה פון דער לאָדזשער יידישער קהילה פון יאָר 1842 וועגן פּראָלאָנגירן
איר חוב פון 54 רובל. (לינקס זעט זיך די אייגנהענטיקע צושריפט פון גענעראַל
סמאָזשינסקי, ניִשט צו פּראָלאָנגירן דעם חוב).

„ווייל דער חוב פון 54 רובל קומט פון דער יידישער קהילה אין לאָדזש שוין אַזאַ לאַנגע צייט, און ווייל, — נישט־קוקנדיק אויף מיינע אַלע ווארענונגען — האָט די קהילה דעם חוב פאַרט נישט באַצאָלט, פאַראָרדן איך הערמיט, אַז נישט בלויז וואָס מ'זאָל די „מיליטער־עקזעקוציע" נישט אָראָפּנעמען, נאָר מ'זאָל אומבאַדינגט אויפמאָנען דעם חוב אין פאַרלויף פון 8 טאָג צייט!".

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ שטרענגע פאַראָרדענונג האָט אַרויס־גערופן אין יענער קריזיס־צייט אַ גרויסע מהומה אין שטאָט. אָבער דאָס באַוווּסטזיין, אַז מיטן אָפּפטרן דעם דאָזיקן חוב, וועט מען אויך אַרויספטרן אַזאַ שטיק „חמץ", ווי אַ רוסישן סאָלדאַט פון אַ פסחדיקער שטוב, האָט דאַן באַוויגן די לאָדזשער יידישע קהילה זיך אָנצושטרענגען און צונויפצו־צוקלייבן ווי עס איז די סומע פון 54 רובל וואָס זי איז שולדיק געווען דעם מאַגיסטראַט פאַר היילן אירע יידישע קראַנקע אין וואַרשעווער שפּיטאָל.

7.

## ווי האָט זיך לאָדזשער יידן געלעבט פאַרצייטנס?

פיר פאַרשידענע עפּאָכעס האָט די שטאָט לאָדזש דורכגעמאַכט, ביז זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַבריק־שטאָט.

ביז צום יאָר 1791 איז לאָדזש געווען דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון קויאַווער עפּיסקאָפּאַט; פון 1793 ביז 1806 האָט לאָדזש געהערט צו פּרייסן; פון 1807 ביז 1815 איז לאָדזש (לויט נאַפּאָלעאָנס פאַרטיילונג) איבערגעגאַנגען צום וואַרשעווער פירשטנטום; און פון יאָר 1815 ביז צום ערשטן וועלט־קריג איז לאָדזש (לויטן באַשלוס פון „ווינער קאָנגרעס") צוזאַמען מיט גאַנץ „קאָנגרעס־פּוילן", אַריבער אונטערן שוץ פון צאַרישן רוסלאַנד.

בעת די אַלע פיר עפּאָכעס האָט זיך לאָדזשער יידן געלעבט צווישן זייערע נישט־יידישע שכנים, פאַרהעלטנישמעסיק, נישט שלעכט און ס'האָט זיי חלילה קיין שום אויסטערלישס נישט פּאַסירט.

דער יידישער ישוב האָט זיך פאַמעלעך, אָבער גאַנץ נאָרמאַל, אַנטוויקלט. פּרנסה איז אויך, ווי עס איז, געווען און דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן איז זיך געפלאָסן אויף אַ נאָרמאַלן שטייגער.

אַזוי איז זיך די יידישע קהילה צוביסלעך צעוואַקסן און זיך פאַרגרעסערט פון 11 איינוווינער אין יאָר 1793 (בערך 4½ פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל: 191), ביז 342 נפשות (בערך 36 פּראָצענט פון די 1004 אין אַלגעמיין) אין יאָר 1823, בעת די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַבריק־שטאָט.

פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן פאַר לאָדזשער יידן אַ גאַנץ נייע עפּאָכע — אַן עפּאָכע, וואָס האָט פּאַמעלעך, אָבער אומאויפהערלעך, געוווּמען אי־בערהאַנדערשן די הויפּט־פּרנסה־קוואַלן, כמעט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין לאָדזש 4).

אַלט־איינגעוואָרצלטע יידישע פּרנסות האָבן כסדר געוווּמען אָפּטרעטן זייער אָרט פאַר דעם נייעם פּרנסה־קוואַל — דער טעקסטיל־אינדוסטריע, און שענקערס, קרעטשמערס „פּראָפּינאַציע־לייט" (אָפּדינגערס פון דעם שטייער אויף שאַרפע משקאות), „ראַדאַל־מענטשן" (דינגערס פונעם זכות אויף שטייער פון קדושה און רעליגיעזע זאַכן, ווי: ספרי־תורהס, פלעצער אין שול, אתרוגים־באַנוצונג אאַ"וו.) — אָט די אַלע אַמאָליקע יידישע באַ־שעפטיקונגען האָבן דאַן געוווּמען אָפּטרעטן דעם פּלאַץ זייערן פאַרן נייעם פּרנסה־מקור — דער טעקסטיל־פאַבריקאַציע און אַלע מיט איר פאַרבונדענע באַשעפטיקונגען, ווי: וועבערייַ, צווערנערייַ, שפּינערייַ, פאַר־בערייַ, שפּולערייַ, שטאָפּערייַ און האַנדל מיט גאַרן, מיט רוי־מאַטעריאַל, מיט פאַרב־שטאָפן און מיט אַלע אַנדערע אַרטיקלען וואָס געהערן צו דער וועב־אינדוסטריע.

אין יענעם היסטאָרישן 1823טן יאָר, איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַ־מענט פון אַ נאָרמאַל, געזונט און סטאַביל פּרנסה־לעבן אויך פאַר די יידן פון לאָדזש, גראָד ווי עס האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר פריִער אָנגעהויבן פאַר זייערע ברידער אין די אַרומיקע שטעטלעך.

און כאָטש עס זענען שוין צו יענער צייט איינגעפירט געוואָרן, אין די מייַנסטע פּוילישע שטעט, ספּעציעלע וווין־רעווירן פאַר יידן — די אַזוי־גערופענע „יידישע געטאָס" (לויטן געטאָ־געזעץ פון 7טן מאַי 1822) — האָבן דאָך אונדזערע לאָדזשער ברידער דעם ריכטיקן טעם דערפון נאָך נישט געשפּירט, ווייל די אָרטיקע מאַכט האָט זיך, ווי עס איז, באַצויגן צו אירע „בירגער פון משה רבנוס גלויבן" מיט חסד, און ממילא האָבן זיך לאָדזשער יידן געפילט אין דער הינזיכט פון וווין־באַגרענעצונג ממש ווי אין גן־עדן, אין פאַרגלייך מיט זייערע מיטברידער פון אַלע אַנדערע פּוי־לישע שטעטלעך.

האָבן זיך טאַקע לאָדזשער יידן באַזעצט פראַנק און פרייַ, ווי ס׳האָרץ

זייערס האָט זיך נאָר פאַרוואָלט און פאַרגלוסט און געוווינט ווי ס׳האָט זיי נאָר געפּאַסט.

אָט אַזוי האָט זיך עס געפירט אין לאָדזש ביז צום יאָר 1823[4] — דעם „ווענד־פונקט־יאָר" פאַר שענערע און בעסערע ייִדישע פּרנסות.

***

דאָס דאָזיקע היסטאָרישע יאָר איז אָבער גראָד געוואָרן פאַר לאָדזשער ייִדן אַ שלעכטס, אין זין פון דער דערמאָנטער „ווינרעכט־פרייהייט". דער ביז־איצטיקער גן־עדן־ווינקל — לאָדזש, איז דאַן, פּלוצים, פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר זיי ממש אין אַ גהינום!

לאָדזשער ייִדן האָבן זייט דאַן גענומען פילן אויף זייער אייגן לייב דעם טעם פון געטאָ־צרות אין אַזאַ ביטערער פאָרעם, וועלכע עס האָט נישט געקענט קיין שום ייִדישע קהילה אין די אַלע 453 געטאָס, וואָס פוילן האָט דאַן איינגעפירט אין אירע שטעט און שטעטלעך.

און ווייסט איר ווער אייגנטלעך ס׳האָט פאַרשאַפט דעם לאָדזשער ייִדנטום אָט די דאָזיקע גהינום־צרות? — די נאָר־וואָס איינגעוואַנדערטע דייטשן, — די אבות פון די נאַצי־דייטשן!

זיי, — די דעמאָלטיקע לאָדזשער דייטשן — האָבן דאַן צוגעטראָגן זייערע ייִדישע שכנים אַלס אַ „ברוך־הבא־מתנה" דאָס באַנייטע געטאָ־געזעץ, פון וועלכן לאָדזשער ייִדן האָבן נעבעך געהאַט שפּעטער „צו זינגען און צו זאָגן" און זיך ביטערלעך צו פּלאָגן כמעט 40 יאָר נאָכאַנאַנד!

---

4) צו יענער צייט איז די „פּראָפּינאַציע" (אָפּדינגען דעם שטייער פון משקאות) געווען איינע פון די הויפּט־פּרנסות ביי ייִדן. חוץ דעם פלעגן ייִדן אויך דינגען דעם „ראָדאַל" — אַ שטייער, וואָס ייִדן פלעגן צאָלן לטובת דער קהילה, פאַר האַלטן ביי זיך ספרי־תורהס, אאַ"וו.

דעם „ראָדאַל"־פּאַכטער האָבן אויך געהערט די הכנסות פון די „עליות", שבת און יום־טוב. אויסער די דערמאָנטע „פּרנסה־קוואַלן", פלעגן ייִדן אויך פּאַכטן דעם „אתרוג־שטייער" און אויך דעם „שטייער פון זאַלץ", וואָס די פרייסן האָבן געהאַט איינגעפירט, בעת לאָדזש האָט נאָך געהערט צו זיי (פון יאָר 1793 ביז 1806). בכלל האָבן לאָדזשער ייִדן זיך באַשעפטיקט מיט מלאכה, ווי: שוסטעריי, שניידעריי, אאַ"וו.

.8

# אַמאַליקע לאָדזשער דייטשן פירן איין „נירנבערגער געזעצן"...

געווען איז עס סוף יאָר 1820, דהיינו: גראָד 5 יאָר נאָכדעם ווי „קאָנגרעס־פוילן" איז אַרונטער אונטער דער ממשלה פון צאַרישן רוס־לאַנד.

צווישן די ראַדיקאַלע ענדערונגען, וואָס די נייע רעגירונג האָט באַ־שלאָסן איינצופירן אין „איר" ניי לאַנד, איז אויך געווען דער פּלאַן פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם 1טן, צו פאַרוואַנדלען דאָס אַגראַרישע פוילן אין אַן אינדוסטריע־לאַנד, הויפּטזעכלעך אין אַ טעקסטיל־אינדוסטריע־לאַנד.

צו דעם דאָזיקן צוועק זענען דאַן פאַרבעטן געוואָרן פון שלעזיע און פון אַנדערע געגנטן פון דייטשלאַנד וועבער־פאַכלייט (גערופן: „טוך־וועב־בער"), מיט וועלכע, דער דערצו נאָמינירטער קאָמיסאַר וויטקאָווסקי, האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען אין נאָמען פון דער רעגירונג.

ביידע צדדים זענען זיך דאַן צוזאַמענגעקומען אין דער דעמאָלטיקער „גרויסער שטאָט" זגיערזש, ביי לאָדזש, און נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז אונטערגעחתמעט געוואָרן (דעם 30סטן מערץ 1821) אַן אָפיציעלער אָפּמאַך (באַקאַנט אין דער געשיכטע אַלס „זגיערזשער קאָנטראַקט"), לויט וועלכן די דייטשע „טוך־וועבער" פאַרפליכטן זיך צו באַזעצן אין פוילן און איינפירן אין לאַנד די „וועב־אינדוסטריע".

פאַר דער דאָזיקער פאַרפליכטונג זייערער האָבן דאַן די דייטשן אויס־

געפּועלט פאַר זיך אַ ריי פּריווילעגיעס און הנחות און אַפילו ספּעציעלע רעכט...

צווישן די פיל פּאַראַגראַפן (לערך 50), וואָס דער דאָזיקער „זגיערזשער קאָנטראַקט" האָט אַנטהאַלטן, האָבן די דייטשן אויסגעפּועלט, מ׳זאָל אַריינגעבן, פאַר דער „טובה וועגן פון דעם גאַנצן ענין", אויך פאָלגנדע צוויי (פּאָליטישע) „הנחות", — הנחות, וואָס באַזירן זיך אויסדריקלעך אויף דעם נידעריקסטן ראַסנהאַס קעגן דעם ייִד, — ממש אַזאַ אַרט „נירנבערג־געזעץ"...

**
*

אָט וואָס די פאַרצייטישע דייטשע נאַציס האָבן זיך דערלויבט אַריינצובריענגען אין זייער דערמאָנטן אָפּמאַך מיט דער רעגירונג:

פּאַראַגראַף 38: „קיין שום ייד וועט נישט דערלויבט זיין צו וווינען אין דאָזיקן „נייעם רעוויר" און אויך נישט צו דערווערבן אין אים קיין שום אומבאַוועגלעך גוט;

פּאַראַגראַף 39: „אין דער צוקונפט דאַרף קיין שום ייד זיך מער נישט באַשעפטיקן אין דער גאַנצער שטאָט מיט שענקעריי און נישט האַנדלען מיט קיין משקאות; און נאָר די ייִדן, וואָס באַשעפטיקן זיך דערמיט ביז איצט, איז דערלויבט צו בלייבן דערביי, אָבער אַ נייעם ייִדן דאַרף מען להבא דערויף קיין דערלויבעניש נישט אַרויסגעבן".

און טאָמער איז דאָס דאָזיקע „געקעכץ" ווייניק, האָבן זיי, די פאַרצייטיקע שונאי־ישראל, צוגעגעבן דערצו אויך אַביסל „צימעס" — אַ מין „דייטשן קאָמפּאָט":

מורא האָבנדיק, טאָמער וועט מען אַמאָל, חלילה, וועלן אויסטייטשן, אַז דער „זגיערזשער קאָנטראַקט" איז נאָר חל בלויז אויף זגיערזש אַליין, — האָבן די אַמאָליקע נאַציס זיך באַוואָרנט מיטן „צוגאָב־פּאַראַגראַף", נומער 44, וועלכער דערקלערט ווערטלעך אַזוי:

אַלע דערמאָנטע חסדים און פרייהייטן, וואָס זענען געזיכערט פאַר די דייטשן אין זגיערזש, זענען חל פאַר די דייטשן אין אַלע אַנדערע טעקסטיל־רעווירן, ווי: לאָדזש, דאָמביע, פּזשעדיטש, גאָסטינין אא״וו, און דאָס אויך מיט דיזעלבע באַדינגונגען!".

### אברהם טענענבוים־ארזי

**
*

די דאָזיקע דריי אַנטיסעמיטישע פּאַראַגראַפן זענען לײדער שפּעטער געווען דאָס שאַרפסטע געווער אין די הענט פון די לאָדזשער דײטשן קעגן זײערע ייִדישע מיטבירגער, אַ געווער, פון וועלכן אונדזערע דעמאָלטיקע לאָדזשער ברידער האָבן נעבעך געהאַט יאָרנלאַנג אויסצושטײן צרות־צרורות אויף שריט און טריט.

באַקומען אין האַנט אַרײַן אַזאַ „געוווּנענע קאָרט" קעגן ייִדן, האָבן די לאָדזשער דײטשן גענומען, באַלד נאָך זיכער באַזעצן זיך אין שטאָט, נישט נאָר „סטראַשען" מיט איר די ייִדן, נאָר רודפן זײ ממש עד חרמה.

**
*

ווי מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט, איז לאָדזש אַ לענגערע צײַט נישט געווען זעלבסטשטענדיק און האָט אין אַלע וויכטיקע שטאָטישע ווירטשאַפט־ענינים און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע אָנגעלעגנהײטן, געמוזט אָנקומען, חוץ צום דאָרטיקן מאַגיסטראַט, צו די באַהערדן פון „מאַזאָוויעצקער וואָיעוואָדסטווע" (גובערניע) אין לענטשיץ, וווהין לאָדזש האָט דאַן געהערט אַדמיניסטראַטיוו און אין וויכטיקערע ענינים — צו דער רעגירונגס־מאַכט פון וואַרשע, דער רעזידענץ־שטאָט פון רוסישן „נאַמיעסטניק" (דעם „שטעלפאַרטרעטער פון רוסישן צאַר").

האָבן טאַקע די „דײטשע מיוחסים" גענומען, באַלד נאָכן באַזעצן זיך אין לאָדזש, ממש פאַרפּלײצן די לאָדזשער אַדמיניסטראַטיווע מאַכט מיט פאַרשידענע אָנקלאָגן, מלשינות און סתם מסירות אויף לאָדזשער ייִדן, דערפאַר וואָס זײ האָבן געהאַט די „חוצפּה און העזה" צו באַזעצן זיך אַמאָל (נאָך פאַר די דײטשנס אָנקומען) אין „זײער שטאָט"...

זעענדיק אָבער, אַז זײערע אַלע אָנקלאָגן העלפן נישט, ווײַל דער דעמאָלטיקער לאָדזשער בירגערמײסטער טשאַרקאָווסקי (וועלכער איז גראָד געווען אַ פּאָליאַק און נישט קײן דײטש, ווי זײנע נאָכפאָלגער) שטעלט זיך כסדר אײַן לטובת זײַנע אַלט־באַזעסענע ייִדישע בירגער, — האָבן די לאָדזשער דײטשן גענומען שיקן זײערע אַלע מלשינות־בריוו דירעקט צום לענטשיצער נאַטשאַלניק רעמבאַלינסקי, און אַפילו אויך צום סאַמע „נאַמיעסטניק" קײן וואַרשע.

.9

## לאָדזשער דייטשן פאַרלאַנגען אַ „געטאָ" פאַר יידן

זעענדיק, אַז זייערע דירעקטע אָנקלאָגן קעגן ייִדן הייבן אָן, ווי עס איז, צו ווירקן, און דער וואַרשעווער „נאַמיעסטניק" פּאַראַרדנט פון צייט צו צייט דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט אין לענטשיץ זיך דורכאויס צו האַלטן ביי די פּאַראַגראַפן 38/39 פון „זגיערזשער אָפּמאַך", זענען די לאָדזשער דייטשן געפאַלן אויף אַן ניי־אַלטער המצאה — אַ המצאה, וואָס איר דערפינדער איז נאָך געווען דער אַמאָליקער שונא־ישראל, פּרעה, דער קעניג פון מצרים.

געשטיצט אויפן אַמאָליקן פּוילישן „געטאָ־געזעץ" פון יאָר 1822, האָבן די לאָדזשער דייטשן גענומען פאַרלאַנגען אויך פאַר לאָדזשער ייִדן אַ מין „גושן", און האָבן צוגעשיקט דעם לענטשיצער נאַטשאַלניק רעמבאַלינסקי, אַ פאָדערונג אַרויסצוטרייבן אַלע ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די רעווירן, וואָס געפינען זיך אויסער דעם לאָדזשער געטאָ, און זיי צוריק אַריינצוטרייבן אין די דריי געטאָ־גאַסן: פּאָדזשעטשנאַ, וואָלבאָרסקאַ און סטאַרי־רינעק, וואָס זענען נאָך פון פריִער באַשטימט אַלס „ספּעציעלער ווין־רעוויר" (געטאָ) פאַר לאָדזשער ייִדן.

***

די אָרטיקע מאַכט־באַאַמטע, וואָס זענען ביז דאַן געווען גאַנץ לאָיאַל צו די ייִדן, האָבן מחמת מורא, אַז עס זאָל חלילה אויף זיי נישט פאַלן עפּעס אַ חשד אין די אויגן פון די גאָר־הויכע רוסישע רעגירונגס־באַאַמטע אין וואַרשע, נאָכגעגעבן, ווילנדיק די דאָזיקע דייטשע פאָדע־

רונג און אונדזערע לאַדזשער ברידער, אַפילו די יעניקע וואָס האָבן שוין מחוצן געטאָ געהאַט אייגענע שטיבלעך און געשעפטן, האָבן געמוזט אַלץ ליקווידירן און איבערוואַנדערן אין ענגן יידישן געטאָ אַריין.

ניצול געוואָרן פון יענעם גירוש, זענען דאַן נאָר איינצלנע יידן, וואָס האָבן געהאַט פון פריער ספּעציעלע דערלויבענישן, די אַזוי־גערופענע „קאָנ־סענסן״.

אויך איז נישט חל געוועזן דער דאָזיקער „איבערזידלונגס־באַפעל״ פאַר יענע „אויסנאַם־יידן״, וואָס האָבן, לויטן געזעץ, געהאַט דאָס רעכט צו וווי־נען אין דעם דייטשן „עקסטראַ־רעוויר״, ווייל זיי האָבן געהאַט פאָלגנדע געזעצלעך פאַרגעשריבענע „מעלות טובות״...:

1) אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס זיין נעטאָ־פאַרמעגן (בפירוש נאָכן אַראָפּ־ציִען אַלע זיינע חובות), באַטרעפט צוואַנציק טויזנט גילדן (פאַר יענער צייט אַ זייער גרויסע סומע — א. ט.);

2) אַ ייד, וואָס פירט אַן אָנשטענדיקן מסחר;

3) דער וואָס באַהערשט שריפטלעך און מינדלעך איינע פון די דריי שפּראַכן: פּויליש, פראַנצויזיש און דייטש;

4) דער ייד, וואָס איז אַ ריכטיקער באַנקיר;

5) דער וואָס טראָגט נישט דעם יידישן טראַכט (די לאַנגע קאַפּאָטע — א. ט.);

6) דער וואָס שיקט זיינע קינדער פון 7 יאָר אין אַלגעמיינע שולן;

7) דער וואָס גרינדעט אַ נוצלעכע פאַבריקאַציע פאַרן לאַנד און באַ־שעפטיקט אין איר נאָר יידן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס האָבן זיך דאַן געפינען ווייניק אַזעלכע „אויסנאַם־יידן״, און במילא האָבן נעבעך כמעט אַלע יידן געמוזט זיך אַי־בערציִען פון דער „מיוחסדיקער״ דייטשער געגנט אין געטאָ אַריין.

אָבער ווען ס׳האָבן זיך דאָך געפינען אַ פּאָר פאַרבליבענע יידישע יחידים, האָבן די דייטשן אויך זיי נישט פאַרגינען דאָס גרויסע גליק צו וווינען אין דעם דייטשן רעוויר און האָבן גענומען פאַבריצירן קעגן די דאָזיקע יידן כלערליי „באַשולדיקונגען״ און „חטאים״ לרוב ממש לעכער־לעכע, למשל:

דער און דער רייכער ייִד האָט פּלוצים — לויט די דייטשע מוסרימס מיינונג — אויפגעהערט צו זיין אַ „קאַפּיטאַליסט״, ווייל זיין נעטאָ פאַרמעגן פון די 20 טויזנט זלאָט איז פאַרקלענערט געוואָרן מיט עטלעכע הונדערט גילדן, וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויף זיין טאָכטערס אויסשטייער...

יענער ווידער — דער „ריכטיקער באַנקיר״ איז מיטאַמאָל געוואָרן „אויס־ריכטיקער״, צוליב דעם, וואָס ער האָט אויך באַשעפטיקונג אין זיין גאָרן־לאַגער...

ביי איינעם פון די מאָדערן־געקליידטע ייִדן האָבן זיי געפונען אַ פּסיל, וואָס הינטער זיין קאַפּעלוש געפינט זיך אַ מאָל „פאַרשטעקט״ אויך אַ קאַפּל (יאַרמולקע)...

דאָס אָנשטענדיקע געשעפט פון יענעם ייִדן איז פּלוצים געוואָרן „נישט־אָנשטענדיק״, ווייל דאָס ווייב זיינס העלפט אים אין זיין מסחר...;

בקיצור: ס׳איז נישט געווען קיין ייִד, וואָס די דייטשן זאָלן אין אים נישט געפינען עפּעס אַ פּסיל, און ס׳איז נישט געווען אַ פּסיל, וואָס די דאָזיקע מוסרים זאָלן אים נישט אָנהענגען אין עפּעס אַ ייִד!

ווי מ׳רעכנט זאָלן זיך האָבן אָנגעזאַמלט אין די אַרכיוון פון לאָדזש, לענטשיץ, פּיעטריקאָוו, וואַרשע און אַפילו פּעטערבורג, פאַר די 39 רדיפות־יאָרן (1823—1862) העכער 200 טויזנט בויגן מיט מלשינות און מסירות פון די דייטשן אויף די ייִדן.

אָט אין אַזאַ פאַרגיפטעטער אַטמאָספער איז דאַן אונדזערע לאָדזשער ברידער אויסגעקומען צו דערווערבן זיך דאָס וועב־פאַך, בכדי אַריינצודרינגען אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

ווי שווער ס׳איז דעמאָלט די ייִדן אָנגעקומען צו דעראָבערן דאָס טעקסטיל־פאַך, און ווי טייער און ביטער זיי האָבן לרוב פאַר דעם באַצאָלט, קאָן עדות זאָגן דער אָפיציעלער ראַפּאָרט, וואָס גראַף אַנטאָני אָסטראָווסקי (גרינדער פון דער טאָמאַשאָווער אינדוסטריע און רעגירונגס־אויפזעער איבער דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין גאַנץ פּוילן) האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין היסטאָריש בוך:

**אברהם טענענבוים־ארזי**

„די ייִדן האָבן זיך זייער איבערגעגעבן צו דעם געדאַנק פון גרינדן אין פוילן טעקסטיל־פאַבריקן, נישט קוקנדיק אַפילו אויף די פיל שוועריקייטן, וואָס זענען זיי געמאַכט געוואָרן, בעת זיי זענען צוגעטראָטן דערצו.

אמת טאַקע, אַז ייִדן זענען געווען גוטע מבינים אויף אַ שטיקל פּאַרטיקע סחורה, אָבער ווי עס צו מאַכן האָבן זיי בכלל נישט געוווסט. און דעריבער האָבן זיי זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף די דייטשע פאַבלייט, וועמען זיי האָבן טאַקע באַצאָלט טייער „רבי־געלט" דערפאַר, ווייל נישט תמיד האָבן יענע פאַבלייט דער־פילט זייער פליכט ערלעך און געוויסנהאַפט...

און אַזוי האָבן די ייִדן, אַלס „גרינגע", באַצאָלט אַ זייער הויכן פּרייז און דערצו אויך עכט „פּריצאָוקע־געלט" פאַר דערווערבן דאָס טעקסטיל־פאַך"!

(פון אָסטראָווסקיס בוך, דערשינען אין 1834, אין פּאַריז, אונ־טערן נאָמען ׳אָ פּאָטזשעביע רעפאָרמי״ אא״וו, ז׳ 164).

***

כדאי צוצוגעבן, אַז וועגן דעם גירוש, וועגן וועלכן מיר דערציילן אין אָנהייב קאַפּיטל, איז אין אָפיציעלן אַרכיוו קיין זכר נישט פאַראַן. דאָס ביסל ידיעות, וואָס מיר איז געלונגען צונויפצוזאַמלען, שטאַמט, הויפּטזעכלעך, פון שילדערונגען פון לאָדזשער זקנים, ווי אויך פון די אָפּשריפטן, וואָס כ׳האָב מיר אין זיין צייט געמאַכט פון דעם פּאַרצייטישן חברה־קדישא־פּנקס, וועלכן יודל דער משמש האָט יאָרנלאַנג געפירט. דער פּנקס איז שפּעטער פאַרברענט געוואָרן ביי אַ שרפה אין זיין אייניקלס הויז.

אָבער פון אַ היסטאָרישן דאָקומענט, וואָס געפינט זיך אין פּיעטריקאָ־ווער אַרכיוו (צו וועלכער לאָדזש האָט שפּעטער אַדמיניסטראַטיוו געהערט), קאָן מען זען, אַז די דייטשן איז פולשטענדיק געלונגען אַרויסצוטרייבן די ייִדן פון נייעם רעוויר צוריק אין געטאָ אַריין.

דער שפּעטערדיקער לאָדזשער בירגערמייסטער טאַנגערמאַן דערמאָנט אין זיין אָפיציעלן מעמאָראַנדום צום וואַרשעווער נאַמיעסטניק, פירשט פּאַשקעוויטש:

### לאָדזש און אירע ייִדן

— — — „און כאָטש עס זענען שוין פאַרביי 15 יאָר זייט מ'האָט דערוויטערט די ייִדן פון דער שטאָט און זיי צוריקבאַזעצט אין דעם אַרטיקן ייִדישן „ווין־רעוויר" (געטאָ), פונדעסטוועגן האָבן די קריסטן וואָס זייערע ערד־שטחים גרענעצן זיך פון אַלע דריי זייטן מיטן „ייִדישן רעוויר", נאָך נישט אויפגעשטעלט אַפילו קיין איין איינציק הויז און עס זענען נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכטן, אַז זיי זאָלן אַזעלכע אויפשטעלן, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי, די קריסטן, זענען אָרעם. דאַקעגן האָבן די ייִדן שוין אויפגעשטעלט אַזש דריי אָנשטענ־דיקע הייזער, אין דער איינער זייט, וואָס גרענעצט זיך מיטן ייִדישן טייל, צוויי פון זיי זענען אַפילו צוויי־שטאָקיקע!

איך בעט דעריבער אייער עקסעלענץ גענעדיק צו דערלויבן אַביסל צו פאַרגרעסערן דעם ייִדישן „ווין־רעוויר", כדי די קריסט־לעכע באַדן־באַזיצער זאָלן קאָנען פאַרקויפן זייערע פּלעצער צו די ייִדן".

(פון דערמאָנטן מעמאָראַנדום וואָס געפינט זיך אין וואַרשעווער אַרכיוו)

בקיצור, קלאָרע דיבורים, פון וועלכע מיר לערנען דאָס פאָלגנדיקע:

ערשטנס, אַז די דעמאָלטיקע דייטשע פאַדערונג האָט פולשטענדיק מצליח געווען, — מ'האָט ס'ביסל לאָדזשער ייִדן אַרויסגעיאָגט פון אַלע טיילן שטאָט און זיי צוריק אַריינגעקוועטשט אין ייִדישן געטאָ;

צווייטנס, אַז מ'האָט דערנאָך געזאָרגט צו פאַרגרעסערן ס'ייִדישע געטאָ, ניט דערפאַר, אַז ס'זאָל פאַר ייִדן זיין באַקוועמער און בעסער, ביירעט אויסדריקלעך, בכדי צו דינען דערמיט די קריסטלעכע באַדן־באַזיצער, אַז זיי זאָלן קאָנען נעמען אַ געהעריקן פּרייז פאַר זייערע ערד־שטחים, טאָקע ביי די ייִדן...

**
*

לסוף, — די קורצע געשיכטע פון לאָדזשער געטאָ:

בעת זי איז אָפּיציעל איינגעפירט געוואָרן (אין יאָר 1822) האָט זי אַרומגענומען נאָר די דריי גאַסן: פּאָדזשעטשנאַ, וואָלבאָרסקאָ („ייִדישע

גאַס״) און כטאַרי־רינעק („אַלט־שטאָט״); אין די יאָרן 1841/43, איז זי פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַ קליינעם שטח; 1844 האָט זי זיך שוין גע־גרענעצט מיט דער נאָוואָמיעיסקע גאַס; נאָכדעם איז זי, אין יאָר 1851 און 1861, ווידער אַביסל פאַרגרעסערט געוואָרן. און אין יאָר 1862 איז זי צוזאַמען מיט אַלע יידישע געטאָס אין פוילן, אין גאַנצן אויפגעלייזט גע־וואָרן, אין הסכם מיט די נייע ליבעראַלע רעפאָרם־געזעצן וואָס גראַף אַלעקסאַנדער ווייעלאָפּאָלסקי האָט דורכגעפירט אין גאַנץ פוילן.

ס׳איז כדאי צו דערציילן, אַז אויך די דייטשן פון אַנדערע פוילישע שטעט האָבן דאַן פאַרלאַנגט מ׳זאָל אַרויסטרייבן די יידן פון „טעקסטיל־רעוויר״.

אָט וואָס עס זאָגט וועגן דעם גראַף אָסטראָווסקי:

„— — — — און ווי כ׳האָב נאָר גענומען אונטערהאַנדלען מיט די דייטשן וועגן זייער באַזעצן זיך אין טאָמאַשאָוו, כדי איינצופירן די טעקסטיל־אינדוסטריע, האָבן זיי מיר תיכף געשטעלט אַן ערשטן באַדינג, אַז איך זאָל בשום־אופן נישט דערלאָזן יידן זיך באַ־זעצן אין „טעקסטיל־רעוויר״. און נאָך מער: זיי האָבן בפירוש געפאָ־דערט, אַז איך זאָל פון דאָרט אַרויסטרייבן אַלע וואָס וווינען שוין דאָרט פון פריער״.

(פון גראַף אָסטראָווסקיס דערמאָנטן בוך, ז׳ 136).

.10

## דאָס שפלות פון די לאָדזשער דייטשן

ווי מיר זעען פון די פריִערדיקע קאַפּיטלען איז די לאָדזשער ייִדן כלל נישט לייכט אָנגעקומען זיך אַריינצוקריגן אין „טעקסטיל־רעוויר״. און האָט שוין יאָ עמעצן אָפּגעגליקט — צי דורך דער ספּעציעלער דער־לויבעניש („קאָנסענס״), וואָס ער האָט געהאַט, אָדער גאָר צוליב איינער פון די 7 „מעלות־טובות״ וואָס זענען פריִער דערמאָנט געוואָרן — האָט ער נאָך געהאַט געננוג אויסצושטייקן, ביז ס׳איז אים געלונגען צו בלייבן דאָרט סטאַביל.

ווי ס׳זאָל אָבער נישט זיין, האָבן זיך פּאָרט געפונען אַ פּאָר „אויס־נאַם־ייִדן״, וואָס האָבן מצליח־געווען צו ווינען אויסערן געטאָ און צו האָבן דאָרט פּרנסה פון זייערע טעקסטיל־אונטערנעמונגען. אָבער אויך די דאָזיקע „יחידי־סגולה״ זענען געווען אין די אויגן פון די דייטשן ווי דערנער. זעענדיק, אַז נישט געקוקט אויף אַלע זייערע מסירות און מלשינות, קו־מען דאָך פון צייט צו צייט צו עטלעכע ייִדן אין „טעקסטיל־רעוויר״, האָבן די דייטשן אויסגעפונען אַ גאָר ניי מיטל, מיט וועלכן זיי האָבן גע־האָפט צו געבן די ייִדן דעם אמתן „טויט־קלאַפּ״, דורכן אַרויסטרייבן זיי ל׳תלוטין פון דעם גאַנצן פּרנסה־צווייג: טעקסטיל־פאַבריקאַציע.

ווי באַוווּסט איז נאָך דעמאָלט, אין יאָר 1824, די גאַנצע טעקסטיל־פאַבריקאַציע באַשטאַנען פון אויסאַרבעטן וועב־שטאָפן נאָר פון וואָל פון די פּוילישע שעפסן.

פלוצים האָבן די דייטשן אויסגעפונען אין וואַרשעווער אַרכיוו עפּעס

אַ 250 יאָר־אַלטן דאָקומענט אין וועלכן עס זאָגט זיך, אַז קעניג זיגמונד־אויגוסט האָט, אין יאָר 1567, אַרויסגעגעבן פאָלגנדע גזירה:

„ווייל (אַזוי זאָגט זיך אין יענער גזירה) די ייִדן לויפן, בשעת מען שערט די שאָף, איבער די דערפער און שטעטלעך פון לאַנד און קויפן אויף די גאַנצע וואָל, זאַמלען זי צונויף ביי זיך, באַשטימען דערנאָך אויף איר פרייזן, אַזעלכע ווי זייער האַרץ גלוסט און דערלאָזן דורך דעם נישט קיין אַנדערע צו די דאָזיקע קניות — אַ זאַך וואָס ברענגט שאָדן אונדזערע אויסאַרבעטער פון וואָל־סחורות, סיי אין פויזן און סיי אין אַנדערע שטעט, — דעריבער ווערט זיי, — די ייִדן — פון איצט אָן לחלוטין פאַרבאָטן צו האַנדלען מיט וועלכע ס'איז וואָל" אאַ"וו.

(פון בוך „פּזשעמיסל פּאָלסקי וו שעסנאַסטים וויעקו", ז' 155).

שטיצנדיק זיך אויף יענער „פאַרזשאַווערטער גזירה", האָבן די לאָדזשער דייטשן צוגעשיקט דער העכסטער מאַכט קיין וואַרשע, פאָלגנדע מלשינות־בקשה, וואָס איז געווען געשריבן „אין נאָמען פון אַלע לאָדזשער דייטשן" און געחתמעט פון זייער באַפולמעכטיקטן ר. ציגלער.

„אַזוי ווי די ייִדן האָבן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט דעם גאַנצן האַנדל מיט רויע וואָל און לאָזן בשום־אופן קיינעם נישט צו;

און אַזוי ווי דורך זייער אויפקויפן די גאַנצע וואָל „אויף די שאָף" האָבן זיי די מעגלעכקייט צו באַגיין פאַרשידענע שווינדלערייען, בעטן מיר, אין הכּכם מיט דעם אָפיציעלן רעגירונגס־געזעץ, וואָס איז עפנטלעך פּראָקלאָמירט געוואָרן דורך זיין מאַיעסטעט זיגמונד־אויגוסט, קעניג פון פּוילן, אַז ייִדן איז פאַרווערט צו האַנדלען אין פּוילן מיט וואָל, אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן פאַרבאָט לטובת דעם גאַנצן לאַנד און באַזונדער פאַר אונדזער טעקסטיל־פאַבריקאַציע".

(פון לאָדזשער אַרכיוו, יאָר 1824, איבערגעדרוקט אין „וויסנשאַפט דעם יודענטומס", ז' 283).

אָבער ווי זאָגט זיך אין דער אַלטער מגילה: „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר"! אוןווירקלעך איז דאָסמאָל די הילף פאַר ייִדן געקומען פון גאָר אַן אומגעריכטער זייט...

די פוילישע שליאַכטע — די גרויסע גוט־באַזיצער — געוואָר־ווערנדיק פון דעם „דייטשן אויפּטו״, צו פאַרווערן יידן צו האַנדלען אין פוילן מיט וואָל, היינו, גראָד מיט דעם אַרטיקל, וואָס איז דאַן געווען (צוגלייך מיט וואַלד און תבואה) די הויפּט־הכנסה פון אַלע זייערע גיטער וועלכע האָבן פאַרמאָגט ריזיקע „שעפּסן־האָדאָוולעס״, האָבן תיכף גענומען מרעיש־עולמות זיין און שטאַרק פּראָטעסטירן קעגן דער דאָזיקער גזירה, ווייל זיי האָבן אין איר געזען אַ גרויסן שאָדן פאַר זייער קעשענע.

זיי האָבן אין זייערע פּראָטעסט־מעמאָראַנדומס צום וואַרשעווער נאַ־מיעסטניק געטענהט, אַז אייב דער מסחר מיט וואָל וועט זיך חלילה געפינען נאָר אין קריסטלעכע הענט, וועט ער מיט דער צייט אַזוי אַראָפּפאַלן, אַז ער וועט שוין קיינמאָל קיין תקומה נישט האָבן...

דער פּראָטעסט פון דער גאַנצער פּוילישער שליאַכטע האָט נאַטירלעך תיכף געווירקט און די פאַרשימלטע אוראַלטע גזירה, וואָס די לאָדזשער דייטשע „אַרכעאָלאָגן״ האָבן אויסגעגראָבן, ממש פון אונטער דער ערד אַרויס, איז טאַקע בטל ומבוטל געוואָרן „כעפרא דארעא״ און ווי האָבן לאָדזשער יידן דענסטמאָל געזאָגט: „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון, און אויך שעפּסן־וואָל צו פאַרבייסן אויף צו פּיקעניש פון די פּרייסן״...

.11

## ווי אַזוי פאַרצייטיקע „נאַציס" דערשטיקן די יידישע אינדוסטריע

אַ סך געמיינע מיטלען און כיטרע שפּיצלעך האָבן די לאָדזשער דייטשן אָנגעווענדט קעגן די יידן, בעת זייער 39־יאָריקער „זעלבסט־הערשאַפט" (1862—1823) אויפן לאָדזשער אינדוסטריע־געביט, כדי צו דערשטיקן די יידישע אינדוסטריע.

מיר ברענגען דאָ נאָר עטלעכע פאַקטן, פון וועלכע דער לייענער וועט זען וואָס אַלץ אונדזערע לאָדזשער ברידער האָבן געהאַט אויסצושטיין פון זייערע דעמאָלטיקע שכנים — די פאַרצייטיקע לאָדזשער צייטן.

***

מיר הייבן אָן מיט דער „דערשטיקונגס־געשיכטע" פון דער ערשטער יידישער טעקסטיל־פאַבריק אין לאָדזש, וועלכע עס האָט דאָן אויפגעשטעלט איינער פון די חשובסטע יידישע בירגער, דער דעמאָלטיקער פרנס פון שטאָט, ר' עוזר בערגער ז"ל.

צוערשט אָבער פאָלגנדיקע קורצע הקדמה:

ווי באַוווסט האָט לויט „צעך־געזעץ" (עקזיסטירט אין פוילן פון יאָר 1816) יעדער בעל־מלאכה געמעגט זיך באַשעפטיקן מיט זיין פאַך נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט דערויף געהאַט אַ „פאַך־קענטעניש־צייגניש" פון זיין פאַרבאַנד, פונעם „צעך", הייסט עס.

דער ערשטער לאָדזשער ייִד, וואָס האָט זוכה געווען צו באַקומען פון לאָדזשער וועבער־צעך אַזאַ „פּאַך־צייגעניש" איז געווען דער דערמאָנטער עוזר בערגער.5)

אָבער פאַר די דעמאָלטיקע לאָדזשער דייטשן איז אויך דער דאָזיקער איינציקער ייִדישער טעקסטיל־פאַבריקאַנט געווען ווי אַ „שפּין אין די אויגן"!...

האָבן זיי טאַקע צוגעטראָגן צים קרייז־שעף פון לענטשיץ (ווו לאָדזש האָט דאַן געהערט מיט אַלע אַדמיניסטראַטיווע ענינים) אַ מלשינות אויפן לאָדזשער וועבער־צעך, אַז ער פאַרטיילט, כלומרשט, אויף רעכטס און לינקס „פאַך־צייגענישן", אַפילו צו אַזעלכע מענטשן, ווי עוזר בערגער, וואָס האָט, כביכול, קיין שום ידיעה אינעם פאַך, — אַ זאַך וואָס איז קעגן דעם רעגולאַמין פון „צעך־געזעץ"!

ווייסנדיק וואָס פאַרא „יחסנים" די דייטשע וועבער זענען ביי דער העכערער רוסישער מאַכט, און מורא האָבנדיק טאָמער וועלן די דאָזיקע מלשינים זיך ווענדן דירעקט צום וואַרשעווער נאַמיעסטניק (שטעלפאַרטרעטער פון דער צאַרישער רעגירונג), האָט דער קרייז־שעף באַפוילן דעם לאָדזשער וועבער־צעך צוצונעמען ביים ייִדן עוזר בערגער זיין פאַלש־באַקומענע פאַך־צייגעניש! חוץ דעם האָט דער קרייז־שעף צוגעשיקט בערגערן אַ שטרענגע וואָרענונג, לויט וועלכער עס איז אים, פון איצט אָן, פאַרווערט אויסצואַרבעטן וועלכע עס איז טעקסטיל־אַרטיקלען.

***

עס האָבן דאַן נישט געהאָלפן די באַמיִונגען און בקשות פון לאָדזשער ייִדן לטובת זייער אָנגעזעענעם בירגער און ראש־הקהל, ר' עוזר.

ס'האָט אויך נישט געהאָלפן דער אויספירלעכער ראַפּאָרט, וואָס דער בירגערמייסטער פון שטאָט האָט צוגעשיקט דעם קרייז־שעף, שילדערנדיק אין אים בערגערס ענערגיע און טיכטיקייט מיט זייער וואַרעמע ווערטער, צוגעבנדיק דערצו אַ „צוגאַב־מעמאָראַנדום", אין וועלכן ער בעט פּערזענלעך צו לאָזן בערגערן ווייטער אַרבעטן אויף זיינע וועב־שטולן, הן ווי אַ גוטער פאַכמאַן און הן ווי אַ טרייער בירגער, וועלכער:

„גישט־קוקנדיק אויפן גרויסן קריזיס און שרעקלעכער נויט און אָרעמקייט, וואָס עס הערשט איצט אין שטאָט (צוליב דער 1טער פּאָוסטאַניע פון 1831), אַרבעט דאָך בערגער ווייטער אויף זיינע וועב־שטולן, און דערנערט דורך דעם די אָרעמע הונגעריקע וועבער, אאַ״וו״.

(פון פּיעטריקאָווער אַרכיוו, נומער 3871 פון 14טן יאַנואַר 1831, טיק 69).

עס האָבן אויך נישט געפעלט די קלאָרע באַווייזן פון לאָדזשער „וועבער־צעך״ און פון זיינע פאָרשטייער, וועלכע האָבן אויסדריקלעך געשריבן, אַז:

— — — „ווען נישט די הילף, וואָס בערגער גיט אָרעמע קריסטלעכע וועבער, מיט דעם, וואָס ער באַשעפטיקט זיי כסדר אויף זיינע האַנט־שטולן, — ווען נישט אָט דאָס וואָלט דאָס אומגליק פון קריזיס־יאָר געווען נאָך פיל מוראדיקער פאַר זיי...״

ס׳האָט אַפילו נישט געהאַט קיין שום ווירקונג דאָס אָפיציעלע צייגעגעניש, וואָס דער לאָדזשער מאַגיסטראַט האָט שפּעטער — לויטן פאַרלאַנג פון אַרבעטער־פאַרבאַנד — אויסגעשטעלט בערגערן, לויבנדיק אים אַלס מענטש און אַלס פאַבריקאַנט, דערקלערנדיק דערביי עפנטלעך, אַז:

„דער ייד בערגער, וועלכער באַשעפטיקט שוין 34 וועב־שטולן, האָט אין אויפשטאַנד־יאָר (1831) געראַטעוועט ממש פון הונגער־טויט פיל קריסטלעכע וועבער, געבנדיק זיי, במשך דער גאַנצער צייט באַשעפטיקונג צו קאָנען דערנערן זיך, זייערע פרויען און קינדער, וועלכע האָבן תחילת געהונגערט״...

(פון בירגערמייסטערס צווייטן ראַפּאָרט, יאָר 1832, פּיעטריקאָווער אַרכיוו).

בקיצור: אָט די אַלע וויכטיקע המלצות האָבן גאָרנישט געפעלט, ווייל די דייטשן האָבן זיך דאָסמאָל געשטעלט קעגן בערגערן, ממש ווי אַ „שטאָלענע מויער״ און באַשלאָסן פון אים פּטור צו ווערן אַלס ערשטן גרעסטן יידישן טעקסטיל־פאַבריקאַנט אין לאָדזש, לעולם ועד.

און מען מוז מודה־זיין, אַז קעגן בערגערן, פערזענלעך, האָבן די לאָ־

דזשער אַמאָליקע נאַצים פולשטענדיק געזיגט: מ׳האָט ביי אים צוגענומען זיין „פאַך־צייגעניש״, אים שטרענג פאַרווערט צו פאַבריצירן להבא טעקסטיל־סחורות און אים געצווונגען גענצלעך צו ליקווידירן זיין אונטערנעמונג, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מי, שווייס און געלט אויפגעשטעלט.

***

דער באַוווסטער היסטאָריקער ד״ר פיליפ פרידמאַן — ברענגענדיק אין זיין וויכטיקן מוך „דזשעיע זשידווו וו׳ לאָדזשי״ (דערשינען אין 1935, אין לאָדזש) די דערמאָנטע אַקציע קעגן בערגערן, — פאַרענדיקט די דאָזיקע טרויעריקע געשיכטע מיט פאָלגנדע ווערטער:

„עס ווייזט אויס, אַז אַט דער דאָזיקער בערגער האָט מער נישט פאָרגענומען קיין שום שריט ווייטער צו פירן זיין אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, ווייל ער האָט, זעט אויס, פון פריִער געוווסט אַז זיינע ווייטערדיקע באַמיִונגען וועלן זיין אומזיסט״ (דאָרט, זייט 211).

ווי מיר איז באַקאַנט, איז ד״ר פרידמאַנס השערה פולשטענדיק ריכטיק. און איך דערלויב מיר צו פאַרעפנטלעכן דאָ נאָך עטלעכע היסטאָרישע פאַקטן, וואָס געפינען זיך אין די דאָקומענטן פון מיין אַרכיוו.

---

5) ביי דער געלעגנהייט איז מיין חוב צו פאַרריכטן אַ פעלער, וואָס האָט זיך פאַרגנבעט אין די אָפיציעלע לאָדזשער ביכער וועגן נאָמען פון דאָזיקן חשובן יידן — עוזר בערגער ז״ל: בעת מ׳האָט אַרויסגענומען אין מאַגיסטראַט זיין התונה־צייגעניש, האָט דער קריסטלעכער באַאַמטער, על פי טעות, איינגעשריבן אין די ביכער זיין נאָמען, אָנשטאָט עוזר — לייזער. און פון דעמאָלט אָן פלעגן טאַקע אַלע אָפיציעלע באַהערדן ווענדן זיך צו אים מיטן נאָמען לייזער, אָנשטאָט עוזר.

.12

## די דייטשן צווינגען צו ליקווידירן די ערשטע יידישע טעקסטיל־פאַבריק

איידער מיר דערציילן וועגן די ווייטערדיקע פאַקטן, מוזן מיר תחילת געבן פאָלגנדע קורצע דערקלערונג, פון וועלכער מ׳קאָן זען צו וואָס לאָדזשער דייטשן זענען אַלץ פעיִק געווען.

ווי באַוווסט האָבן אויך לאָדזשער ייִדן אָנטייל גענומען אין ערשטן פוילישן אויפשטאַנד קעגן די רוסן — אין דער אַזוי־גערופענער „ערשטער פּאָווסטאַניע״ פון 1830/31. אין לאָדזש איז דער ייִדישער אָנטייל באַשטאַנען ס׳רוב אינעם אָפּהיטן די פאַרבינדונגס־וועגן אין שטאָט אַריין.

כדי אויפצוהאַלטן וואָס לענגער די קאָזאַקן, וואָס די רוסישע מאַכט האָט געשיקט קיין לאָדזש, האָבן די „פּאָווסטאַנצעס״ צעשטעלט זייערע הויפּט־כוחות ביי בײדע הויפּט־וועגן, וואָס פירן צו דער שטאָט: דרום־זייט ביים וועג, וואָס פירט אַריין פון פּאַביאַניץ, און צפון־זייט, ביים זגיערזשער טראַקט.

און אַזוי ווי ביי די סאַמע גרענעץ־זייטן פון די דאָזיקע צוויי צופאַר־וועגן האָבן זיך געפונען צוויי טייכן: דער „יעשיען״ דרום־זייט (ביי גייערס מאַרק), און דער טייך „לודקאַ״ (דער „סטאַוו) פון צפון־זייט (ביים ייִדישן געטאָ) — האָבן די פּאָליאַקן געלייגט דעם הויפּטגעוויכט אויף אָפּצוהיטן די צוויי ברייטע הילצערנע בריקן, וואָס האָבן זיך דאַן געפינען איבער די דאָ־זיקע צוויי טייכן.

אַזוי האָבן זיי איבערגעגעבן די יידן, צוזאַמען מיט אַנדערע ענלעכע אויפגאַבן, אויך די שמירה אויף דער בריק איבער דער „לודקאַ“, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן יידישן ישוב.

כדי די דאָזיקע וויכטיקע מיסיע זאָל אויסגעפירט ווערן בשלימות, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ספּעציעלע „יידישע מיליץ“, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס אז געשטאַנען דער באַוווסטער בירגער מרדכי בערגער (גערופן „מרדכי דער גבור“) מיט זיינע פינף זין: עוזר, ברוך, אייזיק, נתן און אברהם.

עוזר בערגער איז געווען דער עלטסטער זון פונעם „הויפּט־קאָמענ־דאַנט“ פון דער „יידישער מיליץ“, וואָס האָט צוגעהאָלפן די „פּאָוסטאַנצעס“ אין זייער קאַמף קעגן די רוסן...

קוים האָט זיך די „פּאָוסטאַניע“ געענדיקט, און דערצו מיט אַזאַ גרוי־סער מפּלה פאַר די פּאָליאַקן, האָבן די דייטשן זיך גענומען צו בערגערן, כדי לעולמי־ועד פּטור צו ווערן פון אים אַלס יידישער טעקסטיל־פאַברי־קאַנט.

זעענדיק אָבער, אַז אַלע זייערע באַמיִונגען זענען כמעט אומזיסט, ווייל די אָרטיקע מאַכט־באַאַמטע מיטן בירגערמייסטער טשאַרקאָווסקי בראש, שטייען ממש „שטאָל און אייזן“ אויף דער זייט פון בערגערן, הן אַלס פאַב־ריקאַנט, וואָס האָט בשעת דעם שרעקלעכן קריזיס אַזוי שטאַרק געשטיצט די אָרעמע וועבערס, און הן אַלס איינער וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין פאָטער און ברידער געדינט ביי דער „שמירה“ אויף דער בריק, בעת דער „פּאָווס־טאַניע“, האָבן די דייטשן באַשלאָסן אָנצוווענדן קעגן אים דאָס ראַדי־קאַלסטע מיטל, וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט.

* * *

און אָט וואָס עס האָט מיר וועגן דעם איבערגעגעבן אין מיין יוגנט, איינער פון די אָנגעזעענסטע זקנים, מיין קרוב ר׳ ידידיה בערגער ז״ל (טאַקע דער עלטסטער זון פון ר׳ עוזרן), וועלכער האָט גוט געדענקט די גאַנצע „פּאָווסטאַניע“ מיט אַלע אירע איינצלהייטן און געשעענישן.

„דער טאַטע ע״ה, האָט באַלד נאָכן באַקומען צוגעשיקט (אָנהייב 1832) דעם „פּסק־דין“ פון דער מאַזאָוויעצקער וואָיעוודסטווע, אַז

ער ווערט אויסגעשטראָכן אַלס מייסטער פון לאָדזשער וועבער־צעך און עס ווערט אים שטרענג פאַרווערט זיך ווייטער צו באַשעפטיקן מיט וועב־פאַבריקאַציע, געזומען ערנסט טראַכטן וואָס צו טון קעגן דער דייטשער העצע.

ער האָט באַלד געלאָזט אָנשרייבן אַ „פּעטיציע“, אונטערגעחתמעט פון אַלע חשובע ייִדן און פּאָליאַקן פון שטאָט און באַזאָרגט זיך אויך מיט אַ פּערזענלעכן בריוו פון בירגערמייסטער און אויך פון אַ ריי וועבערס, וועלכע ער האָט אין דער גרעסטער קריזיס־צייט געשטיצט און געהאָלפן. דערמיט האָט ער זיך געקליבן אַליין צו פאָרן קיין לענטשיץ, צום וואָיעוואָדע רעמבאַלינסקי, כדי אים גענוי אויפצוקלערן דעם גאַנצן ענין און אַלץ וואָס עס שטעקט הינטער די דאָזיקע מסירות“...

**
*

און איצט הערט וואָס ר׳ עוזרס זון, ר׳ ידידיה, האָט מיר וועגן דעם איבערגעגעבן:

„גראָד אין דער רגע, ווען דער טאַטע ע״ה, האָט זיך געקליבן צו פאָרן קיין לענטשיץ צום וואָיעוואָדע, עפנט זיך די טיר פון אונדזער דירה און עס קומט אַריין איינער פון די דעמאָלטיקע אָנגעזעענסטע לאָדזשער דייטשן און פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן פון שטאָט, דערצו אַ כלומרשטער גוטער פריינד און „דוץ־ברודער“ (איינער וואָס האָט געזאָגט דעם טאַטן „דו“ — א. ט.) פון טאַטן, און אַרומקוקנדיק זיך אין שטוב, אויב עס איז נישט פאַראַן עפּעס אַ זייטיקער, בעט ער דעם טאַטן אַריינצוגיין מיט אים אין אַ זייטיק צימער און דאָרט זאָגט ער צו אים אַזוי:

זיי וויסן, עוזר (זיי האָבן זיך „געדוצט“ — האָט ר׳ ידידיה נאָכאַמאָל צוגעגעבן), אַז איך קום צו דיר ווי אַ פריינד צו אַ פריינד — איך קום, כדי צו ראַטעווען דיך און דיין גאַנצע משפחה! האָב רחמנות, עוזר, אויף זיך און אויף אייך אַלעמען! זיך־אָפּ מיט דיינע „פראַשעניעס“ און מיט אַלע דיינע ווייטערדיקע באַמיִונגען צו לאָזן אויפסניי אין גאַנג דיין פאַרמאַכטע פאַבריק! זיי, — די קעגנער דיינע, — מיי־

נען חלילה נישט דיך פערזענלעך! זיי האָבן גאָרנישט צו דיר אַליין אַלס מענטש און אַלס ייִד! זיי ווילן נאָר נישט האָבן קיין ייִדישע קאָנ־קורענץ אין זייער טעקסטיל־פאַבריקאַציע! זיי ווילן איצט נאָר דאָס איינע: דיין פאַבריק זאָל ליקווידירט ווערן אויף אייביק!

וועסטו אָבער באַשליסן די זאַך נישט אָפּצולאָזן, — דאַן האָבן זיי באַשלאָסן אויפצודעקן פאַר דער רוסישער מאַכט אין וואַרשע דעם גאַנצן ענין פון אייער באַטייליקן זיך אין דער „פּוילישער פּאָסטאַ־ניע"!...

פאַרשטייסטו דאָך, מיין ליבער פריינד, אַז נאָך אַזאַ זאַך וועסטו אַפילו שוין נישט חלומען וועגן פאַבריקאַציע און דעסגלייכן...

געדענק, עוזר, אַז עס רעדט צו דיר און וואָרנט דיך אַ פריינד, וואָס האָט בסוד באַשלאָסן דיך צו ראַטעווען".

***

שפּעטער האָב איך אַרויסבאַקומען פון ר' ידידיהן ווער דער דאָזיקער דייטש איז געווען. עס איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דער גרויס־אינדוסטריעלער לודוויג גייער אַליין!

„הערנדיק אַזעלכע דיבורים — האָט מיר ר' ידידיה ווייטער דערציילט — און וויסנדיק מיט וואָס אַזאַ מסירה שמעקט, בפרט דענסטמאָל ווען „פּאַניע" (דער רוס) האָט געהאַלטן אין איין דער־שיסן, הענגען און פאַרשיקן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע יעדן באַ־שולדיקטן — האָט דער טאַטע ע"ה אויפן אָרט געענטפערט: „מסכים" און טאַקע באַלד גענומען ליקווידירן די גאַנצע פאַבריק".

און אַזוי ווי איך ווייס — האָט ר' ידידיה פאַרענדיקט זיין געשיכטע — אַז דו, אברהמטשע, אינטערעסירט זיך מיט דער געשיכטע פון לאָדזש (כ'האָב דאַן, אין 1909, גראָד געהאַט אַרויסגעגעבן מיין „געשיכטע פון לאָדזש און לאָדזשער ייִדן"), גיב איך דיר אַוועק דעם קאָנסענס, מיט וועלכן דער טאַטע האָט זיך באַנוצט ביים עפענען אויפסניי זיין שניט־קראָם, נאָכדעם ווי ער האָט געמוזט ליקווידירן די פאַבריק.

אויך גיב איך דיר דאָס גאַנצע פּעקל פּאַפּירן, וואָס זענען געבליבן


N° Dz. Jern.

w Warszawie dnia

roku 1830

KOMMISSYA

*Województwa Mazowieckiego.*

W dopełnieniu Prawa o Stemplu na Seymie w roku 1811 zapadłego, przychylaiąc się do przełożenia przez … uczynionego, udziela niniejszym …

KONSENS ADMINISTRACYINY na założenie i prowadzenie

w Mieście

z zastrzeżeniem, iż uzyskujący Konsens

1. Wszelkie Urządzenia Policyjne, Administracyjne i Skarbowe, bądź iakie już ogłoszone zostały, bądź iakie w przyszłości wydane i ogłoszone będą, ściśle dopełniać, a nawet wszelkim zmianom poddać się i ulegać iest obowiązany.
2. Iż prócz opłat Kassie z Urządzeń Skarbowych wynikaiących, obowiązanym zostanie nadto Kanonu rocznego Złotych … stosownie do deklaracyi uczynionej regularnie z góry do Kassy Mieyskiey, zacząwszy iuż od dnia 1. Stycznia r. b. opłacać.
3. Wreście, że z Konsensu tego iako do Osoby i Miasta przywiązanego, nikt inny korzystać nie może — lecz, że w przypadku zmiany zamieszkania, śmierci, lub porzucenia zawodu niniejszym Konsensem dozwolonego, Konsens ten Kommissyi Wojewódzkiey zwróconym być powinien.

Wszystko pod utratą prawa do zarobku i niniejszego Konsensu; dla czego takowy Konsens, nietylko przez Burmistrza mieyscowego zawidizowanym, lecz w każdym razie każdemu Urzędnikowi okazywanym być bez oporu powinien.

RADCA STANU, PREZES KOMMISSYI

Sekretarz Jeneralny.

עוזר בערגערס דערלױבעניש נאָר צו פֿאַרקױפֿן װעב־שטאָפֿן
(אָבער נישט אױסצואַרבעטן...)

בירושה פון טאַטן, אפשר וועסטו עפּעס געפינען וואָס וועט דיר ברענגען נוצן. בפרט, אַז צווישן די דאָזיקע פּאַפּירן געפינען זיך אויך עטלעכע, וואָס זענען פון דער דאָזער־צייט פון טאַטן״.

ווי ס׳ווייזט אויס, איז דאָס טאַקע די הויפּט־סיבה, וואָס קיינער פון עוזר בערגערס משפחה־לייט, וואָס זענען אזוי באַקאַנט געווען אַלס טיכ־טיקע, ערלעכע און אונטערנעמונגס־גלוסטיקע מענטשן, האָבן דעמאָלט נישט געפּרוווט ווערן קיין טעקסטיל־פאַבריקאַנטן (חוץ זיין אייניקל, אשר כהן).

***

עוזר בערגער איז דעמאָלט נישט געווען דער איינציקער קרבן, אויף וועלכן די אַמאָליקע „נאַצי־חיות״ זענען אָנגעפאַלן.

ווי די געשיכטע ווייזט, האָבן די לאָדזשער דייטשן שפּעטער געפירט די זעלבע מלחמה אויף קעגן אַנדערע יידישע פאַבריקאַנטן, וואָס זענען אויפגעשטאַנען אין שטאָט.

אַלסביישפּיל וועלן מיר דאָ נאָר דערמאָנען דעם פאַל מיטן ייִדי פרידמאַן פון סאָמפּאָלנאָ, וואָס האָט אויפגעשטעלט אין לאָדזש 6 וועב־שטולן, און האָט געבעטן פון מאַגיסטראַט אַ דערלויבעניש צו אַרבעטן אין לאָדזש אויף זיין „צעך־צייגעניש״, וואָס ער האָט, אַלס פאַכמאַן, באַקומען פון סאָמפּאָלנער „וועב־מייסטער־פאַרבאַנד״.

הערט־זשע אָקאָרשט ווערטלעך די „פּערל־שפּראַך״, וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די מלשינות, וואָס די לאָדזשער דייטשן האָבן קעגן אים געשיקט צו דער העכערער מאַכט:

— — — „און אונדזערע פאַרערדיקע דערקלערונגען — טענהן מיט כעס די דייטשע מוסרים — וואָלטן דאָך אייגנטלעך באַדאַרפט פולשטענדיק צו גענוגן אויף צו באַווייזן דער רעגירונג קלאָר און דייטלעך אויף די פאַרניכטנדע רעזולטאַטן, וואָס דאָס פאַרמערן זיך פון יידישע וועבער אין לאָדזש ברענגט פאַר אונדזערע פאַבריקן!

אַ ייִד מיט אַ ייִד איז אימשטאַנד זיך צו אָפּפערן פאַר יעדע זאַך!...

און דעריבער בעטן מיר נישט צו דערלויבן דעם דאָזיקן ייִדן פרידמאַן צו אַרבעטן אין לאָדזש אויף די וועבשטולן וואָס ער האָט אויפגעשטעלט״.

## אברהם טענענבוים־ארזי

(פון ווארשעווער ארכיוו, יאר 1842, נומער 23121).

דער דאזיקער פרידמאן, האט טאקע, נישט קוקנדיק אויף זיינע אלע באמיונגען און זיינע פאכקענטעניש און צייגעניש, בשום אופן נישט געקענט דערגרייכן זיין ציל גאנצע דריי יאר נאכאנאנד. אזוי פארביסן האבן די דייטשן קעגן אים געקעמפט.

אבער נאך דריי יאר ביטערן קאמף, איז פרידמאנען געלונגען (דעם 10טן נאוועמבער 1845) צו דערגרייכן זיין ציל, און דאס אויך נאר — ווי עס קלינגט די דערלויבעניש פון נאמיעסטניק אין ווארשע — אלס „אויס־נאם־פאל״...

13.

## אַלץ איז ביים דייטש כשר אין קאַמף קעגן ייד...

נאָך זייער זיג איבער עוזר בערגער, אַלס ערשטן גרעסטן ייִדישן טעקסטיל־פאַבריקאַנט, האָבן די לאָדזשער דייטשן באַשלאָסן צו דערוויי־טערן די ייִדן אויך פונעם מסחר מיט גאַרן.

מ׳דאַרף דערביי נישט פאַרגעסן, אַז כמעט דער גאַנצער גאַרן־האַנדל איז דעמאָלט אײַנגעשטאַנען אין ייִדישע הענט; די ייִדן זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן דעם „נייעם פאָדעם", דעם בוימוואָל־גאַרן, אײַנגעע־קויפט אין ענגלאַנד; ייִדן האָבן אים געבראַכט מיט שיפן קיין האַמבורג; ייִדן האָבן געפירט די דאָזיקע געקויפטע גאַרן־באַלנס מיט פערד און וועגן פון האַמבורג, אַזש קיין ברעסלוי און פון דאָרט ערשט קיין לאָדזש; און ייִדן האָבן אויך געהאַט אין לאָדזש כמעט אַלע גאַרן־פאַרקויף־געוועלבער.

האָבן טאַקע די דייטשע ייִדן־פיינט געגומען זוכן מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערן לחלוטין פון די ייִדישן גאַרן־אימפּאָרטערן, און במילא אויך פּטור צו ווערן פון אַלע ייִדישע גאַרן־הענדלער אין שטאָט.

ווי געזאָגט, איז כמעט דער גאַנצער גאַרן־האַנדל געווען אין ייִדישע הענט. לויט אַן אָפיציעלער סטאַטיסטיק זענען שוין אין יאָר 1844, פון אַלע 15 גאַרן־לאַגערס אין לאָדזש געווען אין ייִדישע הענט אַזש 14. און דאָס־זעלבע איז אויך געווען אין אַלע איבעריקע טעקסטיל־שטעט, ווי: זגיערזש, טאָמאַשאָוו, אָזאָרקאָוו, קאַליש, זדונסקאַ־וואָלאַ, אאַ״וו.

***

די לאָדזשער דייטשן האָבן באַלד אין אָנהייב (שוין אין יאָר 1838),

צוגעשיקט דירעקט צום וואַרשעווער נאַמיעסטניק, פירשט פּאַשקעוויטש אַ נידערטרעכטיקע מסירה אויף אַלע 4 ייִדישע גאַרן־אימפּאָרטערן פון לאָדזש: זאַלצמאַן, לאַנדע, טיקאָטשינער און מאַמראָט, — אַ מסירה, אין וועלכער די מוסרים שרייבן אַזוי:

— — — „און די דאָזיקע פיר ייִדן ווילן זיך אַריינקריגן אין „אונדזער אינדוסטריע־שטאָט״ און זיך אין איר באַזעצן, כדי צו דער־עפענען דאָ פאַר זיך אַ פעלד פאַר פיל שווינדלערייען, סיי ביי די בוימוואָל־גאַרנס, ווי אויך ביי די וועב־אויסאַרבעטונגען״.

(וואַרשעווער אַרכיוו, יאָר 1838, אונטערגעשריבן אין נאָמען פון די דייטשן — לודוויג גייער).

**
*

דער דאָזיקער שפלדיקער בילבול, וואָס איז אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט געשיקט געוואָרן, אין פאָרעם פון אָנקלאָג־בריוו, קיין וואַרשע אַזש דריי מאָל, איז יעדעס מאָל אונטערגעשריבן געוואָרן דורך די חשובסטע דייטשע אינדוסטריעלער פון שטאָט, מיט גייערן בראש.

**
*

מחמת פאַרשידענע סיבות האָבן די דייטשן דאָסמאָל נישט מצליח געווען; להיפּוך: די רעגירונג, וואָס האָט זיך דאַן באַציוגן צו די ייִדישע גאַרן־אימפּאָרטערן מיט גרויס סימפּאַטיע, זעענדיק בעשיימפּערלעך ווי גרויס זייער נוצן איז פאַר דער גאַנצער טעקסטיל־ אינדוסטריע, באַזונ־דערס אַלס ערשטע אימפּאָרטערן פון בוימוואָל־גאַרן קיין פוילן — האָט זיי געגעבן גאַנץ באַזונדערע זכיות, דערונטער דערלויבענישן צו עפענען פאַרקויפס־לאַגערן, אַפילו מחוץ דעם לאָדזשער געטאָ!

**
*

זעענדיק, אַז דאָסמאָל זענען זיי מיט זייערע אַלע מלשינות דורכגע־פאַלן, זענען די דייטשן געפאַלן אויף אַ המצאה, לויט וועלכער זיי האָבן געהאָפט צו באַגראָבן דעם גאַנצן ייִדישן גאַרן־האַנדל, לעולם ועד.

## לאָדזש און אירע יידן

אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַרום האָבן די דריי באַוווסטע לאָדזשער דייטשן: גייער, ווענדיש און פעטערס, אויפגעשטעלט פאַר זיך אייגענע גאַרן־שפּינערייען און ממילא געגעבן דעם יידישן גאַרן־האַנדל אַ פול־שטענדיקן טויט־קלאַפּ.

די סיבה איז געווען אַ גאָר פּשוטע:

באַקומענדיק פון דער רעגירונג גאַנץ באַזונדערע זכיותן פאַר זייער „דייטשן־גאַרן", אין דער פאָרעם פון אַ הויכן שוץ־צאָל, וואָס איז אַרויס־געלייגט געוואָרן אויף אויסלענדישן גאַרן, וואָס יידן האָבן לרוב אימפּאָר־טירט, — האָבן טאַקע די דייטשן באַלד גענומען ווייזן וואָס זיי קאָנען.

נישט לאָזנדיק זיך באַגנוגענען דערמיט וואָס זיי האָבן אַראָפּגעזעצט די גאַרן־פּרייזן און דורך דעם במילא באַגראָבן דעם גאַנצן יידישן גאַרן־האַנדל, האָבן זיי דערצו נאָך גענומען פאַרפּלייצן די העכערע רעגירונגס־אַמטן מיט מלשינות און מסירות קעגן יידן.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פאַר לאָדזשער יידן אַ נייע עפּאָכע פון צרות און ליידן.

אָט דער ייד, זאָל כלומרשט האָבן, לויט דער דייטשער מסירה, באַ־גנבעט דעם צאָל־אַמט! אַ צווייטער זאָל האָבן געווען דער אויפקויפער פון דעם געשמוגלטן גאַרן; אַ דריטער האָט שוין באַוויזן אויסצואַרבעטן פון ד'עם גאַרן טעקסטיל־סחורות; אַ יידישער שניידער זאָל שוין פון די טריפהנע סחורות האָבן אויפגענייט פאַרשידענע מלבושים; יענער ייד טראָגט שוין אַפילו זיין לאַנגע קאַפּאָטע פון דער „נישט־כשרער סחורה"...

בקיצור: אַ באַרג פון מלשינות און מסירות האָט זיך גענומען אַראָפּ־לאָזן אויף די קעפּ פון אונדזער ביסל לאָדזשער יידן.

און אַלס רעזולטאַט פון אָט די אַלע עקלדיקע מסירות האָט זיך אָנ־געהויבן אַן עפּאָכע פון ביטערע פאַרפאָלגונגען און שיקאַנעס אויף יידן, וואָס ס'איז קוים מעגלעך זיי צו שילדערן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן ממש אַ גהינום־צייט פאַר אונדזערע לאָדזשער ברידער! אַ צייט פון כסדרדיקע רעוויזיעס אין יידישע פאַבריקן, וואַר־שטאַטן, געשעפטן און שטובן; אַ צייט פון קאָנפיסקאַציעס פון יידיש האָב־און־גוטס; אַ צייט פון שרעקלעכע שיקאַנעס און פאַרפאָלגונגען; אַ צייט

פון באַשטראָפן ייִדן, נישט בלויז מיט געלט־שטראָפן און קאָנפיסקאַציעס פון זייערע סחורות, נאָר אַפילו מיט פערזענלעכע אַרעסטן.

דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז חוץ דעם אַלעם האָט אויך דאַן געגומען דראָען די ייִדן דאָס ערגסטע, וואָס עס האָט זיי, אין יענע יאָרן, געקאָנט געשען, נעמלעך: דאָס אַוועקגעשיקט ווערן אַלס סאָלדאַטן! ווייל שוין דעם 7טן סעפּטעמבער 1837, איז צו די פריִער־אויסגערעכנטע שטראָפן אָפיציעל צוגעגעבן געוואָרן די נייע מוראדיקע שטראָף, איבערצוגעבן די „זינדיקע" פאַר האַנדלען, אָדער פאַר האָבן עפּעס צו טון מיט „נישט־כשרן גאַרן" — צום מיליטער־דינסט — אַ שטראָף, וואָס איז צו יענער צייט געווען פאַר ייִדן פון קאָנגרעס־פּוילן דאָס ערגסטע וואָס מ׳קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן:

ערשטנס האָט מען די געכאַפּטע פאַר סאָלדאַטן אָפּגעגאָלט נישט בלויז די קעפּ, נאָר אויך די בערד; צווייטנס, פלעגט מען זיי אַוועקשיקן העט־ווייט קיין רוסלאַנד, ממש הינטער די „הרי־חושך" פון יענעם ריזיקן לאַנד; און דריטנס, האָט דאָך די דינסט־צייט, די אַזוי־גערופענע „סאָלדאַטסקאַיאַ סלוזשבאַ", דעמאָלט געדויערט אַזש 25 יאָר!...

.14

## די אומגעריכטע הילף פאַר לאָדזשער יידן

אָבער ווי זאָגט אונדזער אַלטע תפילה: „שומר ישראל, שמור על שארית ישראל ואל יאבד ישראל". און אויך דאָ, ביים גאַרן־ענין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז „לא אלמן ישראל", ווייל די השגחה היט יידן אַפילו ביי אַזעלכע קליינע ענינים!

פלוצים קומט זיך אין יענער טרויעריקער צייט קיין לאָדזש אַ ייד, צומאָל נישט קיין לאָדזשער, און זעענדיק, וואָס די לאָדזשער דייטשן טוען אַלץ אָפּ די יידן בכלל און בפרט ביים גאַנצן גאַרן־מסחר, פון וועלכן זיי שאַרן ממש גאָלד אין זייערע קעשענעס אַריין, האָט ער, דער דאָזיקער קאַלישער ייד — דוד לאַנדע האָט ער געהייסן — באַשלאָסן אויפצושטעלן אין שטאָט אַן אייגענע יידישע גאַרן־שפּינעריי.

און ווי זאָגט עפּעס ס'אַמאָליקע פאָלקס־ווערטל: „אַז גאָט באַשערט אַ גליק ווערט פון אַ מילב אַ ביק און פון אַ שוועבעלע אַ בריק!". און ממש פון אַ חלום איז אַנטשטאַנען אַ יידישע פאַבריק!

גראָד אין יענע טעג האָט די אָרטיקע מאַכט אויסגעשטעלט אויף לי־ציטאַציע אַ גאַנץ ניי־איינגעריכטעטע גאַרן־שפּינעריי פון דייטש ווענדיש, וואָס איז פלוצים געשטאָרבן, אָן יורשים.

קומט זיך טאַקע אונדזער ר' דודל לאַנדע צו דער דאָזיקער ליציטאַ־ציע, גיט כסדר אַ העכערן פּרייז פון אַלע אַנדערע לאָדזשער דייטשן, און צום סוף, נישט וועלנדיק זיך „שפּילן אין קליניקייטן" — לייגט ער מיט־אַמאָל צו גאַנצע 5 טויזנט רובל צום לעצטן ליציטירטן פּרייז און קויפט

(דעם 13טן אָקטאָבער 1845) די גאַנצע שפּינעריי מיט אַלע אירע מאַשינען, פֿאַר דער ריזן־סומע פון 26.500 זילבער־רובל!

***

שווער, זייער שווער איז איצט צו שילדערן די פרייד און דאָס גליק־געפיל פון די דעמאָלטיקע לאָדזשער יידן, ווען זיי האָבן דערזען מיט זייערע אייגענע אויגן און אָנגעטאַפּט מיט די אייגענע פינגער דעם ערשטן „יידישן גאַרן", וואָס איז פאַבריצירט פון אַ יידן, ווערט פאַרקויפט דורך יידן און ווערט פאַרוועבט אין יידישע פאַבריקן!

ווי ביי דער גרעסטער יידישער שמחה, האָט מען זיך דעמאָלט אין לאָדזש געווונטשן מזל־טוב. פרומע יידן האָבן, נעמענדיק דעם גאַרן אין האַנט, געמאַכט אַ „שהחיינו", ממש ווי ביים האַלטן דעם אתרוג אין האַנט, און די אַלגעמיינע פרייד איז געווען אין לשער!

און ס׳איז דאָך קיין וואונדער נישט! נאָכדעם ווי לאָדזשער יידן האָבן אַזוי פיל צרות געהאַט פון די שטענדיקע רעוויזיעס און קאָנפיסקאַציעס, שטראָפן, אַרעסטן און סתם עקלדיקע שיקאַנעס און רדיפות, איז דאָס האָבן אייגענעם „יידישן גאַרן" פאַר זיי געווים געווען אַ ישועה.

ליידער האָט אָבער די יידישע שמחה נישט לאַנג געדויערט, ווייל די לאָדזשער דייטשן האָבן כלל נישט מסכים געווען מיטן געדאַנק, אַז אויך יידן מעגן אויסאַרבעטן גאַרן פאַר דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

באַלד נאָך דער דערמאָנטער ליציטאַציע, דורך וועלכער דער ייד לאַנדע האָט אָפיציעל דערוואָרבן ווענדישעס שפּינעריי, האָבן זיי צוגעשיקט (דעם 30סטן אָקטאָבער) צום וואַרשעווער „נאַמיעסטניק" אַן אָנקלאָג אויף די לאָדזשער רעגירונגס־באַאַמטע, וועלכע האָבן זיך דערוועגט צו דער־לויבן אַ יידן צו קויפן אַ דייטשע פאַבריק, בפרט ווען זי געפינט זיך אין זייער קריסטלעכן רעוויר...

און עס איז נישט אַריבער אַפילו קיין האַלבער חודש, ווי ס׳איז (דעם 13טן נאָוועמבער) אָנגעקומען פון צאַרישן פאַרטרעטער אין וואַרשע, פאָל־גנדע אָפיציעלע דערקלערונג צו דער לאָדזשער רעגירונגס־מאַכט:

„די אָנקלאַגן פון די לאָדזשער דייטשן זענען פולשטענדיק גע־רעכטע! דאָס דערלויבן דעם יידן לאַנדע צוצוטרעטן צום קויף פון

װענדישעס שפּינערײ איז בהחלט אומגעזעצלעך! װײל עס איז דער־לויבט ייִדן — אַפילו די יעניקע, װאָס באַזיצן באַזונדערע דערלויבע־נישן („קאָנסענסן״) — זיך צו באַשעפטיקן אין „דײטשן טעקסטיל־רעװיר״ פון לאָדזש, נאָר דעמאָלט, װען זײ דערװערבן פאַר זיך אַ ליידיקן פּלאַץ און זײ בויען אויף אים אויף אַ גאַנץ נײַע פאַבריק!

דעריבער באַפעל איך מבטל צו מאַכן תיכּף־ומיד לאַנדעס דער־מאָנטן קויף, און אים תיכּף צוריקגעבן זײן אײַנגעצאָלט געלט פאַר דער פאַבריק״.

(װאַרשעװער אַרכיװ, יאָר 1845, נומער 1325)

***

לאַנדעס קויף איז טאַקע בטל געװאָרן צוליב די דערמאָנטע דײטשע מלשינות, און מיט דער דאָזיקער גזירה איז במילא צעשטערט געװאָרן די ייִדישע שמחה און האָפענונג צו לעבן, סוף־כּל־סוף, אָן מורא פאַר רעװיזיעס, קאָנפיסקאַציעס, שטראָפן, אַרעסטן און, דער עיקר, פאַר װערן, חלילה, אַ „ניקאָלאַיעװסקער סאָלדאַט״ אויף אַ צײַט פון גאַנצע 25 יאָר, רחמנא לצלן!

אויפן באַפעל פון דעם נאַמיעסטניק אין װאַרשע, האָט מען לאַנדען תיכּף צוריקגעגעבן זײַנע אײַנגעצאָלטע 26.500 רובל, און די שפּינערײ איז פאַרקויפט געװאָרן, אָן שום ליציטאַציע, צום דײטש קאַרל מעסס, פאַר כּמעט אַ האַלבן פּרײַז (14.605 רובל), װאָס דער ייִד לאַנדע האָט געװאָלט באַצאָלן...

(לאָדזשער אַרכיװ, יאָר 1846, נומער 3899).

***

װײַזט אָבער אויס, אַז אונדזער ערשטער און גרעסטער פאָלקס־מנהיג, משה רבינו, איז גערעכט געװען װען ער האָט אָנגערופן ס׳ייִדישע פאָלק מיטן ערן־נאָמען: „עם קשה עורף!״.

אַ באַװײַז דערצו איז טאַקע אונדזער דוד לאַנדע!

נישט געקוקט אויף זײַן דערמאָנטער שרעקלעכער מפּלה, — אַ מפּלה װאָס האָט נישט געהאַט איר גלײַכן אין דער גאַנצער „שיקאַנעס־געשיכ־

טע״ פון די לאָדזשער דייטשן קעגן די יידן — האָט דאָך אונדזער ר׳ דודל בשום אופן נישט געוואָלט אויפגעבן זיין מוטיקן פּלאַן!

פּאַרקערט: אַנשטאָט אָפּצוזאָגן זיך פון אים, האָט ער שטילערהייט אָפּגעקויפט פון אַ געוויסן פּאָליאַק יאַן יאַקובי דריי מאָרג באָדן (לערך 15 טויזנט קוואַדראַט־מעטער) מיט אַ גרויסן גאָרטן וואָס האָט זיך געפונען דווקא אין „דייטשן רעוויר״... און באַלד נאָכדעם ווי די קניה איז איבער־געשריבן געוואָרן אויף זיין נאָמען, האָט לאַנדע אָנגעגעבן צום לענטשיצער קרייז־שעף אַ בקשה צו באַשטעטיקן אים די בייגעלייגטע פּלענער אויף אויפצובויען אַ שפּינערײַ מיט די נייטיקע נעבן־געביידעס און אויך אַ וווין־הויז פאַר זיך.

.15

## מ׳לייגט יידן שטיינער אויפן וועג פון פאַבריקאַציע

געוואָר־ווערנדיק וועגן לאַנדעס נייעם פּלאַן אויפצושטעלן פאַר זיך אַן אייגענע גאַרן־שפּינערײַ, האָבן די לאָדזשער דייטשן גענומען ממש מרעיש־עולמות צו זיין: ס׳טייטש, אַזאַ „חוצפה״, אַזאַ „העזה״! און בכדי די דאָזיקע „יידישע מזימה״ באַצייטנס צו צעשטערן, האָבן זיי גענומען צו־הילף דעם איבערגעגעבנסטן פריינד זייערן, דעם סאַמאָראָדנעם לאָ־דזשער בירגערמייסטער, טרעיגער, וועלכער איז פון ערשטן אויגנבליק געשטאַנען תמיד צו זייער דיספּאָזיציע אין זייער מלחמה קעגן די יידן און אים געבעטן תיכף אינטערווענירן וועגן דעם ענין ביים לענטשיצער קרייז־שעף און ווי אַמשאַרפסטן פּראָטעסטירן קעגן לאַנדעס פּלענער.

דער טרייער דייטשער „שליח־ציבור״ האָט, פאַרשטענדלעך, זיך תיכף גענומען צו זיין „היילקער מיסיע״ מיט דער פולסטער איבערגעגעבנקייט און תיכף שיקט ער צום לענטשיצער שעף אַן אויספירלעכן „פּראָטעסט־מעמאָראַנדום״ קעגן לאַנדעס נייע פּלענער. זיין פּראָטעסט הייבט ער אָן מיט פאָלגנדער „הקדמה״:

„ווו די יידן באַזעצן זיך צווישן נישט־יידן, דאָרט טוען זיי ממש די לעצטע „אָפּגאָלן״ דורך זייער איינפלוס און דאָס גאַנצע מאַטער־יעלע פאַרדינסט פון די נישט־יידן גייט איבער צו די יידן און באַ־רייכערט זייערע קעשענעס...

ס׳גאַנצע גליק איז נאָר דאָס, וואָס מען לאָזט יידן נישט באַזעצן זיך אין די „פאַבריק־רעווירן״, דורך דעם קאָנען זיי נישט אַזוי לייכט

באַהערשן די אַנדערע איינוווינער און פּאַראַליזירן זייער טעטיקייט״...
נאָך דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער פּאָרעדע, גיט דער פּרעזידענט טרעיגער צו, אַזש 7 אַרגומענטן, פאַרוואָס מ׳דאַרף נישט באַשטעטיקן לאַנדעס פּלענער:

„ערשטנס, איז דאָך ייִדן בכלל פאַרבאָטן, לויטן זגיערזשער אָפּמאַך, זיך צו באַזעצן אין די פּאַבריק־רעווירן;

צווייטנס, האָט לאַנדע געקויפט זיין פּלאַץ אָן דער דערלויבעניש פון דער אָרטיקער מאַכט;

דריטנס, איז דער פּלאַץ פאַרבויט (דאָרט האָט זיך געפונען אַ צעבראָכענע קאָמער — א. ט.) און ייִדן מעגן נאָר קויפן אַ גאַנץ ליידיקן פּלאַץ;

פערטנס, געפינט זיך דער פּלאַץ אין רעוויר פון „ליינען־פאַבריקאַציע״, בעת לאַנדע איז נישט קיין פאַכמאַן אין דעם געביט;

פינפטנס, האָט דאָך שוין לאַנדע אין „עקסטראַ־רעוויר״ אַ לאַגער פון גאַרן (איז וואָס וויל ער נאָך?...);

זעקסטנס, האָט לאַנדע אין יאָר 1843 געמאַכט שווינדלערייען מיט אויסלענדישן גאַרן אויף 30 טויזנט רובל!;

זיבעטנס, וווינט ער דאָך אַליין גאָר אין קאַליש, טאָ צו וואָס דאַרף ער נאָך אַ וווין־הויז?״.

(לאָדזשער אַרכיוו, יאָר 1846, זעלבער נומער)

מיט די דערמאָנטע זיבן אַרגומענטן האָט מען געוואָלט לגמרי צעשטערן לאַנדעס פּלענער.

.16

# די „דוד-גלית-מלחמה" אין לאָדזש

ווייזט אָבער אויס, אַז אויך אונדזער לאָדזשער „דודל" (לאַנדע) איז ניט געווען קיין סתם „קטלא-קניא", וואָס שרעקט זיך פאַר אַזאַ גויישן „גלית", ווי פּרעזידענט טרעיגער איז געווען. ווייל עס זענען נישט אַוועק קיין צוויי טעג און אונדזער לאַנדע האָט שוין (דעם 15טן יאַנואַר 1846) באַוויזן צו־צושיקן דירעקט צו דער קאָמיסיע פון אינערן־מיניסטעריום, קיין וואַרשע, זיין קעגן־אַנקלאַגע „רעקורס", אין וועלכן ער איז מבטל ממש כעפרא־דארעא יעדן איינציקן פון טרעיגערס 7 אַרגומענטן קעגן אים; און אויפ־ווייזנדיק די פאַלשקייט פון בילבול וועגן אויסלענדישן גאַרן, בעט ער מ'זאָל אים נעמען אין שוץ קעגן אַזעלכע העצער און מ'זאָל באַשטעטיקן דעם קויף און די פּלענער.

דאָס אינערן־מיניסטעריום, דורכשטודירנדיק לאַנדעס „רעקורס" און זיינע הערלעכע פּלענער, האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון לאַנדען און האָט (דעם 1טן מאַי 1846) צוגעשיקט פאָלגנדן באַשלוס:

„באַטראַכטנדיק גרינטלעך דעם גאַנצן זאַך־צושטאַנד און איינ־זעענדיק, אַז דער ייִד לאַנדע וועט מיט זיין פּרעכטיקער געביידע פאַרשענערן די שטאָט, אַ זאַך וואָס וועט אויך ווירקן צו דער פאַר־גרעסערונג פון דער גאַנצער אינדוסטריע דורך איינריכטן אין דעם דאָזיקן בנין אַ מאָדערנע בוימוואָל־שפּינערײַ, האָט די רעגירונג־קאָ־מיסיע באַשלאָסן לאַנדעס בּיטע צו באַשטעטיקן". (פון וואַרשעווער אַרכיוו, אַקט נומער 1325, 1טן מאַי 1846).

## אברהם טענענבוים־ארזי

דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז אויך דער פאַקט, אַז אויך דער גוּ־בערנאַטאָר אַליין, גראַף פראַנצישעק פּאָטאָצקי, האָט די דאָזיקע דעציזיע פּערזענלעך באַשטעטיקט, צוגעבנדיק אָפיציעל פאָלגנדע באַמערקונג:

„דערמיט ווערט דערלויבט לאַנדען אין דער פאָרעם פון אַ באַ־זונדערער גענאַד, פאָלגנדע דריי זאַכן: צו באַזיצן דעם געקויפטן שטח; צו בויען דאָרט אַ בוימוואָל־שפּינערײ און אַ וווינהויז; און צו וווינען דאָרט מיט זיין פאַמיליע".

(פון דערמאַנטן בריוו)

**

און איצט ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן וואָס ייִדישע ענערגיע קאָן אַלץ באַווייזן!

נאָך אין זעלבן יאָר האָט לאַנדע אויסגעבויט אויף זיין נחלה אַ צוויי־שטאָקיקע מאָדערן־געמויערטע פאַבריקס־געביידע (ס'רוב בנינים זענען נאָך דאָרט געווען הילצערנע...), ווי אויך אַ וווינהויז פאַר אַ טייל פון זיינע אַרבעטער, אַ לאַגער־הויז פאַר רוי־מאַטעריאַלן, אַ געביידע אויף פאַרטיקן גאָרן און נאָך אייניקע נייטיקע געביידעס.

חוץ דעם האָט ער אויפגעבויט פאַר זיך אַ מאָדערן וווין־הויז, אַרומ־גערינגלט מיט אַ שיינעם גאָרטן און אַנדערע נייטיקע ווירטשאַפט־בנינים.

נאָך אין זעלבן יאָר האָט לאַנדע געבראַכט פון ענגלאַנד אַלע נייטיקע מאַשינען פון דער נייסטער קאָנסטרוקציע, ווי אויך אַ דאַמף־מאַשין פון 30 פערד־קראַפט, — אַ מאַשין, וואָס איז דאַן (נאָך גייערס מאַשין) געווען די גרעסטע אין שטאָט!

און אַזוי ווי מ'האָט נאָך דאַן זיך נישט באַנוצט אין לאָדזש מיט קיין שטיין־קוילן, ווי אַ הייץ־מאַטעריאַל פאַר אינדוסטריע־צוועקן, האָט לאַנדע זיך פאַרזען אויך מיט אייגענעם ברען־מאַטעריאַל (פּונקט ווי דער דייטש גייער), ער האָט אָפּגעקויפט ביי אַ געוויסן קאַרל גיסער, צוויי און אַ האַלב מאָרג לאַנד מיטן בעסטן טאָרף־באָדן, פון וועלכן ער האָט יערלעך אַרויס־באַקומען פאַר זיין פאַבריק ביז 2 מיליאָן טאָרף־בריקעטס, באַשעפטיקנדיק אויך דערביי 40 אַרבעטער.

(רעגירונגס־באַריכט, לאָדזשער אַרכיוו, אַקט 3905, יאָר 1899.

און דערמיט האָט זיך געענדיקט די „דוד־גלית־מלחמה" אין לאָדזש, ביי וועלכער אונדזער דודל לאַנדע איז אַרויס מיטן גרעסטן און שענסטן נצחון!

***

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו פאַרצייכענען פאָלגנדיקע פּרטים:

ביזן יאָר 1835 זענען די פאַבריקן אין לאָדזש געטריבן געוואָרן מיט האַנט־קראַפט אָדער מיט וואַסער־קראַפט פון ביידע לאָדזשער טייכן: ביי גייערס מאַרק, פון טייך „יעשיען" און ביי דער אַלטשטאָט — פון טייך „לודקאַ" (דער סטאַוו). אונדזער לאַנדע האָט טאַקע דער ערשטער געבראַכט זיין דערמאָנטן דאַמף־מאָטאָר.

אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַקט, אַז אַפילו נאָכדעם ווי אין רוב אַנדערע לענדער האָט מען שוין אַלס ברען־מאַטעריאַל זיך באַנוצט מיט שטיינקוילן, האָבן ס׳רוב איינוווינער פון פוילן, און אויך די פאַבריקן, פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט זיך באַנוצן מיט דעם „נייעם שוואַרצן ברען־מאַטעריאַל. די סיבה דערפון איז געווען דער טרויעריקער פאַקט, וואָס, נישט־וויסנדיק ווי זיך אומצוגיין מיט די קוילן ביים הייצן, זענען פאַרגעקומען גאַז־פאַרגיפטונגען און מענטשן האָבן דערפאַר ממש געציטערט ווי פאַרן מלאך־המוות...

די רעגירונג איז דעריבער געצוווּנגען געווען צו פאַרעפנטלעכן פון ציים צו צייט „עצות ווי אומצוגיין זיך מיט קוילן"... פּרטים וועגן דעם געפינען זיך אין אָפיציעלן רעגירונגס־אָרגאַן „דזשיענניק אוזשענדאָווי", נומער 6, יאָר 1859. (אויך דער דאָזיקער דאָקומענט געפינט זיך אין מיין אַרכיוו).

17.

## אויך אין געטאָ איז געווען שווער אַרײַנצוקומען פאַר ייִדן...

אינטערעסאַנט איז, אַז די דעמאָלטיקע לאָדזשער נאַציס האָבן זיך גישש באַגנוגנט מיטן שטערן די ייִדן זיך צו באַזעצן אין לאָדזשער „דייטשן רעוויר", אָדער מיטן נישט־דערלאָזן ייִדן צו ווערן טעקסטיל־פאַבריקאַנטן. נאָר זיי האָבן אויך געוואָלט דערשטיקן ס'ייִדישע לעבן אין געטאָ גופא.

מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע פאַקטן, פון וועלכע דער לייענער וועט אַרויסזען וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן אַלץ געדאַרפט אויסשטיין פון די דעמאָלטיקע לאָדזשער נאַציס.

**
*

געשען איז עס אין יאָר 1828, דאָס הייסט, קוים 5 יאָר נאָכדעם, ווי די דייטשן האָבן זיך באַזעצט אין לאָדזש. ס'ייִדישע געטאָ איז נאָך געווען זייער קליין, סך־הכל דריי גאַסן (פּאָדזשעטשנאַ, דרעוונאָווסקאָ און סטאַרי־רינעק), וועלכע זענען געווען אַרומגערינגלט פון צפון־זייט מיט פּוילישע איינוווינער און פון דרום־ און מזרח־זייט מיט די ניי־אָנגעקומענע דייטשן. די לעצטע, באַקומענדיק פון דער רעגירונג אומזיסטן באָדן און כלערליי פּאַרלייכטערונגען און אונטערשטיצונגען, האָבן זיך באַלד אויפגעבויט אַרום און אַרום הייזקעס, איינגעפלאַנצט גערטנדלעך און געצויגן פון אַלע זייטן גאַסן און וועגן.

און איצט הערט, בקיצור, די ערשטע געמיינע שיקאַנע וואָס זיי האָבן שוין דאַן געמאַכט די ייִדן:

— — — „און כדי צו פּייניקן די ייִדן, וואָס זענען שוין גענוג דערדריקט פון פריִער, — באַקלאָגן זיך די לאָדזשער ייִדן אין זייער מעמאָראַנדום צום לענטשיצער קרייז־שעף רעמבאַלינסקי, — האָבן די דייטשן סקאָסירט לגמרי אויף דעם הויפּט־וועג זייערן, וואָס גרענעצט מיט אונדז (ווייזט־אויס, אַז דאָס רעדט זיך שוין וועגן אַ צווייטן וועג... — א. ט.), אָפּשניידנדיק בייזוויליק אונדזער איינציקן פאַרבינדונגס־וועג צום בזשעזשינער טראַקט" (דעמאָלטיקער שאָסיי קיין וואַרשע — א. ט.).

און דורך דעם האָבן זיי גורם געווען, אַז אַפילו דאָס ברענגען צו אונדז כלערליי פּראָכט און בוי־מאַטעריאַלן קומט אונדז אָן מיט אומגעהייערע גרויסע שוועריקייטן. מיר בעטן דעריבער דעם קרייז־שעף, וואָס גיכער קומען אונדז צו הילף, אאַ"וו, אאַ"וו".

(לאָדזשער אַרכיוו, יאָר 1828, אַקט 5936, אונטערגעחתמעט אין נאָמען פון די יידן פּנחס זאָנענבערג).

דאַכט זיך, נאָר אַ פּאָר געציילטע ווערטער, אָבער וויפל פאַרביטער־ונג און וויטיק פילט זיך פון זיי אַרויס!

אָט אַזוי איז שוין דעמאָלט איבערגעגאַנגען דאָס ביטערקייט־מעסטל פון די לאָדזשער ייִדן.

**
*

דאָ איז טאַקע דאָס אָרט צו געבן דעם לייענער אַ קורצן איבערבליק איבער דער דעמאָלטיקער ייִדישער לאַגע:

זענענדיק ווי די העכערע רעגירונגס־באַאַמטע „טאַנצן־אַרום" און חנפענען די נאָר־וואָס אָנגעקומענע דייטשן, וועלכע די רוסישע רעגירונג האָט אַהערגעבראַכט, כדי איינצופירן די טעקסטיל־אינדוסטריע, האָט די אָרטיקע מאַכט, אין איר ווילן צו געפינען „חן און לייטזעליקייט" אין די אויגן פון די גרויסע „מיוחסים", אויך זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די דייטשן. און אַזוי ווי די אָנגעקומענע דייטשן האָבן זיך ס׳ערשטע פאַר־

נומען נישט צו דערלאָזן, אַז דאָס לאָדזשער יידישע געטאָ זאָל זיך פאַנאַנ־דערשפּרייטן, האָט אויך די אָרטיקע מאַכט גענומען טוען פון איר זייט אַלץ, וואָס קאָן אין דער הינזיכט הנאה־טון די דייטשן.

דאָס איז טאַקע געווען די סיבה וואָס עס פלעגן דעמאָלט, פון צייט־צו־צייט, אַרויסגיין (חוץ די 10 הויפּט־פּונקטן, וואָס זענען נאָך דערשינען אָפיציעל אין יאָר 1822), „צוגאָב־פּונקטן" צום געטאָ־געזעץ, וועלכע האָבן באַטייט פאַר די לאָדזשער יידן אַ מין אָרט „דאָ שטעל זיך נישט און דאָ מעק זיך נישט", אאַ"וו...

עס האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ יאָגעניש נאָך „אומלעגאַלע יידן", וואָס האָבן, אין סתירה צו די אַלע נייע „צוגאָב־באַגרענעצונגען", זיך ווי עס איז אַריינגעקריזן אין לאָדזשער יידישן געטאָ.

בכלל דאַרף מען וויסן, אַז אַפילו לעגאַלערהייט איז דאַן נישט אַזוי גרינג געווען צו באַזעצן זיך אין לאָדזשער געטאָ. ווייל די אָרטיקע מאַכט, וואָס פלעגט אַמאָל שוין יאָ געבן עמעצן אַזאַ דערלויבעניש, האָט די דאָ־זיקע דערלויבעניש אויך נאָר געגעבן פאַר אַ באַגרענעצטער צאָל יידן און דאָס אויך מיט פאַרשידענע באַדינגונגען, צווישן זיי אויך דער תנאי, אַז דער ייִד פון דער דערלויבעניש איז זיך מתחייב אויפצובויען דאָרט, אין פאַרלויף פון דריי יאָר, אַ הויז אָדער זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ מלאכה, וואָס געפינט זיך נאָך נישט אין שטאָט...

אָבער, ווי זאָגט אונדזער הייליקע תורה ביים „געטאָ־גושן": „כאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ", — „וואָס מער מ'האָט דעם יידן געפּייניקט, אַלץ מער האָט ער זיך פאַרמערט און זיך געשטאַרקט!" און במילא איז ס'לאָדזשער געטאָ טאַקע געווען איבערגעפּולט מיט אַלץ מער ניי־אָנגע־קומענע יידן, וועלכע האָבן זיך, ווי עס איז, אַן עצה געגעבן...

און דאָ האָבן זיך גענומען שיטן קיין לענטשיץ, צום קרייז־שעף, מצד די „דייטשע מיוחסים", אָנקלאָגן אויף די לאָדזשער רעגירונגס־באַאַמטע, הלמאי זיי דערלויבן נייע יידן זיך צו באַזעצן אין לאָדזשער געטאָ? היתכן?!

אָט ווי אַזוי דער לאָדזשער בירגערמייסטער טרעיגער, פאַרענטפערט זיך נעבעך פאַרן קרייז־שעף אין לענטשיץ, וועלכער האָט, ווייזט אויס, וועגן דעם אים געמאַכט זייער שטרענגע פאַרווורפן:

— — — „בכלל — שרייבט דער לאָדזשער בירגערמייסטער אין זיין אויספירלעכן „אַנטשולדיקונגס־מעמאָראַנדום" צום קרייז־שעף — איז זייער שווער צו באַצווינגען די ייִדן! ווייל זיי באַנוצן זיך אויך מיט פאַרשידענע אַנדערע „קונצן", פון די וואָס כ'האָב פריִער אויסגע־רעכנט, בכדי אויסצופירן זייערע אַלע „כיטרע שטיקלעך", אַבי אַריינ־צוקריגן זיך אין שטאָט.

אָט, למשל, קומט זיך צוערשט אַריין אין שטאָט אַ מאַנספּערשוין, כלומרשט אַלס „געזעלן" צו עפּעס אַ נייעם בעל־מלאכה און נאָכדעם ווי דער דאָזיקער „געזעלן" האָט זיך שוין „איינגעאָרדנט" ביי זיין נייער מלאכה, דערשיינט פּלוצים עפּעס אַ פרוי, אַלס כלומרשטע „דינסט", אָדער אַלס „קעכין" ביי עמעצן. און באַלד נאָכדעם ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זענען גאָר שוין פון לאַנג אַ פאַרהייראַט פּאָר־פאָלק, וואָס האָט זיך שטילערהייט, נאָך פריִער, געהאַט געדונגען אַ וווינונג, וווּ זיי וווינען צוזאַמען מיט זייערע קינדער. היינט גיי און טו עפּעס קעגן אַזעלכע קונצן?...

און מיט אַזעלכע מאָדנע שווינדלערייען — ענדיקט טרעיגער זיין „התנצלות" — שטופּן זיך די ייִדן אַריין אין אונדזער שטאָט און ווילן מער בשום אופן זי נישט פאַרלאָזן!".

(לאָדזשער אַרכיוו, נומער 3907, יאָר 1852)

אינעם זעלבן אַרכיוו, אָבער אונטער אַן אַנדער נומער און דאַטע, געפינען מיר נאָך פאָלגענדן אינטערעסאַנטן צוגאָב צו בירגערמייסטער טרעיגערס דערקלערונגען:

— — — „און טאַקע צוליב דער ענגשאַפט אין לאָדזשער ייִדישן וווין־רעוויר (געטאָ) דרינגען ייִדן שטילערהייט אַריין, אין מיטן נאַכט, אויך אין קריסטלעכן קוואַרטאַל, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט מיטן וויסן פון דער אָרטיקער מאַכט, און ציִען זיך אַריין אין צוגעגרייטע דירות", אאַ"וו.

אָט אַזוי האָט דעמאָלט אויסגעזען דאָס באַזעצן זיך פון ייִדן אין דער לאָדזשער געטאָ.

.18

## פרעה׳ס מורא: „הבה נתחכמה פן ירבה״...

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר געזען ווי פאַרביסן די דייטשן האָבן געקעמפט נישט צוצולאָזן לאָדזשער יידן צו פאַבריקאַציע (מעשה עוזר בערגער) און צו גאַרן־שפּינעריי (מעשה דוד לאַנדע).

לאָמיר איצט זען, ווי זיי האָבן זיך באַצויגן צו אַנדערע פאַכן, נאָענטע צו דער טעקסטיל־אינדוסטריע. צוערשט אָבער אַ קורצע הקדמה, וועלכע וועט אונדז קלאָר מאַכן דעם גאַנצן ענין:

ווי באַוווּסט, האָבן צו דער אַנטוויקלונג פון לאָדזש און איר אינדוסטריע, געהאָלפן נישט בלויז יידן פון לאָדזש און אירע אַרומיקע שטעט, נאָר אויך פון די גרענעץ־שטעט: קאַליש, טשענסטאָכאָוו, אאַ״וו. די הויפּט־סיבה, וואָס האָט דאַן געצוווּנגען די יידן פון די פּוילישע גרענעץ־שטעט צו פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער, איז געוועזן די גזירה פון דער רוסישער רעגירונג (פון יאָר 1843), אַז אַלע יידן, וואָס וווינען ביי דער דייטשער און עסטרייכישער גרענעץ, אויף אַ שטח פון 50 קילאָמעטער, מוזן פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער.

דער הויפּט־מאָטיוו צו דער דאָזיקער גזירה איז געווען דער בילבול, אַז יידן זענען די הויפּט־שמוגלערס („מאַילעכערס״) פון אויסלענדישע אַרטיקלען, באַזונדערס פון גאַרן, אויף וועלכן ס׳איז פאַראַן אַ הויכער צאָל.

אַזוי אַרום האָבן דאַן קיין לאָדזש איינגעוואַנדערט, חוץ די קאַלישער יידן: מאַמראָט, דוד לאַנדע, סאַמועל לאַנדאַו אאַ״וו, אויך די טשענסטאָכאָווער: זיידעמאַן, זאַנד, גינצבערג, שטילער און ביעלשעווסקי, ראַפּאַפּאָרט

און אבא לאַנדאַו (פאָטער פון שפּעטערדיקן באַנק־אייגנטימער ווילהעלם לאַנדאַו) און נאָך אַנדערע.

***

צווישן די אָנגעקומענע פון טשענסטאָכאָוו, איז אויך געווען דער טעקסטיל־פאַרב־מייסטער אַדאָלף ליקיערניק, וואָס האָט נאָך מיט 2 יאָר צוריק זיך געהאַט איינגעאָרדנט אין לאָדזשער געטאָ אַ טעקסטיל־שטאָף־פאַרבעריי. שפּעטער, נאָכדעם ווי ליקיערניקס פאַרבעריי האָט זיך געגער־מען זייער שטאַרק אַנטוויקלען, האָט ער אָנגעגעבן צו דער מאַכט אַ בקשה, מען זאָל אים דערלויבן איבערצופירן זיין פאַרבעריי אין „דייטשן רעוויר" אַריין, ווייל סיי־ווי־סיי אַרבעט ער ס'רוב פאַר די דאָרטיקע דייטשן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך האָבן די אָרטיקע באַאַמטע ליקיערניקס בקשה אָפּגעוואָרפן, גראָד ווי זיי פלעגן דאַן אָפּוואַרפן אַלע ענלעכע ביטעס, מיטן תירוץ: פאַראַגראַף 38 פון זגיערזשער אָפּמאַך דערלויבט נישט יידן זיך צו באַזעצן אין טעקסטיל־רעוויר פון די דייטשן...

אַזוי האָט זיך געפירט אַ צייט לאַנג: ליקיערניק שיקט בקשות און דער בירגערמייסטער טרעיגער וואַרפט זיי אָפּ, יעדעס מאָל מיט נייע תירוצים, ווייזט אויס מיט תירוצים, וועלכע זענען, ווי תמיד, דיקטירט פון דייטשן...

אָבער נאָך דעם ווי ליקיערניק האָט זיך געווענדט דירעקט צום קרייז־שעף, ביילייגנדיק צו זיין בקשה זיין פאַך־צייגעניש פון טשענסטאָכאָווער צעך און דערצו אויך אַ פּערזענלעכע רעקאָמענדאַציע פון דאָרטיקן מאַ־גיסטראַט און ס'האָט געהאַלטן כמעט דערביי, אַז דער קרייז־שעף זאָל לי־קיערניקס בקשה דערפילן, איז דער לאָדזשער בירגערמייסטער געצוווּנגען געווען אויפצודעקן זיין אמתן פּרצוף!...

אָט זענען די מאָטיוון, וואָס דער בירגערמייסטער טרעיגער גיט־אָן אין זיין אויספירלעכן מעמאָראַנדום בנוגע זיין קעגנערישקייט צו ליקיער־ניקס בקשה:

— — — „און בכלל קאָן אַזאַ דערלויבעניש — ענדיקט טרעי־גער זיין מעמאָראַנדום צום קרייז־שעף — אויב זי וועט, חלילה, גע־געבן ווערן דעם יידן ליקיערניק, האָבן זייער שלעכטע פאָלגן: ווייל

אויך אַנדערע ייִדן וועלן אים באַלד נאָכטון, און וועלן, דורך זייערע ביטרע און פּאַר דער פאַבריקאַציע שעדלעכע שפּעקולאַציעס, זיך אָנ־הייבן אַריינקוועטשן אין אונדזער דייטשן רעוויר, — אַ זאַך וואָס וועט זיכער ברענגען גרויסן שאָדן דער גאַנצער לאָדזשער אינדוסטריע, ווייל — — — ווייל צוליב דעם גיכן פאַנאַנדערוואַקסן פון די ייִדישע משפחות, קאָנען זיי אָפּשוואַכן דעם חשק פון פאַבריקאַנטן פון אַנדערע גלויבנס, זיך צו באַזעצן אין לאָדזש"...

(וואַרשעווער אַרכיוו, נומער 1325, יאָר 1843, דעם 25סטן מערץ)

ובכן, קלאָרע דיבורים! עכטע „פּרעה־פילאָזאָפיע": „הבה נתחכמה פן ירבה"!...

***

דער סוף איז געווען, אַז באַקומענדיק פון טרעיגערן אַזאַ „וויסנשאַפט־לעכע לעקציע", האָט דער לענטשיצער קרייז־שעף ליקיערניקס בקשה אָפּגעוואָרפן און צוגעשיקט (דעם 15טן מאַי) אַן אָפיציעלע פאַראָרדענונג, וועלכע קלינגט אַזוי:

„נישט אַרויסלאָזן ליקיערניקן און זיין פאַרבעריי פון „ייִדישן רעוויר" אין „דייטשן רעוויר" אַריין!".

.19

## אויך אין אַסימילאַטאָרישע אָדערן פליסט יידיש בלוט!

אָבער אויך אונדזער אַדאָלף (ליקיערניק), נישט קוקנדיק אויף זיינע אַסימילאַטאָרישע אָנשויונגען, האָט דייטלעך באַוויזן, אַז דאָס „עם קשה־עורפדיקע בלוט" פליסט אין זיינע אָדערן.

והא ראיה:

זעענדיק, אַז אַלע זיינע בקשות העלפן נישט און איבערצייגנדיק זיך, אַז אפילו אַלע זיינע אַסימילאַטאָרישע קוואַליפיקאַציעס טויגן נישט, ווייל נישט־קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט אין זיין גאָר לעצטער בקשה בפירוש אויסגערעכנט אַלע „זכיות", וואָס גיבן אים רעכט, צו ווינען אין „דייטשן רעוויר", דהיינו: אַז ער טראָגט דעם מאָדערנעם נישט־יידישן טראַכט; אַז ער באַהערשט די דערמאָנטע שפּראַכן און אַז ער שיקט זיינע 4 קינדער: יוסטינאַ, פרידריך, לעאָן און באַלבינאַ אין אַלגעמיינע שולן, — און דאָך האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפן, האָט דער יידישער עקשן אין אים זיך ערשט אויף אַן אמת צעבערענט און ער האָט באַשלאָסן בשום אופן נישט אָפּצוטרעטן פון זיין פּלאַן.

***

איך בין כלל נישט אויסן צו דערציילן דאָ אַלע פּרטים פון דער אַקציע, וואָס ליקיערניק האָט שפּעטער אונטערגענומען בכדי צו דערגרייכן זיין ציל.

ס׳איז אָבער ווערט צו דערמאָנען איין פאַקט וועגן אים, פון וועלכן מ׳זעט בפירוש, אַז דער דאָזיקער אַדאָלף ליקיערניק האָט טאַקע געהערט צום „עם נבון וחכם"!...

זענדיק, אַז מיט אַלע זײַנע פּערזענלעכע בקשות וועט ער גאָרנישט פּועלן, איז ער געפאַלן אויף פאָלגנדער המצאה: ער האָט געבעטן דעם גרעסטן און אָנגעזעענסטן פון זײַנע גוישע קליענטן, אַ געוויסן פראַנץ סיבער, ער זאָל צושיקן אין זײַן (סיבערס) נאָמען אַ דרינגנדע בקשה, דירעקט צום וואַרשעווער נאַמיעסטניק, מ'זאָל דערלויבן דעם בעסטן פאַר־בער פון שטאָט, ליקיערניק, אַרײַנפירן זײַן פאַרבערײַ אין „טעקסטיל־רעוויר", ווײַל: „צוליב דעם ווײַטן שטח פון זײַן פאַרבערײַ ביז צו מײַן פאַבריק, ווי אויך צו אַנדערע פאַבריקן, לײַדט די גאַנצע טעקסטיל־אינ־דוסטריע פון שטאָט".

און ווײַל די העכערע רעגירונגס־מאַכט האָט זיך זייער גערעכנט מיט סיבערן, ווי מיט אַ פאַבריקאַנט פון די שענסטע, בעסטע און מאָדערנסטע טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען, האָט ער תיכף באַקומען דירעקט פון נאַמיעס־טניק די דערלויבעניש פאַר ליקיערניקן און דעם 13טן מאַי 1844 האָט זיך ליקיערניק מיט מזל איבערגעטראָגן מיט זײַן פאַרבערײַ אין „דײַטשן רעוויר" אַרײַן.

און לאָדזשער ייִדן פלעגן דאַן אויף טרעיגערס מפּלה, זאָגן: „אַז גאָט וויל, טוט אַפילו אַ הונט קיין ביל"!...

דער סוף איז געווען, אַז דער זעלבער בירגערמייסטער, וואָס האָט יאָרנלאַנג געקעמפט קעגן ליקיערניקן, איז שפּעטער געוואָרן זײַן בעסטער פרײַנד און ער האָט אים אַפילו נאָמינירט אַלס ערשטן ייִדישן ראַטמאַן אין שטאָט!

אָבער, דאָס איז נאָך נישט אַלץ! ערשט שפּעטער האָט ליקיערניק באַוויזן וואָס ייִדישער פליס קאָן.

אַרויס פון דער דריקנדיקער און שטיקנדיקער געטאָ־ענגשאַפט, האָט ליקיערניק גענומען באַלד מאָדערניזירן און פאַרבעסערן זײַן פאַרבערײַ און ער האָט זי אויך אַזוי פאַרגרעסערט, אַז שוין אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט ער אויך אײַנגעאָרדנט אַ ספּעציעלע גאַרן־פאַרבערײַ און אַן אַפּרעטור.

נאָכדעם האָט ער אויך אײַנגעאָרדנט אַ מאָדערנע שטאָף־דרוקערײַ, וווּ ער האָט געדרוקט מיט די שענסטע פאַרבן און מאָדערנסטע מוסטערן קאָפּ־טיכלעך פאַר פרויען (גערופן „פאַריזשאַנקעס"), וועלכע האָבן אַזוי אָנגע־נומען, אַז מ'פלעגט זיי ממש רײַסן פון די הענט.

צום סוף האָט דערזעלבער ליקיערניק אויפגעשטעלט אויך אַ טעקס־טיל־וועבעריי פון 28 מעכאַנישע שטולן מיט אַ ספּעציעלן „זשאַקאַרד־שטול" (וואָס איז דאַן נאָך געווען אַ נייעס אין לאָדזש) און האָט שוין באַ־שעפטיקט צוזאַמען מיט דער פאַרבעריי, דרוקעריי און אַפּרעטור, 112 אַרבעטער.

***

ווי ווייט ליקיערניקס אויסאַרבעטונגען זענען באַוווּסט געווען מיט זייער גוטסקייט, שיינקייט און מאָדערנקייט, קאָן דינען דער פאַקט, אַז ביי דער גרויסער אויסשטעלונג אין פּעטערבורג, פון יאָר 1861, איז ליקיערניק באַערט געוואָרן מיט דער גרעסטער אויסצייכענונג. און ליקיערניקס אַר־טיקלען, באַזונדערס די „פאַריזשאַנקעס" זיינען האָבן אַזוי אָנגענומען אין גרויסן רוסלאַנד, אַז בכדי צו קאָנען נאָכקומען דעם נאָכפרעג, האָט ער נאָך אין זעלבן יאָר (1861) געמוזט עפענען אַזש צוויי אייגענע פאַרקויף־לאַגערן אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון דער גאַנצער „ליקיערניק־געשיכטע" איז, אַז די זעלבע לאָדזשער דייטשן, וואָס האָבן אַזוי פאַרביסן געקעמפט קעגן אים, ביים איבערפירן זיין פאַבריק אין „זייער" טעקסטיל־רעוויר, האָבן שפּעטער אַליין עפנטלעך צוגעגעבן מיט שטאָלץ, אַז „זייער ליקיערניק" אַלס גרעסטער פאַכמאַן אין לאַנד, איז דער, וואָס האָט דורך זיין פאַך דערהויבן דעם פּרעסטיזש פון פיל לאָדזשער טעקסטיל־אַרטיקלען.

דערזעלבער בירגערמייסטער, טרעיגער, וואָס האָט אַ פּאָר יאָר נאָכאַ־נאַנד בישט דערלאָזט, אַז ליקיערניק זאָל זיך אַריינקריגן אין „טעקסטיל־רעוויר", מחמת מורא, טאָמער וועט, חלילה, דאָס פאַרמערן זיך פון אַזעלכע יידישע פאַמיליעס אָפּשרעקן נישט־יידן צו באַזעצן זיך אין לאָדזש, אָט דער דאָזיקער תלמיד פון פּרעה מלך מצרים, האָט שפּעטער אַליין צוגעשיקט צו דער קאָמיסיע פון דער דערמאָנטער פּעטערבורגער אויסשטעלונג, אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו וועגן ליקיערניקן, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערן אויך דאָס פאָלגנדיקע:

„ליקיערניקס אויסאַרבעטונגען זענען פון די בעסטע טעקסטיל־גאַרנס געוועבט, און מיט די פיינסטע פאַרבשטאָפן געפאַרבט; זיינע

אברהם טענענבוים־ארזי

מוסטערן זענען די שענסטע, געשמאַקפולסטע און מאָדערנסטע; זיין פאַבריק־געביידע איז איינע פון די באַקוועמסטע און ליכטיקסטע, אין וועלכער די אַרבעטער האָבן, חוץ גענוג פרישע לופט, אויך אַלע באַקוועמלעכקייטן, וואָס זענען נייטיק פאַר דער געזונטהייט און הי־גיענע פון מענטשן. דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז ליקיערניקס אַרבעטער באַקומען ביי זייער ברויטגעבער אַ גענוגנדיקן לוין צו דערנערן זיך און זייערע פאַמיליעס!".

(פון ד"ר פרידמאַנס ווערק „דזשעיע זשידווו ו' לאָדזשי)

***

אַצינד, זאָגט איר אַליין, צי פּאַסט דאָ נישט אַריין דאָס אַלט־העברעי־שע שפּריכוואָרט: „ומלאך רע בעל־כרחו יענה אמן"!?...

.20

## לאָדזשער דייטשן נעמען צוהילף אַ „בלעם״ קעגן יידן...

געוועזן איז דאָס אין יאָר 1858.

ס׳יידישע געטאָ איז פאַר די לעצטע יאָרן 4 מאָל פאַרגרעסערט גע־וואָרן (אין 1841, 1843, 1844 און 1851) און איז שוין דערגאַנגען ביז נאָוואָמיעיסקאַ־גאַס. דאָך איז עס פּאַקטיש געווען צו־ענג פאַר די 4.577 נפשות, וואָס האָבן דערין געלעבט. די סיבה דערפון איז געווען אַ גאָר פּשוטע: מ׳האָט לעצטנס, חוץ ווינהייזער, דאָרט אויפגעשטעלט אויך פאַב־ריקן, וואַרשטאַטן אאַ״וו.

האָבן דעריבער עטלעכע חשובע בירגער, מיטן פּרעזעס פון דער קהלה, ר׳ מענדל אַרבאַך בראש, אָנגעגעבן בקשות וועגן פאַרגרעסערן, ווי ווייט מעגלעך, דאָס לאָדזשער געטאָ.

די דייטשן, פון זייער זייט, האָבן זיך דערוווּסט, אַז ס׳האַלט דערביי, אַז מ׳זאָל טאַקע ס׳געטאָ שטאַרק פאַרגרעסערן און הינטנאַרום האָבן זיי פון זייערע שפּיאָנען אין די רעגירונגס־אַמטן געהערט, אַז דאָסמאָל וועלן נישט העלפן „סתם־מלשינותער״ און „בלינדע מסירות״, ווייל ער אַליין, דער גובערנאַטאָר פון דער מאַזאָוויעצקער וואָיעוואָדסטווע, כראַביאַ פּראַנ־צישעק פּאָטאָצקי, האָט ביי זיין לעצטן באַזוך אין לאָדזש זיך פּערזענלעך איבערצייגט וועגן דער נייטיקייט צו פאַרגרעסערן דאָס געטאָ, און האָט אַפילו וועגן דעם אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן מעמאָראַנדום, ווו ער באַטאָנט:

„ביי דער איצטיקער באַדייטנדיקער פאַרגרעסערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין זיין לאָדזשער ווין־רעוויר, איז דאָס געטאָ

אַזוי ענג און אַזוי צוזאַמענגעדריקט, אַז אין יעדן קלענסטן הייזל וווינען אַזש אַ סך פאַמיליעס צוזאַמען, און דעריבער מוז דאָס געטאָ פאַרגרעסערט ווערן, אאַ״וו״.

די לאָדזשער דייטשן האָבן דעריבער באַשלאָסן אָפּצוטון דאָס מאָל אַ פעולה, וואָס זאָל אָפּשרעקן אַפילו דעם סאַמאָראָדנעם גראַף פּאָטאָצקי אַליין...

אַזוי האָבן זיי „צוזאַמענגעשלאָגן זייערע קעפּ״ מיטן גלח פון דער לאָדזשער קאַטוילישער קירכע פּראָבאָשטש העגריק פלאַטער און משפּיע געווען אים צו טון אַלץ כדי נישט צו דערלאָזן, אַז דאָס געטאָ זאָל פאַר־גרעסערט ווערן.

אָט וואָס דער דאָזיקער „לאָדזשער בלעם״ האָט דאַן וועגן דעם דאָ־זיקן ענין, צווישן אַנדערן, געשריבן דירעקט צום גענעראַל־קאָנסטיטאָזש פון וואַרשע, פירשט אַרציבישאָף פיאַלקאָווסקי:

— — — פון מיין שטעלונג קאָן איך, אַלס גייסטלעכער, נישט מער צוקוקן גלייכגילטיק צו די אַלע פעלשונגען וואָס געשען וועגן דעם יידישן ווין־רעוויר אין לאָדזש!

מיר גייט אין דעם, אַז די „הויך־קאָמיסיע איבער אינערלעכע און גייסטלעכע ענינים״, זאָל גנעדיק אָפּהאַלטן דאָס פאַרגרעסערן דעם יידישן ווין־רעוויר אין לאָדזש, — אַ זאַך, וואָס איז דאָך קעגן ווילן פון קייזער!... (עס שמעקט פשוט מיט מסירה קעגן גראַף פּאָ־טאָצקי פאַר דער צאַרן־רעגירונג... — א. ט.), ווייל די תפילות ווערן אין קאָשטשיאָל סיי ווי שוין געגנוג געשטערט זונטיק און אין די חגאות פון דעם קלאַפּן און רוישן פון די אַרומיקע יידישע פאַבריקן״... (פון לאָדזשער אַרכיוו, יאָר 1858, נומער 3923).

באַקומענדיק פונעם „טרייען פּאַסטוך״ פון דער לאָדזשער קירכע אַזאַ וויכטיק מאַטעריאַל, האָט אַרציבישאָף פיאַלקאָווסקי גענומען טוען אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

און תיכף שיקט ער צום „העכסטן ראַט פון אינערלעכע און גייסטלעכע ענינים״ אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום וועגן דעם דאָזיקן דרינגלעכן ענין, אין וועלכן ער גיט צו פאָלגנדע פערזענלעכע דערקלערונג:

## לאָדזש און אירע ייִדן

— — — „און וועגן די שווינדלערייען, וואָס ווערן אין לאָדזש אָפּגעטון קעגן „געטאָ־געזעץ" פון 25סטן אַפּריל 1822 און פון 1טן יולי 1827, דורכדעם וואָס ייִדן קויפן דאָרט הייזער, באַדנס אאַ"וו, — קאָן איך פון מיין זייט נאָר צוגעבן, אַז טאַקע דורכדעם ווערט דאָס עפנטלעכע געבעט אין דער קירכע אויסגעשטעלט צו עקלדיקן שפּאָט־געלעכטער, דערצו נאָך דורך דעם, וואָס די תפילות ווערן לרוב, צו־ליב דער ענגשאַפט אין קאַטשיאַל, אָפּגעהאַלטן דורך די פרומע מתפללים אין דרויסן".

(פון פּיאַלקאָווסקיס מעמאָראַנדום, וואַרשעווער אַרכיוו, 10טן אַפּריל 1858).

***

דער סוף פון „לאָדזשער בלעם" פלאַטער מיט זיין „וואַרשעווער בלק", דעם אַרציביסקופּ פּיאַלקאָווסקי, איז געווען פּונקט ווי דער סוף פון יענעם בלעם, וואָס בלק מלך מואב האָט מיט לערך 4 טויזנט יאָר צוריק געשיקט שעלטן די ייִדן.

די רוסישע מאַכט האָט זיך דאַסמאָל געשטעלט דווקא אויף דער זייט פון די ייִדן, גאַנץ באַזונדערס נאָך דעם ווי די אַרויסגעשיקטע קאָנטראָל־קאָמיסיע האָט אָפּגעגעבן איר באַריכט, דערקלערנדיק צווישן אַנדערן, אַז:

„די ענגשאַפט אין „לאָדזשער ייִדישן רעוויר" איז שוין אַזוי גרויס, אַז ס'געדריקטקייט פון דער צוזאַמענגעפּרעסטער באַפעלקע־רונג, וואָס ציילט שוין 4577 נפשות, איז שוין אַזוי שווער, אַז עס באַדראָט פּאַקטיש דער געזונטהייט אַפילו פון די קריסטלעכע אַרו־מיקע שכנים און זייערע קוואַרטאַלן"...

אַזוי אַרום איז טאַקע ס'געטאָ פאַרגרעסערט געוואָרן; ייִדן האָבן אָפּ־געהאַלטן זייער נצחון און דער „לאָדזשער בלעם" איז אַרומגעגאַנגען „אבל וחפו ראש", ווי המן אין זיין צייט. און פון דעם בישאָף פּיאַלקאָווסקיס מפּלה זאָל האָבן אַנטשטאַנען ביי פּוילישע ייִדן דאָס ווערטל אויף אַ שלימזלניק: „ער האָט אויסגעזען ווי פּיאַלעק"...

.21

## מ׳ברענגט צוהילף קאָזאַקן קעגן לאָדזשער יידן...

אויב מ׳וועט בלעטערן די געשיכטע פון די לאָדזשער יידן און זייערע צרות פון די אַמאָליקע דייטשן, וועט מען אפשר נישט געפונען דעם אויסדרוק „פּאָגראָם״ אָדער דעסגלייכן.

אפשר האָט אַזאַ זאַך אין לאָדזש נישט געטראָפן און אפשר האָבן די דייטשן יאָ געפּרוווט צו מאַכן אַ שטיקל פּאָגראָם, אָבער דערפילנדיק אויף זיך דעם כח פון דער יידישער האַנט, האָבן זיי דערפון רעזיגנירט.

וואָרעם אַז די דייטשן פלעגן דעמאָלט אין אונדזערע טעקסטיל־שטעטלעך יאָ מאַכן פּאָגראָמען, דערציילט דאָך אונדז גאַנץ דייטלעך דער ערן־לייטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין פוילן, גראַף אַנטאָני אָוסטראָווסקי.

ברענגענדיק זיין איבערזיכט וועגן דער גרינדונג פון די פוילישע טעקסטיל־אינדוסטריע־שטעט, ווי: טאָמאַשאָוו, זגיערזש, פּאַביאַניץ, זדונסקאַ וואָלאַ, טורעק, לאָדזש, אאַ״וו, דערציילט כראַביאַ אָסטראָווסקי צווישן אַנדערן אויך דאָס פאָלגנדיקע:

„טאָמאַשאָוו וואָלט זיכער נישט געוואָרן קיין פאַבריק־שטאָט, ווען נישט די יידן! זיי, די יידן, האָבן דאָס נישט איינמאָל דייטלעך באַוויזן, דורכדעם וואָס זיי האָבן זיך גאָרנישט אָפּגעשראָקן פון גרינדן פאַבריקן, בעת זיי זענען אַזוי געראָדפט געוואָרן פון די קריסטלעכע פאַבריקאַנטן, באַזונדערס פון דער אונטערגעשטעלטער דייטשער יוגנט...

נישט איינמאָל האָט מען אין די יידישע הייזער די שויבן אויס־געהאַקט, און נישט איינמאָל זענען יידן פאַרוואונדעט געוואָרן פון גע־וואָרפענע שטיינער!

אין יום־כּיפּור פון יאָר 1857 איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאָגראָם אויף די יידן פון שטעטל טורעק, און דאָס אַלץ דורך דער איניציאַ־טיוו פון אַ גרופּע אָרטיקע דייטשן״...

(פון גראַף אָסטראָווסקיס דערמאָנטן בוך, זייט 154, באַמ. 1)

**
*

דער פאַקט באַווייזט, וואָס דייטשן האָבן אָפּגעטון צו די יידן. מיר וועלן דעריבער דאָ ברענגען אַ צווייטן דאָקומענט, פון וועלכן ס׳איז צו זען, אַז נישט אייביק זענען די יידן שולדיק געבליבן אַן ענטפער אויף די טאַטן פון זייערע פאַרפאָלגער.

ווי מיר האָבן געזען פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, פלעגן די דייטשן, אין זייער מלחמה קעגן די לאָדזשער יידן, ס׳רוב אָנווענדן מלשינות און מסירות, וואָס זיי פלעגן שיקן צו דער אָרטיקער מאַכט.

די אָרטיקע מאַכט פלעגט תיכף דערפילן דעם ווילן פון די דייטשן.

אַזוי לייענען מיר אין איינעם פון די אויספירלעכע מעמאָראַנדומס פון לאָדזשער בירגערמייסטער צום לענטשיצער נאַטשאַלניק צווישן אַנ־דערן:

— — — „די אומלעגאַלע יידן, וואָס דרינגען אַריין קיין לאָדזש דערווייטערן מיר אַן שום נאָכקלערן אַפילו!״. אָבער אין פאַל, ווען די פּאָליציי פילט זיך צו־שוואַך... אָדער ווען מיר זען איין, אַז אונדזערע מיטלען (דער כּח פון דער אָרטיקער פּאָליציי... — א. ט.) וועט נישט געניגן, כּדי צו צעברעכן דעם עקשנות פון די דרייסטע לאָדזשער יידן. דעמאָלט פאַרלאַנגט דער מאַגיסטראַט מיליטערישע הילף אָדער אונטערשטיצונג פון זשאַנדאַרן און אַפילו פון קאָזאַקן״.

(לאָדזשער אַרכיוו, 30סטן אַפּריל 1858, אַקט נומער 215).

דער דאָזיקער אָפיציעלער דאָקומענט ווייזט אויף קלאָר און דייטלעך, אַז לאָדזשער יידן זענען נישט געזעסן מיט „פאַרלייגטע הענט״ און גלייכ־גילטיק זיך צוגעקוקט צו די פּעולות פון זייערע שונאים.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס די אַרויסגערופענע פּאָליציי האָט זיך געקאָנט „פּילן צו שוואַך" קעגן די ייִדן, און איז געצוווּנגען געווען אָנצו־קומען צו־הילף פון זשאַנדאַרן און מיליטער און אַפילו צו „קאָזאַצקער הילף", און דאָס אַלץ נאָר „כּדי צו צעברעכן דאָס עקשנותדיקע זיך אַקעגנ־שטעלן פון די דרייסטע ייִדן", ווי דער לאָדזשער בירגערמייסטער אַליין דריקט זיך אַליין אויס אין זיין מעמאָראַנדום צום לענטשיצער קרייז־שעף — אָט דאָס אַליין באַווייזט שוין גאַנץ דייטלעך, אַז לאָדזשער ייִדן זענען נישט נאָר נישט געזעסן מיט „פּאַרלייגטע הענט", נאָר פאַרקערט: זיי פלעגן גאַנץ ערנסט רעאַגירן אויף די מעשׂים פון זייערע אָרטיקע פיינט, די פּאַר־צייטישע לאָדזשער נאַציס...

***

ווי ס׳זאָל נישט האָבן געווען, צי לאָדזשער דייטשן האָבן דעמאָלט יאָ געמאַכט עפּעס אַ „פּאָגראָמל" אויף לאָדזשער ייִדן, צי נישט — איינס איז זיכער קלאָר, אַז די 39 יאָר רדיפות (פון 1823 ביז 1862, ביז ס׳געטאָ איז אויפגעלייזט געוואָרן דורכן ליבעראַלן דעקרעט פון גראַף אַלעקסאַנדער ווּיעלאָפּאָלסקי), וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון זייערע דייטשע שכנים זענען געוויס, אין אַ באַשטימטער הינזיכט פיל ערגער געווען ווי אַן איינמאָליקער פּאָגראָם.

מען מוז צוגעבן, אַז ס׳איז טאַקע נייטיק געווען אויסערגעוויינלעכער כּח פון געדולד און עקשנות צו קאָנען אויסהאַלטן און אַריבערטראָגן דאָס אַלץ אַזוי פיל יאָרן נאָכאַנאַנד. ווייל נאָר די אויסדויער־קראַפט, וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן פון תּמיד אָן פאַרמאָגט, האָט זיי געגעבן די מעגלעכ־קייט אַרויסצוקומען פון יענער לאַנגיאָריקער „דייטש־ייִדישער מלחמה", מיט אַ פולשטענדיקן נצחון — מיט אַ נצחון, וואָס קיין איין ייִדישע עדה אין דער וועלט האָט דעמאָלט ביי אַזעלכע אומשטענדן נישט אָפּגעהאַלטן.

.22

## די „קאָצק־איזשביצער מחלוקה" און איר איינפלוס אויף לאָדזש

אָבער נישט תמיד האָבן לאָדזשער ייִדן פאַרווענדט זייער אויסדויער־קראַפט און זייער ענערגיע צום כבוד פון זייער פאָלק, און נישט אייביק האָבן זיי זיך דערמיט באַנוצט צום גוטן פאַר זיך.

והא־ראיה — די מחלוקה צווישן „קאָצקער" און „איזשביצער" חסי־דים אין לאָדזש.

***

עס איז נישט אין מיין קאָמפּעטענץ און ס'איז בהחלט אויך נישט מיין כוונה אַרויסצוזאָגן זיך דאָ וועגן יענעם ערנסטן ענין, וואָס האָט בשעתו אויפגערודערט כמעט אַלע חסידישע קרייזן פון גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן!

איך וועל דאָ איבערגעבן עטלעכע פאַקטן, וועלכע איך האָב אין מיין יוגנט אויפגעשריבן, לויט די דערציילונגען פון לאָדזשער זקנים, וועלכע האָבן אין דער דאָזיקער מחלוקה אַליין אָנטייל גענומען, ווי אויך פון אָפּ־שריפטן וואָס כ'האָב מיר דאַן געמאַכט פון אַלטן פנקס פון לאָדזש.

„די מעשה פון דער „שפּאַלטונג" — האָט מיר דערציילט איינער פון די זקנים — איז אַזוי געווען: אַ געוויסער טייל גאַנץ־אָנגע־זעענע חסידים פון קאָצקער רבין זצ"ל, רבי מנחם־מענדל מאָרגענ־שטערן שליט"א, האָט זיך פלוצים פון אים „אָפּגעריסן" און האָט

בפני קהל ועדה „געקרוינט" אַלס רבין איינעם פון די גרעסטע און חשובסטע קאָצקער תלמידים, — דעם למדן מופלג רבי מרדכי־יוסף ליינער, פון שטעטל איזשביצע.

צווישן די חשובע חסידים וואָס האָבן זיך דאַן עפנטלעך דער־קלערט אַלס „פורשים" פון קאָצק, און האָבן „מכתיר" געווען אַלס רבין דעם „איזשביצער" זצ"ל — זענען אויך געווען פאָלגנדע באַ־קאַנטע לאָדזשער עסקנים און פרנסי־הקהילה: אלחנן (חנא) האַמ־בורסקי, שמואל בערמאַן, גערופן אויך „שמואל בזשעזשינער" (מיין עלטער־זיידע), אברהם און מאיר בראָנאָווסקי, יעקב־וואָלף זאָנענ־בערג און דער ראש פון דער לאָדזשער קהילה, ר' יחזקאל זאַלצ־מאַן אַליין!...

ווי נאָר די דערמאָנטע „איזשביצער" חסידים זענען צוריקגע־קומען פון זייער רבין קיין לאָדזש, נאָך דער „חגיגת ההכתרה" — האָט זיך תיכף אין לאָדזש געעפנט אַן אייגן „איזשביצער שטיבל" (בית התפילה), און די אַלע „פורשים" — די אַמאָליקע קאָצקער חסידים, וואָס האָבן פון איצט אָן געדאַוונט אין זייער אייגן שטיבל — האָבן גענומען שטאַרק אַגיטירן פאַר זייער נייעם רבין שליט"א.

נאָכן שילדערן די פּרטים פון דעם דאָזיקן ענין, באַזונדערס — די מיטלען, וואָס די „פורשים" האָבן אָנגענומען צו ווירקן אויף אַנדערע, זיך מחבר צו זיין אַלס חסידים פון זייער רבין, — דערציילט זיך אין די נאָטיצן דאָס פאָלגנדיקע:

„אָבער אויך די קאָצקער חסידים, בראש פון וועלכע ס'איז דאַן געשטאַנען דער לאָדזשער רב, בכבודו ובעצמו, ר' יחזקאל נאָמבערג זצ"ל (דער זיידע פונעם שרייבער ה. ד. נאָמבערג — א. ט.), האָבן נישט געשוויגן: זיי האָבן גאַנץ ענערגיש קעגנגעווירקט קעגן די פעולות פון די „איזשביצער" און האָבן גאַנץ „אינטענסיוו" געשיצט און פאַרטיידיקט דעם כבוד פון זייער הייליקן רבין שליט"א. אַזוי אַרום האָט זיך במילא דער „שפּאַלט" צווישן די צוויי חסידישע גרופּן וואָס אַמאָל פאַרגרעסערט און לסוף אויך אַזוי פאַרטיפט, ביז זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפענער אמתדיקער מחלוקה, וואָס האָט מיט דער צייט געפירט צו זייער ערנסטע פאָלגן.

ס׳לאָדזשער יידנטום איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן: אין „קאָצקער״ און „איזשביצער״ און צוליב דער דאָזיקער „צעטיילונג״ זענען אויך צעטיילט און צעשפּאָלטן געוואָרן פיל יידישע משפּחות; קינדער זענען דערוויטערט געוואָרן פון עלטערן; עלטערן האָבן אויפגעהערט צו קומען צו די קינדער; איידעמס זענען „אַרויס־געפלויגן״ אין סאַמע מיטן קעסט פון שווער און שוויגערס שטוב; און לייבלעכע ברידער זענען זיך געוואָרן ממש שונא־מות!

צוליב אָט דער דאָזיקער „חסידישער מלחמה״, האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ „ווירטשאַפט־מלחמה״: דער פאַבריקאַנט האָט אויפגע־הערט געבן קרעדיט דעם סוחר וואָס איז זיין „רבינס מתנגד״; דער קונה האָט אויפגעהערט קויפן ביים געוועלבער וואָס איז אַ חסיד פון „צד שכנגד״; דער בעל־מלאכה איז באָיקאָטירט געוואָרן, ווייל ר׳איז אַ חסיד פון יענעם רבין, און יענער האָט פאַרלוירן זיין פּאָסטן, ווייל ר׳האָט פאַרלוירן זיין אמונה אין דעם רבין!...

בקיצור: אַ קעגנזייטיקע „ווירטשאַפט־מלחמה״ אויפן גאַנצן „חסידישן פראָנט״!...

***

גלייכצייטיק און אין שייכות מיט דער דאָזיקער ווירטשאַפט־מלחמה איז דאַן אויסגעבראָכן אַזאַ קריזיס, וואָס לאָדזש האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט.

און כאָטש די היסטאָריקער און די אָפיציעלע רעגירונגס־באַריכטן הענגען אָן די סיבה פון דעם דאָזיקן גוואַלדיקן קריזיס (וואָס האָט גע־דויערט גאַנצע פינף יאָר, — פון 1840 ביז 1845) דעם שרעקלעכן נישט־געראָטעניש וואָס האָט אין יענע יאָרן געטראָפן צוליב דער גרויסער פאַרפלייצונג און דעם ריזיקן האָגל וועלכער האָט חרוב געמאַכט די תבואות פון די פעלדער, ווי אויך דער כאָליערע־עפּידעמיע, וואָס האָט דאַן געהערשט אין פאַרשידענע שטעט פון פּוילן, דאָך זענען מיינע איינ־פאָרמאַטאָרס — די זקנים פון לאָדזש, — פעסט איבערצייגט, אַז דער הויפּט־גורם פון דעמאָלטיקן לאָדזשער קריזיס איז געווען די „יידישע מלחמה״.

והא־ראיה, — פלעגט צו מיר טענהן מיין קרוב ר׳ ידידיה בערגער, — מ׳זעט דאָך, אַז גראָד אַזוי לאַנג ווי די „מחלוקה" האָט געדויערט, האָט אויך געדויערט דער שרעקלעכער קריזיס.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, צי די חסידישע מחלוקה, צי די כאָליערע האָט דאַן גורם געווען דעם קריזיס — איז אָבער אַ פאַקט, אַז אַזאַ קריזיס האָט לאָדזש נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט.

דאָס לאָדזש, וואָס פלעגט פון תמיד אָן ציִען צו זיך אַלץ מער נייע אייַנוווינער, און זייער צאָל האָט זיך מיט יעדן יאָר אַזוי פאַרגרעסערט, אָט דאָס לאָדזש האָט דאַן, בעת יענעם גרויסן קריזיס, זיך גענומען אויסליידיקן פון מענטשן. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי וויַט, אַז די באַפעל־קערונג־צאָל איז אין פאַרלויף פון דעם דאָזיקן קריזיס געפאַלן מיט גאַנצע 20 פראָצענט, דהיינו: פון 18.415 מענטשן אין יאָר 1841, אויף 15.764 אין יאָר 1844, און צום סוף פון זעלבן יאָר, — אויף 14.604. אין דערמיט פון 1845 זענען סך־הכל פאַרבליבן אין שטאָט נאָר 12.663 נפשות!...

(פון לאָדזשער אַרכיוו, נומער 1874, יאָר 1845).

.23

## וואָס דערציילן די זקנים וועגן „מחלוקת קאָצק - איזשביצע״?

אָבער נישט אומעטום האָט זיך די מחלוקת צווישן די קאָצקער און איזשביצער חסידים צעפלאַקערט אויף אַ גלייכן אופן. ס׳זענען, למשל, געווען ערטער, ווו דער דאָזיקער חסידישער ענין האָט זיך אַנטוויקלט גאַנץ נאָרמאַל, דהיינו: ס׳איז באַלד געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, און במילא איז נישט געקומען צו קיין שום קריגערייען...

דאַקעגן, אין לאָדזש, איז די זאַך געווען גאַנץ אַנדערש, און דאָס צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, איז די שפּאַלטונג גופא געווען אַ זייער דראַסטישע, — פון איין זייט איז צווישן די „פּורשים״ געווען, אויסער די זייער אָנגעזעענע בעלי־בתים פון שטאָט, אויך דער סאַמאָראָדנער דאָזאָר און ראש־הקהילה, ר׳ יחזקאל זאַלצמאַן, בעת פון דער קאָצקער זייט איז דער פירער פון דער גרופּע געווען דער לאָדזשער רב הרב ר׳ יחזקאל נאָמבערג בכבודו ובעצמו.

צווייטנס, האָט זיך אין לאָדזש צעפלאַקערט די מחלוקה מער ווי אין אַלע אַנדערע שטעט פון פּוילן, צוליב אַן אויסטערליש אומגליק, וואָס האָט דעמאָלט געטראָפן, אַן אומגליק, וואָס האָט זיינס־גלייכן נישט געהאַט אין דער גאַנצער קאָצק־איזשביצער געשיכטע.

***

צוליב דער וויכטיקייט פון ענין, וועל איך אים איבערגעבן ווערט־

לעד, אַזוי ווי כ׳האָב עס מיר פֿאַרשריבן מפּי זקני־העיר, בעיקר פֿון מיין קרוב ר׳ ידידיה ברבֿ עוזר בערגער ז״ל, וועלכער איז אַליין געווען איינער פֿון די הויפּט מיטקעמפֿערס אויף דער קאָצקער זייט.

„געשען איז דאָס בערך פֿינף יאָר נאָך דער „שפּאַלטונג״. גראָד דעמאָלט, בעתביידע צדדים זענען שוין אמתדיק מיד געוואָרן פֿון דער „אַרומרייסעניש״, און דער עולם איז שוין געהאַט געקומען צום שכל, אַז מיט זילזולים און מיטן קעגנזייטיקן „חרם״ וועט מען בשום־אופֿן נישט אָפּשוואַכן דעם „צד שכנגד״, נאָר מען וועט ברענגען רעות אויף זיך אַליין. אָבער אָט ממש אין יענער צייט, ווען די מנהיגים פֿון ביידע צדדים האָבן שוין גענומען ערנסט טראַכטן, צי ס׳איז שוין נישט געקומען די צייט צו מאַכן שלום צווישן די ביידע צדדים, האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט אויפֿסניי צעפֿלאַקערט די מחלוקה, ממש הונדערט מאָל שאַרפֿער פֿון פֿריִער.

אין איין שיינעם יום טובֿ־טאָג, בעת אין איזשביץ האָבן זיך געפֿונען אַ סך צונויפֿגעפֿאָרענע חסידים פֿון פֿאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, זענען פּלוצים, לא עלינו, נפֿטר געוואָרן דריי פֿון די חשובֿסטע איזשביצער חסידים, אַלע דריי געבירטיקע אין לאָדזש, געוווינט אין לאָדזש און אויך געקומען צום רבין פֿון לאָדזש!

די נעמען פֿון די דריי פֿאַרשטאָרבענע זענען: יצחק (איציקל) אָרבאַך, ישראל יעקבֿ בענדער און מעכל (מיכאל) אורבאַך.

ווי אַ דונער האָט די שרעקלעכע ידיעה אַריינגעטראָפֿן אין יידישן לאָדזש! די שטאָט האָט גענומען קאָכן ווי אַ קעסל! מענטשן זענען געשטאַנען מאַסנווייז אין די גאַסן און האָבן נישט אויפֿגעהערט דערציילן איינער דעם אַנדערן וועגן דעם שרעקלעכן אומגליק וואָס האָט געטראָפֿן!״.

און ווי אין יענע צייטן, האָט זיך באַלד גענומען וועבן אַרום דער דאָזיקער אויסטערלישער געשעעניש פֿאַרשידענע לעגענדעס און דער עולם האָט אָנגעהויבן דערציילן משונהדיקע מעשׂות, וואָס נאָר די פֿאַנטאַזיע פֿון צעהיצטע קעפּ האָט געקאָנט אויסטראַכטן.

**
*

„אין די אויגן פון די „קאָצקער חסידים“ איז דאָס דאָזיקע געשעעניש געווען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַן „אצבע אלוקים“, אַ באַווייז פון דעם גרויסן זכות, וואָס „ער־זאָל־לעבן“ האָט „אויבן“...

אָבער אויך די „איזשביצער“ האָבן זיך נישט פאַרלוירן! די חסידים פון נייעם צדיק האָבן דאָס דאָזיקע געשעעניש אויסגעטייטשט ווי אַ „נס מן השמים“, ווי אַ גאָטס ווונדער, וואָס האָט בעשיינפּערלעך באַוויזן, ווי גרויס דער כח־השפעה פון זייער רבין שליט״א איז אויפן „שטן־המשחית“, וואָס האָט באַקומען די שליטה אויף אונטן...

זיי זענען געווען זיכער, אַז ווען נישט דאָס באַלדיקע זיך אַקעגנשטעלן פון זייער רבין קעגן „שטן־המשחית“, שאינו מבחין בין טוב לרע — מי יודע וויפל אומשולדיקע קרבנות עס וואָלטן נעבעך געפאַלן דאַן אין „זיין“ איזשביצע?...

אָט וואָס עס דערציילט זיך אין מיינע נאָטיצן מפּי זקני לאָדזש:

„באַלד נאָך דעם דאָזיקן אומגליק, וואָס האָט, לא עלינו פּאַסירט אין איזשביץ, זענען די צדדים אַריבער פון זידלערייען צו קריגערייען און פון קריגערייען צו עפנטלעכע סקאַנדאַלן אין די גאַסן און שטיבלעך, ביי וועלכע ס׳האָבן גענומען פליען פעטש ווי האָגל...

די געשלעגן האָבן שפּעטער דערפירט צו שענדלעכע מלשינות אויף די חשובסטע מענטשן און אַפילו אויפן רב ר׳ יחזקאל (נאָמבערג) אַליין!... דער חילול־השם איז געווען אין לשער! ווייל די „מסירות“ האָבן גורם געווען, אַז די פּאָליציי זאָל פאַרהאַלטן עטלעכע אָנגעזעענע חסידים „ביז צום אויפקלערן דעם ענין“...

און נאָר „ער אין הימל“ ווייסט, וואָס ס׳וואָלט חלילה פון דעם אַלעם אַרויסגעקומען, ווען נישט דאָס אַריינמישן זיך פון די היגע ייִדישע „דייטשן“ (די פאַרגעשריטענע ייִדן — א. ט.) מיט אַדאָלף ליקיערניק אין דער שפּיץ, וועלכער האָט מיט זיין קלוגן פאַרשטאַנד און לאָגישע דערקלערונגען מצליח געווען צו מאַכן אַ סוף מיט דער מחלוקה!“.

לויבנדיק ליקיערניקן פאַר זיינע גרויסע מעלות, האָט מיין דערציי־
לער מיר אַזוי געזאָגט:

„דער „דאַטש ליקיערניק" האָט דעמאָלט מציל געווען די שטאָט ממש פון פולשטענדיקן חורבן; מיט זיינע קלוגע רייד האָט ער מסביר געווען די שליחים פון ביידע צדדים, וואָס זענען צו אים געקומען אַראָפּרעדן זיך ס'ביטערע האַרץ, אַז דאָס איזשביצער אומגליק איז געשען „לאו־דווקא" צוליב דעם גרויסן „זכות", וואָס דער „קאָצ־קער" שליט"א האָט „אויבן"... און אַז דאָס פאַלן פון נאָך קרבנות האָט אויפגעהערט אין איזשביץ „לא־דווקא" דערפאַר, וואָס דער „איזשביצער", זאָל לעבן, האָט גובר געווען די שליטה „שטן המש־חית" פון „אונטן", נייערט עס האָט דאָרט נעבעך פשוט געכאַפּט די דריי לאָדזשער חסידים די כאָליערע!... די כאָליערע, וואָס איז דאַן אויסגעבראָכן אין נאָך פיל אַנדערע שטעט אין פוילן".

***

און דערמיט האָט זיך געענדיקט אין לאָדזש די יאָרן־לאַנגע פאַר־ביסענע „קאָצק־איזשביצער מחלוקה", וועגן וועלכער די זקני־לאָדזש פלעגן מיט אַ ביטערן קרעכץ זאָגן: „כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו!"...

אמת טאַקע, אַז אין פאַרלויף פון יאָרן זענען אין לאָדזש (גראָד ווי אין אַנדערע יידישע קהילות), פאָרגעקומען נאָך אַנדערע מחלוקות, למשל: דער סכסוך צווישן די „חסידים" און „בעלי־בתים", וואָס האָט אויסגעבראָכן לערך מיט 60 יאָר צוריק צוליב דעם, וואָס די לעצטע האָבן פלוצים גע־מאַכט דעם חזן פון „ווילקער־שול", ר' משה סטערצעווער, אויך אַלס „שוחט" פון דער גאַנצער „ווילקער" געגנט; שפּעטער — אויך דער פאַרביסענער קאַמף פון די אָרטאָדאָקסן, אַסימילאַטאָרן און בונדיסטן קעגן די ציוניסטן; דאַן די פאַרשידענע אָפטע סיכסוכים צווישן די גערער און אַלעקסאַנדערער חסידים; און צום סוף — דער גרויסער קאַמף, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אַרום די לעצטע לאָדזשער רבנים־וואַלן צווישן די פאַרערער פון הרב טרייסטמאַן ז"ל פון ראַדאָם און די אַנהענגער פון קאַלישער רב ליפשיץ ז"ל.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען ממש כאין וכאפס לגבי יענער פאַרצייטי־שער קאָצק־איזשביצער מחלוקה.

# לאָדזש און אירע יידן

*****

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערמאָנטער „שחיטה־מחלוקה", זאָל דערלויבט זיין צו פאַרעפנטלעכן דעם עפּיזאָד, וואָס לאָדזשער משכילים פלעגן וועגן דעם דערציילן:

בעת דער אָפיציעלער שליח איז געקומען אַ פאַרסאָפּעטער צו לויפן צו דוד פּרוסאַקן (דעם הויפּט־שטיצער פון נייעם שוחט — אַ רייכער ייִד וואָס איז אָבער נישט געווען קיין „גרויסער למדן"...) אים אָנזאָגן, אַז אַ המון „חסידים" האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום „ווילקער שעכטהויז" און לאָזט נישט צו דעם חזן משהן צו דער שחיטה — האָט פּרוסאַק פון אויפרעגונג אַ באַפעל־געגעבן: „לויף גיך און הייס משהן שחטן: „עלי ועל צוארי"!

געמיינט האָט ער צו זאָגן, אַז ער הייסט אים שחטן אויף זיין (פּרו־סאַקס) פאַראַנטוואָרטלעכקייט! אָבער די לאָדזשער משכילים האָבן פון דעם דאָזיקן ווערטל געמאַכט אַ באַצייכענונג פאַר אַ גראָבן־יונג, אַז ער איז „אַן עם־הארץ, וואָס בעט זיך ממש מ'זאָל שחטן אויף אים און אויף זיין האַלדז"...

צי די מעשה איז אמת אָדער נישט — איז אָבער אַ פאַקט, אַז שוין אין אַ שעה אַרום זענען פאַרן ווילקער שעכטהויז געשטאַנען צוויי רו־סישע „סטראַזשניקעס" און האָבן וואַכזאַם אַכטונג געגעבן אַז „משה־חזנס" שחיטה זאָל זיך פירן כשורה, און עס זאָל, חלילה, דערביי קיין שום מכשול נישט געשען...

די גאַנצע געגנט, פון אָנהייב פּיעטריקאָווער גאַס, באַלד נאָכן „באַווי־רינעק", ביז אַרויף אויבן (צו גייערס מאַרק צו), האָט זיך אַמאָל גערופן „ווילקי", ווייל, ווי עס גייט איבער די לעגענדע, זאָלן זיך האָבן געראַיעט אינעם געדיכטן וואַלד, וואָס האָט איינגעהילט יענעם גאַנצן שטח, גאַנצע סטאַדעס פון ווילדע וועלף („ווילקי" איז אין פּויליש — וועלף).

דערפון טאַקע שטאַמען עס די נעמען: „ווילקער־שול", „ווילקער בית־המדרש" און „ווילקער שעכט־הויז", וועלכע האָבן זיך געפונען אויף יענעם שטח (זאַכאָדניע, נעבן צעגעלניאַנע).

24.

## דער „רעוואָלוציאָנערער פּלאַן" פון לאָדזשער יידן

ווי מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט (קאַפּיטל 8) האָט די גאַנצע חוצפּה פון לאָדזשער דייטשן און זייער תקיפות קעגן די דעמאָלטיקע לאָדזשער ייִדן זיך גענומען פון דעם, וואָס זיי האָבן, דורך זייער אָפּמאַך מיט דער רוסישער רעגירונג, דעם אַזוי־גערופענעם „זגיערזשער קאָנטראַקט" דערגרייכט פאַר זיך פיל פּריווילעגיעס, דערונטער אויך דעם „אַנטיסעמי־טישן זכות" פון פּאַראַגראַף נומער 38/39, לויט וועלכן עס ווערט ייִדן פאַרווערט צו וווינען אין זייער טעקסטיל־רעוויר ווי אויך גישט צו קענען דערווערבן דאָרט קיין שום נחלה אאַ"וו.

וויסנדיק ווי גרויס עס איז די ענגשאַפט אין „ייִדישן וווין־רעוויר" פון שטאָט, — אין ייִדישן געטאָ הייסט עס, — וואָס האָט דאַן נאָר פאַר־מאָגט די דריי קליינע און ענגע גאַסן: פאַדזשעטשנאַ, וואָלבאָרסקאָ און סטאַרי־רינעק — האָבן די נאָר־וואָס אָנגעקומענע דייטשן גענומען אַרויפ־שרויפן ממש ביז פאַנטאַסטישקייט די פּרייזן אויף די דירות ביי זיך און אויף די ליידיקע פּלעצער, וואָס זיי האָבן באַקומען אומזיסט.

די ייִדן, באַזונדערס די יעניקע, וואָס האָבן זוכה געווען צו באַקומען ספּעציעלע אויסנאַם־דערלויבענישן („קאָנסענסן") צו באַזעצן זיך אין „דייטשן רעוויר", האָבן טאַקע, באין־ברירה, געמוזט, ווי מ'זאָגט, „וויינען און ציילן" און צאָלן יעדע סומע וואָס די דייטשע עקספּלואַטאַטאָרן האָבן נאָר פאַרלאַנגט פאַר אַ פּלאַץ אָדער אַ דירה צי גאָר פאַר אַ פאַרטיקער הייזקע.

און כאָטש די לאָדזשער ייִדן האָבן דאָן באַצאָלט ממש „טוין ותקלין" פאַר דער דאָזיקער „טובה", האָבן זיך אָבער די דייטשן געהאַלטן ביי דער אַלטער אַנטיסעמיטישער שיטה: צוערשט פּרעס אויס ביי ייִדן וואָס מער געלט און דאַן נעם אים רודפן און יאָגן און פּלאָגן עד חרמה...

קוים האָט ער באַקומען פונעם ייִד דעם העכסטן פּרייז פאַר זיין דירה און קוים האָט זיך דער ייִד אין איר באַזעצט און איינגעאָרדנט זיין עסק, — האָט זיך באַלד אָנגעהויבן קעגן אים אַ סדרה פון מלשינות, מסירות, שי־קאַנעס און רדיפות, אד"גל.

**
*

39 יאָר נאָכאַנאַנד האָט זיך געצויגן די „שוואַרצע עפּאָכע" פאַרן לאָדזשער ייִדנטום!

גאַנצע 39 יאָר האָבן לאָדזשער ייִדן געליטן פון זייערע דייטשע שכנים פאַרשידענע מאָראַלישע, מאַטעריעלע, גייסטיקע און אַפילו קער־פּערלעכע לייַדן און דערדריקונגען — און דאָך — — — און דאָך זענען אונדזערע אחינו בני ישראל נישט געפאַלן ביי זיך, און נישט מיד גע־וואָרן און נישט אויפגעהערט צו אינוועסטירן זייער ענערגיע, זייערע בעסטע כוחות, פליים, אונטערנעמונג־קראַפט און געלט אינעם אויפבוי פון זייער שטאָט און איר אינדוסטריע.

זיי, די לאָדזשער ייִדן, האָבן אַריינגעבראַכט די רוי־שטאָפן, ווי אויך די כעמיקאַליען און פאַרב־שטאָפן פאַר דער אינדוסטריע.

זיי, די ייִדן, האָבן כסדר זיך באַמיט צו באַשעפטיקן די אָרעמע וועבער אויף זייערע „מאַשינען", כביכול, אויף די הילצערנע וועב־שטולן וואָס זיי האָבן זיך געבראַכט פון דייטשלאַנד;

זיי — די לאָדזשער ייִדן, — פלעגן כסדר שטיצן זייערע גוייִשע שכנים, באַזונדערס אין קריזיס־צייט, מיט הלוואות, העלפנדיק דערמיט די דייטשן אַז זיי זאָלן נישט רויִנירט ווערן אין דער נויט־צייט;

זיי — די לאָדזשער ייִדן, — האָבן פון ערשטן מאָמענט אָן געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון די דייטשע פאַבריקן, דורך פאַרשפּרייטן זייערע אויסאַרבעטונגען נישט נאָר אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון פוילן, נאָר אַפילו אין ערטער פון יענער זייט גרענעץ;

אַט דאָס אַלץ האָבן געטון די ייִדן!
און די דייטשן?...
די ניי־אָנגעקומענע שכנים פון די יידן, וואָס האָבן זיך אַזוי אַנט־וויקלט און זיך פֿאַנאַנדערגעוואַקסן דורך די יידן, וואָס האָבן געמאַכט געלט און פֿאַרמעגנס צוליב די ייִדן, זיי האָבן נישט אויפֿגעהערט בעת דער גאַנ־צער „לאָדזשער יוגנט־עפּאָכע" צוטראָגן דער רעגירונג מלשינות און מסי־רות אויף ייִדן, לייגן זיי שטיינער אויפֿן וועג פֿון זייער אַנטוויקלונג, באַ־נוצנדיק זי מיט די עקלדיקסטע בילבולים, וואָס די ערגסטע שונאים קאָ־נען נאָר אויסטראַכטן...

**
*

נאָכדעם ווי די לאָדזשער ייִדן האָבן איינגעזען, אַז אַלע זייערע באַ־מיִונגען מבטל צו מאַכן דעם אַנטיסעמיטישן פּאַראַגראַף 38 (פֿון זגיער־זשער אָפּמאַך) זענען אומזיסט, און איבערצייגנדיק זיך, אַז אויך דער קלאַנג אַז מ׳וועט איינגאַנצן מבטל מאַכן דאָס לאָדזשער געטאָ, איז נאָר אַ חלום און ווער ווייסט ווי לאַנג „פּאָניע" וועט אַזוי „פּאָפֿן" אין זיין לעטאַרגישן שלאָף? — איבערצייגנדיק זיך אין דעם אַלעם, האָבן לאָדזשער „ייִדישע קעפּעלעך" אויסגעטראַכט אַ פּלאַן, וואָס טאַקע נאָר ייִדישע קעפּ קאָנען אויסטראַכטן.

**
*

ווי מיר האָבן שוין פריִער דערקלערט, איז דער „הויפּט־טעקסטיל־רעוויר פֿון די דייטשן" געלעגן אין דרום־זייט פֿון שטאָט. דער „ייִדישער וווין־פּערטל", דאָס געטאָ, דאָקעגן, האָט זיך געפֿונען פּונקט אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג — אין סאַמע צפֿון־זייט פֿון שטאָט.

אַז אונדזערע אחינו בני ישראל האָבן איינגעזען, אַז אַרויסרוקן זיך אויף דרום־זייט, הייסט שטערן די דייטשן, און אויף צפֿון־זייט — לאָזן נישט די רוסן און די פּוילישע מאַגיסטראַט־באַאַמטע, זענען זיי גע־פֿאַלן אויף דער המצאה: אויפֿצובויען פֿאַר זיך אַן „אייגן ייִדיש טעקסטיל־שטעטל", אַ מין אַרט „מיניאַטור־לאָדזש", עס זאָל טאַקע זיין האַרט נעבן דער שטאָט, אָבער ס׳זאָל זיך נישט אָנרירן מיט קיינעם פֿון דיביידע, — נישט מיטן דייטשן־רעוויר און אויך נישט מיטן געטאָ!...

צוויי אַנגעזעענע לאָדזשער ייִדן: יצחק בלאַוואַט און יצחק בירנצווייג, האָבן שטילערהייט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן כראַביאַ אוגוסט זאַווישאַ, דעם אייגנטימער פונעם גרויסן גוט „לאַגעווניק", ביי לאָדזש, און האָבן ביי אים אָפּגעדונגען אויף אייביקער פּאַכט איינס פון זיינע דאָרטיקע דערפער „באַלוט", וואָס האָט זיך געפונען מעריב־זייט, נישט ווייט פון געטאָ.

באַלד נאָכן אונטערשרייבן אָפיציעל דעם „פּאַכט־אַקט" (1858), זענען די דאָזיקע צוויי טיכטיקע אונטערנעמער צוגעטראָטן צו דער פּאַרצעלאַציע פונעם נייעם „טעקסטיל־שטעטל באַלוט", וואָס האָט אַנטהאַלטן 408 מאָרג לאַנד (לערך 2 מיליאָן קוואַדראַט־מעטער) און גענומען ס׳ערשטע באַלד אויסלייגן וועגן און גאַסן אין דער לענג און ברייט פון גאַנצן שטח.

נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף דער אָפיציעלער באַשטעטיקונג פון דער פּאַרצעלאַציע (וועלכע האָט, אגב, געדויערט צוויי יאָר...), האָבן זיי דאָרט אויפגעשטעלט 33 הייזער, צוויי ווינט־מילן, איין ציגל־פאַבריק אויף צו פּראָדוצירן ציגל פאַרן שטעטל אאַ״וו. אין די הייזער האָבן זיך באַזעצט 95 משפּחות, ס׳רוב בעלי־מלאכות און קליינע האַנדווערקער — צוזאַמען 422 נפשות.

און כדי צו פאַרזיכערן זיך פאַר כלערליי „בייזע־אויגן" און סתם דייטשע מוסרים, האָבן די צוויי דערמאָנטע ייִדן אַריינגעזעצט אין זייער „באַלוט" אויך אַ פּאָר פּאָליאַקן, וועלכע זיי האָבן אויף אַ גאַנץ גוטע באַדינגונגען, פאַרדינגען און פאַרקויפט דירות און הייזקעס אויף אויסצוצאָלן...

***

אַזוי האָט פּלוצים געגומען אויסוואַקסן, ממש פאַר אַלעמענס אויגן, ס׳ייִדישע באַלוט, וואָס האָט געזאָלט דינען פאַר ייִדן אַלס דאָפּלטע ישועה: נישט זיין מער אונטערגעוואָרפן די „חסדים" פון די דייטשן און נישט ציטערן מער פאַרן „געטאָ־געזעץ", מיט וועלכן די רוסישע רעגירונגס־באַאַמטע און די אָרטיקע מאַגיסטראַט־אַנגעשטעלטע פלעגן די ייִדן אומ־אויפהערלעך שיקאַנירן און רודפן.

בקיצור: דער דאָזיקער ייִדישער אויפטו האָט דערגרייכט דאָס, וואָס אחינו בני ישראל האָבן געוואָלט אינעם געזעץ נישט פּוגע צו זיין און דאָך אַרויס פון געטאָ.

.25

## ווי האָבן יידן רעאַגירט אויף דער גרינדונג פון „באַלוט״?

אוממעגלעך צו באַשרייבן די שמחה פון לאָדזשער יידן וועלכע האָבן זוכה געווען צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן, ווי עס וואַקסט אויף, ממש פון דער ערד אַרויס, זייער אייגענע יידישע שכונה מיט אַן אייגענעם פאַבריק־רעוויר, וואָס וועט זיי ענדלעך באַפרייען פון די דייטשע „אפּיטרופּסים״.

דאָס גרינדן דעם נייעם יידישן ווינקל, איז דאַן געוואָרן די הויפּט־טעמע נישט נאָר פון די יידן אין לאָדזש, נאָר אויך פון יידן אין אַלע פּוילישע שטעט און אַפילו פון די גויים פון דער גאַנצער אומגעגנט.

* * *

כדאי איבערצוגעבן וואָס עס דערציילן וועגן דער גרונטשטיין־לייגונג פון דער נייער שכונה די לאָדזשער זקנים, וואָס האָבן די דאָזיקע שמחה פערזענלעך איבערגעלעבט:

„דאָס לייגן דעם גרונטשטיין פון „ביי־באַלוט״ (אַזוי האָבן עס יידן דאַן גערופן), ביי וואָס מיר אַלע לאָדזשער האָבן זיך באַטייליקט, איז דעמאָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן פאָלקס־יום־טוב, אין אַזאַ יום־טוב, וואָס לאָדזש האָט נאָך נישט געהאַט.

## לאָדזש און אירע יידן

אַלע לאָדזשער ייִדן, יונג און אַלט, רייך און אָרעם, חסידיש און בעל־בתיש און אַפילו אָנגעטאָן „דייטשמעריש" — אַלע, אַלע זענען מיר זיך דעמאָלט צונויפגעקומען אויפן לײדיקן פעלד אָנגעטאָן גאַנץ יום־טובדיק!

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמחה, וואָס לאָדזש האָט דאָס נאָך נישט געזען! דאָס טאַנצן פון עולם און דאָס שפּילן פון צדוקל קלעז־מערס קאַפּעליע (צדוק שטיינהאַוער — א. ט.) האָט גאָר קיין סוף נישט געוואָלט נעמען.

דעם גאַנצן טאָג האָט מען געטיילט דעם עולם לעקאַך און בראָנפן פונקט ווי אין שמחת־תורה! אויך ס'„גאַיעס" (די גויִים) פון דער סביבה, וואָס איז געקומען אָנקוקן די ייִדישע שמחה, האָט גע־קריגן לעקאַך און בראָנפן.

ביידע הויפּט־מחותנים: שלמה איציקל בלאַוואַט און איטשע בירנצווייג, האָבן אַרויסגעוויזן זייער ברייטקייט דערמיט, וואָס זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו שיקן צו דער שמחה כלערליי משקאות, באַזונדערס גוטן מעד, וואָס איטשע האָט געהאַט אין זיין וויין־גע־שעפט".

אינצווישן האָט דער ענין באַקומען אַזאַ שם, אַז הונדערטער ייִדן האָבן גענומען שטראָמען קיין לאָדזש פון אַלע פּוילישע שטעט און שטעט־לעך, מיט דער כוונה זיך צו באַזעצן אין „נייעם ייִדישן ישוב".

ווי ווייט דער ענין האָט אויפגערודערט די ייִדן אין פּוילן, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס אין יענעם יאָר האָט זיך די צאָל איינגעוואַנדערטע ייִדן קיין לאָדזש פאַרגרעסערט אויף העכער 50 פּראָצענט! פון 3.056 נפשות אין יאָר 1857, איז זי געשטיגן ביז 4.577 אין 1858, אינעם יאָר פון דער גרינדונג פון דער דערמאָנטער נייער ייִדישער שכונה, בעת די צאָל נישט־ייִדן איז אין דעמזעלבן יאָר געשטיגן מיט סך־הכל 12 פּראָצענט!

.26

## די פֿאַרשטערטע יידישע שמחה...

ליידער איז אָבער אויך דאָ מקוים געוואָרן ס׳אַלטע באַקאַנטע וואָרט: „ביקש יעקב לישב בשלוה, קפצה עליו רוגזה של עשו״ — „ס׳האָט זיך יעקבן פאַרוואָלט רו, איז אויף אים דערוויַיל אַרויפגעשפּרונגען עשוס צאָרן״!...

לאָמיר דערוויַיל באַמערקן: באַלוט האָט קיינמאָל נישט געצויגן צו זיך די גרעסערע יידישע פאַבריקאַנטן און דער דאָזיקער נייער ישוב איז אויך אין אַלע שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ געבליבן דאָס וווינ־אָרט פון קליינע בעלי־מלאכות, לרוב האַנט־וועבער און ענלעכע באַשעפ־טיקונגען. דאָך האָט דאָס גרינדן דעם דאָזיקן יידישן קוואַרטאַל געווירקט לטובת די יידן. ממש צעמישט פון דעם דאָזיקן יידישן אויפטו, האָבן דאַן די דייטשן גענומען אַראָפּלאָזן דעם פּרייז פון זייערע דירות און פלעצער אין זייער רעוויר, כמעט אויף העלפט געלט!

באַלד האָבן אָבער די דייטשן זיך אַביסל באַרויִקט פון דער ערשטער בהלה, און זעט אויס, אַנגעהויבן פאַרשטיין, אַז מיטן אַראָפּנידערן די פּרייזן פון זייערע פלעצער און דירות, קאָן אויך דערנידעריקט ווערן זייער פּאָזי־ציע אַלס „מיוחסים״, אַ פּאָזיציע, וועלכע האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו געוועלטיקן 35 יאָר נאָכאַנאַנד אין דער גאַנצער געגנט. קומענדיק צו דעם דאָזיקן באַוווסטזיין, האָבן די דעמאָלטיקע לאָדזשער נאַציס באַשלאָסן אַרויסטרעטן אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער גרינדונג פון באַלוט.

און כדי צו געבן דעם דאָזיקן „הייליקן קריג״ אַ גרויסן פאַרנעם און

# לאָדזש און אירע ייִדן

באַראַקטער, האָבן די דייטשן אָנגעשטעלט קעגן דער זאַך דעם בירגער־מייסטער, טרעיגער. נישט־קוקנדיק דערויף וואָס ער איז אין אָנהייב געווען פאַר דער דאָזיקער גרינדונג און האָט אַפילו עפנטלעך דערקלערט אין אַ מעמאָראַנדום, אַז „די גרינדונג וועט ווירקן לטובת דער שטאָט אויך פון אַ געזונדהייטס־שטאַנדפּונקט, ווייל די ענגשאַפט אין געטאָ שטעלט אין געפאַר אויך דאָס געזונט פון די קריסטן", — האָט ער אָבער שפּעטער צו־געשיקט צום קרייז־שעף קיין לענטשיץ אַ ראַפּאָרט, אין וועלכן ער דער־קלערט זיך אַלס אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון דעם נייעם קוואַרטאַל, מאָטיווירנדיק זיין קעגנערשאַפט מיט פיל משונהדיקע אַרגומענטן.

„דאָס געגרינדעטע „ביי־באַלוט", וואָס די ייִדן האָבן אויפגע־שטעלט אויפן באָדן פון דאָרף „באַלוט", ווו זיי האָבן שוין אויפגע־שטעלט זייערע הייזער, איינגעריכטעט ספּעציעלע וועגן אאַ"וו, קאָן מיט דער צייט ווערן אַ שעדלעכע שכנהשאַפט פאַר דער שטאָט לאָדזש".

(פון קראַאוזהאַרס געשיכטע, ז"ז 120—122 און לאָדזשער אַרכיוו, יאָר 1860, אַקט 223).

אויסער דעם — באַקלאָגט זיך דער בירגערמייסטער פאַרן קרייז־שעף — טוט דאָך דער כראַביע זאַווישי אַליין, אַ גרויסע עוולה: אַנשטאָט איינ־צואָרדענען אין זיין דאָרף „באַלוט" אַן אַגריקולטורעלע ווירטשאַפט, מיט גרינס־גערטנער, ווי די ייִדן בלאַוואַט און בירנצוויייג האָבן בפירוש אין זיין נאָמען אויפגעגעבן בעת דער בקשה צו דער פאַרצעלאַציע, פאַרטיילט מען אַציִנד דעם באָדן אויף קליינע שטעטישע בוי־פּלעצלעך אאַ"וו.

די דייטשן פון זייער זייט, וועלנדיק דער זאַך צוגעבן אויך אַ „פּאַט־ריאָטישן כאַראַקטער", האָבן צוגעשיקט קיין וואַרשע, דירעקט צום רוסישן „נאַמיעסטניק", גענעראַל גאָרטשאַקאָוו, אַ געהיימען באַריכט, אין וועלכן מ'ווייזט אָן זיין מאַיעסטעט דעם פאַקט, אַז דער דאָזיקער גוטבאַזיצער, גראַף אויגוסט זאַווישאַ, וועלכער האָט אַציִנד אָוועקגעגעבן זיין דאָרף באַלוט פאַר אַ ייִדישן קוואַרטאַל, איז דער לייבלעכער ברודער פון איינעם פון די הויפּט־מורדים אין דער ערשטער פּוילישער פאַוּוסטאַניע, — פונעם גראַף אַרטור זאַווישאַ, וועלכן די רוסן האָבן פאַראורטיילט צום טויט פאַר זיין אויפשטענדלערישער טעטיקייט...

## אברהם טענענבוים־ארזי

**

זעלבסטפאַרשטענדלעך האָבן אַזעלכע מעמאָראַנדומס און „פּאַטריאָ־טישע מסירות" געהאָלפן און נאָך אין זעלבן חודש האָט דער קרייז־שעף צוגעשיקט דעם לאָדזשער מאַגיסטראַט פאָלגענדן באַפעל:

„תיכף אָפּשטעלן דאָס בויען הייזער אין באַלוט! פאַרווערן נייע מענטשן, באַזונדערס יידן, זיך דאָרט צו באַזעצן, ביז ס'וועט נישט קומען אַ געהעריקע אויפקלערונג פון דעם ענין".

און כדי צו געבן דעם דאָזיקן באַפעל באַלדיקע קראַפט און צו פאַרזיכערן, אַז דאָס אַלץ זאָל דערפילט ווערן, שיקט דער קרייז־שעף צו דעם שטאָט־פּרעזידענט פאָלגענדן „צוגאָב־באַפעל":

„כדי דער באַפעל, וואָס די רעגירונג־מאַכט האָט אַרויסגעגעבן, זאָל פולשטענדיק אויסגעפירט ווערן, זאָל דער שטאָט־פּרעזידענט תיכף ומיד שיקן קיין „באַלוט" דעם לאָדזשער פּאָליציי־אינספּעק־טאָר וואָלינסקי, אויף וועלכן ס'ווערט אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע שטרענג אָפּצוהיטן, צוזאַמען מיט דער הילף פון 3 קאָזאַקן וואָס ער באַקומט אַלס שטיצע צו זיך, אַז קיין שום ייד אָדער עמעץ־אַנדערש, זאָל מער נישט בויען אין דאָזיקן „פאָלוואַרק" קיין שום הויז, און אַפילו נישט אַריין דאָרט וווינען, ביז דער ענין וועט נישט דעצידירט ווערן פון דער העכערער מאַכט".

(וואַרשעווער אַרכיוו, נומער 1326, יאָר 1860).

וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטון אין יידישן לאַגער, ווען די דער־מאָנטע „איוב־בשורה" איז אָנגעקומען קיין לאָדש, איז לייכט צו פאַרשטיין.

יעדער איז אַרומגעגאַנגען פאַרטרויערט און צעבראָכן, גלייך ווי ס'גרעסטע אומגליק וואָלט אים פּערזענלעך פּאַסירט. מענטשן האָבן פון גרויס חרפּה און בושה נישט געקאָנט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן.

און ווער ווייסט צו וואָס אַזאַ „מתים־שטימונג" וואָלט דערפירט, ווען נישט די גרויסע ישועה, וואָס איז פּלוצים אַראָפּגעקומען, ממש פון הימל!

.27

## די אומגעריכטע הילף פאַר לאָדזשער יידן!

איך געדענקט דאָך געוויס די היסטאָרישע טרייסט-ווערטער פון מרדכי הצדיק: רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר! — הילף און רע־טונג וועט קומען פאַר יידן פון אַן אַנדער אָרט!

און אַזוי איז אויך געשען מיט אונדזערע לאָדזשער יידן.

גראָד אין יענע טרויעריקע טעג, ווען דער ספּעציעל־באַשטימטער פּוילישער אינספּעקטאָר האָט, אין באַגלייטונג פון דריי רוסישע קאָזאַקן (און זייערע צוהעלפערס, די דייטשן שפּיאָנען) זיך גענומען אַרומדרייען איבער דער גאַנצער יידישער סביבה פון באַלוט און פון דעם לאָדזשער געטאָ, אין יענער פאַרביטערטער צייט, ווען די געפאַלנקייט פון יידן איז אַראָפּ אויף דער נידעריקסטער מדרגה, — גראָד דעמאָלט האָט אין פּוילן פּלוצים גענומען בלאָזן אַ ווינטל פון אַ נייער פּאָליטיק, אַ פּאָליטיק פון רעפאָרמען, וועלכע זאָלן ברענגען פאַר אַלע איינוווינער פון פּוילן, אָן אויסנאַם פון ראַסע און קלאַס, גרויסע פאַרלייכטערונגען אין אַלע געביטן פון לעבן.

***

ביז היינט זענען נאָך פאַראַן חילוקי־דעות וועגן דער סיבה וואָס עס האָט אייגנטלעך באַוויגן דעם צאַר צו פאַרעפנטלעכן יענע ליבעראַלע רעפאָרם־געזעצן: צי ס'האָט דערצו געצווונגען די „פּאָוסטאַניע־שטימונג", וואָס האָט זיך שוין דאַן געפילט אין דער לופטן פון פּוילן... אָדער ס'האָט דערצו געווירקט דער אמתדיק־ליבעראַלער גייסט פון פירשט וויעלאָפּאָל־סקי, וואָס האָט דאַן געהאַט אַ גרויסע השפּעה.

ווי ס'זאָל אָבער נישט האָבן געווען, איז אַ פאַקט, אַז די דאָזיקע רעפאָרם־געזעצן, וואָס זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן אין יאָר 1862 (גראָד אַ יאָר פאַר דער צווייטער פּוילישער פאַווסטאַניע), זענען געווען פאַר אונדזער ביסל ייִדן ממש אַן אמתדיקע ישועה. ווייל אין זכות פון יענע גרויסע רעפאָרמען, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 5טן יוני 1862, איז, צווישן אַנדערע פאַרלייכטערונג־געזעצן פאַר ייִדן, גענצלעך בטל געוואָרן אויך דאָס אַמאָליקע „געטאָ־געזעץ", וואָס האָט פּוילישע ייִדן געהאַלטן 40 יאָר נאָכאַנאַנד (פון 1822) פאַרשלאָסן אין זייערע ענגע ווינקעלעך כמעט אין אַלע שטעט פון פּוילן. 7)

***

און אַזוי האָט דאָס רעפאָרם־געזעץ פון פירשט ווילעלאָפּאָלסקי געעפנט דאָן אויך פאַר לאָדזשער ייִדן אַ גאַנץ נייע עפּאָכע — אַן עפּאָכע פון ווירטשאַפט־פרייהייט און פון מנוחה און די הויפּטזאַך: פון גלייכבארעכטיקונג מיט אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד.

אַזוי זענען לאָדזשער ייִדן ענדלעך באַפרייט געוואָרן פון דער 39־יאָריקער אַפּוטרופּסות פון די „מיוחסדיקע" דייטשן, וועלכע האָבן כסדר אויסגענוצט זייער „זגיערזשער קאָנצעסיע", ווי אַ פאַרפאָלגונג־ און אונטערדריקונג־מיטל קעגן די לאָדזשער ייִדן...

---

7) לויט ווי ס'גיט איבער דער באַקאַנטער סטאַטיסטיקער וואָלסקי, זענען אין יאָר 1856 געווען אין אַלע 453 שטעט פון קאָנגרעס־פּוילן נאָר 246 שטעט, אין וועלכע ס'איז דערלויבט געוואָרן ייִדן צו וווינען אָן שום באַגרענעצונגען. און אין די דאָזיקע שטעט האָט געוווינט 253.261 ייִדן.

פון דער צאָל איבעריקע שטעט האָבן נייַנציק באַקומען דאָס „פּריווילעגיע־רעכט" נישט צו דולדן ביי זיך קיין ייִדן...

דאָך האָבן אויך אין די דאָזיקע באַגרענעצטע שטעט געוווינט 88.745 ייִדן, און נאָר אין 31 פּוילישע שטעט זענען פאַקטיש אייַנגעפירט געווען פולשטענדיקע געטאָס, אין וועלכע האָבן דאַן (1856) געוווינט —לויט וואָלסקיס מיינונג— סך־הכל 70.176 ייִדן.

אָבער ווי עס דערקלערט דער באַקאַנטער ייִדישער היסטאָריקער ד"ר פיליפּ פרידמאַן האָט זיך, ווייזט אויס, דער דערמאָנטער פּוילישער סטאַטיסטיקער טועה געווען מיט דער צאָל פון די ייִדישע געטאָס. לויט פרידמאַנען זענען דאַן אין פּוילן געווען פיל מער ווי 31 געטאָס.

## .28

# דער נצחון פון לאָדזשער יידן איבער די דייטשן

מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן ווי גרויס ס׳איז געוואָרן די בהלה אין לאַגער פון די לאָדזשער דייטשן, ווען זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז מ׳האַלט ביי בטל מאַכן דאָס „געטאָ־געזעץ" און במילא דערלויבן ייִדן צו האַנדלען ווו זיי ווילן, קויפן ערד־שטחים ווו זיי פאַרגלוסט זיך און איינריכטן פאַבריקן און אונטערנעמונגען וועלכע זיי ווילן גאָר.

דער פאַרשטאַנד פון יענע פאַרצייטיקע לאָדזשער נאַציס האָט עס פשוט נישט געקאָנט משיג זיין, ווי אַזוי וועלן זיי, די ביז־איצטיקע „יחסנים" מיטאַמאָל אויפהערן גערעכנט צו ווערן אַלס מענטשן פון אַ „העכערער ראַסע?!"...

דער „יעקישער מוח" האָט ממש נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די לאָדזשער דייטשן וועלן מער נישט קאָנען טון מיט די ייִדן, וואָס זייער האַרץ וועט זיך פאַרוועלן?!

און וואָס פאַר אַ וואונדער איז, ווען זיי האָבן אין דער סאַמע לעצטער מינוט פאַרן פאַרעפנטלעכן די „רעפאָרם־געזעצן", געפרווט מיט אַלע מיני קונצן און כיטרע מיטלען אויפצוהאַלטן זייער פאַרעפנטלעכונג, כאָטש אויף אַ קורצער צייט?

אָבער אַלע זייערע באַמיִונגען זענען שוין געווען אומזיסט!

פוילישע ייִדן זענען באַפרייט געוואָרן און מיט זיי אויך די ייִדן פון לאָדזש, וועלכע האָבן ענדלעך אויפגעהערט צו זיין „שקלאַפן" ביי די דייטשע „הערן"!

און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די לעצטע „שלאַכט" פון 39־יאָריקן קאַמף פון לאָדזשער דייטשן קעגן די דאָרטיקע ייִדן.

***

אַ כאַראַקטעריסטישע שילדערונג וועגן דער רעאַקציע פון די דעמאָלטיקע לאָדזשער דייטשן אויף דעם „אומגליק", וואָס האָט זיי געטראָפן, געפינען מיר אין דער צייטונג „יוטזשענקא":

„די לאָדזשער „הערן", די דייטשן, וואָס פון דער ערשטער מינוט אָן זענען שוין געווען מענטשן מיט „באַזונדערע רעכט". געוואָר ווערנדיק וועגן דעם נייעם „רעפאָרם־באַפעל", וועלכער עפנט פאַר לאָדזשער ייִדן די טויערן פון „דייטשן רעוויר", וואָס איז ביז איצט געווען פאַר די ייִדן פאַרשלאָסן און פאַרהאַמערט, האָבן באַלד אַרויסגעוויזן זייער שרעקלעכע אומצופרידנקייט דערמיט. זיי האָבן באַלד באַשלאָסן כלל מער נישט צו פאַרדינגען ייִדן קיין דירות ביי זיך. זיי האָבן אַפילו געסטראַשעט יעדן דייטש, וואָס וועט עס טון, אַז מ'וועט פאַר אים, אַלס „בוגד" פאַרשליסן ס'וואַסער פון די ברונעמס. אָבער אַלע די סטראַשונקעס האָבן גאָרנישט געהאָלפן" אאַ"וו.

(פון זשורנאַל „יוטזשענקא", נומער 51, דעם 19טן נאָוו. 1862)

עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז די שטאַנדהאַפטע לאָדזשער ייִדן האָבן באַזייטיקט אויך די לעצטע שטיינער, וואָס די דייטשן האָבן זיי, ביים סאַמע סוף פון זייער „זעלבסט־הערשאַפט", געוואָלט לייגן אין וועג.

און אין אַ גאַנץ קורצער צייט נאָכן באַפרייט ווערן פון די געטאָ־גרענעצן, האָבן זיי באַוויזן דער גאַנצער וועלט ווי גרויס עס איז דעם ייִדס שעפערישער כח, אויב מ'בינדט אים נאָר נישט מיט באַגרענעצונגען און גזירות, און ווי פרוכטבאַר עס איז זיין טעטיקייט, אויב מ'שטערט נאָר נישט זיין נאַטירלעכע אַנטוויקלונג!

און אַזוי האָבן טאַקע די לאָדזשער ייִדן פון דעמאָלט אָן פאַרוואַנדלט זייער פאַרצייטיק שטעטעלע „לאָדזשע" אין איינע פון די רייכסטע אינדוסטריע־שטעט אין מזרח־אייראָפּע, און דערביי האָבן זיי אויך אַנטוויקלט דאָס פּיצינקעלע קהילהלע אין איינע פון די פּאָפּולערסטע און אָנגעזעענסטע ייִדישע קהילות אין דער וועלט.

.29

## דער „דייטש־יידישער שלום״ אין לאָדזש

און ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, האָט אויך דער יידישער נצחון אויפן „ווין־רעכט־געביט״ געצוווּנגען די דייטשן אין לאָדזש זיך אונטערצוגעבן אויך אויפן ווירטשאַפט־ און קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבנס־געביט.

אַזוי האָט טאַקע דאָס עפנען פאַר יידן די טויערן פון „טעקסטיל־רעוויר״, געעפנט פאַר זיי אויך די מעגלעכקייט אויסצונוצן זייערע פעי־קייטן אויך אויף אַנדערע אַרבעטס־געביטן.

און ווי פלעגט מען אַמאָל אין פוילן זאָגן: „יאַק לודזשיע זשיאָן זגאָד־ניע — פּאַטראַפּיאָן אָדדאַטש נאַוועט ספּאָדניע״... אַז מענטש לעבן בשלום און נישט אין בייזן, — גיבן זיי אַפילו אַוועק די לעצטע פאַר הויזן״...

אַזוי איז טאַקע שפּעטער געשען אין לאָדזש.

קוים האָבן די דייטשן געשלאָסן מיט יידן שלום, האָבן זיי זיך שוין מער נישט גערירט אָן אַ יידן! און ס׳איז דערגאַנגען אַפילו דערצו, אַז דעם גאַנצן פאַרקויף פון אַלע זייערע אויסאַרבעטונגען אין רוסלאַנד, האָבן די דייטשע אינדוסטריעלער איבערגעגעבן אויסשליסלעך אין די הענט פון די יידישע וואָיאַזשאָרן. נאָך מער: דעם גאַנצן מסחר פון אַלע זייערע טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען האָבן דייטשע גרויס־אינדוסטריעלער איבער־געגעבן אין יידישע הענט.

אַזוי, למשל, האָט דער גרויסאינדוסטריעלער לודוויק גייער, דער זעלבער ערשטער דייטשער פאַבריקאַנט, וואָס האָט אַזוי פאַרביטערט און

פאַרעקשנט געקעמפט קעגן דער עקזיסטענץ פונעם ערשטן ייִדישן אינ־דוסטריאַל עוזר בערגער, שפּעטער איבערגעגעבן דעם גאַנצן פאַרקויף פון זיינע סחורות דעם באַקאַנטן לאָדזשער בירגער א. שיק (פאָטער פון באַ־רימטן מאָלער אַרטור שיק) און נאָך אים ליפּנאָווסקין.

אַזוי האָבן אויך געטון אַנדערע דייטשע גרויסאינדוסטריעלער פון לאָדזש און איר אומגעגנט.

דער גרויס־אינדוסטריעלער קאַרל שייבלער האָט איבערגעגעבן דעם גאַנצן פאַרקויף פון אַלע זיינע אויסאַרבעטונגען דעם ייִדן מענדל שלאָס־בערג און דערנאָך צו יאַסל כהן (ברודער פון אשרן און פאָטער פון באַ־קאַנטן דאָקטער לעאָן כהן, איצט אין ישראל); די פירמע „היינצל און קוני־צער" האָט געגעבן איר פאַרקויף צו לוי כהן און שפּעטער זיין זון, אשר; „קרושע און ענדער" — צו זכריה וואַרשאַווסקי; „יוליוס היינצל" — צו הערש פינטשעווסקי; „פירמע קעללער" — צו שמעון לאַנדאַו; „גראָמאַן" — צו ניידע; „אייזענבראון" — צו ראָססעט; „יוזעף ריכטער" — צו ביר־גער; „האַפּריכטער" — צו לובינסקי און ראָזענטאַל; „קאַרל קרענינג" — צו זיידמאַנען; „לאַנגע" — צו רובינשטיין; „שווייקערט" — צו בעריש יע־רוזאָלימסקי; „קאַרל בוהלע" — צו יאַנאָווסקי און קאַפּעמאַן.

און אַזוי האָבן אויך אַלע דייטשע גרויס־אינדוסטריעלער פון די אַרו־מיקע שטעט, ווי: זגיערזש, פּאַביאַניץ, טאָמאַשאָוו, אָזאָרקאָוו, אָפּאַטוווּעק אאַ"וו, איבערגעגעבן ייִדן דעם פאַרקויף פון זייערע פאַבריקאַטן.

און אין וועג פון די לאָדזשער דייטשע אינדוסטריעלער זענען במילא אויך געגאַנגען די איבעריקע נישט־ייִדישע גרויסע פירמעס, וואָס האָבן אויפגעשטעלט זייערע פאַבריקן אין לאָדזש און איבערגעגעבן ייִדן די לייסטונג פון זייערע פאַרקויף־אָפּטיילונגען, ווי למשל: די באַוווּסטע פראַנ־צויזישע פירמע „לעאָנאַרד און קאָמפּ." — צו יעקב שטיין; די רוסישע פירמע — „סטאָליאַראָוו" — צו דעם באַוווּסטן לאָדזשער בירגער יעקב ליפּשיץ, אאַ"וו.

***

אָבער נישט בלויז אויפן אינדוסטריע־געביט האָבן זיך די דייטשן כמעט געגצלעך איבערגעגעבן אין ייִדישע הענט, נאָר אויך אין כמעט אַלע

אַנדערע ווירטשאַפט־ און געזעלשאַפטלעכע געביטן זענען זיי שפּעטער גע־גאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די ייִדן.

אַזוי האָבן זיך באַטייליקט ביי דער גרינדונג פון דער „לאָדזשער האַנדלס־באַנק" (1872), צוזאַמען מיט די באַקאַנטע דייטשן: „שייבלער שלעססער, זאַכערט, היללע, דיטריך און גראָמאַן — אויך די ייִדן: מאַר־קוס זילבערשטיין, הערמאַן קאָנשטאַט, ישראל פּאָזנאַנסקי, ישעיה ראָזענ־בלאַט און נאָך אַנדערע.

דאָס זעלבע איז אויך געווען אין זעלבן יאָר ביים גרינדן דעם שטאָ־טישן היפּאָטעקן־אינסטיטוט — „טאָוואַזשיסטוואָ קרעדיטאָווע", ווו, צווישן די באַקאַנטע דייטשן זענען אויך געווען די ייִדן: מיכאל כהן, מאַרטין לאַסקי, ישעיה ראָזענבלאַט, רפאל זאַקס, ווילהעלם גינזבורג אאַ"וו.

און אַזוי איז אויך געווען ביים גרינדן (1875) די „פריוויליקע פייערוועהר", ווו צוזאַמען מיט די דייטשן האָבן זיך באַטייליקט אַלס גרינ־דער: עדוואַרד היימאַן, הערמאַן קאָנשטאַט, רפאל זאַקס, מאָריץ פּאָזנאַנסקי אאַ"וו.

אויך צו דער גרינדונג פון אַלע אַנדערע גרויסע אינסטיטוציעס, ווי: „לאָדזשער בערזן־קאָמיטעט", „לאָדזשער ווילטעטיקייט־פאַראיין", „לאָ־דזשער האַנדלס־שולע" אאַ"וו, האָבן די דייטשן זיך באַמיט צוצוציִען די ייִדן אַלס מיטגרינדער און פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער.

***

און אַזוי איז אויך געווען אויפן קולטור־ און קונסט־געביט!

גרינדנדיק דאָ אין לאָדזש דאָס באַקאַנטע דייטשע טעאַטער „טהאַליאַ־טעאַטער", האָבן די לאָדזשער דייטשן אַנגאַזשירט אַלס דירעקטאָר און הויפּט־לייטער דווקא דעם באַקאַנטן ייִדישן שוישפּילער אַלבערט ראָזענטאַל און נאָך אים אויך אַ ייִדן, — דעם דעמאָלט אַזוי באַרימטן שוישפּילער אַדאָלף קליין.

ווי ווייט די דייטשן האָבן שפּעטער ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די פעי־קייטן פון לאָדזשער ייִדן, קאָן מען לערנען אויך דערפון, וואָס אַפילו זייער אָפיציעלער אָרגאַן „לאָדזשער צייטונג", האָט אין זיין 50־יאָריקן יובליי־נומער געשריבן וועגן די לאָדזשער ייִדן דאָס פאָלגנדע:

„אויך האָט די יידישע באַפעלקערונג אין לאָדזש אַ גרויסע נעץ פון אונטערריכט־שולן, און דאָס איז טאַקע די סיבה, וואָס צווישן די לאָדזשער יידן זענען כמעט קיין אַנאַלפאַבעטן נישט פאַראַן!"

***

אונדזערע אחינו בני ישראל הרחמנים — די באַקאַנטע „מוחל־זייערס" און „עוולה־פאַרגעסערס" — האָבן מיטאַמאָל פאַרגעסן אַלץ, וואָס די דאָזיקע פלאָגער און פייניקער זייערע, די לאָדזשער דייטשן, האָבן זיי אָנגעטון אין פאַרלויף פון לערך 40 יאָר.

דער אָנדענק פון יענער ביטערער פאַרגאַנגענהייט איז ממש אויסגעמעקט געוואָרן פון יידישן זכרון, און אַ נייער גייסט, אַ גייסט פון צוטרוי און חברשאַפט, אַפט אַפילו פון גאַנץ נאָענטער פריינטשאַפט, האָט גענומען הערשן צווישן יידן און דייטשן אין לאָדזש און איר סביבה.

מעגלעך, אַז טאַקע די דאָזיקע יידישע מידה, — די מידה פון פאַרגעסן און מוחל־זיין — איז די גרויסקייט פון יידן. און אפשר דאַרף עס טאַקע אַזוי זיין? אָבער ליידער... ליידער איז דאָס אַ סך מאָל די הויפּט־סיבה פון שפּעטערדיקע, נאָך גרעסערע ליידן און פּיין, ווי עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אין לאָדזש גופא, בעת די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון יענע אַמאָליקע לאָדזשער נאַציס האָבן אין דער בלוטיקער היטלער־עפּאָכע אָפּן און פריי צוגעהאָלפן די „געסטאַפּאָ־לייט" ביי זייער אויסראָטונג־אַרבעט פון די לאָדזשער יידן...

.30

# אָנטייל פון לאָדזשער יידן אין דער ערשטער פוילישער „פּאָווסטאַניע"

ווי באַוווסט זענען די אייראָפּעיִשע מלוכה־מענער (1815) — נאָכדעם ווי זיי האָבן נאַפּאָלעאָנען פאַרשיקט אויף דער אינדזל „העלענאַ" — זיך צונויפגעקומען אין ווין, כדי זיך צו באַראַטן ווי אַזוי אויפסניי צו פאַרטיילן די לענדער, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט דעם רוב פון זיי פאַרטיילט צווישן זיינע אייגענע ברידער.

אויף דער דאָזיקער פעלקער־פאַרזאַמלונג, באַקאַנט אונטערן היסטאָרישן נאָמען „ווינער־קאָנגרעס", איז צווישן פיל אַנדערע באַשלוסן, אויך באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן גאַנץ „קאָנגרעס־פוילן" אונטערן שוץ פון צאַרישן רוסלאַנד.

די דאָזיקע „חלוקה" (די דריטע שוין) האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַרויסגערופן ביי די נאַציאָנאַלע פּאָליאַקן אַ גרויסע אומצופרידנקייט, און במילא האָט אויך די דאָזיקע אומצופרידנקייט גורם געווען אינערלעכע בונטן קעגן דעם באַשלוס פון „ווינער־קאָנגרעס".

די דאָזיקע אינערלעכע אומצופרידנקייט איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אין אָפענע אויפשטאַנדן, פון וועלכע צוויי — אַלס גרעסטע און שאַרפסטע — זענען באַקאַנט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „ערשטע פוילישע פּאָווסטאַניע" (אויפשטאַנד פון יאָר 1830־31) און די „צווייטע פוילישע פּאָווסטאַניע" (פון יאָר 1863).

ביידע אויפשטאַנדן האָבן זיך, ווי באַוווסט, געענדיקט מיט אַ גרויסער מפלה פאַר די פּוילישע „פּאָווסטאַנצעס", וועלכע „פּאַניע" האָט אָן שום רחמנות געשאָסן, געהאַנגען, צעשטאָכן און סתם פאַרפייניקט אין אַרקטיקע און הויפּטזעכלעך סיבירער טורמעס.

און אַזוי ווי די טבע פון ייִדן איז צו זיין טריי יעדן לאַנד ווו זיי געפי־נען זיך, האַלטנדיק זיך — ווי אונדזערע חכמי־התלמוד האָבן געלערנט: „הוי מתפלל בשלומה של מלכות" — האָבן טאַקע אויך פּוילישע ייִדן געשיצט און געשטיצט מיט אַלעם מעגלעכן די „פּוילישע פּאָווסטאַנצעס" אין באַפרייונגס־קאַמף פון זייער לאַנד צוהעלפנדיק זיי מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר פון ייִדן פאַרלאַנגט.

***

איך גיב דאָ איבער פּרטים וועגן אָנטייל פון לאָדזשער ייִדן אין דעם אויפשטאַנד, לויט די דערציילונגען פון לאָדזשער זקנים — פּאָווסטאַנצעס — וואָס זייערע רייד האָב איך מיט יאָרן צוריק פאַרצייכנט און זיי גע־פינען זיך נאָך היינט אין מיינע נאָטיצן.

„ווען די ערשטע פּאָווסטאַניע האָט אויסגעבראָכן, האָבן זיך די לאָדזשער „פּאָווסטאַנצעס" באַהאַלטן, ביי טאָג אין די געדיכטע וועל־דער פון אַרום לאָדזש, ביי ראַדאָגאָשטש און לאַגעווניק (צפון־זייט פון שטאָט — א. ט.) און אויך אין די „בזשעזשינער וועלדער" (מזרח־זייט) און אין די רודאַ־פּאַביאַניצער וועלדער (דרום־זייט).

און ווען ס'האָט גענומען פינצטער ווערן, פלעגן די „פּאָווסטאַנ־צעס" אַרויסקריכן פון זייערע באַהעלטענישן און, פאַרכאַפּנדיק ביי די אַרומיקע פּויערים און גוטבאַזיצער די פערד און קאָסעס, פלעגן זיי רייטנדיק באַפאַלן די קאָזאַקן, וואָס „פּאַניע" פלעגט כסדר צושיקן פון לענטשיץ.

אויך מיר ייִדן האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּאָווסטאַניע. אָבער אויף אונדז האָבן די פּאָווסטאַנצעס אַרויפגעלייגט גאָר אַן אַנדער מלאכה, נעמלעך: אָפּצוהיטן די וועגן ביי ביידע הויפּט־גרענעצן פון דער שטאָט, דורך האַלטן „שמירה" ביי ביידע הילצערנע בריקן פון

ביידע זייטן שטאָט: דרום־זייט, ביי דער פּאַביאַניצער ראָגאַטקע, וואָס האָט זיך געפונען ביים טייך „יעשיען" און צפון־זייט, ביי דער זגיערזשער ראָגאַטקע, וואָס האָט זיך געפונען ביים „סטאָוו" (ביים טייך „לודקאַ"), גראָד נעבן זגיערזשער טראַקט.

און, באַוואָפּענענדיק זיך מיט קאָסעס און העק, מיט אייזערנע און דעמבענע דרענגער, האָבן די ייִדן געהאַלטן „שמירה" טאָג און נאַכט ביי די דאָזיקע הויפּט־וועגן צו דער שטאָט".

די ייִדישע „שמירה־לייט" פלעגן זיך בייטן יעדע 6 שעה. ביים אַרויסגיין צו „שמירה" האָבן יעדעס מאָל זיי באַגלייט מיט ברכות און תפילות זייערע שכנים, באַזונדערס ווייב און קינד.

ווייטער דערציילט זיך אין די דאָזיקע פאַרצייכענונגען:

די „שמירה" ביי דער זגיערזשער ראָגאַטקע האָבן די פּאָוסטאַנצעס איבערגעגעבן די ייִדן, אונטער דער אָנפירונג פון ברוך בערגער („ברוך מילנער"), יהודה־לייב בראָנאָווסקי, אברהם בראָנאָווסקי און מאיר בראָנאָווסקי; און די „שמירה" אויף דרום־זייט, ביים פּאַביאַניצער „שלאַבאַן" האָבן באַקומען: זקן אָרבאַך, אברהם פּיטלאָוויטש, שלמה יצחק בלאַוואַט און יעקב זאָנענבערג.

אָבער ווי אַ פאַראַנטוואָרטלעכן איבער אַלץ האָבן די פּאָליאַקן געמאַכט דעם ייִדן, עליו־השלום, ר' מרדכי בערגער ז"ל, גערופן אויך „מרדכי דער גיבור", מיט עטלעכע פון זיינע פינף זין: עוזר, ברוך, אייזיק, נתן און אברהם, און ער אַליין פלעגט דעמאָלט פאַרטיילן די ייִדישע „שמירה"־לייט ביי ביידע ראָגאַטקעס, ווי אויך אַוועקשטעלן די ייִדישע „פּאָוסטאַניע פּאָליציאַנטן" נעבן הויז פון „אַקציז".

.31

# לאָדזשער יידן ביי דער צווייטער פוילישער „פּאָווסטאַניע"

אויך וועגן דער באַטייליקונג פון לאָדזשער יידן אין צווייטן פּוילישן אויפשטאַנד איז אונדז פאַרבליבן ווייניק מאַטעריאַל. דאָך האָבן מיר שוין אַ ביסל אַ קלאָרער בילד וועגן דער דעמאָלטיקער לאַגע פון אונדזערע לאָדזשער ברידער, באַזונדערס וועגן די צרות, וואָס זיי פלעגן נעבעך אויסשטיין פוןביידע קעמפנדיקע צדדים.

איך גיב דאָ איבער דאָס, וואָס כ'האָב אָפּגעשריבן ווערטלעך פון אַלטן לאָדזשער פּנקס:

„דעם 16טן מאַי (1863) האָבן די „פּאָווסטאַנצעס" אַראָפּגעריסן פון אַלע היגע רעגירונג־געביידעס די „אָדלערס" (דעם רוסישן נאַציאָנאַלן רעגירונגס־הערב — א. ט.);

דעם צווייטן טאָג שבועות זענען אין שטאָט אָנגעקומען די קאָזאַקן;

דעם 19טן האָבן די רוסן אויפגעהאנגען דעם ייד מייראַנץ;

דעם 11טן יוני האָבן די פּוילישע פּאָווסטאַנצעס אויפגעהאָנגען דעם ייד בייבע בעלינגוולאַז, אָדער בייבע פון אינאָוולאָדז (דער דאָזיקער נאָמען איז נישט דייטלעך — א. ט.);

דעם 23סטן סעפּטעמבער האָט אברהם קאַלינסקי באַקומען 40 שמיץ אין מיטן מאַרק;

## לאָדזש און אירע יידן

דעמזעלבן טאָג האָט דער רוסישער גענעראַל ברעמזע באַפוילן
צו שמייסן בפהרסיא אויף דעם בעל־עגלה אלימלך;

באַלד נאָכדעם האָט מען אויך אויפגעהאָנגען ר׳ לייביש דעם
מלמד;

גענעראַל ברעמזע האָט צונויפגערופן די יידישע בעלי־בתים
פון גאַנץ אַלטשטאָט און האָט זיי געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן נישט
אויסגעבן דעם נאָמען פון דעם ייד, וואָס האָט דערהרגעט דעם קאָ־
זאַק, וועט ער אַרויפלייגן אויף יעדן פון זיי, באַזונדערס אויף די פון
ערשטן צירקל, צו צען רובל שטראָף".

נאָך דער דערמאָנטער קורצער, אָבער זייער כאַראַקטעריסטישער
רשימה פון די געהאָנגענע און מיט „מלקות" באַשטראָפטע יידן, האָב איך
אין אַלטן פנקס, געפונען צוגעשריבן, רעכטס ביים ראַנד פון זעלבן בלעטל,
גראַד צווישן דער שורה פון אויפגעהאָנגענעם מלמד לייבוש, און גענעראַל
ברעמזעס באַפעל צו די יידישע בעלי־בתים פון אַלטשטאָט", אויסצוגעבן
דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט דערהרגעט דעם קאָזאַק, — אויך דעם
נאָמען פון „חיים־יודל סופר".

כ׳האָב אָבער דערפון נישט געקאָנט אַרויסקריגן די כוונה פון דעם
פנקס־שרייבער, צי ער האָט דערמיט געוואָלט דערציילן, אַז טאַקע אָט דער
דאָזיקער „תפילין־ און מזוזה־שרייבער" איז עס געווען דער יעניקער, וואָס
מ׳האָט זיין נאָמען אויסגעגעבן אַלס דעם רוצח פון קאָזאַק, אָדער צי דאָס
האָט ער זיך געמאָלדן ביים גענעראַל ברעמזע און אים אַנטפּלעקט יענעמס
נאָמען. אויף יעדן פאַל, ווי עס זאָל נישט האָבן געווען, האָבן מיר פון
דער דאָזיקער רשימה אַ קלאָר בילד, וואָס אונדזערע אחינו בני ישראל
דק"ק לאָדזש האָבן זיך געבעך דאַן אָנגעליטן פוןביידע צדדים.

**
*

גאָר צום סוף פון די דערמאָנטע פאַרצייכענונגען האָב איך געפונען
צוגעשריבן נאָך פאָלגענדן אינטערעסאַנטן פאַקט, וועלכן כ׳גיב איבער
והערטלעך;

„ביי דער דאָזיקער פּאָווסטאַניע איז זיך געריטן אויף איר שיין פּערדל די לייבלעכע טאָכטער פון כראַביאַ אַרטור זאַווישאַ איבער די גאַסן פון אונדזער שטאָט. און באַגעגענענדיק דעם ערשטן קאָזאַק, וואָס איז איר אַנטקעגן־געריטן, האָט זי אים דערשטאָכן אויף טויט מיט איר קינזשאַל, וואָס זי האָט געהאַט באַהאַלטן הינטער איר לאַנ־גער פּעלערינע.

נאָכן דערהרגענען אים, האָט זי צוגעבונדן אַ שטיין צו זיין האַלדז און אים אַריינגעשליידערט אין „סטאָוו" אַריין (אין טייך „לוד־קאַ" — א. ט.) .

אָבער באַלד דערנאָך זענען אָנגעקומען נייע קאָזאַקן, האָבן זי געפּאַקט און צעשטעכנדיק זי מיט זייערע לאַנגע „פּיקעס", האָבן זיי איר טויטן גוף אַריינגעשליידערט, צוזאַמען מיט אַ גרויסן שטיין אַרום איר האַלדז, אויפן זעלבן אָרט, ווו זי האָט געהאַט „טובל"־געווען דעם קאָזאַק"...

אָט דאָס איז עס אין קורצן דאָס „פּאָווסטאַניע־בילדל", וואָס ווייזט אונדז באַשיינפּערלעך, ווי ס׳ביסל אחינו בני ישראל האָבן איבערגעלעבט די פּריידן און ליידן פון די אומות העולם...

צווייטער טייל

# די אנטוויקלונג פון יידישן לאדזש
# און דער ארגאניזיר-כוח
# פון די לאדזשער יידן

.32

## ווי אַזוי יידישער פּלייס האָט אַנטוויקלט די לאָדזשער אינדוסטריע

כאָטש עס איז באַוווסט, אַז די לאָדזשער טעקסטיל־אינדוסטריע האָבן געגרינדעט די דייטשן, און אַז דעם יסוד דערצו האָט געלייגט דער באַוווסטער „זגיערזשער אָפּמאַך“, לויט וועלכן די דייטשן פאַרפליכטן זיך, פאַר געוויסע הנחות און גינסטיקע באַדינגונגען (ווי: אומזיסטן בוי־פּלאַץ, האָלץ צום בויען פון לאָדזשער וואַלד, אַ מאָרג לאַנד אומזיסט אויף ירקות, ביליקע פּוילישע וואָל און פלאַקס־פעדים צום וועבן אאַ״וו) איינצופירן די וועב־פאַבריקאַציע, — דאָך איז אַ פאַקט, אַז דעם עיקר־שטויס צו דער אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון דער לאָדזשער אינדוסטריע האָבן געגעבן לאָדזשער ייִדן.

גאַנץ באַזונדער האָט געווירקט דערצו דער ייִדישער אויפטו אָנצוהייבן אויסאַרבעטן לאָדזשער טעקסטיל־סחורות, נישט בלויז פון פּוילישער שעפּסן־וואָל אָדער פון פּויערישע פלאַקס־פעדעם, נאָר הויפּטזעכלעך פון דעם „נייעם ענגלישן פאָדעם“, — פון בוימוואָל־גאַרן!

דערביי דאַרף מען וויסן, אַז גאָר נישט לייכט איז די ייִדן אָנגעקומען דאָס איינפירן אין לאָדזש די בוימוואָל־אינדוסטריע; ערשטנס, האָבן די דייטשע האַנט־וועבער, די אַזוי־גערופענע „טוך־וועבער“, וואָס זענען פון קינדוויַיז אָן געוווינט געווען צו וועבן סחורות פון וואָלענע פעדעם — בשום אופן נישט געוואָלט ענדערן זייער לעבנס־שטייגער און אָנהייבן

פלוצים וועבן פון אַ נייעם פאָדעם, וואָס איז פיל דינער פון וואָלענעם און פאַרברויכט מער שוס און אַרבעטס־צייט ווי דער וואָלענער פאָדעם.

צווייטנס, האָבן די פוילישע פויערים און פויערטעס פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אַריינקריכן אין אַ העמד צי אַרויפליגן זיך אויף אַ ליילעך, וואָס איז נישט געוועבט פון דיקע פוילישע לייוונט, ווי זיי זענען געוווינט געווען פון די גאָר אַלטע צייטן!...

ווי ווייט דער דאָזיקער „פויערים־בונט" איז געווען ערנסט, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס בעת לאָדזשער בוימוואָל־סחורות זענען שוין געווען גוט איינגעפירט אין גאַנץ רוסלאַנד, האָט מען זיי זייער שלעכט פאַרקויפט דווקא אין פוילן גופא.

עס איז געקומען דערצו, אַז די רעגירונג־קאָמיסיע פאַר אינערלעכע ענינים, וואָס איז ספּעציעל נאָמינירט געוואָרן אויסצופאָרשן די סיבה, למאי עס קומען זיך צוויי יאָר קיין לאָדזש אַזוי ווייניק סוחרים פון פוילן גופא (1840/42), איינצוקויפן לאָדזשער בוימוואָל־סחורות, איז געקומען צום פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן באַשלוס:

„דאָס פאַרברויכן פון בוימוואָל־סחורות איז בכלל ביי אונדז נישט גענוג פּאָפּולער! די הויפּט־סיבה דערפון איז וואָס דער גרעסטער באַפעלקערונגס־קלאַס פון פוילן, — די דאָרפסלייט — באַנוצן זיך נאָך אַלץ מיט שטאָפן פון פוילישער לייוונט און פון שעפּסן־וואָל".

(לאָדזשער אַרכיוו, יאָר 1842, אַקט 62)

אָט דאָס אַלץ האָט ייִדישע ענערגיע געמוזט גובר זיין, כדי סוף־כל־סוף איינצופירן די בוימוואָל־אינדוסטריע. אַזוי האָבן טאַקע ייִדן גענומען אַריינברענגען קיין פוילן פון ענגלאַנד (מיט פערד און וואָגנס, דורך דייטשלאַנד) בוימוואָל אויף אויסצואַרבעטן אין לאָדזש סחורות. עפּענענדיק דערצו ספּעציעלע פאַרקויפס־לאַגערן, האָבן זיי געגעבן די דייטשע וועבער די מעגלעכקייט צו באַקומען די נייטיקע גאַרנס תיכף און אויך יעדן קוואַנטום, אַנשטאָט צו וואַרטן אויף אים וואָכן און אַפילו חדשים לאַנג.

אַלס באַווייז ווי די ייִדישע גאַרן־לאַגערן זענען דאַן נוצלעך געווען פאַר די דייטשע וועב־פאַבריקאַנטן, קאָן דינען די אָפיציעלע דערקלערונג,

## לאָדזש און אירע ייִדן

וואָס עס האָט געגעבן וועגן דעם ענין דער גובערנאַטאָר פון דער מאַזאָ־וויעצקער וואָיעוואודסטווע (גובערניע), כראַביאַ פראַנצישעק פּאָטאָצקי, וועלכע הייבט זיך אָן אַזוי:

„די גובערניאַלע רעגירונג איז ביי דער מיינונג אַז פאַר דער באַ־קוועמלעכקייט פון די וועב־פאַבריקאַנטן צו באַקומען לייכטער בוימ־וואָל־גאַרן און אין בעסערער קוואַליטעט, דאַרף מען געבן דערלויבע־נישן צו עפענען אַזעלכע לאַגערן פאַר די דאָזיקע ייִדן (מאַמראַט און לאַנדע), וועלכע האָבן דערויף גענוגנדיקע פאַך־ און אָנשטענדיקייט־קוואַליפיקאַציעס" אאַ"וו.

(וואַרשעווער אַרכיוו, 23סטן אָקטאָבער 1833).

לאָדזשער ייִדן זענען אויך געווען די וואָס האָבן באַוויזן צו פאַרשפּרייטן זייערע סחורות אויפן רוסישן מאַרק, נישט נאָר ווען דער האַנדל מיט רוס־לאַנד איז שוין געווען פריי, נאָר אויך דעמאָלט, ווען בריסק (דליטא) איז נאָך געווען די גרענעץ־שטאָט צווישן פּוילן און רוסלאַנד, ווו מ'האָט (ביזן יאָר 1850), באַדאַרפט באַצאָלן אַ געוויסן צאָל פאַר אַלע אַריינגעפירטע סחורות, אַלס שטראָף פאַרן ערשטן אויפשטאַנד פון יאָר 1830/31;

און די ייִדישע קאָמיסיאָנערן, וואַיאַזשאָרן און עקספּעדיטאָרן פון לאָדזש זענען אויך געווען די דאָזיקע, וואָס זענען אַריינגעדרונגען מיט לאָדזשער סחורות קיין רוסלאַנד, נישט נאָר ווען לאָדזש האָט שוין זוכה געווען צו האָבן אַ דירעקטע באַן־פאַרבינדונג מיט וואַרשע (אין יאָר 1865), נאָר אַפילו אין יענע צייטן, ווען די גאַנצע טראַנספּאָרטירונג איז נאָך פאָרגע־קומען אויף פערד און וואָגנס.

וועגן די טראַנספּאָרט־שוועריקייטן פון לאָדזשער סחורות, דערציילט דער רוסישער עקאָנאָמיסט אַקסאַקאָוו פאָלגענדעס:

„די לאָדזשער סחורות ווערן געפירט פון לאָדזש ביז קאָלושקי, מיט וואָגנס און פערד; פון דאָרט קיין וואַרשע מיט דער באַן; פון וואַרשע ביזן „אויגוסטאָווער וואַסער־קאַנאַל"; און פון דאָרט מיט שיפן ביזן טייך דניעפּער און פון דניעפּער קיין קרעמענטשוג; פון דאָרט מיט גרעסערע שיפלעך (באַרקעס) קיין כאַרקאָוו און פון כאַרקאָוו אויף וואָגנס און פערד צו אַלע צען אוקראַינער יריד־פּלעצער. און

דאָרט באַפאַלן די יידישע סוחרים די לאָדזשער סחורות ווי היישע־
ריקן"... אא"וו.

(פון אַקסאַקאָוס בראשור, דערשינען אין 1858, אין פעטער־
בורג, ז"ז 77—176: „אַ טאַרגאָווליע נאַ אוקראַאינסקיך יאַרמאַרקאַך").

ס'איז כדאי צו ברענגען צוויי אָפיציעלע באַריכטן, וואָס זענען בשעתם געגעבן געוואָרן איבער יידן, דווקא דורך נישט־יידן, וועלכע זענען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן ממש אין די „ימי בראשית" פון דער אַנטשטייונג פון דער לאָדזשער טעקסטיל־אינדוסטריע.

אין זיין מעמאָראַנדום צום לענטשיצער קרייז־שעף וועגן דעם באַ־קאַנטן לאָדזשער בירגער לייב בראַנאָווסקי, שרייבט דער לאָדזשער בירגערמייסטער טשאַרקאָווסקי, אַזוי:

„איך בין איבערצייגט אין דער איבערגעגעבנקייט פון דעם יידן לייב בראַנאָווסקי, וועלכער גיט זיך איבער דעם וווקס פון דעם נייעם טעקסטיל־קוואַרטאַל. ער האָט אויך עטלעכע מאָל שוין געגעבן געלט־אונטערשטיצונגען פאַר די אָנגעקומענע האַנט־וועבער".
(לאָדזשער אַרכיוו, נומער 5934, דעם 30סטן דעצעמבער 1824)

אַ נאָך דייטלעכערן באַוויז וועגן דער יידישער הילף אין דער אַנט־וויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין פוילן, געפינען מיר אינעם אויספירלעכן באַריכט, וואָס דער פירשט אַנטאָני אָסטראָווסקי, (באַזיצער פון דער טעקסטיל־שטאָט טאָמאַשאָוו) האָט, אַלס נאָמינירטער ערן־אויפ־זעער אויף די טעקסטיל־שטעט אין פוילן, פאַרעפנטלעכט:

„עס וואָלט מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אַפילו — שרייבט גראַף אָסטראָווסקי — זיך אונטערצונעמען אויפצושטעלן אַזאַ גרויס און וויכטיק ווערק ווי דאָס אינדוסטריאַליזירן טאָמאַשאָוו און די אי־בעריקע שטעט פון אונדזער לאַנד, אָן די יידן!

נאָך מער: די יידן אַליין האָבן זיך פרייוויליק געשטעלט מיט גרייטקייט צו שטיצן מיט זייער געלט און ענערגיע די דייטשע אונ־טערנעמונגען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין מיינע גיטער און אויך אין אַנדערע אינדוסטריע־ערטער.

און דאָס אַלץ האָבן די יידן געטון מיט אויסערגעוויינלעכן ווילן און מיט פאַרשטענדעניש! און אונדזערע וועב־שטאָפן האָבן זיך שוין

באַוווּסט געמאַכט נישט נאָר אין אונדזער לאַנד און אין גרויסן רוס־לאַנד, נאָר אויך אין קיאַכטאַ, וואָס געפינט זיך אין כינע!

און דאָ דאַרף מען אָפּן זאָגן, אַז די פּוילישע יידן, זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט די רוסישע סוחרים, אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון זייערע יידישע ברידער אין יענעם גרויסן לאַנד, בעת אונדזערע קריסטלעכע סוחרים פון וואַרשע האָבן עס נישט געטון!...

ווי־זשע — ענדיקט אָסטראָווסקי זיינע ווערטער — קאָן מען דאָ עפּעס אָנהייבן אָן יידן״?!...

(פון אָסטראָווסקיס שוין דערמאָנטן בוך, ז׳ 165, דערשינען 1834)

***

און אין דער אמתן האָבן טאַקע לאָדזשער יידן געהאָלפן דער אַנט־וויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, נישט נאָר אין אָנהייב פון איר עקזיסטענץ, נאָר אויך אין אַלע צייטן פון איר קיום.

איז דאָך אַ באַוווּסטער פאַקט, אַז לאָדזשער יידן האָבן נאָכן ערשטן וועלט־קריג אויפגעשטעלט נישט בלויז די יידישע פאַבריקן, נאָר אויך די פאַבריקן פון די דייטשע גרויס־אינדוסטריעלער, שטעלנדיק צו זייער דיס־פּאָזיציע, חוץ מזומן געלט, אויך רוי־מאַטעריאַלן אויף צו קאָנען לאָזן צו־ריק אין גאַנג די פאַבריקן, וואָס דער דייטשער אָקופּאַנט האָט בעת זיין 4־יאָריקער הערשאַפט אין לאָדזש (18—1914) פולשטענדיק אויסגערויבט.

לסוף איז כדאי צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז לאָדזשער יידן האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען זייער שטאָט נישט נאָר אויפן געביט פון טעקסטיל־אינדוסטריע, נאָר אויך אין אַלע אַנדערעווירטשאַפט־צווייגן.

אַזוי געפינען מיר אין די אָפיציעלע לאָדזשער אַרכיוון, אַז שוין אין יאָר 1826 זענען אַלע דריי לאָדזשער בוי־אונטערנעמער געווען יידן: יצחק אייזנער, לייב פאַזענטשעווסקי און יהושע שולץ; אויך איז דאַן געווען דער איינציקער ברונעמער־בויער פון שטאָט דער ייד יוסף בזשעזשינסקי; דער פאַכטער פון דער שטאָטישער ציגל־פאַבריק איז געווען עוזר בערגער.

אויך די מחוץ־שטאָטישע טראַנספּאָרט־פאַרבינדונג איז געווען לרוב אין יידישע הענט, און פון די טראַנספּאָרט־פירמעס פון לאָדזשער סחורות

זענען, אין יאָר 1850, געווען 8 אין יידישע הענט! חוץ דעם זענען די פאַכטערס פוןביידע „בריקן־שטייערס" (אַ שטייער וואָס פלעגט דעם פאַכטער פאַרפליכטן צו האַלטן אין אָרדענונג די ביידע פאַרבינדונג־וועגן אין שטאָט אַריין) תמיד געווען נאָר יידן.

**
*

בכלל איז ווערט צו דערמאָנען, אַז אַ דאַנק יידן האָט זיך פאַרצייטנס אָנגעהויבן דאָס בויען הייזער מיט ציגל, וואָס עס באַשטעטיקט, אָפיציעל, דער ערשטער לאָדזשער בירגערמייסטער טשאַרקאָווסקי, אין זיין מעמאָראַנדום צו דעם קרייז־שעף:

„...און דער ייד לייב בראָנאָווסקי איז טאַקע דער ערשטער בירגער פון שטאָט, וואָס שטעלט אויף אַ געביידע, געבויט דורכאויס פון ציגל. דורך דעם גיט ער דעם שטויס דערצו, אַז אויך אַנדערע זאָלן אָנהייבן בויען הייזער פון ציגל".

(לאָדזשער אַרכיוו, נומער 5934, דעם 30סטן דעצעמבער 1824)

אויך לייב בראָנאָווסקיס ברודער, אברהם, האָט פיל צוגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער לאָדזשער טעקסטיל־אינדוסטריע. אָט וואָס מיר האָבן געפונען וועגן דעם אין דעם אַלטן לאָדזשער פנקס:

„אברהם בראָנאָווסקי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרשפרייט לאָדזשער סחורות אין די פוילישע שטעט. ער פלעגט אויפקויפן ביי די וועבער און פאַבריקאַנטן סחורות און פלעגט זיי אַרומפירן אויף זיין וועגעלע צו פאַרקויפן צו די סוחרים און אויף די ירידים פון פוילן. שפעטער אָבער, ווען זיינע געשעפטן האָבן זיך פאַרגרעסערט, האָט ער גענומען אַרויסשיקן זיינע „משולחים" דערצו, פון וועלכע די וויכטיקסטע זענען געווען: שמואל־הירש דזשאַלאָווסקי. פישל האַמבורסקי, שמואל יעקב אייגער, פנחס האַמבורסקי, יחיאל דודעלטשיק און חיים צעדערבוים.

מ'דערציילט, אַז ווו בראָנאָווסקיס אַ „משולח" האָט געדאַרפט אָנקומען איז שוין פריער געווען „יום־טוב אינדערוואָכנס"! מ'האָט געוואַרט אויף אים ווי אויפן וויכטיקסטן גאַסט פון שטאָט.

אינטערעסאַנט איז פאָלגנדער פאַקט: איינמאָל איז בראָנאָווסקי צופעליק דורכגעפאָרן דורך אַ שטעטל, ווו מ׳האָט אים נישט גע־קאָנט, און ווו זיינער אַ „משולח״ האָט גראָד געדאַרפט אָנקומען. אַריינקומענדיק אין דער איינציקער אכסניה פון שטעטל, האָט ער געוואָלט נעמען אַ שטוב אויף איבערנעכטיקן. דערקלערט אים אָבער דער בעל־אכסניה, אַז היינט קאָן ער אים נישט געבן קיין בעטל. ווייל בראָנאָווסקיס אַ משולח דאַרף אָנקומען פון לאָדזש און אַלע בעטלעך זענען שוין פאָראויס פאַרנומען פון די סוחרים פון די אַרו־מיקע שטעטלעך וואָס קומען צו אים היינט אין אָוונט.

זייענדיק טשעקאַווע צו וויסן ווי זיין „משולח״ פירט זיך אויף, אָנקומענדיק אין אַ שטעטל, איז בראָנאָווסקי געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק וואַרטן ביז 9 אין אָוונט, ווען דער משולח וועט אָנקומען. פלוצים איז געוואָרן אַ קאָ־כעניש: „דער משולח איז שוין דאָ״, און דער עולם איז אַרויסגעלאָפן, זיך געשטעלט אונטער די פענצטער פון דער אכסניה קוקן וואָס מ׳האָט אַלץ אָנגעגרייט פאַרן חשובן גאַסט.

צווישן די פיל נייגעריקע איז אויך געשטאַנען בראָנאָווסקי. פלוצים האָט דער משולח דערזען דורכן פענצטער ר׳ אברהמען, בכבודו ובעצמו! און וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטון קאָנט איר זיך שוין אַליין פאָרשטעלן: דער משולח איז שיעור נישט געפאַלן אין חלשות, געוואָר ווערנדיק, אַז צוליב אים האָט זיין בעל־הבית געמוזט נעבעך זיצן אין בית־המדרש כמעט אַ האַלבן טאָג. דער אָרעמער „האָטעלניק״ האָט זיך גענומען פאַרענטפערן, אַז ער איז כלל נישט שולדיק און ער בעט „מחילה, סליחה וכפרה״ אאַ״וו.

דער סוף איז געווען, אַז אַלץ איז אַריבער בשלום און ר׳ אברהם איז אַהיימגעפאָרן אַ צופרידענער, זעענדיק ווי זיינע „משולחים״ זענען אָנגעזען אין די פּוילישע שטעטלעך.

.33

## די מוסטערהאַפטע אָרגאַניזאַציע פון לאָדזשער יידן

זייער אַ סך קאָן מען דערציילן וועגן דער אָרגאַניזאַציע־פעיִקייט פון לאָדזשער יידן. דאָ אָבער וועלן מיר נאָר ברענגען עטלעכע אינטערע־סאַנטע פאַקטן, וואָס האָבן זייער צייט געדינט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע קהילות. נאָך פיל מסירות און מלשינות אויף יידן, וואָס זאָלן, לויט דער מיינונג פון די דעמאָלטיקע דייטשן, האָבן „עובר געווען אויפן געטאָ־געזעץ" און זיך באַזעצט „מעבר לגבול" — דאָס הייסט פון יענער זייט געטאָ — האָבן די מוסרים פלוצים „אַנטדעקט", אַז דאָס הויז אין וועלכן עס וווינט דער סאַמאָראָדנער פרנס העיר, ר' יחזקאל זאַלצמאַן, געפינט זיך אויך מחוץ „לתחום־המושב", — פון יענער זייט געטאָ...

און אויפן סמך פון זייער „אַנטדעקונג" האָבן די דייטשן אָנגעגעבן, דעם 10טן מערץ 1831, צום גובערנאַטאָר פון דער מאַזאָוויעצקער וואָיע־ווודסטווע, פירשט פּאָטאָצקי, אַן אָנקלאַגע אויף דער לאָדזשער מאַכט, וועלכע האָט (נאָך אין יאָר 1827...) געוואַגט צו דערלויבן וווינען דעם „זשיד" זאַלצמאַן אין הויז פון דייטש טרענקלער, וואָס געפינט זיך אין „קריסטלעכן רעוויר".

און ווייל כראַביאַ פּאָטאָצקי האָט די דאָזיקע אָנקלאַגע אָפּגעוואָרפן, מיטן מאָטיוו, אַז זאַלצמאַן, אַלס באַזיצער פון זיין „עקסטראַ האַנדלס־קאָנסענס" קאָן וווינען ווו ער וויל, האָבן די דייטשן זיך געוואָנדן מיט זייער באַשולדיקונג דירעקט צום „נאַמיעסטניק" פון דער צאַרישער רע־גירונג אין וואַרשע, דעם גענעראַל־אַדיוטאַנט שיפּאָוו, פאַר וועלכן זיי באַ־

קלאָגן זיך „נעבעך" אויף זייער ביטערן גורל. זייער בקשה ענדיקן זיי מיט פאָלגנדע „פערל־ווערטער".

„...דורכגעדרונגען פון דער גערעכטער מורא אונדזערער פאַר אַ זיכערן רוזן, אויב צווישן אונדז וועלן ווינען ייִדן, בעטן מיר צו פאַרבאָטן, אַז ייִדן זאָלן אַריינדרינגען אין פאַבריק־רעוויר, ווייל דורך דעם וועלן פאַרמיטן ווערן צוויי זאַכן: דאָס אַראָפּזינקען פון לאָדזש אַלס פאַבריקס־שטאָט, און אויך דער פאַרלוסט פון אונדזער האָב־און־גוטס.

געצייכנט אין נאָמען פון אַלע לאָדזשער דייטשן,

קאַרל גרעיבער".

(וואַרשעווער אַרכיוו, 10טן מערץ 1831)

דער סוף פון די אַלע דייטשע מלשינות איז געווען, אַז מ'האָט טאַקע זאַלצמאַנען עקסמיטירט פון זיין דירה, ס'מעבל אַרויסגעשליידערט אינמיטן גאַס און אים אָנגעזאָגט, אַז אין פאַרלויף פון 12 שעה מוז ער זיך אַריינציִען אין געטאָ!...

אַן עד־ראיה פון יענע צייטן האָט מיר דערציילט וועגן דעם וואָס עס איז ווייטער געשען:

„דערהערנדיק פון דער נבלה, וואָס דאָס „גאַיעס" (אַזוי האָבן דאַן ייִדן גערופן גויים — א. ט.) האָבן אָפּגעטון ר' יחזקאלן און וויסנ־דיק מיט וואָס דאָס קאָן אויף להבא שמעקן, אויב מיר וועלן, חלילה, פאַרשווייגן אַזאַ „חילול־השם" קעגן פרנס פון דער גאַנצער ייִדישער עדה, האָט מען תיכף צונויפגעקלאַפּט אויפן מאַרק, מיט די צוויי מע־שענע שטאַרצן, דעם גאַנצן עולם, און מ'האָט מניה־וביה באַשלאָסן, אַז אַלע זאָלן מיר זיך תיכף־ומיד אַהינלאָזן צו ר' יחזקאלס דירה און מ'זאָל טוען וואָס מ'דאַרף...

און אַזוי זענען מיר אַלע — יונג און אַלט, מאַנספערשוינען און נקבות — שוין געשטאַנען אַרום ר' יחזקאלען, וועלכער איז נעבעך געזעסן אינדרויסן אַ טויט־בלאַסער אויף זיין אַרויסגעשליידערטן פאַטער־שטול (פאָטעל — א. ט.) און זיך אַרומגעקוקט מיט אַ צע־בראָכן האַרץ און ביטער געמיט, וואָס מ'האָט פון אים געמאַכט"...

שילדערנדיק דאָס טרויעריקע בילד און דעם רושם דערפון אויף אַלע זיך צונויפגעלאָפענע, — האָט דער עדות וויטער מיר דערציילט:

דערזעענדיק די גרויסע בראַך, וואָס האָט נעבעך געטראָפן אונ־דזער ר׳ יחזקאלען, האָט דער עולם זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ ווארף־געבנדיק זיך אויפן „פעדער־הייזל״ פון דער דירה, האָט מען תיכף אַראָפגעריסן די פּאָליציי־זיגלען פון דער פאַרחתמעטער טיר און „הענדום־פענדום״ אַריינגעטראָגן צוריק ס׳מעבל אין דער דירה און, ממש אויף די הענט, אַריינגעטראָגן ר׳ יחזקאלען, זיצנדיק אויפן פאָטעל, אין זיין שטוב...

אָפּטוענדיק דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט איז דער עולם זיך צענאַנגען, איבערלאָזנדיק אַלס שמירה עטלעכע געזונטע יונגען מיט דרענגער אין די הענט, על כל צרה שלא תבוא״...

אַז דאָס דאָזיקע געשעעניש איז „נישט געבליבן קיין לאַנגער סוד פאַר דעם קליינעם בראַד״, — איז דאָך פאַרשטענדלעך; און אַזוי האָט טאָקע נישט געדויערט קיין שעה צייט, ווי דער בירגערמייסטער טאַנגער־מאַן, בכבודו ובעצמו, איז האַסטיק געקומען צו לויפן צו זאַלצמאַנס דירה, אין באַגלייטונג פון צוויי פּאָליציאַנטן און דערזעענדיק די לאַגע, האָט ער זיך בחרפה באַלד אָפּגעטראָגן צוזאַמען מיט זיינע „באַשיצער״ און באַין־ברירה האָט ער אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל און צוגעשיקט דעם לענטשיצער קרייז־שעף אַן אויספירלעכן באַריכט דערפון, ענדיקנדיק אַזוי:

— — — „נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין זאַלצמאַנען געהאַט עקסמיטירט פון זיין דירה, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט געטאָ, האָט זיך פלוצים פאַרזאַמלט אַ באַנדע, וועלכע האָט מיט כח אויפגעריסן די טירן פון דער דאָזיקער דירה און אים און אַלע זיינע אַרויסגעוואָרפענע שטוב־זאַכן צוריק אַריינגעזעצט אין דער זעלבער דירה.

נאָכדעם, ווי איך בין שפּעטער אָנגעקומען אַהין, אין באַגלייטונג פון די שטאָט־לאַווניקעס און פּאָליציאַנטן און דערזען וואָס ס׳איז געשען, איז מיר נישט איבערגעבליבן קיין אַנדער ברירה ווי צונויפ־שטעלן אַ געהעריקן פּראָטאָקאָל וועגן געשעענעם פאַל״...

(לאָדזשער אַרכיוו, 6טן אויגוסט 1841, מעמאָראַנדום פון ביר־גערמייסטער טאַנגערמאַן).

**
*

אָבער אונדזער ר׳ יחזקאל זאַלצמאַן איז אַפּילו נאָך דעם דאָזיקן פּאַל נישט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט!

נאָך אין דערזעלבער וואָך האָט ער געשיקט אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום, דירעקט צום וואַרשעווער „נאַמיעסטניק", וועלכן ער שילדערט אויספירלעך וויפל אומאַנגענעמלעכקייטן די אַרטיקע מאַכט האָט פאַרשאַפט דער גאַנצער יידישער עדה פון לאָדזש, באַליידיקנדיק אַזוי שענדלעך אים, — דעם פּרעזעס פון דער קהילה, — באַזונדערס ווי די רעגירונג אַליין האָט אים פריער נאָך מזכה געווען מיט ווינרעכט מחוץ פון געטאָ, אַלס „פּראָפּינאַטאָר" (פאַכטער פון די שטאַרקע משקאות) פון דער שטאָט, ווי אויך אַלץ באַזיצער פון אַ ספּעציעלן „קאָנסענס" (דערלויבעניש) צו האַנדלען מיט גאַרן פאַר דער טעקסטיל־פאַבריקאַציע.

ענדלעך האָט זאַלצמאַן באַקומען צוגעשיקט פון רוסישן „נאַמיעסטניק" (דעם 4טן אויגוסט 1841), אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, אין דער פאַרעם פון „אויסנאַם־חסד" צו בלייבן וווינען אין זיין דירה און דאָס צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, ווייל ער וווינט שוין דאָרט 7 יאָר, און צווייטנס, ווייל ער פאַרדינט עס אויך אין זין פון מלוכה־שטייער־אַמט.

דער סוף איז געווען, אַז אין זעלבן יאָר נאָך האָט זאַלצמאַן אָפּגעקויפט דאָס גאַנצע הויז ווי אויך נאָך אַ נעבן־פּלאַץ, וווּ ער האָט אויפגעבויט נאָך אַ גרויס געמויערט הויז. און שפּעטער האָט ער אויף זיינס אַ גרויסן, דריטן פּלאַץ, דורכגעצויגן אַ ספּעציעלע גאַס (צווישן פּולנאָצנאַ און שרעדניע) גערופן זאַלצמאַנס גאַס (סאָלנאַ) און דאָרט אויסגעבויט נאָך אַ דריט הויז פאַר זיך און פאַר זיינע לאַגערס.

.34

## ווי לאָדזשער יידן באַשיצן העלדיש זייערס אַ ברודער

דער צווייטער פאַקט, וועלכער באַווייזט די אָרגאַניזירטקייט פון לאָ־דזשער יידן, איז געשען אין יאָר 1861. אין יענעם יאָר, ווען צוויי פון די גרעסטע לאָדזשער אינדוסטריעלער, — דער דייטשער בוימוואָל־פאַבריקאַנט קאַרל שייבלער און דער יידישער וואָלשטאָף־פאַבריקאַנט אברהם משה פּרוסאַק האָבן גענומען אויסאַרבעטן זייערע טעקסטיל־סחורות אויף קראַפט־שטול, אַנשטאָט אויף די פריִערדיקע האַנט־שטולן.

די דאָזיקע „רעפאָרם" האָט, ווייזט אויס, נישט זייער „געשמעקט" די דייטשע האַנט־וועבער פון לאָדזש און זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צום „געפערלעכן קאָנקורענט", — צום קראַפט־שטול...

אין דער נאַכט פון 20סטן אַפּריל 1861, האָבן זיי אין געשלאָסענע ריִען, מאַרשירט צו שייבלערס פאַבריק, וועלכע האָט זיך געפינען אין „דייטשן רעוויר" און אויפרייסנדיק די אייזערנע טויערן, זענען זיי אַריין אין פאַבריקס־הויף, האָבן געבונדן די וועכטערס און זיך געלאָזט צו די פאַבריק־זאַלן און דאָ האָבן זיי זיך גענומען צו דער ריכטיקער פאַרניכטונג־אַרבעט:

חרוב־מאַכנדיק צו־ערשט אַ טייל פון די הילף־מאַשינען פון ערשטן זאַל, זענען זיי באַלד אַריין אין הויפּטזאַל און זיך גענומען צו די מעכאַנישע וועב־שטולן, פון וועלכע זיי האָבן אָראָפּגעשניטן די שוין אָנגעוועבטע

קעטעס, צעשניטן די סחורות אויף פּיצלעך און דאַן צעהאַקט די שטולן גופא.

**
*

זייענדיק באַרוישט פונעם גרויסן „נצחון", האָבן די „מורדים" באַ־שלאָסן זיך אַראָפּצולאָזן אויף אַלטשטאָט און זיך נעמען צו אברהם־משה פּרוסאַקס פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען אין ייִדישן געטאָ, אונטן, ביים „סטאָוו" (בייב טייך „לודקאַ" — א. ט.).

הערנדיק, אַז די „דייטשן" לאָזן זיך אַראָפּ פון שטאָט צו דער אַלט־שטאָט און גייען זיך נעמען צו פּרוסאַקס פאַבריק, האָבן די לאָדזשער ייִדן זיך תיכף אָרגאַניזירט אין „קאַמפּס־גרופּעס" און, באַוואָפענענדיק זיך, — די מענער מיט העק און מעסערס, מיט דרענגער און לאָפּאַטעס און די פרויען און יוגנט מיט שטיינער און ציגל, אאַוו" — האָט זיך דער עולם אַוועקגעשטעלט אַרום דער פאַבריק, גרייט צו שיצן זייער ברודער, אויף לעבן און טויט.

אַזוי האָבן די לאָדזשער ייִדן דאַן העלדיש באַשיצט פּרוסאַקס פאַבריק אַ גאַנצע נאַכט קעגן די הונדערטער אָנפאַלער, וואָס זענען געווען דאָרט פאַרזאַמלט, ביז עס זענען אָנגעקומען פון לענטשיץ די קאָזאַקן, וועלכע האָבן „באַרויִקט" די צעהיצטע דייטשע געמיטער...

די דאָזיקע ענערגישע פאַרטיידיקונג האָט טאַקע אָפּגעראַטעוועט פּרו־סאַקס פאַבריק פון פולשטענדיקער פאַרניכטונג. ווייל לויטן אָפיציעלן פּראָטאָקאָל, וואָס די אָרטיקע מאַכט האָט דאַן צונויפגעשטעלט, האָט דער שאָדן אין שייבלערס פאַבריק באַטראָפן 15 טויזנט זילבער־רובל, בעת דער גאַנצער שאָדן ביי פּרוסאַקן איז צומאָל נישט דערגאַנגען צו 200 רובל. און דאָס אויך נאָר פון די אויסגעהאַקטע שויבן, מיט שטיינער פון יענער זייט „סטאָוו"... 8)

**
*

אין צוזאַמענהאַנג מיטן „וועבער־בונט" איז כדאי צו פאַרעפנטלעכן

אבר הם טענענבוים־ארזי

אויף פאָלגענדן פאַקט, וועלכן כ׳האָב מיר אין מײַן יוגנט באַטירט פון די זקני־העיר, וואָס האָבן אים אַליין איבערגעלעבט:

„נאָכדעם ווי די צעבונטעוועטע האַנט־וועבער האָבן אָפּגע־האַלטן אַזאַ גרויסן „נצחון״ איבער שייבלערן, האָבן זיי באַשלאָסן אײַנצואָרדענען אויף צומאָרגנס אַ פייערלעכע „נצחון־מאַניפעסטאַ־ציע״ איבער די גאַסן פון שטאָט.

צו דעם צוועק האָבן זיי זיך צונויפגעזאַמלט אין „ווילקע״, נעבן „מײַסטערהויז״, זיך אויסגעשטעלט גרופּעסווייז אין רייען, יעדער גרופּע מיט זײַן „צעך־פאָן״, און מאַרשירנדיק אַזוי איבער די גאַסן פון שטאָט, האָבן זיי פון צייט צו צייט אויסגעשריגן: „זאָל לעבן דער האַנט־שטול!״, „אַ טויט דעם קראַפט־שטול!״, „נידער מיט די פאַררע־טער!״, „אַוועק מיט די אַרבעטער־שונאים!״ אאַ״וו, אאַ״וו.

כּדי צו געבן דער דאָזיקער מאַניפעסטאַציע אַן אימפּאָזאַנטן אויסזען, איז זיך געגאַנגען דער הויפּט־בונטאָוויטשיק, דער אין לאָדזש־געבוירענער האַנט־וועבער יוליוס היינצל, אַן דער שפּיץ פון דער גאַנצער פּראָצעסיע, שטופּנדיק פאַר זיך אַ קליין וועגעלע וואָס איז געווען באַלאָדנט מיט מילך־קאַנען, און צו וועלכן עס זענען גע־ווען צוגעשפּאַנט אַ הונט מיט אַ מיידל (אַזוי ווי עס פלעגן דאַן אין דייטשלאַנד פירן מילך אין שטאָט אַרײַן די דאָרטיקע פויערים) און, צוקומענדיק צום הויז פון שייבלערן, וועלכער איז געווען אַ געבוי־רענער אין דייטשלאַנד, האָט יוליוס היינצל אויסגעשריגן און די מאַסע האָט אים צוגעהאָלפן: „גיי דיר, שייבלער, צוריק אין דײַן דייטשלאַנד״!!!...

און באַלד נאָכדעם האָט דער עולם געגומען מאַכן שייבלערן אַן אמתע „קאַצנמוזיק״, און אויסבילנדיק אויף אים און אויסמיאַוקענדיק אין עכטע הינט און קעץ־קולות פאַרשידענע זידל־אויסרופן, איז זיך די מאַסע צעגאַנגען מיטן נצחון־געפיל, אַז דער מעכאַנישער וועב־שטול איז שוין באַגראָבן לעולם ועד!...

***

אַצינד הערט ווי דער גורל קאָן אַמאָל „נקמה"־נעמען אין אַ מענטשן:

דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער זעלבער לאָדזשער האַנט־וועבער יוליוס היינצל, וואָס האָט דאַן אַזוי שטאַרק געקעמפט קעגן די גרויס־אינדוסטריעלער פאַר זייער ווילן מעכאַניזירן די פאַבריקן, — אָט דער דאָזיקער „בונטאָווטשיק" איז עס שפּעטער „נעבעך" אַזוי „באַשטראָפט" געוואָרן, אַז ער אַליין איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע גרויס־אינדוסטריעלער און מיליאָנערן פון לאָדזש, צו וועמען עס האָבן געהערט די צוויי באַוווּסטע פירמעס: „אַקציענגעזעלשאַפט יוליוס היינצל פאַר וואָל־שטאָפן" און „ווידזעווער מאַנופאַקטור היינצל און קוניצער פאַר בוימוואָל־שטאָפן".

דער אין לאָדזש־געבוירענער „מאַניפעסטאַציע־שרייער" און „קאַצן־מוזיק־מאַכער" קעגן די גרויס־אינדוסטריעלער — אָט טאַקע דער דאָזיקער בר־נש אַליין — איז שפּעטער געוואָרן באַערט מיט די גרעסטע מעדאַלן און אויסצייכענונגען „פאַר פאַרדינסטן לטובת דער גרויס־אינדוסטריע"...

און טאַקע אָט דערזעלבער לאָדזשער האַנט־וועבער, וואָס האָט דאַן אַרויפגעשריגן צו שייבלערן: „לך לך, פרעמדער איינוואַנדערער, לארצך ולמולדתך, דייטשלאַנד" — איז נאָך זיין טויט באַגראָבן געוואָרן אין איי־נעם פון זיינע הערלעכע פּאַלאַצן, דווקא אין דייטשלאַנד, מיט קעניגלעכער צערעמאָניע, אַלס „באַראָן יוליוס היינצל פרייהער פאָן האָהענפעלדט!"...

***

צום סוף לאָמיר אויך דערציילן, וואָס עס קאָן אַלץ טרעפן אויף גאָטס גרויסער וועלט מיטן קליינעם ערדישן באַשעפענישל, וואָס רופט זיך „מענטשעלע"...

די פירמע „היינצל", וואָס איר אינהאַבער, דער אַמאָליקער „חבר יול־יוס", האָט דאַן אַזוי פאַרביסן געקעמפט לטובת די אַרבעטער, — אָט טאַקע די דאָזיקע פירמע איז געווען די ערשטע גרויס־אינדוסטריעלער געזעל־שאַפט, וואָס האָט אין לאָדזש אָנגעהויבן דעם גרויסן און פאַרביסענעם

קאַמף קעגן די אַרבעטער, פּראָקלאַמירנדיק קעגן זיי (דעם 22סטן אַפּריל 1905) דעם באַוווסטן „לאָדזשער לאָקאַוט״.

און אויך די אַרבעטער פון אָט דערזעלביקער פאַבריק זענען עס טאַקע געווען די ערשטע, וואָס האָבן, באַלד מיטן צוטרעטן פון אַלע אַנדערע פאַבריקן צום היינצלשן לאָקאַוט (דעם 21סטן סעפּטעמבער), געענטפערט מיטן שרעקלעכן קעגנקאַמף — דערשיסנדיק אויף טויט (דעם 30סטן סעפּטעמבער 1905) דעם שותּף פון יוליוס היינצל, — קוניצער!...

לסוף איז כדאי צוצוגעבן, אַז דערזעלבער יוליוס היינצל, וואָס האָט דעמאָלט אַנגעפירט מיטן אָנפאַל אויף פּרוסאַקס פאַבריק, וועלנדיק זי פאַרניכטן אַלס ערשטע גרעסטע יידישע־דאַמף־פאַבריק, — האָט לסוף פאַרקויפט אַלע זיינע פאַבריקן דווקא צו אַ יידן, — צו ר׳ אשר בן לוי הכהן, באַקאַנט אַלס אָסקאַר קאָן, אינהאַבער פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור״.

8) אינעם לאָדזשער אַרכיוו פון יאָר 1859, טיק 228, ווערט צווישן אַנדערן אויך געזאָגט, אַז פּרוסאַק איז געווען איינער פון די ערשטע פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן גענומען אַרבעטן אין לאָדזש אויף מעכאַנישע וועב־שטולן און ער האָט אויך אויפגעשטעלט אַ מאָדערנע וואָל־שפּינעריי, וועלכע ער האָט געבראַכט פון ענגלאַנד.

אויך האָב איך געפונען אין אַלטן לאָדזשער פּנקס וועגן פּרוסאַקן פאָלגנדעס: „ר׳ אברהם־משה איז געווען איינער פון די גרעסטע וואָל־פאַבריקאַנטן. אין זיין פאַבריק האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך יידן. יעדן פרייטיק פלעגט ער שוין אַזייגער 12 מיטאָג שליסן די פאַבריק. דאָך האָט ער באַצאָלט די אַרבעטער דעם לוין פאַר אַ גאַנצן אַרבעטס־טאָג״.

.35

# איך ביי אַן אומגליק דערקאָנט מען דעם לאָדזשער ייד

אַלס דריטער פאַקט, וואָס באַווייזט די אָרגאַניזיר־פעיִקייט פון לאָ־דזשער יידן, בעת עס נייטיקט זיך אין באַלדיקער קאָלעקטיווער הילף פאַר ברידער, קען דינען דאָס אויפנעמען די אָנגעקומענע יידן, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מאָסקווע (1891).

***

אין לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן יענעם מאָמענט, ווען ס׳עפנט זיך האַסטיק די טיר פון דעם פאַראַדנעם אַריינגאַנג צו אונדזער וווינונג, און מיין פאָטער ע״ה, פירט אַריין ביי אַ מנין רוסישע יידן, באַלאָדענע מיט טשעמאָדאַנעס און לייוונטענע פעק, באַהאָנגענע מיט קיישלעך און טשייני־קעס, בעט זיי אַריין אין „גרויסן סאַלאָן־צימער״ (אונדזער זאַל), ווייזט זיי אָן אויף די שטולן אַרום גרויסן טיש און באַפעלט דודלען (אונדזער הויז־משרת) אַריינצוברענגען תיכף דעם סאַמאָוואַר.

נאָך איצט שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס בילד, ווי מיין מאַמע ע״ה — וועלנדיק מהנה־זיין אַט די דאַזיקע פאַרחושכטע און פון דער לאַנגער נסיעה מידע יידן, — גיסט אַליין איין דעם טיי, דערלאַנגט יעדן זיין גלאָז מיט אַ טעלערל קיכלעך און בעט מיט איר זיס־האַרציקן שמייכעלע צו „פילן זיך, ווי ביי זיך אין דער היים!״.

אברהם טענענבוים־ארזי

*****

אַזעלכע קבלת־פּנימס האָבן דאָן פיל לאָדזשער ייִדן געמאַכט זייערע מאָסקווער ברידער, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט אויף אַזאַ ברוטאַלן אופן פאַרטריבן פון מאָסקווע.

דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז צווישן די טויזנטער אַרויסגעטריבענע מאָסקווער ייִדן האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן ממש נישט געהאַט דעם טאָג איבערצולעבן.

די דאָזיקע „גירושי־מאָסקווע", פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז אַריין דווקא נאָר קיין לאָדזש, האָט ס'ייִדישע לאָדזש אויפגענומען מיט אַזוי פיל האַרץ און מיט אַזאַ וואַרעם־ייִדישן הכנסת־אורחים־געפיל, וואָס לאָזט זיך איצט קוים שילדערן.

ס'ייִדישע לאָדזש האָט די מאָסקווער ברידער אויפגענומען בסבר פּנים יפות, האָט יעדן פון זיי געדינט בלב ונפש אין וואָס ער האָט זיך נאָר גענייטיקט, האָט איינקוואַרטירט די וואָס האָבן עס באַדאַרפט אין ליכטיקע, וואַרעמע וווינונגען; האָט דערלאַנגט יעדן, וואָס האָט עס געברויכט: בגד ללבוש ולחם לאכול, פאַר אים און פאַר ווייב און קינד; האָט געהאָלפן פיל פון זיי זיך איינאָרדענען, ווער אַלס אָנגעשטעלטער, ווער אַלס סוחר אָדער פאַרמיטלער און ווער אַלס אַגענט־רייזנדער, וכדומה; האָט פאַרשאַפט פאַר די וואָס האָבן זיך אַליין איינגעאָרדנט, — קרעדיטן אין בענק און אין לייַ־קאַסעס; און פאַר די וואָס האָבן זיך ערשט געדאַרפט איינאָרדענען, — הלוואות און בכלל אַלע מעגלעכע אונטערשטיצונגען, ביז זיי האָבן זיך אַזוי שיין איינגעאָרדנט, אַז דער רוב פון זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן אונטערשטיצער פון טויזנטער אַנדערע, פון זייערע ברידער וואָס האָבן שפּעטער אויך געמוזט פאַרלאָזן דאָס צאַרישע רוסלאַנד.

און ווי ווייט דאָס אַלץ איז דאָן געווען וויכטיק, הן פאַר די אָנגעקומענע אַליין ווי אויך פאַר דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון שטאָט, זאָל דינען דער פאַקט, אַז רעדנדיק וועגן לאָדזש און איר אַנטוויקלונג, באַטאָנט בפירוש די ענגלישע ענציקלאָפּעדיע פון 1904, אַז „דער גירוש פון די מאָסקווער ייִדן האָט פיל צוגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון לאָדזש, פון איר אינדוסטריע, מסחר אאַ"וו.

.36

## די יידישע זעלבסטשוץ ביים לאָדזשער פּאָגראָם

דער פּערטער פאַקט, וואָס האָט באַוויזן די אָרגאַניזאַציע־פעיִקייט פון לאָדזשער יידן, איז געשען אין יאָר 1892.

נאָך אַ שטאַרקער „העץ־אַגיטאַציע“, וואָס האָט זיך אין שטאָט געפירט באַלד נאָך דער גראַנדיעזער „1טער מאַי־פייערונג“, האָבן פלוצים גענומען שטראָמען אין שטאָט אַריין פון דער גאַנצער סביבה גרויסע קריסטלעכע מענטשן־מאַסן, צווישן זיי מערסטנטייל אַרבעטער און פּויערים און סתם גויים.

אָנקומענדיק מיטן שוין פון פריִער צוגעגרייטן העץ־בילבול, אַז יידן האָבן, כביכול, אויסגעהאַקט די שויבן פון דער אַלטשטעטישער קירך — האָבן זיי גענומען באַפאַלן אין די גאַסן די יידן און אויך באַרויבן די יידישע געוועלבער.

גאַנצע צוויי טעג האָבן געדויערט די דאָזיקע ווילדע אָנפאַלן, אָן דער מינדסטער רעאַגירונג מצד דער אָרטיקער מאַכט.

לאָדזשער יידן, באַזונדערס די איינוווינער פון אַלטשטאָט און פון באַלוט, מערסטנס די קצבים, פישערס, פורמאַנעס, טרעגערס, פּאַקערס, האַנט־וועבער און אַנדערע קרעפטיקע לייט — האָבן זיך תיכף אָרגאַני־זירט אין אַ ספּעציעלער „סאַמאָאָבראָנע“ (זעלבסט־שוץ) און זיך איינ־געטיילט אין פאַרשידענע קאַמף־גרופּן.

באַוואָפנענדיק זיך מיט אַלעם מעגלעכן: העק און מעסערס, דרענגער און אָרטשיקעס, ברעכשטאַנגען און אַנדערע אייזערנע כלים, איז די דאָ־

זיקע סאַמאָבראַנע אַרויס אין שטאָט און גענומען שטעלן די פּאָגראָמ־טשיקעס אַ גאַנץ ענערגישן ווידערשטאַנד. עס איז דאַן געקומען דערצו, אַז אין פאַרלויף פון אַ האַלבן טאָג צייט איז די גאַנצע אַלטשטאָט ווי אויך די נאָוואָמיעיסקע און אַלע אירע זייטן־גאַסן ממש „אָפּגערייניקט" גע־וואָרן פון די צעווילדעוועטע אַנפאַלער.

און ס'איז אַ פאַקט, אַז די דאָזיקע יידישע ספּאָנטאַנע פאַרטיידיקונג־אַקציע האָט אַזוי געווירקט, אַז קיינמאָל האָבן די שוואַרצע העץ־עלעמענטן שוין נישט געקאָנט דערגרייכן אויפצוהעצן די גוים קעגן די לאָדזשער יידן.

****

די אָרטיקע צייטונגען האָט די רעגירונג פאַרווערט צו פאַרעפנטלעכן וועגן די דאָזיקע געשעענישן. דאָך זענען, ווי עס איז, דערגאַנגען אין דער ברייטער וועלט אַריין געוויסע אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן די אומרוען.

אַט־וואָס דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציאָנער, בורצעוו, פאַרעפנט־לעכט וועגן דעם אין זיין אינטערעסאַנטן בוך „קאַלענדאַר רעוואָלוציאָנעראַ":

„ווייל די לאַגע פון די לאָדזשער אַרבעטער איז געווען זייער שלעכט, האָבן זייערע פירער באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן זיי קעגן זייערע אַרבעטס־געבער. צו דעם צוועק האָבן זיי געוויילט דעם 1טן מאַי (1892). און ווייל דער ערשטער מאַי איז דאַן גראָד אויסגעפאַלן זונטיק, און די סאָציאַליסטישע פירער האָבן מורא געהאַט, אַז אפשר וועט זייער אַגיטאַציע נישט מאַכן דעם געהעריקן איינדרוק. האָבן זיי דעריבער פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינעם שטרייק אויפן 5טן מאַי, אין וועלכן ס'האָט טאַקע געוואָרפן די אַרבעט העכער הונדערט טויזנט לאָדזשער אַרבעטער.

ווי ס'איז צו פאַרשטיין, איז די דאָזיקע „אַרבעטער־חוצפה" כלל נישט געפעלן געוואָרן די רוסישע רעגירונגס־לייט און זוכנדיק אַן אויסרייד ווי אונטערצודריקן דעם „אַרבעטער אויפשטאַנד", האָבן די רעגירונגס־ספערן אונטערגערוקט די אַרבעטער אַנצופאַלן אויף די שוצלאָזע יידן, צו באַרויבן זייערע געוועלבער און בכלל צו מאַכן מיט זיי וואָס ס'האַרץ גלוסט נאָר.

און אַזוי האָט דער דאָזיקער פּאָגראָם געדויערט צוויי טאָג נאָכאַנאַנד, אָן שום אַריינמישונג פון דער מאַכט. דערנאָך, אָבער, ווי ווי דער אַרבעטער־צאָרן האָט זיך גענומען אויסגיסן אויך אויף די אַרבעטס־געבער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ דעפּעשן־אויסטויש צווישן פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר מיללער און דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר גורקאָ, ווי אויך צווישן אים און פּעטערבורג. און ערשט דעמאָלט איז אָנגעקומען פון פּעטערבורג דער טעלעגראַפישער באַ־פעל: „שיסן, אָן רחמנות אויף די לאָדזשער אַרבעטער“!

און דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט פון זיין זייט צוגעגעבן ווערטלעך: „און נישט זשאַלעווען קיין קוילן“!...

**
*

אויפוויזנדיק ווי נידערטרעכטיק עס איז דאַן געווען די דערמאָנטע רוסישע פּראָוואָקאַציע קעגן דעם לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט — ענדיקט בור־צעוו זיין באַריכט אַזוי:

„און טאַקע פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אויף די לאָדזשער גאַסן אַן אמתע מלחמה, מיט באַריקאַדן און הייס־געווער, צווישן דער רוסישער מיליטער־מאַכט און די אויפשטענדיקע אַר־בעטער.

דער סוף פון דעם דאָזיקן קאַמף איז געווען: 108 געפאַלענע מצד דער ציוויל־באַפעלקערונג און פון די רוסישע מיליטער־לייט און קאָזאַקן זענען געווען געפאַלענע און פאַרוווּנדעטע סך־הכל 51“.

(פון „לאָדזשער אַלמאַנאַך“, דערשינען אין ניו־יאָרק 1934)

וויפיל דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע ס׳זענען געווען אין די ערשטע צוויי טעג פון דעם „ראַבונעק“ (אַזוי האָט מען דאַן גערופן דעם דאָזיקן פּאָגראָם), ווייסט מען נישט גענוי, אָבער די יידן וואָס האָבן דאַן זיך פּערזענלעך באַטייליקט אין יענער „סאַמאָאָבראָנע“ האָבן געוווּסט אויף זיכער, אַז די צאָל פאַרוווּנדעטע פון די קריסטלעכע אָנפאַלער איז געווען פינף מאָל אַזויפיל ווי די יידישע פאַרוווּנדעטע.

און זאָל דאָ ביי דער געלעגנהייט אויך דערמאָנט ווערן איינע פון די דעמאָלטיקע לאָדזשער יידישע פרויען, — באַשע־לאה טענענבוים האָט זי געהייסן (מיין מוטער ע"ה), — וועלכע האָט באַלד ווי דער דאָזיקער „ראַבונעק" (פּאָגראָם) איז אויסגעבראָכן, צונויפגערופן אַלע מענער, וואָס האָבן געוווינט אין אונדזערע דריי הייזער (פּיעטריקאָווער 36/38 און דאָס זיך גרענעצנדיקע, נומער 34 פון דער ציגל־גאַס), האָט צוזאַמענגעשטעלט פון די קרעפטיקערע פון זיי אַן אייגענע זעלבסטשוץ, — אַן אַזוי־גערופענע „סאַמאָאָבראָנע" און באַוואָפּענענדיק זיי מיט אייזערנע טראַלקעס, וואָס זי האָט באַפוילן אַרונטערצונעמען פון די טרעפּן־פּאָרענטשעס, ווי אויך מיט די 3 רעוואָלווערן, וואָס זענען צופעליק געווען ביי שכנים, האָט זי די אַלע זעלבסטשוץ־לייט צעשטעלט אויף דער וואַך ביי די דריי טויערן פון אונדזערע הייזער.

און אַזוי ווי די דאָזיקע הייזער וואָס זענען דאַן געווען כמעט פון די גרעסטע אין שטאָט, האָט זיך אויך געפונען אַן אַפּטייק (לישעצקי־קאַפּעלסקאַ) און ס'האָבן דאָרט אויך געוווינט דריי דאָקטוירים (ד"ר זאַקס, ד"ר פּאַנסקי און פרוי ד"ר גערשוני), האָט זי צונויפגעשטעלט אַ רעטונגס־אָפּטיילונג, אַן „אַמבולאַנס פאַר גיכער הילף", און זי אַליין האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער גאַנצער הילף־אַקציע.

אַזוי האָט די דאָזיקע העלדישע פרוי, מיט דער הילף פון איר זעלבסט־שוץ־גרופּע, אָפּגעראַטעוועט בעת די פּאָגראָם־טעג (דאָנערשטיק און פרייטיק) צענדליקער יידן, צווישן זיי אויך ר' סענדער פּאָזנאַנסקי (אַ ברודער פון באַקאַנטן מיליאָנער), וועלכן מ'האָט, אַ פאַרוווּנדעטן אַריינגעכאַפּט פון גאַס אין אונדזער הויף און געגעבן אים די נייטיקע מעדיצינישע הילף אויפן אָרט טאַקע, נאָכדעם ווי די כוליגאַנעס האָבן אים פאַרוווּנדעט מיט מעסערס, בעת ער איז אויף אַ רגע דערשינען פאַר זיין הויז, אויף עק צעגעלניאַנע און פּיעטריקאָווער (שפּעטער דאָס אָרט פון ווילהעלם לאַנדאַוס באַנק־הויז).

און מיט דער זעלבער טאַקטיק — הערנדיק אַ געוואַלד־געשריי אין גאַס זיך אַרויסצורייסן אין דרויסן און אָפּראַטעווען די פאַרוווּנדעטע יידן — האָט דאַן די דאָזיקע סאַמאָאָבראָנע געראַטעוועט פון זיכערן טויט אַ אַ פּאָר צענדליק יידן

.37

# אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד פון לאָדזשער פּאָגראָם

געווען איז עס באַלד נאָכדעם, ווי עס איז אויסגעבראָכן (דעם 6טן מאַי 1905) דער זשיטאָמירער פּאָגראָם.

נישט קוקנדיק אויף אַלע זיינע באַמיִונגען און זשורנאַליסטישע מיטלען, וואָס נחום סאָקאָלאָוו האָט אָנגעווענדט צו באַקומען וועלכע עס איז ידיעות פון דאָזיקן פּאָגראָם, איז אים פאַר קיין פאַל נישט געלונגען געוואָר צו ווערן כאָטש דאָס מינדסטע.

פינף טעג נאָכאַנאַנד האָט זיין „הצפירה“ נישט געקאָנט איבערגעבן דעם לייענער עפּעס אַ באַריכט וועגן דעם דאָזיקן טרויעריקן געשעעניש, וואָס האָט דאַן פּאַסירט אין דער הויפּטשטאָט פון וואָלין, — זשיטאָמיר.

די סיבה דערפון איז געווען דאָס איבעררייסן מצד דער רוסישער מאַכט יעדע אַרט קאָמוניקאַציע, טעלעפאָנישע ווי אויך טעלעגראַפישע און פּאָסט־פאַרבינדונג, כדי צו פאַרשווייגן ווי עס איז דאָס געשעעניש פאַר דער וועלט.

„באין־ברירה — שרייבט דאַן נחום סאָקאָלאָוו אין „הצפירה“ — האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן פערזענלעך צום דאָזיקן „גיא ההריגה“ (צום „שלאַכט־פּלאַץ“...).

און גייענדיק מיר אַזוי צום באַן, באַגעגנט מיך מיין פריינט און שכן, דאָקטער קנאַסטער און זאָגט צו מיר: „צי וואָס דאַרפסטו פאָרן אַזש קיין זשיטאָמיר? אָט קום איך פון דעם ערשטן פאַרוואונדעטן, וואָס איז קוים מיטן לעבן פון דאָרט אַנטלויפן — אברהם טענענבוים

הייסט ער, — גיי־זשע תיכף צו אים און דו וועסט זען זיינע ווונדן, ווייל דאָס בלוט איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרטרוקנט און פאַרגלי־ווערט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך — שרייבט סאָקאָלאָוו אין זיין באַריכט — בין איך טאַקע באַלד צו אים געגאַנגען.

און מיין טענענבוים האָט מיך אויפגענומען מיט אַ לייכט שמייכעלע אויף זיינע ליפּן, זאָגנדיק צו מיר: „אַהאַ, צו זען מיינע ווונדן ביסטו געקומען?! מיר איז איצט שוין נישט אַזוי שלעכט, גאָט זיי דאַנק. די ווונדן היילן זיך שוין צו, אָבער דאָרט — אוי דאָרט"...

(„הצפירה", 12טן מאַי 1905, אַרטיקל: „אַ געשפּרעך מיט אַ פאַרוווּנדעטן").

אַזוי איז דאַן סאָקאָלאָוו געזעסן נעבן מיין בעט, האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט אַלע איינצלהייטן וואָס כ'האָב אים דערציילט, האָט כסדר נאָטירט אין זיין בלאָק און האָט יעדע פּאָר אָנגעשריבענע בלעטלעך געשיקט תיכף אין רעדאַקציע דורך דעם באַגלייטער, וואָס איז מיט אים מיטגעקומען (דאַכט זיך, יאַצקאַן אָדער בערמאַן).

צום סוף זענען מיר געבליבן אַליין און וויסנדיק, אַז איך האָב דאָרט צופעליק אָנטייל גענומען ביים שאַפן געלט פאַר דער „סאַמאָאָבראָנאַ", האָט מיך סאָקאָלאָוו געבעטן צו דערציילן אים פּריוואַט און בסוד אויך וועגן די „געהיימע זאַכן" וואָס זענען מיר באַקאַנט און וועלכע מ'קאָן, לײדער, נאָך איצט נישט פאַרעפנטלעכן....

סאָקאָלאָוו האָט זיך נאָטירט אויף אַ באַזונדער זייטל אינעם זעלבן בלאָק פאַרשידענע פּרטים, וואָס כ'האָב אים איבערגעגעבן וועגן דער אָרגאַניזירט פון דער „זעלבסטשוץ", וועגן איר פאַרטיידיקונגס־טאַקטיק און, בעיקר, וועגן מקור פון דער געלט־אונטערשטיצונג אויף איינצוקויפן געווער, אאַ"וו.

אויפשטייענדיק שוין צום אַוועקגיין, פרעגט מיך סאָקאָלאָוו, אגב, ווי עס גייט מיינע עלטערן אין לאָדזש, וועלכע ער האָט פּערזענלעך געקאָנט פון עפּעס אַ קוראָרט אין אויסלאַנד.

הערנדיק פון מיר, אַז נאָך מיט אַ חודש צוריק האָבן מיינע עלטערן מיך בריוולעך געוואָרנט נישט צו פאָרן קיין זשיטאָמיר, ווייל, ווי מ'זאָגט,

גרייט זיך דאָרטן אַ פּאָגראָם אויף ייִדן, האָט זיך סאָקאָלאָוו אויפסניי אָנועקגעזעצט נעבן מיר און געבעטן כ׳זאָל אים ווייזן דעם דאָזיקן בריוו.

און ווי מיין פרוי האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו און ער האָט די וואָרענונג געגוי דורכגעלייענט, האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגערופן: אָט דאָס אַליין קאָן דאָך שוין דינען אַלס קלאָרער באַווייז קעגן די טענות פון די רוסישע רעגירונג־ספערן, אַז דער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר איז אויסגעבראָכן „ספּאָנטאַן״, צוליב דעם קלאַנג וואָס האָט זיך דאַן פאַרשפּרייט, אַז ייִדן זאָלן האָבן מחלל געווען דאָס בילד פון דער „הייליקער מוטער״...

ווי איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך סאָקאָלאָוון דערמאָנט, אַז אויך ביים לאָדזשער פּאָגראָם, — ביים ראַבונעק פון יאָר 1892 — האָט מען אויף ייִדן אַרויפגעוואָרפן אַזאַ ענלעכן בילבול, און אַז אויך דעמאָלט האָט די רוסישע מאַכט דערקלערט, אַז דער פּאָגראָם איז אויסגעבראָכן אין לאָדזש, כלומרשט, „ספּאָנטאַן״...

אגב, האָב איך סאָקאָלאָוון אויך דערמאָנט דעם פּאַקט, ווי לאָדזשער ייִדן האָבן דאַן אָרגאַניזירט, טאַקע ספּאָנטאַן, די העלדישע „סאַמאָאָבראָנע״ צווישן וועלכער ס׳האָט זיך אויך געפונען מיין מוטער, אַ דאַנק וועלכער עס זענען דאַן אין פּאַרטיידיקונגס־פּונקט פון איר געגנט (עק פּיעטריקאָווער און ציגל־גאַס) געראַטעוועט געוואָרן צענדליקער פאַרוואונדעטע ייִדן פון אַ זיכערן טויט.

***

און איצט הערט, וואָס עס האָט, צוליב מיין דערינערונג, פּאַסירט:

אויף צומאָרגנס, נאָכדעם ווי די „הצפירה״ איז דערשינען מיט סאָקאָלאָווס אויספירלעכן באַריכט, וואָס ער האָט פון מיר באַקומען, עפנט זיך פּלוצים די טיר און עס קומט ווידעראַמאָל אַריין סאָקאָלאָוו, און באַלד ביים אַריינקומען האָט ער מיר מיט זיין ליבן שמייכעלע דערקלערט, אַז היינט קומט ער נישט מיט דער מיסיע ווי נעכטן צו הערן עפּעס פון מיר, נאָר פאַרקערט: איך זאָל הערן עפּעס פון אים.

און מניה־וביה דערציילט ער מיר פאָלגנדן קוריאָז:

„בשעת איך האָב מיר נעכטן פאַרשריבן די „אינטימע ענינים״, וואָס דו האָסט מיר בסוד איבערגעגעבן וועגן די געהיימע סאַמאָאָב־

ראַנע־אַנגעלעגנהייטן פון דער זשיטאָמירער ייִדישער זעלבשוץ, האָב איך, פשוט פאַר זיך אַליין, אויך פאַרצייכנט דעם פאַרגלייך פונעם דאָרטיקן בילבול אויף ייִדן, מיטן בילבול, וואָס מ׳האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן אין לאָדזש. און נאָטירנדיק מיר אַזוי, אגב, וועגן דער העלדישקייט פון דיין מוטער, האָב איך שפּעטער צוגעשריבן ביים סוף בלעטל די ווערטער: „אָט־די דאָזיקע אשת־חיל, פרוי בתיה־לאה טענענבוים, פאַרדינט פּאָקטיש פאַרשריבן צו ווערן צווישן די אמתע העלדינס אונדזערע״.

און איצט הער, מיין טייערער, וואָס עס האָט מיר פּאַסירט: אין גרויס איילעניש האָב איך די דאָזיקע פאַר ווערטער צוגעשריבן, נישט אויפן זייטל פון די „געהיימע זאַכן״, נאָר אויפן לעצטן זייטל מיטן באַריכט, וואָס כ׳האָב געשיקט אין רעדאַקציע צום דרוקן תיכף אין מיין באַריכט אין „הצפירה״.

און אַזוי האָט מען מיך אינמיטן דער נאַכט פּלוצים אויפגעוועקט פון רעדאַקציע, כדי געוואָר צו ווערן פון מיר, וואָס אייגנטלעך עס באַדייטן די דאָזיקע „מיסטעריעזע ווערטער״ וועגן עפּעס אַן „אשת חיל״, פרוי טענענבוים, אאַ״וו״.

און צעלאַכנדיק זיך אויפן קול פונעם גאַנצן ענין, וואָס ער, דער „הצפירה״־רעדאַקטאָר אַליין, האָט דאָ אָנגעמאַכט, האָט סאָקאָלאָוו צוגעגעבן:

„זעלבסטפאַרשטענדלעך האָב איך באַפוילן אַרויסצונעמען פון זאַץ די דאָזיקע לויב־ווערטער וועגן דיין מוטער, וועלכע וואָלטן, חלילה, געקאָנט, ביים פאַרעפנטלעכט ווערן, פאַרשאַפן דיין מוטער גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן, און אפשר נאָך פיל ערגערס, מצד דער רוסישער מאַכט... באַזונדערס נאָכדעם, ווי איך האָב אין מיין היינטיקן באַריכט אין „הצפירה״ אָפּגעדרוקט אויך די וואָרענונג פון דיינע עלטערן וועגן פּאָגראָם, וואָס גרייט זיך אין זשיטאָמיר!״.

ווי ס׳זאָל אָבער נישט זיין, — האָט סאָקאָלאָוו פאַרענדיקט — וועט דער נאָמען בתיה־לאה טענענבוים בלייבן פאַרצייכנט אין דער „געשיכטע פון דער ייִדישער הגנה אין גלות״, אַלס איינע פון אונדזערע איבערגעגעבענע העלדינס״.

**
*

בעת אַ טיי, וואָס מיר, לאָדזשער דעלעגאַטן, האָבן איינגעאָרדנט לכבוד סאָקאָלאָוון, נאָכן 13טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד, האָט סאָקאָלאָוו (וועלכער איז דאַן געווען פאַרביטערט צוליבן באַוווּסטן



בתיה לאה טענענבוים

באַקאַנטע לאָדזשער כלל־טוערין, אָר־גאַניזאַטאָרין פון יידישן זעלבסט־שוץ בעתן לאָדזשער פּאָגראָם אין 1892

קאָנגרעס־באַשלוס...) דערמאָנט דעם דאָזיקן צייטונגס־עפּיזאָד מיט פרוי טענענבוים, פרעגנדיק דערביי איראָניש:

„למאי זענען זעצערס אַזוי „באַערט״, אַז ביים קלענסטן צייטונג־פעלער זאָגט מען: „עס איז אַ טעות פון „הבחור הזעצער״? פאַר וואָס־זשע זאָל מען בישט ביי אַזאַ פאַל אויך זאָגן, אַז ס׳איז אַ טעות פון אַ „בחור השרייבער״, און אין פאַל פון אַ פעלערדיקן ציוניסטן־באַשלוס, אַז עס איז אַ טעות פון אַ „בחור אַ ציוניסטן־פירער״?...

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַלעם, וואָס איז דאָ דערציילט געוואָרן, אין שייכות מיטן זשיטאָמירער פּאָגראָם, איז כדאי איבערצוגעבן וועגן סאָקאָלאָווס אַקציע צו אָרגאַניזירן אַ „יידישע זעלבסט־שוץ״.

אין זעלבן נומער „הצפירה", ווו ס'איז פאראַן דער באַריכט פון פאָגראָם גופא, איז אויך פאַראַן אַ ספּעציעל לייט־אַרטיקל, אונטערן נאָמען: „וועגן די געשעענישן" („על המאורעות"). אין וועלכן ער שרייבט דאָס פאָלגנדע:

„אין וועלכן אָרט, ווו ס'איז נאָר געווען אַ פּאָגראָם אויף יידן, איז אויך געווען אַ צוגרייטונג צו אים!... אונדזערע קרבנות זענען נישט קיין קרבנות פון מלחמה, נאָר קרבנות פון אַ מהומה! זיי זענען קרבנות פון בייזוויליקן צאָרן און שחיטות! — קדושים זענען אונ־דזערע קרבנות! זיי זענען די קרבנות פון גאַנצן פאָלק! ווייל די מערדער זענען אויף זיי אָנגעפאַלן נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען יידן! און די פינצטערע כוחות, וואָס שאַפן פּאָגראָמען, זענען זיך מכוון אונדז אַלע צו פאַרניכטן!

די יידן, וואָס באַשיצן זיך, טוען עס ווי יידן און דווקא ווייל זיי זענען יידן! ווייל דער ייד, הערנדיק וועגן אַ פּאָגראָם, פילט נישט בלויז דעם פשוטן פּחד אַליין — דעם פּחד פאַר זיך, פאַר זיין פרוי. זיינע קינדער — ער, דער ייד, — אויב ער איז נאָר אַ ייד וואָס איז צוגעבונדן צום פאָלק און צו דער פאָלקס־נשמה — פילט דעמאָלט אַ היסטאָריש געפיל, אַ נויט־געפיל, דאָס פאַטאַלע גלות־געפיל; ער פילט דאָס דרינגענדיקסטע געפיל פון אַ יידן צו העלפן מיט אַלעם מעגלעכן — דאָס געפיל פון תכלית"!...

אויף צו מאָרגנס, נאָכדעם ווי סאָקאָלאָוו האָט מיך באַזוכט אַ צווייט מאָל — האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ צווייט אַרטיקל (דעם 14טן מאַי) אונ־טערן נאָמען „אונדזער איצטיקע פליכט" („חובותנו עתה"):

„אַלע אָרט רעפאָרמעס נעמען אונדז נישט (סאָקאָלאָווס כוונה איז וועגן „רעליגיעזער פרייהייט", וואָס אויך יידן האָבן דאַן באַקו־מען — א. ט.) מיר טאָרן זיך נישט לאָזן טרעטן ממש ווי ערד! מיר זענען מחוייב צו ראַטעווען אונדזער לעבן, אונדזער שטעלונג און אונדזער עקזיסטענץ! און קוים ווילן מיר דערגרייכן וועלכע ס'איז בעסערע צוקונפט, מוזן מיר אָפּהיטן יעדע יידישע נשמה!
אונדזער פליכט איז צונויפצוזאַמלען צו אַן עפנטלעכער דער־

לויבטער אסיפה די בעסטע ייִדישע פּערזענלעכקייטן, בכדי פאַרצו־נעמען אַ שיטה פון דערלויבטע דירעקטע מיטלען קעגן די פּאָגראָם־מאַכער!".

דערנאָך פאַרעפנטלעכט סאָקאָלאָוו נאָך דריי אַרטיקלען (דעם 15טן, 16טן און 17טן מאַי 1905), אין וועלכע ער באַמיט זיך אַריינצוברענגען אין די מוחות פון דער ייִדישער יוגנט דעם געדאַנק וועגן "ייִדישער זעלבסט־שוץ", און ער קומט צום באַשלוס, אַז מ'דאַרף די נויטיקייט פון אַ "ייִדישער הגנה" דערקלערן נישט בלויז די ייִדן, נאָר אויך די גויים...

⁂

סאָקאָלאָוו דערקלערט דאָן די וויכטיקייט פון לעבנס־געזעץ: "ווער עס קומט דערמאָרדן דיך, — הרגע צוערשט דו אים" ("הבא להרגך השכם להרגו"), מיט פאָלגנדן פּסיכאָלאָגישן אַרגומענט:

"דאָס ייִדישע זעלבסט־שוץ־געפיל איז נאָר אַן אָפּקלאַנג, אַן עכאָ — אַ מין רעפלעקס פון אַ פּאָגראָם־בילד! עס איז אַ נישט קלענע־רער רעפלעקס פון יענעם טרויעריקן בילד, ווי פרויען, קינדער און אַלט־שוואַכע לייט אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך אין קעלערן און לעכער, בעת מען באַפאַלט זיי.

גאַנץ אַנדערש אָבער שפּיגלט זיך אָפּ דער דאָזיקער רעפלעקס ביי יונגעלייט און ביי מער קרעפטיקע מענטשן, באַזונדערס ביי אַזעלכע, וואָס באַזיצן גענוג אייגענעם ערן־געפיל. ביי זיי פאַרמירט זיך אויס יענער פּאָגראָם־רעפלעקס אין אַ צונויפשמידן זיך אין גרופּן, כדי זיך צו שטאַרקן אַלס זעלבסטשוץ!".

און נאָך דער דאָזיקער הקדמה, באַווייזט סאָקאָלאָוו מיט בולטע פאַקטן ווי מ'טרעט ממש מיט די פיס דאָס עלעמענטאַרסטע מענטשן־רעכט זיך צו שיצן ביי לעבנס־געפאַר און ער דערציילט פאָלגענדן כאַראַקטערים־טישן פאַל:

"נאָכן קישיניעווער פּאָגראָם פון יאָר 1903 האָט דער אינערן־מיניסטער פּלעווע אַרויסגעלאָזן אַן אָפיציעלן צירקולאַר, וועלכער

פאַרוועדט שטרענג אַלע אַרט געהיימע יידישע זעלבסט־שוץ־אָרגאַ־ניזאַציעס און ער באַפעלט אויסצוגעפינען זיי און זיי צו פאַרניכטן און באַשטראָפן אַלע זייערע מיטגלידער, אאַ״וו״.

וועלנדיק אָבער באַווייזן ווי בוצלעך און לעבנסוויכטיק די דאָזיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס זענען פאַר אונדז יידן, — דערציילט סאָקאָלאָוו אויך פאָלגנדן פאַקט:

„אויך ביים פאָגראָם אין וואַרשע, אין 1882, האָבן זיך די יידן גאַנץ ענערגיש פאַרטיידיקט און האָבן טאַקע מיט גרויס הצלחה באַשיצט אַלע ערטער, אין וועלכע זייערע ברידער האָבן זיך גע־פונען אין קאָמפּאַקטע מאַסן, ווי למשל, אויף עק נאַלעווקי און פראַנציסקאַנער און ענלעכע ערטער״.

***

צום סוף פון אַלע דערמאָנטע דריי מאמרים וועגן דער וויכטיקייט פון דער יידישער זעלבסט־שוץ, גיט סאָקאָלאָוו פאָלגנדע ענערגישע און (פאַר יענער צאַרישער דעספּאָטן־צייט) ממש געפערלעכע שטאָלצע עפנטלעכע דערקלערונג אין נאָמען פון די יידן:

„אויב עס איז ביי יידן פאַראַן אַ זעלבסט־שוץ, איז עס נאָר צוליב פאָגראָמען! און דעריבער הענגט אָפּ די פראַגע: „צי מיר יידן וועלן אויך להבא האָבן אַ זעלבסט־שוץ״ צי נישט, פון דער צווייטער פראַגע: „צי ס'וועלן נאָך ווייטער זיין פאָגראָמען אויף יידן אָדער נישט״?!... און היות, ווי מיר יידן קאָנען אויף דער דאָזיקער צווייטער פראַגע קיין ענטפער נישט געבן, קאָנען מיר במילא אויך קיין תשובה געבן אויף דער ערשטער פראַגע!״

(„הצפירה״, מאַי 1905).

אָט מיט אַזאַ שטאָלצן נאַציאָנאַלן ערן־געפיל האָט זיך דאַן אונדזער פאָלקס־רעפּרעזענטאַנט, נחום סאָקאָלאָוו, אַוועקגעשטעלט אויסטענהן מיט דער קריסטלעכער וועלט וועגן דער נויטיקייט פון יידישן זעלבסט־שוץ;

מיט אַזעלכע מוטיקע ווערטער האָט דאַן דער פאָרשטייער פון רוסישן ייִדנ־טום געוואַגט עפנטלעך צו באַשולדיקן די רוסישע צאַרן־רעגירונג;

און מיט אַזעלכע האַרציקע ווערטער האָט אונדזער מנהיג הדור, נחום סאָקאָלאָוו ז״ל, איינגעפלאַנצט אין די ייִדן פון יענעם דור דאָס באַוווסטזיין און פליכט פאַר ייִדישן זעלבסט־שוץ, — פאַר דער נאַציאָנאַל־ייִדישער „הגנה״!

**(פון „הצפירה״, מאַי 1905 און אויך פון „דבר השבוע״, נומער 11, יאָר 1946, מאמר: „סוקולוב והגנה העצמית״).**

.38

## יידישער חרם אויפן לאָדזשער עלעקטרישן טראַמוויי

וועגן נאָך אַ שיינעם נאַציאָנאַל־יידישן אַקט פון דער לאָדזשער יידי־שער עדה, איז ווערט צו דערמאָנען: וועגן דער פּראָקלאַמירונג פון עפנט־לעכן חרם אויפן שטאָטישן עלעקטרישן טראַמוויי.

געוועזן איז עס אין יאָר 1898. לאָדזש האָט זיך שוין דאַן גאָר נישקשהדיק פאַנאַנדערגעוואַקסן און, כדי צו פאַרלייכטערן די קאָמוני־קאַציע אין שטאָט, האָט דער מאַגיסטראַט באַשלאָסן איינצופירן אין די הויפּטגאַסן אַן עלעקטרישן טראַמוויי.

די קאָנצעסיע פאַר דער דאָזיקער אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ ספּעציעל־געגרינדעטער אַקציע־געזעלשאַפט, וועלכע איז באַשטאַנען ס׳רוב פון לאָדזשער רייכע דייטשן, בשותפות מיט דער באַקאַנטער בער־לינער „אַלגעמיינער עלעקטרישער געזעלשאַפט״.

באַלד נאָכן באַקומען די קאָנצעסיע האָט די „טראַמוויי־געזעלשאַפט״ זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט און ס׳האָט זיך איבער די גאַסן פון שטאָט אָנגעהויבן אַ זייער אינטענסיווע טעטיקייט ביים לייגן די רעלסן, אויפרייסן דעם אַלטן ברוק, צושטעלן די גראַניטענע שטיין־קלעצלעך, אאַ״וו.

ווייזט אויס, אַז די דירעקציע פון דער געזעלשאַפט איז נישט געווען קיין צו גרויסע סימפּאַטיזירערן פון יידן, אַ סימן דערצו איז דער פאַקט, אַז נישט־קוקנדיק אויף אַלע באַמיונגען, האָט מען יידן בשום אופן נישט געוואָלט געבן קיין שום אַרבעט.

נאָך מער: נישט נאָר וואָס מ׳האָט ייִדן נישט צוגעלאָזט צו קיין שום ביורא־אַרבעט, אָדער אַפילו ביים צושטעלן די פאַרשידנסטע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך צו אַזאַ גרויסער שטאָט־אַרבעט געניייטיקט; מ׳האָט אַפילו נישט געוואָלט אָננעמען פון דעם פון מאַגיסטראַט־קאָצעסיאָנירטן אונטערנע־מער פאַר ברוק־אַרבעט, אליעזר קאָסמאַן, די אָפּערטע וואָס ער האָט אָנגעגעבן.

ס׳האָבן נישט געהאָלפן אַלע אינטערווענצן פון באַקאַנטע ייִדישע כלל־טוער, ס׳האָט אויך נישט געפועלט דאָס פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ האַל־טונג מצד געוויסע ייִדישע קערפּערשאַפטן, — די טראַמוויי־געזעלשאַפט האָט געטענהט כסדר, אַז זי איז אַ פּריוואַטע אַקציען־געזעלשאַפט און זי האָט דאָס פולשטענדיקע רעכט צו האַנדלען אין דעם דאָזיקן ענין אירן, ווי איר פּאַסט און ווי איר איז באַקוועם...

און אַזוי ווי לאָדזשער ייִדן האָבן פון תמיד אָן געהאַט אַ טבע, אַז זיי לאָזן זיך נישט צו פיל „שפּילן אין דער קאַשע״ — האָט טאַקע דאָס לאָדזשער ייִדנטום, באין־ברירה, פּראָקלאַמירט עפנטלעך אַ חרם קעגן דער גאַנצער געזעלשאַפט און הויפּטזעכלעך קעגן איר טראַמוויי!

***

כמעט אַ האַלב יאָר נאָכאַנאַנד האָט דאָן אָנגעהאַלטן אין לאָדזש דער ייִדישער באָיקאָט! און אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט האָט נישט געפרוווט און אויך נישט געוואַגט קיין שום ייִד זיך צו באַנוצן מיט דעם דאָזיקן אַזוי־נוצלעכן און אַזוי באַקוועמען קאָמוניקאַציע־מיטל, וואָס איז נאָר־וואָס איינגעפירט געוואָרן אין דער שטאָט.

אַן ערן־וואַך פון אָנגעזעענע לאָדזשער יונגעלייט פלעגט כסדר שטיין פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט ביי אַלע טראַמוויי־סטאַציעס פון שטאָט און פון אירע פּעריפעריעס, כדי אָפּצוהיטן, אַז עס זאָל, חלילה, נישט אָנ־געריררט ווערן דער ייִדישער כבוד, דורך עפּעס אַ בשוגגדיקן אָדער גאָר דורך אַ במזידיקן „שטרייק־ברעכער״!...

עס האָבן נישט געהאָלפן די באַמיִונגען פון די דירעקטאָרן פון דער „טראַמוויי־געזעלשאַפט״, צו ווירקן אויף די דאָזיקע פון דער קהילה, באַ־זונדערס אויפן רב מייזל שליט״א, זיי זאָלן עפנטלעך זיך אַרויסזאָגן קעגן דעם באָיקאָט.

ס׳האָב אַפילו נישט געפעלט די פאַרשידענע „קונצן״ און לעכער־לעכע „טריקס״, צו באַזעצן די לייזדיקע טראַמוויי־וואַגאָנעס מיט קריסטן, איבערגעטוענע אין יידישע מלבושים...

אָט דאָס אַלץ האָט געפעלט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי! לאָדזשער יידן זענען געבליבן ביי דאָס זייעריקע: חרם איז חרם, אויף צופיקעניש די אַנטיסעמיטישע טראַמוויי־דירעקטאָרן!

***

ווי ווייט דער דאָזיקער „יידישער חרם״ האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי די ברייטערע קרייזן פון דער גאַנצער מדינה, קאָן באַווייזן דער פאַקט, אַז אַפילו די וויכטיקסטע רוסישע צייטונגען האָבן פון צייט צו צייט גע־בראַכט אויספירלעכע באַריכטן, ממש „ביולעטינען״, וועגן גאַנג פון יידישן באָיקאָט און וועגן זיין איינפלוס אויפן לעבן פון לאָדזש און אירע איינ־וווינער.

אַלס ביישפּיל קאָן דינען דער רעפּאָרטאַזש פון איינער פון די גרויסע פעטערבורגער צייטונגען, די „בירזשאָוויע וויעדאָמאָסטי״, וואָס נחום סאָ־קאָלאָוו האָט דאַן געפונען פאַר וויכטיק זי צו איבערזעצן און צו פאַר־עפנטלעכן אין „הצפירה״:

„דער שרייבער פון דער „בירזשאָוויע וויעדאָמאָסטי״, — דער־ציילט נחום סאָקאָלאָוו — וועלכער גיט איבער באַריכטן פון גאַנצן לאַנד, שילדערט אין זיין לעצטן נומער פון דער דאָזיקער צייטונג די פייערלעכע דערעפענונג פון לאָדזשער עלעקטרישן טראַמוויי, און פון דעם קאַמף, וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן די יידן פון שטאָט און דער טראַמוויי־דירעקציע, וואָס וויל נישט אָננעמען יידן אַלס באַאַמטע ביי זיך, ווי אויך נישט אַלס אַרבעטער אין אירע אונ־טערנעמונגען, און האָט אַפילו נישט געוואָלט איינקויפן קיין שום זאַך ביי יידן.

דורך דעם אָבער, וואָס אַ דריטל טייל איינוווינער פון שטאָט זענען יידן (לערך 100 טויזנט, צו יענער צייט — א. ט.), האָט די טראַמוויי־געזעלשאַפט זיך אַליין זייער פיל שאָדן געמאַכט מיט איר

## לאָדזש און אירע ייִדן

אָפּענער שנאה צו ייִדן!

די לאָדזשער ייִדן האָבן דערקלערט אַן עפנטלעכן באָיקאָט אויפן טראַמוויי, און די ייִדישע גבירים פון שטאָט האָבן תיכף געשטעלט צום רשות פון זייערע שטרייקנדיקע ברידער דריי הונדערט וועגענער, בכדי אַזוי אַרום צו פאַרלייכטערן זיי דאָס פאָרן אין שטאָט, און זיי, די לאָדזשער ייִדן, באַנוצן זיך גערן מיט דער דאָזיקער אַריגינעלער „ייִדישער קאָמוניקאַציע"...

דערווייל לויפן די טראַמוויי־וואַגאָנעס, כמעט פוסטע, איבער די גאַסן פון שטאָט, צו דער שמחה פון די פערד אָדער צום ווייטיק און עגמת־נפש פון די „הערן אַקציען־באַזיצער", וואָס זייער האָפענונג אויף גרויסע פאַרדינסטן איז געוואָרן פלוצים צו־נישט..."

(„הצפירה", 16טן יאַנואַר 1899, אַרטיקל: „בתפוצות ישראל")

און נאָכדעם, ווי די „הצפירה" ציטירט אויך דעם איבעריקן באַריכט פון דער דערמאָנטער רוסישער צייטונג, וואָס דערקלערט עפנטלעך, אַז די לאָדזשער טראַמוויי־געזעלשאַפט, וועמעס גרעסטער טייל אַקציעס ליגט אין די הענט פון דער „אַלגעמיינער עלעקטרישער געזעלשאַפט" אין דייטשלאַנד איז דורכאויס אַנטיסעמיטיש, גיט סאָקאָלאָוו צו:

„דער שרייבער פון דער „בירזשאָוויע וויעדאָמאָסטי" קריטיקירט זייער שטאַרק די דאָזיקע אויסלענדישע געזעלשאַפט, און ער נעמט די ייִדן פולשטענדיק אין שוץ! לויט זיינע ווערטער, צייכענען זיך די לאָדזשער ייִדן אויס מער פון זייערע ברידער אין אַנדערע שטעט פון פוילן מיט זייער גרויסצוגיקייט, מיט זייער קולטור, געדולד", אאַ"וו.

***

און לאָדזשער ייִדן האָבן געזיגט!

די טראַמוויי־געזעלשאַפט האָט, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, געמוזט מפייס זיין די ייִדן!

זי האָט דעם רעשט טייל פון דער אַרבעט: לייגן רעלסן אין די גאַסן, צעברוקעווען נעבן זיי די קוביק־שטיינער אאַ״וו, איבערגעגעבן דעם באַוווסטן ייִדישן קאָנסטרוקטאָר אליעזר קאַסמאַן; און נאָך פאַרשיידענע אַרבעטן האָט זי איבערגעגעבן צו אַנדערע ייִדישע אונטערנעמער און בעלי־מלאכות.

חוץ דעם, האָט די געזעלשאַפט דאַן (אַלס איבערבעט־געלט...) געשפּענדעט 10 טויזנט רובל אויף פאַרשידענע ייִדישע אינסטיטוציעס, פאַרפליכטנדיק זיך צו פאַרטיילן יאָר־יערלעך פון אירע דיווידענדן גרעסערע געלט־סומעס פאַר ייִדישע צוועקן!

.39

## די גזירה אַרויסצוטרייבן לאָדזשער יידן און איר סוף...

געווען איז עס סוף אָקטאָבער 1914, דאָס הייסט — אָנהייב פון דעם ערשטן וועלט־קריג.

דער רוס האָט דאַן געהאַלטן אין כאַפּן מפּלות פון די דייטשן. און ווי זיין שטייגער איז, האָט דער רוסישער גענעראַל־שטאַב, וועלנדיק גע־פונען עפּעס אַ „שעיר־לעזאזל" פאַר זיין מיאוסער מפּלה, אויסגעוויילט דערצו אַלס קרבן, טאַקע דעם ייִד!...

„די ייִדן זענען שולדיק אין אַלעם!" — האָט דער „גענעראַל־שטאַב־שעף פון אַלע רוסישע אַרמייען", ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, (צאַר ניקאָלאַיס פעטער) אַרויסבאַפוילן דורך גענעראַל שיידעמאַן (ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשעס רעכטע האַנט) דער ייִדישער דעלעגאַ־ציע, וואָס איז באַשטאַנען פון הרב טרייסטמאַן ז"ל און סטאַניסלאַוו זילבערשטיין און איז געקומען אין לאָדזשער „גראַנד־האָטעל", כדי צו אינטערווענירן אין גענעראַל־שטאַב וועגן די כסדרדיקע אָנפאַלן פון סאָלדאַטן און קאָזאַקן אויף די ייִדן פון שטאָט און איר אומ־געגנט.

„מ'דאַרף זיי, די אַלע ייִדן, אַרויסטרייבן פון דער גאַנצער גע־גנט" — האָט דער שונא־ישראל צוגעגעבן צו זיין פריערדיקן „פּזמון"...

„נאָר צוליב די ייִדן האָבן מיר פאַרלוירן אונדזער „מאַרש אויף בערלין", וועלכן די מוסטערהאַפטע אַרמיי אונדזערע האָט תחילת אַזוי גלענצנד אָנגעהויבן!".

אַלס צוגרייטונג צו זיין פּלאַן אַרויסצוטרייבן די ייִדן פון לאָדזש און איר אומגעגנט, פּונקט ווי מ׳האָט געטון מיט די ייִדן פון פיל אַנדערע שטעטלעך, האָט דער גענעראַל־שטאַב־שעף באַפוילן דעם פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר יאַטשעווסקי (צו וועמען לאָדזש האָט דאַן אין אַדמיניסטראַ־טיוון זין געהערט) צו פאַרעפנטלעכן אין זיין נאָמען פאָלגנדע אָפיציעלע וואָרענונג צו דער ייִדישער באַפעלקערונג:

## באַקאַנטמאַכונג!

דער קאָמענדאַנט פון דער אַרמיי בעט מיך באַקאַנט צו מאַכן **דער ייִדישער באַפעלקערונג**, אַז די שולדיקע אין קאַליע־מאַכן דעם טעלעגראַף וועלן דערשאָסן ווערן אָן שום דין און משפט!

פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר
יאַטשעווסקי

לאָדזש, דעם 25סטן אָקטאָבער 1914.

---

# Объявленіе.

Командующій арміею проситъ меня объявить **еврейскому населенію,** что уличенные въ порчѣ телеграфа будутъ разстрѣливаться безъ суда.

Петроковскій Губернаторъ
**Ячевскій.**

Гор. Лодзь, 25 Октября 1914 г.

אַנטיסעמיטישע באַקאַנטמאַכונג קעגן דער יידישער באַפעלקערונג

אַ טויט־שרעק איז באַפאַלן די לאָדזשער עסקנים, ווען הרב סרייסט־מאַן האָט אונדז געשיקט רופן און אַ דערציטערטער אונדז מגלה־געווען וואָס עס שטעקט הינטער דער פּראָוואָקאַטאָרישער באַקאַנטמאַכונג, וואָס וועגן דעם, אַז זי דרוקט זיך, האָט אים איינער פון זיינע רוסישע פריינד בסוד אַנטדעקט!...

וויסנדיק וואָס אונדז, יידן, דערוואַרט, אויב די קאָזאַקן, קאַלמיקן, טשערקעסן און סתם צעבושעוועטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אַרומגע־דרייט אין די צענדליקער טויזנטער, וועלן זען, ווי זייער גלאַוונאָקאָ־מאַנדוישטשי, בכבודו ובעצמו, וואַרנט עפנטלעך יידן — און דווקא נאָר יידן — האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דער רב זאָל תיכף אַוועק אין הויפּט־קוואַרטיר, אין באַגלייטונג פון סטאַניסלאַוו זילבערשטיין, כדי זיך צו באַ־מיען אַז די דאָזיקע געפערלעכע באַקאַנטמאַכונג זאָל נישט פאַרעפנטלעכט ווערן.

***

בלילה ההוא — אין יענער טרויעריקער נאַכט, ערב דער גירוש־גזירה, וואָס האָט געזאָלט — באַלד נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון דער דערמאָנטער טרויעריקער וואַרענונג, פּראָקלאַמירט ווערן — האָט זיך הרב טרייסטמאַן אַרומגעדרייט אַ ציטערנדיקער און פלאַטערנדיקער אין וואַרט־זאַל פון „גראַנד־האָטעל", כדי אויפגענומען צו ווערן פון ניקאָלאַי־ניקאָ־לאַיעוויטשעס פאַרטרעטער, גענעראַל שיידעמאַן, וועלכער האָט אינצווישן געשיקט רופן דעם רב, בכדי אים איבערצוגעבן אַ העכסט־וויכטיקע באַ־קאַנטמאַכונג! (די דערמאָנטע באַקאַנטמאַכונג האָט געזאָלט זיין — ווי דער רב האָט זיך בסוד דערוווּסט — דער „פאַרפאַסטער" צום יידישן גירוש...) 9).

ענדלעך, נאָך האַלבער נאַכט, איז אַרויסגעקומען גענעראַל שיידעמאַנס אַדיוטאַנט און אַריינגעבעטן דעם רב צו זיין שעף. און אָט וואָס הרב טרייסטמאַן האָט אונדז נאָך אין דערזעלבער נאַכט דערציילט:

„באַלד, ווי כ'האָב נאָר איבערגעטראָטן די שוועל פון זיין קאַ־בינעט, האָט מיר גענעראַל שיידעמאַן גענומען פרעדיקן מאָראַל און פאַרוואַרפן, אין נאָמען פון גענעראַל־שטאַב־שעף, די ביטערסטע באַ־שולדיקונגען און ממש בילבולים אויף יידן.

„די אַרטיקע ייִדן — האָט ער געטענהט — זענען די ערגסטע שונאים פון דער רוסישער אַרמיי: זיי שוואַכן אָפּ די מאָראַל פון אונ־דזער מיליטער; זיי פרייען זיך עפנטלעך, ווען מיר האָבן אַ וועלכע עס איז מפּלה; זיי פאַרקלענערן אונדזערע גרויסע נצחונות און לאַכן אונדז אויס אין דער עפנטלעכקייט! דאָס ערגסטע און נידערטרעכ־טיקסטע פון אַלעם איז אָבער דאָס, וואָס די ייִדן רייסן כסדר איבער די דראָטן פון מיליטער־טעלעגראַף אַרום דער שטאָט״...

הרב טרייסטמאַן האָט גענומען באַווייזן מיט פאַקטן די מעשים פון ייִדן לטובת דער רוסישער אַרמיי, וועלכע ווייזן פונקט דאָס פאַרקערטע פון די באַשולדיקונגען:

„איך האָב דערמאָנט דעם גענעראַל שיידעמאַן, אַז באַלד ביים אָנהייב פון קריגס־אויסברוך, ווען די אַרמיי האָט מאַרשירט אויף דייטשלאַנד און איז דורכגעגאַנגען לאָדזש, האָבן די ייִדן, טאָג און נאַכט דערלאַנגט די סאָלדאַטן וואַרעמען טיי מיט צובייסן, געטיילט זיי פּאַפּיראָסן און פאַרשידענע אַנדערע פּראָדוקטן.

איך האָב אויך דערציילט, ווי מיר ייִדן האָבן תּיכף איינגעאָרדנט ספּעציעלע רעזערוו־שפּיטאָלן און אַמבולאַנסן ,קליניקס אאַ״וו, ווו מ׳האָט געגעבן די טויזנטער פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, וואָס מ׳האָט געבראַכט פון די פראָנטן, די נייטיקסטע הילף.

איך האָב אים איבערגעגעבן וועגן דער גרויסער געלט־סומע, וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן געשפּענדט און איבערגעגעבן דעם שעף פון רוסישן רויטן־קרייץ, פּראָפעסאָר גוטשקאָוו, בעת ער איז פאַרזעגלעך, ביים קריגס־אויסברוך, געקומען קיין לאָדזש.

אויסער דעם האָב איך שיידעמאַנען דערלאַנגט אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג פון רוסישן גייסטלעכן אין לאָדזש, באַטיושקאַ אַנטאָני, אַז לאָדזשער ייִדן, מיטן רב טרייסטמאַן אין דער שפּיץ, שטיצן כסדר די נויטבאַדערפטיקע פּראַוואָסלאַוונע, באַזונדערס די הונדערטער יתומים פון „פּריאוט״ (אַזיל) ביי דער רוסישער קירכע, אויף אַל־גינסקאַ־גאַס.

אָבער, אַז איך האָב געזען, אַז דאָס אַלץ העלפט נישט, און ער האַלט זיך נאָך פעסט ביי דעם, וואָס ניקאָלאַי־ניקאָלאַיעוויטש האָט אים באַפוילן מיר צו זאָגן, — האָבן איך באין־ברירה, מיך געוואָרפן צו זיינע פיס און מיט אַ יאָמערלעך געוויין גענומען בעטן אים פשוט רחמים אויף אונדזער יידישער עדה!".

---

9) איצט מעג מען שוין אויסזאָגן, אַז דעם סוד וועגן ניקאָלאַי־ניקאָלאַיע־וויטשעס געהיימען פּלאַן אַרויסצוטרייבן די יידן פון לאָדזש און אַלע אירע אַרומיקע שטעט, האָט אַנטפּלעקט דעם רב טרייסטמאַן ז"ל, זיין פּערזענלעכער פריינד, דער פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר יאַטשעווסקי, וואָס האָט אונטערגעשריבן די טרויעריקע „באַקאַנטמאַכונג".

.40

## יידישע שמירה אויפן רוסישן מיליטער־טעלעגראַף...

דערקאָנענדיק אין שיידעמאַנס אויגן, אַז ער איז גערירט פון דעם רבס געוויין, האָט הרב טרייסטמאַן אים געמאַכט פאָלגנדן פאָרשלאָג:

„אַזוי ווי דעם גענעראַל־שטאַב גייט דאָך הויפּטזעכלעך אין דעם וואָס מ׳מאַכט קאַליע אַרום לאָדזש דעם מיליטער־טעלעגראַף, שלאָג איך פאָר, אַז מ׳זאָל איבערגעבן אונדז יידן די גאַנצע שמירה אויף אים, און מיר וועלן פון איצט אָן איבערנעמען די גאַנצע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט!

דערהערנדיק דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, האָט זיך שיידעמאַן גע־בעטן אַנטשולדיקונג און ער איז אַרויס פון קאַבינעט. נאָך אַ פערטל שעה, לערך, קומט ער צוריק מיט דער הסכמה פון ניקאָלאַי־ניקאָלאַיעוויטשן אַליין, און דערקלערנדיק מיר די ערנסטקייט פון דער זאַך און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מיר יידן נעמען אויף זיך, געזעגנט ער זיך פריינטלעך מיט די ווערטער: „באָג ס׳וואַמי״ („גאָט מיט אייך״) און בעט זיין אַדיוטאַנט מיך אַרויסבאַגלייטן ביז איבער דעם וואַך־פּאָסטן״.

***

אין מיין לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן דאָס אימפּאָזאַנטע בילד, ווען ס׳האָבן אין צוויי טעג אַרום אַרויסמאַרשירט פון הויף אויף זיעלאָנאַ־

גאַס 20 (ווו הרב טרייסטמאַן מיט זיינע צוויי זין און אײדעם האָבן געוווינט). די ערשטע פּאָר הונדערט יונגעלייט פון דער „ייִדישער טעלעגראַפן־מיליץ". נאָך איצט שטייען מיר פאַר די אויגן די שטאָלץ־מאַרשירנדיקע באַטאַליאָנען פון די איבערגעגעבענע נאַציאָנאַלע יונגעלייט, וואָס האָבן אויף זיך פרייוויליק גענומען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע פליכט, צו היטן אין מלחמה־צייט דעם רוסישן קריגס־טעלעגראַף, עס זאָל אים, חלילה־וחס, קיין שלעכטס נישט געשען.

און אַזוי זע איך נאָך איצט די צוויי טויזנט יונגע ייִדישע בחורים, ווי זיי מאַרשירן אַרויס פון שטאָט, צו זעקס אין אַ ריי, באַוואָפנט יעדער מיט אַ הילצערנער ספּעציעל־געטאָקטער „פּאַלקע" (דאָס איינציקע „געווער", וואָס שיידעמאַן האָט דערלויבט צו טראָגן...) און „פאַרזיכערט" אויפן לינקן אָרעם מיט אַ ברייטן ווייסן באַנד, באַשטעמפּלט אין סאַמע מיט און אויך אין אַלע פיר עקן מיט דער בוכשטאַב T (טעלעגראַף) און באַזיגלט מיטן אָפיציעלן „מיליטער־שטעמפּל", וועלכער טראָגט דעם נומער פונעם „טעלעגראַפן־מיליציאַנט", וואָס יעדער פון די „שומרים" האָט




באַנד פון דער ייִדישער „טעלעגראַפן־מיליץ", וואָס יעדער מיליציאַנט האָט געטראָגן אויף זיין אַרבל.

אָפיציעל באַקומען, כדי אָפּצוהיטן דעם רוסישן קריגס־טעלעגראַף און צו פאַרמיידן דעם גירוש פון זיינע ברידער אין לאָדזש און פון אַלע אַרומיקע שטעט...

און ווער עס האָט געזען די דאָזיקע איבערגעגעבענע יונגעלייט,

בעתן דערפילן זייער מיסיע, שטייענדיק, פון לאָדזש ביז קאָלושקי, יומם ולילה אויף דער וואַך, אין יענע רעגנדיקע און קאַלטע האַרבסט־טעג, און דערצו אויף די צעפּאַרענע און צעריסענע שאָסייען, צי אויף פּעלדער און לאָנקעס, פול גריבער און ראָוון, באַדעקט מיט בלאָטע און שלאַם, — נאָר דער קאָן אָפּשאַצן דעם מסירת־נפש פון אונדזערע לאָדזשער „טעלעגראַפן־מיליציאַנטן", ווי אויך די אויסערגעוויינלעכע אָרגאַניזאַציע־פעיקייט, וואָס לאָדזשער ייִדישע עסקנים האָבן פאַרמאָגט!

און זאָלן דאָ פאַראייביקט ווערן די נעמען פון די קדושים מיטן קאָמענדאַנט, חבר גלאַצשטיין פון ספּאָרט־קלוב „בר־כוכבא" אין דער שפּיץ. שטייענדיק אויף שמירה אין יענע קאַלטע און נאַסע האַרבסט־טעג, זענען זיי נעבעך פון פאַרקילונג און שווערע לונגען־אָנטצינדונגען, אַוועק פון דער וועלט אין זייערע בעסטע יוגנט־יאָרן. תנצב״ה.

***

צום סוף איז ווערט צו דערמאָנען, אַז נישט איינמאָל פלעגן פּינצטערע עלעמענטן פּרוּוון מאַכן פאַרשידענע פּראָוואָקאַציעס, בכדי אָרויפצוּוואַרפן אויף די ייִדן די שולד פון דער דורך זיי איבערגעריסענער מיליטערישער טעלעגראַפן־ליניע...

עס זענען אויך פאָרגעקומען אַנדערע פאַלן, למשל: אַ קו צי אַ פערד, איז זיך גראָד דורכגעגאַנגען אַ פעלד ווו דער טעלעגראַפן־דראָט איז געלעגן („פּאַניע" האָט דאַן דעם פעלד־טעלעגראַף געהאַט ליגן אויף דער ערד), האָט אים פלוצים דורכגעריסן און ווען נישט די אויסערגעוויינלעכע וואַכזאַמקייט פון אונדזערע „טעלעגראַף־מיליציאַנטן", ווער ווייסט וואָס מיט אונדזער ביסל ייִדן וואָלט דאַן געשען... (10

אַזוי צי אַזוי, קאָן מען זאָגן, אַז אַ דאַנק דעם רעיון פון הרב טרייסטמאַן ז״ל און הויפּטזעכלעך, אַ דאַנק דעם מסירת־נפש פון דער ייִדישער טעלעגראַפן־מיליץ, זענען ניצול געוואָרן די ייִדן פון לאָדזש און אַלע אירע אַרומיקע שטעטלעך פון שרעקלעכן גירוש פון זייערע ווינטערטער.

## לאָדזש און אירע יידן

וועגן דער הסכמה פון ניקאָלאַי־ניקאָלאַיעוויטשן צו דער „יידישער טעלעגראַפן־מיליץ״ האָבן זיך דאַן צעטיילט אונדזערע מיינונגען: אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז אים טאַקע געפעלן. אַנדערע, דאַקעגן, זענען געווען איבערצייגט, אַז דער שונא־ישראל איז געווען זיכער, אַז יידן וועלן נישט קאָנען ווי געהעריק פאַרהיטן דעם טעלעגראַף און במילא וועט ער האָבן דעם בעסטן תירוץ זיי אַרויסצוטרייבן...

---

10) זאָל ביי דער געלעגנהייט פאַרריכט ווערן דער טעות, וואָס איז, ליידער, אַריין אין אשכולס בוך „קהילת לודז״ (זייט 199), ווו עס ווערט געזאָגט, אַז „ווען די יידישע כלל־טוער האָבן זיך געווענדעט צום רב טרייסטמאַן וועגן דעם דאָזיקן ענין, האָבן זיי אים נישט געפונען פעיק צו דער זאַך״.

דער אמת איז, אַז נאָר הרב טרייסטמאַן ז״ל האָט געגעבן שיידעמאַנען דעם געדאַנק וועגן דער יידישער „טעלעגראַפן־מיליץ״ און אַ דאַנק אים זענען די יידן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דער גירוש־גזירה.

הרב טרייסטמאַן איז אויך געווען דער, וואָס האָט אויף זיך גענומען דאָס תיכפדיקע אָרגאַניזירן די טעלעגראַפן־מיליץ.

.41

## לאָדזשער הילף פאַר אַנדערע יידישע פּליטים

ס׳איז כדאי צו דערציילן וועגן דער הילף וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן געגעבן זייערע ברודער, די צענדליקער טויזנטער ייִדישע פּליטים, וועלכע זענען פּלוצים, ביים אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, אָנגעקומען קיין לאָדזש פון אַלע שטעט און שטעטלעך, פון וואַנען די רוסישע מיליטער־מאַכט האָט זיי ברוטאַל פאַרטריבן.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן די שרעקלעכע בהלה וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ייִדישע איינוווינער פון די אַלע גרענעץ־שטעטלעך, בעת ס׳האָבן זיך באַוויזן די רוסישע זשאַנדאַרמען, אין באַגלייטונג פון צעבושעוועטע קאָזאַקן, וועלכע האָבן מיט אָנגעשפּאַנטע שפּיזן און פאָכנדיקע „נאַגייקעס״ גענומען אַרויסטרייבן ס׳גאַנצע ביסל ייִדן פון זייערע אַלט־איינגעזעסענע וווין־ערטער.

די אימה איז געוואָרן נאָך מורא־דיקער, נאָך „מעשה־קאַליש״, נאָכדעם ווי אַריינקומענדיק אין דער ערשטער גרענעץ־שטאָט, קאַליש, האָבן די דייטשן געכאַפּט 20 ייִדן און אונטערן בילבול, אַז ייִדן האָבן דערשאָסן אַ דייטשן „פאַרפּאָסטן״, האָבן זיי דערשאָסן גאָס די אַלע אומשולדיקע ייִדן, צווישן זיי אויך דעם 75־יאָריקן אָנגעזעענעם גביר, ישראל פרידע ז״ל.

נאָך דער דאָזיקער אכזריותדיקער מעשה איז די אימה פון די ייִדן אין די גרענעץ־שטעטלעך געוואָרן אַזוי גרויס, אַז דער עולם האָט, אַנטלויפנדיק אין בהלה, ממש נישט באַוויזן צו נעמען מיט זיך גאָרנישט.

אַזוי זענען די דאָזיקע טויזנטער ייִדישע פּליטים, פּלוצים אין אַ געוויסן פּרייטיק פאַרטאָג, אַנגעקומען קיין לאָדזש און, נישט־האָבנדיק ממש ווי דעם קאָפּ אַנידערצולייגן — האָבן זיי זיך צעזעצט מיט ווייב און קינד אויף די טראָטואַרן פון די גאַסן און, אין גליקלעכע פאַלן, אין די טויערן פון די הייזער.

און זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן, לזכרון עולם, די לאָדזשער עסקנים, מיט הרב טרייסטמאַן ז״ל און זיינע קינדער בראש, וואָס האָבן באַוויזן אין יענעם איינציקן טאָג די אַלע פּליטים איינצוקוואַרטירן אין וואַרעמע, ליכטיקע, ריינע און באַקוועמע ערטער, לרוב אין די גרויסע שטאָט־לאָ־קאַלן, ווי: שולן, טעאַטערס, קינאָס, קלובן און פאַריינס־לאָקאַלן, פאַרזעענדיק זיי אַלע, נישט נאָר מיט באַקוועמע געלעגערס, נאָר אויך מיט עסן און טרינקען, אאַ״וו.

און זאָלן דערביי אויך דערמאָנט ווערן צום גוטן די ייִדישע לאָדזשער בעקערס, פישערס, קצבים און קאָלאָניאַל־הענדלער, וואָס האָבן דאַן, פון זיך אַליין, צוגעשיקט אומזיסט הונדערטער קוישן עסנוואַרג פאַר די אַלע פּליטים.

לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען דעם „היסטאָרישן סדר״, וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן דאַן איינגעאָרדנט פאַר די אַלע פּליטים, באַזונדערס פאַר די 1.200 וואָס זענען געווען איינקוואַרטירט אין די זאַלן פון זאַנדבערגס גרויסן טעאַטער, אויף קאָנסטאַנטינער גאַס — אַ סדר אין וועלכן ס׳האָבן אויך אָנטייל גענומען די פּני־העיר, מיטן הרב טרייסטמאַן ז״ל אין דער שפּיץ, וועלכער האָט מיט זיין גלענצנדער אויפמונטערונג־רעדע צוגעגעבן די פון זייערע היימען אַרויסגעטריבענע ייִדן, אַזוי פיל מוט און האָפענונג, אַז אַלע זענען זיי פּלוצים אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער, אַרום די שיין־געדעקטע סדר־טישן און האָבן ספּאָנטאַן גענומען זינגען די אויפמונטערונג־ווערטער פון אונדזער נאַציאָנאַלן הימן: „עוד לא אבדה תקותנו״!...

.42

## לאָדזשער יידנס הילף פאַר יידישע „ביעזשענצעס" אין מאָסקווע

און נאָך אַ שיינע און זייער אינטערעסאַנטע טאַט פון לאָדזשער יידן איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן אין דער ווילטעטיקייט־געשיכטע פון אונדזער פאָלק. דאַסמאָל איז עס אָבער אַ טאַט, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן נישט אין יידישן לאָדזש, נאָר דווקא אין רוסישן מאָסקווע.

כ'קאָן דאָ נישט איבערגעבן אַלץ, וואָס כ'האָב מיך שפּעטער, ביים 13טן ציוניסטישן קאָנגרעס אָנגעהערט דערוועגן פון כמעט אַלע מאָסקווער דעלעגאַטן, מיט וועלכע איך פלעג זיין אין די פאַרשידענע קאָמיסיעס און קאָנגרעס־אַמטן. איך וועל דעריבער דאָ נאָר איבערגעבן אַ פּאָר שורות פון אַן אַרטיקל, וואָס איז שפּעטער וועגן דעם דערשינען אין לאָדזשער זשורנאַל „פּוילישער מאַנטשעסטער":

— — — „די לאָדזשער, ווי אויך אַלע אַנדערע יידן, וואָס זע־נען ביים ערשטן וועלט־קריג אַנטלאָפן קיין מאָסקווע, געדענקען דאָך געוויס זייער גוט די הילף און די שטיצע, וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער דאָזיקער רוסישער הויפּטשטאָט פון „לאָדזשער הילפס־קאָמיטעט", וואָס האָט זיך דאַן, מיט דער הילף פון הרב מאַזה ז"ל, געגרינדעט אין מאָסקווע דורך דער גרופּע לאָדזשער עסקנים, אַן דער שפּיץ פון וועלכע עס איז געשטאַנען אונדזער באַקאַנטער כלל־טוער יוליאַן וואָלף".

אויסרעכענענדיק אַלץ וואָס דער דערמאָנטער „לאָדזשער הילפס־קאָמיטעט" האָט דעמאָלט געטון פאַר די טויזנטער ייִדישע פּליטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסישן מאָסקווע, — דערציילט דער שרייבער פון דעם אַרטיקל אָט־וואָס:

„די לאָדזשער וועלן געוויס נישט פאַרגעסן דעם „סדר", וואָס דער „לאָדזשער קאָמיטעט" האָט איינגעאָרדנט פסח 1916, פאַר די 5 טויזנט פּליטים פון פּוילן אין די זאַלן פון דער גרויסער מאָסקווער שול, ווו מ'האָט אַלע מכבד געווען, ביי פּרעכטיק־געדעקטע טישן, מיט כלערליי גוטע מאכלים און משקאות, מיט מצות און פיש, און אפילו מיט כשר פלייש, וואָס דער „לאָדזשער קאָמיטעט" האָט, מיט דער הילף פון לאָדזשער כלל־טוער שמואל ציגלער, געבראַכט קיין מאָסקווע אַזש פון סיזראַן — אַ שטרעקע פון העכער טויזנט צוויי־הונדערט קילאָמעטער ווייט!".

צום שלוס ענדיקט דער שרייבער דעם דאָזיקן מאמר מיט פאָלגנדע ווערטער:

„די לאָדזשער „בעזשענצעס", ווי אויך יענע וואָס זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד פון אַנדערע פּוילישע שטעט, וועלן קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן אויך די גרויסע טעקסטיל־פאַבריק, וואָס דער לאָ־דזשער קאָמיטעט האָט דעמאָלט פאַר זיי איינגעאָרדנט אין דאָרף „איזמאַלאָוו", ביי מאָסקווע, ווו הונדערטער לאָדזשער און ביאַליס־טאָקער ייִדן זענען באַשעפטיקט געווען ביים פּראָדוצירן וואָל־שטאָפן פאַר דער רוסישער אַרמיי — אַן אַרבעט, וואָס האָט געגעבן די ייִדישע פּליטים מעגלעכקייטן צו דערנערן זיך און זייער פאַמיליע בכבוד ביזן סוף פון קריג".

(„פּוילישער מאַנטשעסטער", נומער 3, יאָר 1928, אַרטיקל: „בע הנד מיט פּוילישן ייִדן").

אָט דאָס זענען נאָר איינצלנע פון די פיל גרעסערע, ענלעכע אַקטי־וויטעטן, וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן אין זייער צייט דורכגעפירט פאַר זייערע נויטבאַדערפטיקע ברידער.

43.

## די גרייטקייט פון די לאָדזשער יידן גוטס צו טון

„אַז מ׳דערמאָנט די גרייטקייט פון די לאָדזשער ייִדן צו טון גוטס — דערשיינט פאַר דיר דער שיינער אויסדרוק פון דער הגדה: „כמה מעלות טובות!״, ווייל די לאָדזשער ייִדן באַזיצן פאַקטיש זייער פיל מעלות!

אָבער די גרעסטע מעלה זייערע איז דאָס, וואָס זיי פאַרשטייען די „מלאכה פון געבן״, — און פון געבן ווען מ׳דאַרף, ווען מ׳דאַרף און אויף וואָס מ׳דאַרף!״.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ביאַליק אָנגעהויבן זיין רעדע, בעתן „קבלת־פנים״ וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן איינגעאָרדנט לכבוד אים אין לאָדזשער „הזמיר״.

און די דאָזיקע מעלה האָבן געהאַט נישט נאָר די גרויסע גבירים פון שטאָט, נאָר אויך כמעט אַלע אַנדערע שיכטן פון דער לאָדזשער ייִדישער באַפעלקערונג, אָנהייבנדיק פון מיטלקלאַס־מענטשן, ווי: רייזנדע, אָנגעשטעלטע, קאָמיסיאָנערן, בעלי־מלאכות און דעסגלייכן האַנטווערקער, פאַקער, טרעגער אאַ״וו.

אַלע, אַלע פלעגן געבן ווען מ׳האָט פון זיי פאַרלאַנגט און אויף וואָס מ׳האָט באַדאַרפט! און האָט ערגעצוווּ אויסגעבראָכן אַ שריפה צי אַ פּאָגראָם אין אַ שטעטל, אַ פאַרפלייצונג צי אַ מגפה אָדער אַן אַנדער אומגליק האָט ערגעצוווּ געטראָפן, און אחינו בני ישראל האָבן נעבעך דערפון געליטן —

איז ווער תיכף געקומען צו־הילף די געליטענע, אויב נישט דאָס יידישע לאָדזש?!

און פלעגט זיך עפּעס אַ „משולח" אַרויסלאָזן זאַמלען פאַר זיין ישיבה, צי אַן „ארץ ישראל־מקובל" אויף ר' מאיר־בעל־הנס, אַ ליטווישער מגיד אויף צו דערוועקן פרומקייט ביי יידן, אַ ספּעציעלער שליח פאַר זיין ירושלימער כולל, אַ מחבר פון ספרים מהנה צו זיין מיט זיין חיבור, אַ גוטער ייד — מזכה צו זיין מיט זיינע תורות און אַפילו אַ חזן צי אַ קלעזמער, אַ קאָמפּאָזיטאָר צי אַן אַקטיאָר, אַ פּאַרטיי־לידער צי אַן אַגיטאַטאָר, אַ מאָלער צי אַ פּאָעט, — פלעגן זיי קודם־כל אַריינפאָרן קיין לאָדזש.

און לאָדזש האָט טאַקע געגעבן — און געגעבן ממש אויף אַלעם! אַפילו גרויסע געלט־סומעס פאַר דער לאָדזשער רוסישער צערקווע.

ווי זאָגט עפּעס דער תלמוד: „נתבעו למשכן — ונתנו! נתבעו לעגל — נתנו!"; האָט מען ביי יידן פאַרלאַנגט גאָלד צום משכן — האָבן זיי געגעבן! און האָט מען ביי זיי געבעטן פאַרן עגל — האָבן זיי אויך נישט אָפּגעזאָגט!... 11)

און פּונקט ווי ס'יידישע לאָדזש פלעגט געבן פאַר דרויסנדיקע צוועקן, אַזוי האָט עס אויך נישט געקאַרגט פאַר שטאָט־ענינים! אַ באַוויז — די פאַרשידנאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס לאָדזשער יידן האָבן אויפגעבויט. דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז נישט־קוקנדיק, וואָס זי איז געווען אַ פּרנסה־שטאָט, האָט לאָדזש אויך דורכגעמאַכט פאַרשידענע קריזיסן. 12)

***

אָבער גראָד אין קריזיס־צייט, ווען נויט און עלנט האָבן געהערשט אין שטאָט, האָט דאָס יידישע לאָדזש באַוויזן וואָס עס הייסט ממשותדיקע גיכע הילף פאַר ברידער.

צו דעם צוועק האָבן לאָדזשער נדבנים געגרינדעט פאַרשידענע „צדקה־אַנשטאַלטן" און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאָלפן יעדן וואָס האָט זיך נאָר געניטיקט.

אין דער שפּיץ פון אַלע לאָדזשער הילפס־אינסטיטוציעס איז געשטאַנען דער „לאָדזשער דאַבראָטשינאָשטש", — אַ פאַריין, וואָס זיינס גלייכן

איז דאָן נאָך נישט געווען אין גאַנץ אייראָפּע (גרינדער: ישראל פּאָזנאַנסקי, מאַקס זילבערשטייןֹ, יעקב הערץ, הערמאַן קאָנשטאַט, אַדאָלף דאָבראַניצקי, עזרא שיקער אאַ״וו).

די הויפּט־טעטיקייט פון לאָדזשער „דאָבראָטשינאָשטש" איז געווען: הלוואות אָן פּראָצענט ביז 300 רובל, געלט־שטיצע ביז 10 רובל, פּאַרטיילן אומזיסט וואַרעמע מיטאָגן, געבן בחינם רפואות און מעדיקאַמענטן, שיקן



עזרא שיקער

פאַרשטייער פון די אומפּאַרטייאישע באַקאַנטער לאָדזשער כלל־טוער, גרינדער פון פיל אינסטיטוציעס

קראַנקע און שוואַכע אין נייטיקע קורערטער, איינאָרדענען אַזילן פאַר דאַכ־לאָזע, טיילן ווינטער־צייט קוילן, אויפבויען וווינהייזער פאַר אינוואַלידן, קליניקס פאַר קראַנקע, פּריוטן פאַר אלמנות און יתומים און נאָך ענלעכע נוצלעכע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן אין די גרעסטע קריזיס־יאָרן ממש גע־ראַטעוועט די באַדערפטיקע פון הונגער און עלנט.

חוץ דעם דערמאָנטן, האָט דער „דאָבראָטשינאָשטש" אויפגעבויט אין ראַדאָגאָשטש (לאָדזשער פאָרשטאָט) אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע, וואָס האָט געהאַט 6 גרויסע פּאַוויליאָנען, אַרום וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ שיין־געפּלאַנצטער גאָרטן פון העכער 30 מאָרג לאַנד.

ס׳איז כדאי אויך צו דערמאָנען „פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל״, וואָס דער נדבן האָט אויסגעבויט אין דער געזונטסטער געגנט פון שטאָט; דעם „ביקור־חולים״, וועלכן די דערמאָנטע נדבנים האָבן, צוזאַמען מיט יחיאל־יצחק בערמאַן און דוד פּרוסאַק, געגרינדעט; „קאָנסטאַנטס מושב זקנים״, דאָס „הויז פאַר אלמנות״, — געשפּענדעט פון פרוי קיפּער; דאָס „יתומים־הויז״ — געשפּענדעט דורך פרוי אַננאַ הערץ; דאָס „הויז פאַר היימלאָזע קינדער״ —



יחיאל־יצחק בערמאַן

פּרעזעס פון דער לאָדזשער אָרטאָדאָקסיע, באַקאַנטער עסקן און ראַטמאַן אין מאַגיסטראַט; מיט־גרינדער פון פיל לאָדזשער אינסטיטוציעס

געשפּענדעט פון הירשבערג; „וווינהייזער פאַר בכבודיקע משפּחות״ — געשפּענדעט דורך גאָלדפעדער; „קימפּעטאָרין־היים״ — געשפּענדעט פון פרוי ביעלשאָווסקאַ. „ראָזאַלינא״ — געשפּענדעט דורך ביידע; די גרויסע יתומים־פאַרם אין „העלענעוועק״ — געגרינדעט דורך רומקאָווסקי, טיללער, שטיינשטיינער און נאָך עטלעכע.

די לאָדזשער געדענקען געוויס אויך דעם „לינת הצדק״ (גרינדער: טוביה ביאַלער, יעקב וואַרכיוועקער, משה און הענעך וואָידיסלאַווסקי, שלום

זיידלער, לייב זילבערשטיין און מענדל שרייבאום, (דער לעצטער איצט אין א״י); דעם „לינת החולים״ (גרינדער: לייב יפה, הירשבערג, שלום זייד־לער, מאיר קארפ, א״אנד.); דאס „זקנים־הויז פון בענדעט גליקסמאן; די זומער־היים פאר רעקאנוואלעסצענטן „אוזדארוויסקא״ אין קאלי (גרינדער: לעאן פלאטאו, יחיאל־יצחק בערמאן, אדאלף ב. ראזענטאל, פרוי קראטאשינ־סקא, עזרא שיקער א״אנד.); דאס „סאנאטאריום פון מענדל פרעכנער״; דאס „משוגעים־שפיטאל״, געשפענדעט דורך קאנשטאט; די מיידלעך־היים — „אכראנקא״; די „שולע פאר טויב־שטומע״; „עזרת אלמים״ (גרינדער: יונגס־טער און דער באקאנטער בונדישער עסקן ליכטענשטיין); „רויטער מגן דוד״ ביים „לינת הצדק״, (גרינדער: מאיר קארפ, א״אנד); די „קימפעטארין־קלי־ניק״ ביים לינת־החולים (גרינדער: הירשבערג, יפה, זילבערשטיין א״אנד.); „משמרת החולים״ אויף אלטשטאט (גרינדער: פאמיליע שטערן א״א); „עזרת החולים״, — אויף גייערס מארק (גרינדער: יעקב שטיין, פלאצקער א״אנד.); די פארשידענע „גמילת חסדים״־קאסעס, „הכנסת כלה״־ארגאניזאציעס און אלע אנדערע יידישע אינסטיטוציעס מיט וועלכע ס׳לאדזשער יידנטום האט זיך אזוי אויסגעצייכנט.

---

11) וועגן דער גרייטקייט פון לאדזשער יידן מנדב צו זיין אויף אלע צדקה־ענינים דערציילט זיך אין דער ענגלישער ענציקלאפעדיע, פון יאר 1904:

„בלויז אין יאר 1883 האבן לאדזשער יידן געגעבן אויף פארשידענע צדקה־צוועקן אין זייער שטאט העכער א מיליאן רובל. (א ריזן־סומע פאר יענער צייט —א. ט.), אויסער דעם האבן זיי געשפענדט גרעסערע געלט־סומעס פאר יידישע צוועקן אין אנדערע שטעט און לענדער, אין דעם — 10 טויזנט רובל דעם אויבערראבינער פון דייטשלאנד, הרב הילדעסהיימער, אויף איינצוארדנען אין דייטשלאנד שולן פאר קינדער פון היימלאזע יידן, וואס זענען געצוווּנגען געווען צו אנטלויפן פון רוסלאנד״...

12) די גרעסטע קריזיסן זענען אויסגעבראכן אין לאדזש אין די פאלגנדיקע יארן: 31־1830, בעת דעם ערשטן פוילישן אויפשטאנד; פון יאר 1840 ביז 1846, ביים אלגעמיינעם קריזיס צוליב דער נישט־גערעטעניש אין דער כאליערע־עפידעמיע, ווי אויך צוליב דער „קאצק־איזשביצער מחלוקה״; 1863 — ביים צווייטן אויפשטאנד; שפעטער אויך אין די יארן 5־1884; 92־1890; 6־1905, אין דעם שטרייק און לאקאוטן־עפאכע און לסוף, אין די יארן 13־1911 און ביים ערשטן וועלט־קריג, אין יאר 18־1814.

.44

## די אַנטוויקלונג פון לאָדזשער פּאַרטיי און פּאַראיינס-לעבן

און פּונקט ווי לאָדזשער ייִדן זענען טעטיק געווען אויפן הילפס-געביט, אַזוי האָבן זיי אַרויסגעוויזן גרויס איניציאַטיוו אויך ביים שאַפן און אַנט־וויקלען זייער פּאַרטיי־ און פּאַראיינס-לעבן.

און עס איז דאָך אַ באַוווּסטער פאַקט, אַז די לאָדזשער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז פון אָנהייב אָן געווען די גרעסטע, די שטאַרקסטע און טעטיקסטע פון אַלע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן! און דאָסזעלבע אויך מיט אַלע אַנדערע ציוניסטישע גרופּן, ווי: „מזרחי״, „צעירי־ציון״, „התאחדות״, „פּועלי־ציון״, אאַ״וו.

אויך די אַנדערע ייִדישע פּאַרטייען, ווי: „בונד״, „שלומי אמוני־ישראל״, „פאָלקיסטן״, „ייִדישיסטן״ אאַ״וו. האָבן אין לאָדזש גאַנץ אינטענסיוו גע־ווירקט; באַזונדערס איז ווערט צו דערציילן, אַז איידער ס'איז נאָך אַנטשטאַ־נען דער „מזרחי״, איז שוין אין לאָדזש געווען טעטיק אַן ענלעכער פאַר־באַנד — „אָרטאָדאָקסישע ציוניסטן״, האָט ער געהייסן. (גרינדער: טוביה שעפּסקי, יחזקאל פינקעל, הרב צבי זילבערצוויג ז״ל (פאָטער פון שרייבער זלמן זילבערצוויג) און הרב אליהו בירנבאַום).

דאָסזעלבע איז אויך געווען מיטן פאַרבאַנד „צעירי מזרחי״, וואָס איז פריִער געגרינדעט געוואָרן אין לאָדזש דורך אַ גרופּע יוגנטלעכע, אין דער שפּיץ פון וועלכער ס'זענען געווען דער באַקאַנטער ביבליאָגראַף יצחק ריב־קינד (ברודער פון „אל־על״, מיטגרינדער: אברהם ריבקינד) און דער ציוי־ניסטישער עסקן אהרן אָסט (ביידע טעטיק איצט אין ארץ־ישראל).

אויך די „פּועלי אמוני ישראל״ איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָדזש, אונטער דער הויפּט־לייטונג פון הרב צבי זילבערשטיין, מ. מ. ראַגאָווי, גרשון יוסטמאַן, א. תא־שמע (טאַשמע) און אלתר ליס (אַלע געפינען זיך איצט אין ארץ־ישראל).

אויך די לאָדזשער „ציוניסטן־סאָציאַליסטן״ זענען געווען פון די טעקסטיל־טיקסטע אין קאָנגרעס־פּוילן. זייער טעטיקייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן דעמאָלט, ווען זיי זענען נאָך געווען אָרגאַניזירט אין די גאָר ערשטע פאַרבאַנדן, ווי: „תקות־ציון״, „עטרת־ציון״, „ענבי־ציון״, „בת־ציון״, „קדימה״ און גאַנץ באַזונדערס אינעם „פּועלי־ציון״, אין דער שפּיץ פון וועלכן עס זענען געשטאַנען די חברים: ש. עדעלמאַן („מולע״), א. האַלענדערסקי, ח. א. טאָביאַש, ש. שולמאַן, שולמית (מאַקרסקיס פרוי), הלל מיימאַן, מייזל, מאַנטירסקי און אברהם „שלאָסער״ (טענענבוים — בן אחי יצחק־מאיר ע״ה).

ווערט איז אויך צו באַמערקן, אַז באַראַכאָוו אַליין איז אויך געווען אַמאָל טעטיק אין לאָדזש, אַנטלויפנדיק נאָך זיין אַרעסט אין פּאָלטאַווע (1906) פאַר דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע און „סיסטשיקעס״, וואָס האָבן אים געזוכט, — האָט ער אויסגעקליבן לאָדזש אַלס דעם זיכערסטן וווינאָרט פאַר זיך, וויסנדיק אַז זיינע פּאַרטיי־חברים וועלן אים גוט אָפּהיטן פאַר יעדן „בייזן אויג״...

אין לאָדזש האָט באָראָכאָוו און זיין פרוי („חברה ליובאַ״), געוווינט און אויך געווען טעטיק אונטער אַן אויסגעטראַכטן נאָמען, ביז די חברים האָבן אים (זומער 1907) באַוויזן אַרויסצושמוגלען דורך בענדין קיין עסטרייך.

אויך דער „בונד״ האָט געפירט אין לאָדזש אַ גרויסע אַקטיוויטעט, באַזונדערס אונטער דער לייטונג פון די באַקאַנטע פירער: ישראל ליכטענשטיין, דוד כאַלאָדענקאָ, מאיר מאַרמלשטיין, אַרטור זיגעלבוים ז״ל און אפרים־אליעזר (גערופן „פּראַים לאָזער״) זעלמאַנאָוויטש, וואָס איז ממש בדרך נס, ניצול געוואָרן פון די לאָדזשער נאַציס און איז איצט געזעלשאַפטלעך טעטיק אין אַמעריקע.

לאָמיר אויך דערמאָנען, אַז אויך צוויי פון די באַקאַנטסטע נישט־לאָדזשער רעוואָלוציאָנערן זענען געווען אַמאָל טעטיק אין לאָדזש: דער וועלט־באַקאַנטער רוסישער רעוואָלוציאָנער גרשוני (וואָס איז שפּעטער אַזוי

באַרימט געוואָרן מיט זיין געלונגענעם אַנטלויפן פון סיביר...) און אויך דער שעפער פון דער פוילישער פּ. פּ. ס. יוזעף פּילסודסקי, וועלכער האָט אין לאָדזש (אויף וּסכאָדניע 19) געהאַט זיין דרוקעריי פון דער רעוואָלוציאָנערער צייטונג „ראָבאָטניק" און דאָ אַרויסגעגעבן 35 נומערן, ביז די רו־



ישראל ליכטענשטיין

פירער פון לאָדזשער „בונד"; באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער גרינדער און לייטער פון דער לאָדזשער טויב־שטומע שולע „עזרת אלמים"

סישע געהיימפּאָליציי האָט אים דערווישט (פעברואַר 1900) און אַרעסטירט, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אומלעגאַלער דרוקעריי.

***

אָבער נישט נאָר אויפן פּאַרטיי־געביט האָט לאָדזש אַרויסגעוויזן אַזוי פיל טעטיקייט, נאָר אויך אויפן געזעלשאַפטלעכן אוןווירטשאַפטלעכן. אַזוי, למשל, האָט פיל געטון דער באַוווסטער „לאָדזשער קאָמי־פּאַראַיין", דער

„רייזנדער־פאַראיין״, „האַנטווערקער־פאַרבאַנד״, „האַנטווערקער ־ קלוב״, „סוחרים־פאַראיין״, „קליינהענדלער־פאַראיין״, „בעלי־בתים־פאַראיין״ און פיל אַנדערע פאַך און ווירטשאַפט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס אין זייערע שיינע און באַקוועמע זאַלן און לאָקאַלן פלעגן זיך טעגלעך פאַרזאַמלען טויזנטער מיטגלידער זייערע.

אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַקט, אַז לאָדזשער ייִדן, וואָס זענען אַזוי באַקאַנט געווען אַלס פריילעכע און לעבנסלוסטיקע מענטשן, — מענטשן, וועגן וועלכע דוד פרישמאַן פלעגט זאָגן, אַז „זיי האָבן ליב ס׳לעבן, כדי צו לעבן אויף צו „מאַכן אַ לעבן״. אָט די דאָזיקע לעבנסלוסטיקע לאָדזשער ייִדן האָבן פאַרשטאַנען צו זאָרגן אויך ביים לעבן פאַר די, וואָס לעבן שוין נישט!...

צו דעם צוועק האָבן זיי געשאַפן, אויסער די טראַדיציאָנעלע „חברה קדישא״, וואָס איז פאַראַן אין יעדער ייִדישער קהילה, אויך אַן אינסטיטוט, וואָס זיין ציל איז געווען, — ווי ס׳האָט ביי דער גרינדונג דערקלערט דער עסקן יעקב־מענדל כהן ז״ל, — צו פאַרזאָרגן דעם נפטר נישט בלויז מיט דער טהרה און מיט זיין קבורה, — נייערט אויך מיט אַלעם איבעריקן, וואָס נויטיקט זיך הערצו, למשל: דערהאַלטן פון דאָקטער דעם טויט־שיין, באַקומען די באַשטעטיקונג פון דער מאַכט, מעלדן וועגן דעם אין דער קהילה, אַרויסנעמען ביי איר דעם קבורה־צעטל, אויסוויילן פאַר יעדן נפטר זיין קרקע, פאַרזען דעם בר־מינן מיט די געהעריקע תכריכים, באַגלייטן דעם נפטר איז זיין אייביקער רו, פאַרזאָרגן די אבלים מיט אַ מנין ביי דער שבעה און העלפן — ווען ס׳איז נייטיק — די פאַרבליבענע מיט אַלעם נויטיקן!

און דאָס אַלץ האָט טאַקע דערפילט דער לאָדזשער „חסד של אמת״, מיט דער הילף פון זיינע טויזנטער מיטגלידער און הויפּט־גרינדער: הערצקע וואָלף, יעקב־מענדל כהן, טוביה ביאַלער, שמעלקע פּיליצער, יצחק־מאיר וואָידיסלאַווסקי, לייבל זילבערשטיין, סיגי זיידלער און נאָך אַנדערע אָנגעזעענע לאָדזשער כלל־טוער.

און מיט נאָך אַ זאַך האָט ס׳ייִדישע לאָדזש פאַרזאָרגט די פאַרשטאָרבענע, — מיטן „מאָדערנעם בית־הקברות״.

איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז דאָס „לאָדזשער נייע בית־הקברות״, מיט

זיינע ביימער־אַלעען, קינסטלערישע סקולפּטור־מצבות, ווייס־מאַרמאָרנעם טהרה־הויז און זיינע אַרומיקע וואַרט־זאַלן, ספרים־ביבליאָטעק און שול צום דאַוונען (נדבן: פרוי מינאַ קאָנשטאַט), האָט זיך גערעכנט צווישן די שענסטע און מאָדערנסטע בית־עלמינס אין איראָפּע.

אַ גאַנץ באַזונדערן רושם האָט אָבער געמאַכט דאָס באַרימטע מאַוזאָ־לעום פון ישראל פּאָזנאַנסקי און זיין פרוי לאה, וואָס איז געבויט געוועזן אין פּראַכטפול־אָריענטאַלישן סטיל, פון זעלטענעם ראָזאַ גראַניטשטיין, אַרומגעדעקט מיט אַ הויכן רונדן קופּאָל. אינעווייניק, אין קופּאָל, איז אויפן סופיט מיט די טייערסטע מאָזאַיק־שטיינדלעך אינקרוסטירט געוואָרן פאַר־שידענע פסוקים פון דער תורה און יעדער פסוק האָט זיך פאַרענדיקט מיטן וואָרט „ישראל“, לויטן נאָמען פון פּאָזנאַנסקין.

דאָס מאַוזאָלעום האָט זיך געפונען אין אַ פּראַכט־גאָרטן פון פאַר־שידענע אָריענטאַלישע געוויקסן אַרומגערינגלט, מיט אַ הויכן גראַניטענעם זיילן־צוים, וואָס אויף יעדן איינציקן פון זיינע הויכע זיילן האָט אַראָפּגע־האָנגען אַ קינסטלעריש האַנט־געטאָקטע צוויי־מעטער־לאַנגע פּאַלמען־צווייג פון עכטן בראָנז. ווער ס׳האָט אַט דאָס אַלץ געזען, האָט עס זיכער מער נישט געקאָנט פאַרגעסן.

.45

# די אַנטוויקלונג פון דער לאָדזשער יידישער אינדוסטריע

וועגן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער ייִדישער פאַבריקאַציע אין לאָדזש קאָן מען פאַקטיש אָנשרייבן גאַנצע ביכער. דאָס דאָזיקע האָט, אגב, גלענצענד געטון דער באַקאַנטער ייִדישער היסטאָריקער און שרייבער, ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אין זיינע פאַרשידענע ווערק, באַזונדערס אָבער אין דעם מאָנומענטאַלן היסטאָרישן ווערק זיינעם "Dzieje żydów w Łodzi" וואָס איז דערשינען אין יאָר 1935, אַדאַנק דער פאַרוואַלטונג פון „ייִדישן לאַנד־קענטשאַפטלעכן פאַרבאַנד" — Ż.T.K. מיט מאיר זיידע אין דער שפּיץ.

די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער אינדוסטריע אין לאָדזש האָט כמעט נישט אירס גלייכן אין דער גאַנצער אינדוסטריע־געשיכטע פון מזרח־אייראָפּע. און בעת עס האָט אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלט־קריג, איז שוין נישט געווען קיין איינציקער צווייג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אין וועלכן די לאָדזשער ייִדן זאָלן נישט האָבן געהאַט די אויבערהאַנט!

אַזוי איז געווען אין דער פאַבריקאַציע פון בוימוואָל און וואָל־שטאָפן ווי אויך אין אַלע מיני זייד־ און קונסט־זייד סחורות, און דאָסזעלבע איז געשען אין דער אויסאַרבעטונג פון זאָקן, טיכלעך, וועש־צייג, גאַרדינען און דיוואַנעס, טיש־צייג, האַנטעכער, באַדמאַנטלען, קאָלדרעס, טריקאָטאַזש, אונטערוועש, סוועטערס, הענטשקעס, בענדער, גאַרן און אַלע ענלעכע טעקסטיל־אַרטיקלען.

און דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט די איבעריקע זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער טעקסטיל־אינדוסטריע, למשל: פאַרטיקע מלבושים פאַר מענער, פרויען און קינדער, וכדומה.

מיט איין וואָרט: אין אַלע טעקסטיל־צווייגן האָבן די יידישע פאַבריקאַנטן אין לאָדזש געשלאָגן פולשטענדיק רעקאָרד איבער זייערע אָרטיקע קאָנקורענטן, — די דייטשע אינדוסטריעלער.

אין יאָר 1910 זענען פון די 305 גרעסערע פאַבריקן, וואָס לאָדזש האָט דאַן, לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, פאַרמאָגט, געווען אין יידישע הענט 159, דאָס הייסט, נאָר לערך 52%; נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן געהערט צו לאָדזשער יידן העכער 66% פּראָצענט פון אַלע לאָדזשער גרויסע פאַבריקן.

און כאָטש די גרעסערע לאָדזשער יידישע פאַבריקאַנטן האָבן, ווי באַוווּסט, כמעט נישט באַשעפטיקט אין זייערע פאַבריקן קיין יידישע אַרבעטער (צוליב התנגדות פון די קריסטלעכע) האָט דאָך, לויט דער אָפּיציעלער סטאַטיסטיק, שוין אין יאָר 1931 דערגרייכט די צאָל יידישע אַרבעטער, צוזאַמען מיט אַנגעשטעלטע די ציפער פון 46.390 מאַן.

עס איז כדאי דאָ צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז עס האָבן זיך געפונען אין לאָדזש אַ פאָר יידישע גרויס־אינדוסטריעלער וואָס האָבן יאָ געפּרוווט אריינגעמען אין זייערע פאַבריקן יידישע אַרבעטער (ווי אשר כהן פון „ווידזעווסקאַ מאַנופאַקטוראַ", ישראל פּאָזנאַנסקי, געברידער עטינגאָן א"אַ) אָבער צוליב דער דראָונג און ענערגישן ווידערשטאַנד פון זייערע קריסט־לעכע אַרבעטער, האָבן די דערמאָנטע אינדוסטריעלער געמוזט זיך אָפּזאָגן דערפון און פּאָזנאַנסקי ווי אויך די עטינגאָנס האָבן, וועלנדיק באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער, אויפגעבויט ספּעציעלע פאַבריקן, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט נאָר יידן און דווקא מיט שבת אַלס זייער רו־טאָג!

***

אָט אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די לאָדזשער יידישע טעקסטיל־אינדוסטריע טאַקע דיזעלבע אינדוסטריע, וואָס קעגן איר אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג האָבן די פאַרצייטיקע לאָדזשער דייטשן אַזוי ביטער און

עקשנותדיק געקעמפט, זייענדיק איבערצייגט, דאָס זי וועט קיין קיום נישט האָבן, נאָכדעם ווי זיי האָבן „מצליח״ געווען (אין יאָר 1831) צו צווינגען דעם ערשטן ידישן פאַבריקאַנט, ר׳ עזור בערגער ז״ל, צו ליקווידירן זיין פאַבריק מיט אַלע 34 וועב־שטולן, וואָס ער האָט איינגעשטעלט אין די „ימי־בראשית״ פון דער לאָדזשער טעקסטיל־אינדוסטריע. 13)

**
*

נאָכדעם ווי מיר האָבן געגעבן אַ קורצן איבערבליק פון דער אַנט־שטייונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער טעקסטיל־אינדוסטריע אין לאָדזש, לאָמיר דערמאָנען כאָטש אַ טייל לאָדזשער אינדוסטריעלער, וואָס זענען אַמאָל אַזוי באַקאַנט געווען מיט זייערע אויסאַרבעטונגען, ווי, למשל, ישראל פּאָזנאַנסקי, מאַרקוס זילבערשטיין, ישעיה ראָזענבלאַט, זיגמונד יאַ־ראָטשינסקי, משה־אהרן ווינער, יעקב וואַידיסלאַווסקי, געברידער בוקיעט, דוד פּרוסאַק, ברידער באַרוך, אשר כהן (ווידזעווער מאַנופאַקטור), ברידער נחום און באַריס עטינגאַן, יעקב קעסטנענבערג, טוביה ביאַלער, הירשבערג און בירנבאַום, יהושע בירנבאַום, הירשבערג און ווילטשינסקי, ישכר שעפּס, נתן קאַפּעל, באַרטשינסקי, בר. פרײדענבערג, ווישעוויאַנסקי, בר. וואַקס, יעקב שמולעוויטש, געברידער זייבערט, דניאל דאַבראַניצקי, געברידער פּיקעלני, שטיללער און ביעלשאָווסקי, ב. א. גליקסמאַן, משה גראַווע, גע־ברידער סאַמעט, שלמה בודזינער, געברידער אוריזאָן, חיים־פּנחס גראָס־קאָפּף, געבר. טייטעלבאַום, גאָנסקי און ענגעלמאַן, יעקב בראַונער, אברהם רייזמאַן, ברידער פּיאָטרקאָווסקי, ב. גינצבורג, חיים־יעקב ווישליצקי, ירחמיאל ליפּשיץ, הערמאַן כוואַט, שמעלקע פּיליצער, י. מ. פּיליצער, אַלעקסאַנדער טשאַמאַנסקי, צבי ליטווין, שבתאי אייזנער, סענדער גוטמאַן, ניימאַן און רומקאָווסקי, יוליוס ראָזענטאַל, מאַרקוס קוטנער, מ. כיגרין, פּאַנטעל און פּיטאָווסקי, ברידער אברהם, וואָלף און מאיר אייזנער, מענדל שלאָסבערג, לאַנדאַו און ווײלע, קאַרל רייזפעלד, בערל שפּריירעגן, מאַוריצי טאַומאַן, יחיאל־מאיר פּיק, לודוויג צוקיער, אברהם־מענדל וואַרשאַווסקי, בערל עטקינד, פּרידמאַן און ליטהאוער, מיכאל גלאַזער, בערל סאַפּיר, פּי־ניע גערשאָווסקי, הירשענבערג און האַלבערשטאַט, סאַמועל ראָזענבלאַט,



אַ בליק אויף אַ לאָדזשער אינדוסטריע־געגנט.

ברידער זילבערבלאַט, שלמה־אהרן קעניגסבערג, גוטמאַן און פּערלבערג, חיים אלבאם, באַריס פרידמאַן, פישל קאַרנאַווסקי, שמואל לאַנדאַו, בשות־פות מיט גליקסמאַנען און יהודה מאַזעס, גוראַלסקי, גדליה קורץ, שוויאַט־לאַווסקי, בהן און ברענער, פּיאַסקאַווסקי, דראַפּקין, קאַפּציאַווסקי, לינדען־פעלד און קרישעק, לוי און האַכענבערג, לאַקס און טאַגעליכט, בערגער, בעססער, ב. גרינשטיין, מענדל מאַרגעשטערן, ח. טיבערג, יעקב־מענדל כהן, וויילאַנד, נפתלי ליבערמאַן, דוד קליימאַן, ש. קאַכאַנסקי, וואַסערמאַן און גראַס, לוסטערניק און שוויאַטלאַווסקי, באַרנשטיין, גראַסמאַן, ראַווסקי, ציטטער, באַראַקס, גאַסטינסקי, שמואל אַרבאַך, זלמן שטראַוך, שלמה־אהרן אַבערבאַום, פּעפּער, פּרענקל, קאַפּלאַן און גראַס, ברידער יאַסקאַוויטש, כרמל און ווינער און נאָך פיל יידישע פאַבריקאַנטן וואָס לאָדזש האָט פאַר־מאָגט פאַרן ערשטן וועלט־קריג און וואָס זענען אויפגעקומען אין דער צייט צווישן ערשטן און צווייטן וועלט־קריג. 14)

און לאָמיר אויך דאָ דערמאָנען די לאָדזשער קאָמיסיאָנערן, וואָס אַ דאַנק זייער ברענגען קיין לאָדזש די אַמאָליקע גרויסע סוחרים, האָבן זיי געהאָלפן אַנטוויקלען די לאָדזשער אינדוסטריע, למשל: מרדכי העלמאַן (פאָטער פון כלל־טוער און „מזרחי״־פּרעזעס, ר׳ משה העלמאַן); אפרים־פישל בערמאַן (מיין זיידע), מאיר בעללין, גרינפעלד, אליעזר מאַגאַזאַניק, טוביה טענענבוים (אבי ז״ל), יעקב וואַרכיוועקער, י. גינזבורג, קב־ונקי, שלום עפּשטיין, בן־ציון קיססין, תנחום באַש, נחמן לעווינזאָן (פאָטער פון שרייבער אברהם לעווינזאָן), אברהם בעססער, לעוויט בזשעזשינסקי, מאַ־נאַסאַווסקי, שטילערמאַן עט הערמאַן, אַבוגאַוו און ספּיר, גאַרדן, חייקל יאַנאַווסקי צלאל א״אנד.

און זאָלן דאָ אויך דערמאָנט ווערן די לאָדזשער יידישע לאַגעריסטן, וועלכע האָבן אויך פיל צוגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון לאָדזש, למשל: הערמאַן קאָנשטאַט, אברהם בעססער, בערל זייבערט, כתריאל מילגראַם, א. מ. שטערן, ליפּנאַווסקי, י. א. גראַסלייט, בערל שפּריירעגן, ריזענבערג, לעווושטיין, דניאל בערקאָוויטש, מענדל סטריקאַווסקי, מאיר זיידע, שלמה־חיים כהן, לעוויט און בזשעזשינסקי, משה ראַגאַזשינסקי, מאַקס יו־דעלעוויטש, פּינעס און קאַצענעלסאָן, ברידער קאַרפּאַווסקי, דראבקין, ברי־דער ליטווין, יצחק ישראליט, בנימין מאַראַקאַ און נאָך אַנדערע.

## לאָדזש און אירע ייִדן

*****

צום שלוס איז כדאי צו פאַרעפנטלעכן דאָ דעם פאַקט, אַז לאָדזשער ייִדן האָבן זיך אויסגעצייכנט נישט בלויז אַלס ערשטקלאַסיקע פאַכלייט ביים אויסאַרבעטן טעקסטיל־סחורות, נאָר אויך אַלס דערפינדער פון וויכטיקע זאַכן אויף דעם דאָזיקןווירטשאַפט־צווייג.

אַזוי איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז דער מעכאַנישער וועב־שטול, וואָס אשר כהן (אינהאַבער פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור") האָט באַנוצט אין זיינע פאַבריקן, וואָס איין איינציקער אַרבעטער האָט לייכט געקאָנט באַדינען 20 אַזעלכע וועב־שטולן, האָט דערפונדן נישט קיין אַנדערער ווי אשר קאָן אַליין. און די דאָזיקע דערפינדונג איז אָנערקענט געוואָרן ווי איינע פון די נוצלעכסטע אויף דעם דאָזיקן געביט.

די צווייטע, פיל גרעסערע און וויכטיקערע דערפינדונג, — די דערפינדונג פון דעם ביליקן וואָל־שטאָף: „וויגאָניע" איז אַ דערפינדונג פון לאָדזשער ייִדן.

צוליב דער וויכטיקייט פון דער זאַך גיבן מיר דאָ אַן אויסצוג פון באַריכט וועגן דעם, וואָס איז דאַן פאַרעפנטלעכט געוואָרן (אין יאָר 1904) אין דער ענגלישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז דערשינען אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד.

באַשרייבנדיק די אַנטוויקלונג פון לאָדזש און איר אינדוסטריע און וועגן אַנטייל פון די ייִדן אין דעם, גיט די דערמאָנטע ענציקלאָפּעדיע צו פאָלגענדעס:

„די לאָדזשער ייִדן האָבן אויך דערפונדן דעם „נייעם רוי־שטאָף פאַר טעקסטיל־סחורות „וויגאָניע" („שאָרדי"), וואָס אַ דאַנק זיין ניידעריקן פּרייז, קאָן ער קאָנקורירן מיט אַלע וואָל־שטאָפן אין דער וועלט!

די דערפינדונג באַשטייט אויפן פּרינציפּ: אויסצונוצן אַלע רעשטלעך און אָפּפאַלן פון וואָל־סחורות און קאַליע־געוואָרענע גאַרנס און אַפילו פּשוטע שמאַטעס פון אַלטע וואָל־מלבושים, וואָס טויגן שוין נישט צו קיין שום זאַך — און פאַרוואַנדלען דאָס אַלץ אין אַ

רוישטאָף פון וועלכן מ׳מאַכט אַ נייעם גאַרן, וואָס, ווערנדיק גע־צווערנט מיט אַ בוימוואָל־גאַרן, שאַפט ער אַ נייעם פאָדעם אויף צו מאַכן פון אים אַ ביליקן וואָל־שטאָף, אַ שטאָף וואָס זיין אויסזען און קוואַליטעט פאַלט נישט מיט קיין שום זאַך, הן אין גריף, ווי אויך אין אויסזען, פון די טייערסטע וואָל־שטאָפן!

און אַ דאַנק דער דאָזיקער יידישער דערפינדונג איז פיל לאָ־דזשער יידישע פאַבריקאַנטן געלונגען צו דעראָבערן פאַרשידענע האַנדלס־צענטערס, באַזונדערס אין דעם גרויסן רוסישן מאַרק!״.

ווי ווייט די הצלחה פון דער דאָזיקער יידישער דערפינדונג האָט דאַן אַרויסגערופן קנאה אין די נישט־יידישע אינדוסטריע־קרייזן, באַזונדערס ביי די אַנטיסעמיטן אין לאַנד, קאָן מען זען פון דער אַרט רעאַגירן דערויף מצד יענע קרייזן, וועגן וועלכן די דערמאָנטע ענציקלאָפּעדיע דערציילט אינעם זעלבן אַרטיקל „לאָדזש״ פאָלגענדעס:

„די פוילישע צייטונג „ראָזוואָי״ האָט אַפילו געפונען פאַר ריכ־טיק אַרויסצוטרעטן עפנטלעך מיט אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן דער דאָזיקער יידישער דערפינדונג — אַן אַרטיקל, אין וועלכן די צייטונג קלאָגט נעבעך, אַז די יידן מאַכן כלומרשט, דורך זייער נייער המצאה, קאַליע דעם גאַנצן מאַרק״...

---

13) ביי דער געלעגנהייט איז כדאי איבערצוגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק וועגן דער מי פון לאָדזשער יידן איינצופירן אין זייער שטאָט די טעקסטיל־אינדוסטריע:

„לרוב זענען לאָדזשער יידן באַשעפטיקט ביי צוויי הויפּט־ווירטשאַפט־צווייגן: מיטן באַזאָרגן פאַר דער טעקסטיל־אינדוסטריע אַלע מיני רוי־שטאָפן און מיטן פאַרקויפן און פאַרשפּרייטן די שוין־פאַרטיקע וועב־שטאָפן. און דאָס איז כלל נישט פון די לייכטע אויפגאַבן! ווייל דערצו נייטיקט זיך נישט בלויז ענערגיע, פלייס און פאַך־קענטעניש, — נאָר אויך ברייטע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, צוטרוי פון די ענגלישע רוימאַטעריאַלן־פירמעס און גרויסע פעי־קייטן די פאַרטיקע סחורות צו פאַרקויפן.

(פון דער צייטונג „יוטזשענקאָ״, נומער 51, פון יאָר 1862)

14) כ׳האָב זיכער דורכגעלאָזן פיל פאַבריקאַנטן פון דער דערמאָנטער עפּאָכע און מכל־שכן פון די שפּעטערדיקע יאָרן. זאָלן זיי מיר מוחל זיין!

.46

## דער „ראָטשילד פון פוילן" — ישראל פּאָזנאַנסקי

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע לאָדזשער געשטאַלטן, — אַ מענטש, וואָס אין אים האָבן זיך אַמבולטסטן פאַרקערפּערט די ספּע־ציעלע מעלות פון לאָדזשער יידן: איניציאַטיוו, פליים, אַרבעטסזאַמקייט, אויסערגעוויינלעכע ענערגיע און ווילנסקראַפט, — איז אָן ספק געווען דער באַקאַנטער לאָדזשער מיליאָנער, ישראל פּאָזנאַנסקי.

אָבער איידער מיר טרעטן צו דערציילן וועגן כבוד־עשרו ורוב גדלו פון פּאָזנאַנסקין, אַלס יידישן מיליאָנער און אַלס איינעם פון די גרעסטע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן אין מזרח־אייראָפּע, לאָמיר אָקאָרשט הערן צוערשט פּרטים וועגן אים און זיין טעטיקייט, הן אַלס מענטש און הן אַלס ייד, בעת זיין אָנהייב אין לאָדזש.

וועגן דעם וועלן מיר צוערשט גיבן ס'וואָרט זיינע יוגנט־פריינד, פון די זקני־לאָדזש, וועלכע האָבן פּאָזנאַנסקין פּערזענלעך געקאָנט פון זיינע יוגנט־יאָרן אָן און האָבן אויך געהאַט די מעגלעכקייט אים נענטער צו אָבסערווירן, ממש פון ערשטן טאָג ווי ער איז נאָר זעלבשטענדיק געוואָרן:

„ישראל פּאָזנאַנסקי — דערציילט זיך אין מיין רשימה וואָס כ'האָב פאַרנאָטירט אין מיין יוגנט מפי זקני־לאָדזש, — איז געקומען קיין לאָדזש אַלס קליין יינגעלע (בערך אין יאָר 1835), בעת זיין פּאָ־טער „קלמן קוואָלער" (געהייסן אַזוי לויטן נאָמען פון זיין געבורט־שטאָט קוואָל), האָט זיך געבראַכט צו ציִען מיט זיין פאַמיליע קיין לאָדזש פון שטעטל אַלעקסאַנדער, ביי לאָדזש.

ר׳ קלמן קוואַלער האָט נאָך געהאַט אַ סך קינדער חוץ ישראלן. אָבער ישראל האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט פון די איבעריקע קינדער כמעט מיט אַלעם. ער איז געווען אַ רירעוודיקער באַחנטער בחור אָבער אַ גרויסער בעל דרך־ארץ.

קלמנס טאָכטער, „רחלע די קוואַלעריך״, איז געווען די לייבלעכע מוטער פון בערל זייבערט (אַ באַוווסטער און חשובער לאָדזשער ביר־גער), וואָס איז באַקאַנט געווען אַלס אַנגעזעענער און פרומער ייִד.

אין יאָר 1852 האָט ישראל חתונה געהאַט פאַר דער טאָכטער פונעם סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער קהילה, משה הערץ — לאַהלע האָט זי געהייסן.

נאָך פאַר זיין חתונה האָט שוין ישראל, זייענדיק נאָך גאַנץ יונג, זיך געעפנט אַן אייגן געוועלבל פון פאַרשידענע שניט־סחורות (טעקס־טיל־שטאָפן) אויף עק פוילישע־גאַס (דרעוונאָווסקאַ) און זגיערזשער גאַס, אין הויז פון זיסע־חיה „די שענקעריך״, — דער מוטער פון אריש קיהן (אַ באַקאַנטער לאָדזשער ייִד).

אין זיין געוועלבל האָט ישראל פאַרקויפט אַלערליי שניט־סחורות, באַזונדערס אָבער די נייע „קניקערבאָקערס״ און די שיינע „שעוויאָטס״, וואָס לייט האָבן דעמאָלט מיט גרויס חשק געקויפט.

ישארל אַליין, וואָס איז שוין דעמאָלט געגאַנגען אָנגעטאָן „פּאָ וואַרשאַווסקו״, אויף וואַרשעווער שטייגער, דהיינו: אַביסל אַ קורצערע קאַפּאָטע פון אונדז לאָדזשער, פלעגט כסדר שטיין אין דרויסן פאַר זיין קרעמל, און פאַרבעטן צו זיך אַריין די פאַרביגייענדיקע מענטשן צו קויפן ביי אים די שיינע סחורות.

מיט זיין פריינטלעך און ליב רעדן און הויפלעכלעך צוליב זיין אויפנעמען יעדן איינציקן מענטשן בסבר פנים יפות, האָט ער זיך זייער באַליבט געמאַכט ביי לייטן, און ער האָט צוליב דעם נושא־חן געווען און אויך זייער מצליח געווען״.

דאָס איז די שילדערונג וועגן פּאָזנאַנסקי פון זיינע יוגנט־חברים, וואָס האָבן אים געקענט אַלס קליין סוחרל פון שניט־סחורות.

## לאָדזש און אירע יידן

**
*

די געשיכטע וועגן לעבנסגאַנג פון פּאָזנאַנסקי אַלס אינדוסטריעלער פון טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען איז פאָלגנדע:

נאָכן טויט פון זיין פאָטער, קלמן, האָט ישראל פּאָזנאַנסקי איבער־גענומען דעם פאָטערס מאַנופאַקטור־געשעפט און האָט, חוץ די סחורות פון זיין אייגן געוועלב, אויך אַריינגענומען צום פאַרקויף אויף קאָמי־סיאָן די אויסאַרבעטונגען פון דער שוין דעמאָלט גרויסער דייטשער פירמע — קאַרל שייבלער.

אין יאָר 1865 האָט שוין פּאָזנאַנסקי גענומען אַליין אויסאַרבעטן אַ ביסל טעקסטיל־שטאָפן, אויף אַ פּאָר האַנט־שטולן, וואָס ער האָט גע־פּאַכטעט אין זדונסקאַ־וואָלאָ.

נאָך דריי יאָר, דאָס הייסט אין יאָר 1868, האָט פּאָזנאַנסקי געקויפט אַ גרויסן פּלאַץ אויף אָגראָדאָווע־גאַס און דאָרט אויפגעבויט אַ פאַבריק־געביידע, אין וועלכער ער האָט גענומען אויסאַרבעטן אויף האַנט־שטולן טעלעכע בוימוואָל־אַרטיקלען.

אָבער נאָכדעם ווי די פאַבריק האָט שוין גאָר נישקשהדיק פונקציאָ־נירט, האָט געטראָפן אַן אומגליק: ס'האָט פּלוצים אויסגעבראָכן אַ שרפה און די גאַנצע פאַבריק מיט אַלע אירע מאַשינען און פאַרטיקע שטאָפן, איז פאַרברענט געוואָרן. ער איז דערביי נישט געווען פאַרזיכערט אויף קיין פּרוטה.

„נאָך דעם דאָזיקן אומגליק, ווען די פאַבריק איז לחלוטין פאַר־ברענט געוואָרן, נישט־זייענדיק אַסעקורירט ממש אויף קיין גראָשן, — דערציילט זיך אינעם אַמאָליקן לאָדזשער פּנקס, — איז ישראלס פרוי, לאהלע, געפאָרן מיט איר ברודער קובוש (יעקב הערץ, וואָס איז אויך געווען איר איידעם — א. ט.) און מיט איינעם פון זיינע פריינד, ר' טוביה טענענבוים, צום טשעכאַנאָווער רבין שליט"א (ר' אברהם לאַנדע), כדי זיך צו באַראַטן מיטן צדיק וואָס ווייטער צו טון מיט דער קאַטערינקע (אַזוי האָט פּאָזנאַנסקי אַליין גערופן זיין ערשטע פאַבריק — א. ט.), ווייל זיי ביידע — לאהלע און איר מאַן — האָבן

פשוט מורא געהאַט אויפצושטעלן אויפסניי די אָפּגעברענטע פאַבריק, טאָמער וועט, חלילה, שייבלער צונעמען ביי זיי דעם קאָמיסיאָנס־לאַגער פון זיינע אויסאַרבעטונגען, וואָס ער האָט זיי איבערגעגעבן, בעת ער וועט זען, אַז זיי לייגן אַריין ס'גאַנצע פאַרמעגן אין דער נייער פאַבריק.

אָבער דער טשעכאַנאָווער צדיק, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חכם, איז געבליבן ביי דאָס זייניקע: „אויפשטעלן וואָס גיכער די קאַ־טערינקע" און זי אַפּילו אַביסל פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן! און „וואָס שייך דער מורא פאַר שייבלערן, — האָט דער רבי שליטא געענטפערט — קאָן דאָך אַ ייד וועלן אַזוי רייך און גרויס ווי דער גוי שייבלער!".

און זיי האָבן טאַקע געפאָלגט דעם רבין! ישראל האָט אויפגע־שטעלט פונדאָסניי די פאַבריק, האָט זי — ווי דער רבי שליט"א האָט געראָטן, — נאָך פאַרגרעסערט און פאַרשענערט און ער האָט טאַקע זייער מצליח געווען!".

פאָזנאַנסקי איז נאָך דער שרפה כלל ביי זיך נישט געפאַלן! פאַרקערט: ער האָט מיט זיין זעלטענער ענערגיע און אויסערגעוויינלעכער ווילנס־קראַפט באַוויזן אויפצושטעלן, אין פאַרלויף פון קוים עטלעכע חדשים, זיין אַלט־נייע „קאַטערינקע" און דערצו אין אַ פיל פאַרגרעסערטער און פאַר־בעסערטער פאָרעם.

אין יאָר 1872 האָט שוין פאָזנאַנסקי געהאַט אין זיין פאַבריק 200 אייגענע וועבשטולן; און אין יאָר 1875 האָט ער שוין פאַרמאָגט אייגענע 640 מעכאַנישע וועב־שטולן; נאָך דריי יאָר — אין יאָר 1878 — האָט ער אויפגעבויט פאַר זיך אַן אייגענע גרויסע שפּינערייי און דערצו אויך אַ מאָדערנע אַפּרעטור און אַפּילו אייגענע באַגלייט־פאַבריקן, ווי: טישלעריי, שלאָסעריי, טאָקעריי און בכלל אַלע אַנדערע נעבן־פאַבריקן אין וועלכע זיין גרויסע טעקסטיל־פאַבריק האָט זיך געניייטיקט.

אַזוי האָט זיך פאָזנאַנסקיס אונטערנעמונג כסדר אַנטוויקלט און שוין אין יאָר 1889 איז די פירמע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקציע־געזעל־שאַפט מיט אַ קאַפּיטאַל פון אַ מיליאָן רובל, וועלכע איז אָבער באַלד

פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 5 מיליאָן רובל און דערנאָך אויף 10 מיליאָן, באַקומענדיק דעם נאָמען „אַקציענגעזעלשאַפט י. ק. פּאָזנאַנסקי".

נאָכדעם האָט נישט לאַנג געדויערט און פּאָזנאַנסקי האָט אויפגעשטעלט פאַר זיינע פאַבריקן אַן אייגענע „גאַזאָווניע", האָט אויך צוגעצויגן צו דער פאַבריק־טעריטאָריע אַן אייגענע באַן־ליניע, וואָס האָט פאַרבינדן די פאַבריק מיט דער שטאָטישער צענטראַלער באַן־סטאַציע.

באַלד דערויף האָט פּאָזנאַנסקי אויפגעשטעלט פאַר די אַרבעטער פון זיינע פאַבריקן אַ נייעם קוואַרטאַל מיט וווינהייזער, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען שולן פאַר די קינדער, שפּיטאָלן, ספּאָרט־פּלעצער, קירכעס, קאָאָפעראַטיוו־געוועלבער, ווי אויך אייגענע פייערלעשער, אאַ"וו.

די פירמע פּאָזנאַנסקי איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט פונעם קליינעם שניט־קרעמל אויף אַלטשטאָט און פון דעם פאַבריקאַנטל מיט די פאַר געדונגענע האַנט־שטולן אין זדונסקאַ־וואָלאַ ביז צום אַרבעטן (אין יאָר 1912 אויף אייגענע 4.862 מעכאַנישע וועב־שטולן, מיט אַן אייגענער שפּינעריי פון 152 טויזנט שפּינדל, באַשעפטיקנדיק דערביי העכער 7 טויזנט אַרבעטער!



פּאָזנאַנסקיס פאַבריק אויף אָגראָדאָווע גאַס

(אויף רעכטס זעט זיך פּאָזנאַנסקיס „ווינטער־פּאַלאַץ")

אין דעמזעלבן יאָר (1912) האָבן פּאָזנאַנסקיס פאַבריקן אויסגעאַרבעט 450 טויזנט פּוד בוימוואָל, פון וועלכע דריי הונדערט טויזנט זענען גע־

ווען רוסישער בוימוואָל, וואָס איז געריייניקט געוואָרן אין פּאָזנאַנסקיס אייגענע רייניקונגס־פֿאַבריקן, וואָס ער האָט פֿאַר זיך אויפגעשטעלט אין קאַווקאַז.

דער קוילן־פֿאַרברויך פֿאַרן דערמאָנטן יאָר איז געווען 50 טויזנט טאָן!

אָט דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פֿון דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פֿון ישראל פּאָזנאַנסקי אין לאָדזש.

און ס׳קאָן זיין, אַז ווען די אַמאָליקע לאָדזשער נאַציס וואָלטן נישט אונטערגעשטעלט דעם ערשטן יידישן פֿאַבריקאַנט, עוזר בערגער „ס׳חזיר פּיסל״, צווינגענדיק אים דורך מלשינות און מסירות צו ליקווידירן זיין פֿאַבריק, — ווער ווייסט צי לאָדזש וואָלט שפּעטער נישט געהאַט נעבן פּאָזנאַנסקין, אויך אַן „אַקציען־געזעלשאַפֿט אָסקאַר באָרוכאָוויטש בערגער״? ווי פֿלעגט זאָגן שלום־עליכם, בעתן זיין אין לאָדזש: „אין לאָדזש איז אַלץ מעגלעך״!...

.47

## ישראל פאָזנאַנסקי אַלס ייד און אַלס מענטש

כאָטש אין פריוואַטן לעבן איז פאָזנאַנסקי געווען גאָר באַשיידן, דאָך האָט ער פאַרשטאַנען צו געניסן פון זיין רייכקייט. אויסער די צוויי פראַכט־פולע פאַלאַצן און די 4 הערלעכע הייזער, וואָס ער האָט אויסגעבויט אין



ישראל פאָזנאַנסקי

באַקאַנטער לאָדזשער מיליאָנער און גרויסער נדבן, גרינדער פון פיל לאָדזשער אינסטיטוציעס

שטאָט פאַר זיינע זין, — האָט ער אויך אויפגעשטעלט ווילעס אין זיינע גיטער אַרום לאָדזש, ווי אויך אין עטלעכע אייראָפּעישע קורערטער.

אַלס ייִד האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אַלעם, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צום ייִדישן לאָדזש און צו דער ייִדישער וועלט. 12 יאָר איז ער געווען דאָזאָר פון דער קהילה און עטלעכע מאָל אַפילו איר פּרעזעס.

מיט זיין ברייטער האַנט האָט פּאָזנאַנסקי געשטיצט אַלע צדקה־אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס פון שטאָט און צוזאַמען מיט זיין איידעם און שוואָגער, יעקב הערץ, האָט ער געגרינדעט פאַרשידענע ייִדישע אַנשטאַלטן, ווי: „ביקור חולים", „דאָבראָטשינאָשטש", „תלמוד־תורה", „האַנטווערקער־שולע", „שפּיטאָל" און נאָך פיל אינסטיטוציעס.

פּאָזנאַנסקיס נאָמען אַלס נדבן און בעל־צדקה האָט געשמט אין גאָר דער וועלט; ממילא פלעגן צו אים אָנקומען פון אומעטום הונדערטער בקשות וועגן געלט־אונטערשטיצונגען פון גאַנץ פּוילן און רוסלאַנד.

חוץ דעם פלעגן טעגלעך צו אים קומען צענדליקער געלט־זאַמלער: שליחים, רבנים, ראשי־ישיבות, גוטע ייִדן און סתם בכבודע נצרכים פון אַלע עקן לאַנד. און צו דעם צוועק האָט פּאָזנאַנסקי געעפנט נעבן זיין ביוראָ, אַ ספּעציעלע „צדקה־אָפּטיילונג", מיט אַ באַזונדער פּערסאָנאַל, בוכהאַלטעריע און אַפילו מיט אַ ספּעציעלן איבערגעגעבענעם קאַסירער — עפּשטיין האָט ער געהייסן.

פּאָזנאַנסקי איז אויך געווען איינער פון די געציילטע ייִדישע פאַבריקאַנטן וואָס, זעענדיק, אַז זיינע קריסטלעכע אַרבעטער דערלאָזן נישט קיין ייִדן צו דער אַרבעט, האָט ער אויפגעבויט אַ ספּעציעלע פאַבריק־געביידע נאָר פאַר ייִדישע אַרבעטער.

**
*

פּאָזנאַנסקיס פרוי, לאהלע, איז פאַקטיש געווען זיין „עזר כנגדו" — די איבערגעגעבענע האַרציקע העלפערין זיינע אין אַלע ייִדישע ענינים; זי האָט געפירט אַ ייִדישע קיך און איר גאַנצע אויפפירונג איז געווען, ווי אַ טרייע ייִדישע טאָכטער אין שענסטן און איידלסטן זין!

ישראל פּאָזנאַנסקי איז אויך געווען איינער פון די הויפּט־גרינדער פון דער „סינאַגאָגע" — די פאַרגעשריטענע שול אויף פּראָמענאַדן־גאַס (שפּעטער אַלייע קאָשטשיושקי), וואָס איז געווען איינע פון די שענסטע שולן אין אייראָפּע.

פּאָזנאַנסקין איז אויך צו פאַרדאַנקען, וואָס עס זענען דאָן פאַר דער „סינאַגאָגע״ אַנגאַזשירט געוואָרן די צוויי באַוווּסטע קאַנטאָרן אַלטערמאַן און בּיי. אים איז אויך צוצושרייבן דאָס קומען קיין לאָדזש פונעם באַ־קאַנטן פּרעדיקער, ד״ר ישראל יעלסקי, וועלכער האָט יאָרנלאַנג, דורך זיינע גלענצנדע דרשות צוגעצויגן פאַר דער דאָזיקער שול מתפללים פון די בעסטע קרייזן פון לאָדזש, צווישן זיי אויך אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען שוין געווען אַביסל דערווייטערט פון פאָלק...

יאָרנלאַנג איז פּאָזנאַנסקי געווען דער הויפּט־גבאי פון דער סינאַ־גאָגע. און תמיד האָט ער זיך באַמיט די שול צו פאַרשענערן, סיי אינע־ווייניק ווי אויך פון דרויסן.

ער האָט אָבער נישט פאַרגעסן אין די אַנדערע לאָדזשער בתי־כנסיות און בתי־מדרשים, וועלכע ער האָט גאַנץ ברייט אונטערגעשטיצט. אַזוי, למשל, האָט ער געשפּענדט דעם גרעסטן טייל געלט אויף צו באַנייען די „גרויסע אַלשטעטער שול״, וועלכע האָט זיך גערעכנט פאַר די גרעסטע אין אייראָפּע.

פּאָזנאַנסקי האָט זיך אויך באַטייליקט מיט אַ גרעסערער סומע געלט אויף איינצוקויפן דעם שטח באָדן פאַרן נייעם בית־הקברות, אויפן בזשע־זשינער שאָסיי; ער האָט אַפילו בייגעשטייערט אַ סומע כדי אים איינצו־אָרדענען, אַז ער זאָל קענען געעפנט ווערן אונטער דער לייטונג פון טיכטיקן מנהל משה קאַלינסקי.

אָבער אין דער שפּיץ פון אַלע זיינע שאַפונגען שטייט זיכער דאָס פּראַכטפולע ייִדישע שפּיטאָל, גערופן „פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל״, וואָס ער האָט אויפגעבויט נאָך אין יאָר 1879, אין איינעם פון די שענסטע קוואַר־טאַלן פון שטאָט, בשכנות מיטן באַרימטן פּאַרק „העלענאָוו״ („אַנשטאַטס גאָרטן״), וועלכער האָט זיך גערעכנט אַלס שענסטער און מאָדערנסטער פּאַרק אין גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן.

***

צום שלוס פון דאָזיקן קאַפּיטל, לאָמיר דערציילן דעם שיינעם עפּיזאָד וועגן פּאָזנאַנסקין, וועלכן ס׳האָט מיר לעצטנס איבערגעגעבן דער באַקאַנ־טער לאָדזשער עסקן משה העלמאַן.

זייענדיק אַמאָל צוזאַמען מיטן באַראָן הירש, האָט דער לעצטער אין אַ געשפּרעך מיט פּאָזנאַנסקין, אים אַ פרעג געטון, וויפל אַרבעטער ער באַשעפטיקט אין זיינע פאַבריקן.

— ביי אַכט טויזנט — האָט פּאָזנאַנסקי געענטפערט.

— און וואָס האָט איר עפּעס פאַר זיי אויפגעטון?

— כ'האָב פאַר זיי אויפגעבויט אַ גאַנץ פערטל מיט פאַמיליען־וווינ־הייזער, — ענטפערט פּאָזנאַנסקי, — ווו ס'זענען אויך פאַראַן גערטנער, שולן, ספּאָרט־פּלעצער, קליניקס, קלובן, קירכעס, אאַ"וו.

— און וואָס האָט איר עפּעס געשאַפן פאַר די ייִדן פון שטאָט, — פרעגט ווידער באַראָן הירש.

— איך האָב דאָך אויפגעבויט דאָס גרויסע ייִדישע שפּיטאָל, וועל־כעס איז איינגעריכטעט אויפן מאָדערנסטן אופן: מיט די נייעסטע בעטן, בעסטע אַפּאַראַטן, אאַ"וו.

— און איך — האָט באַראָן הירש מיט אַ שמייכל געענטפערט, — וואָלט עס געמאַכט גראָד פאַרקערט: כ'וואָלט אויפגעשטעלט פאַבריקן און פאַמיליע־הייזער פאַר ייִדישע אַרבעטער און שפּיטעלער וואָלט איך אויפ־געבויט פאַר די גויים...

דאָס האָבן מיר דאָ נאָר געבראַכט אַלס געלונגען גלייכווערטל פונעם וועלט־באַקאַנטן ייִדישן נדבן, — דעם באַוווסטן ייִדן־קאָלאָניזאַטאָר באַראָן הירש. — פּאַקטיש האָט דאָך אונדזער ישראל פּאָזנאַנסקי זייער פיל געטון פאַר ייִדן!

.48

# הערצלס האָפענונג אויף ישראל פאָזנאַנסקי

ווי באַוווּסט האָט זיך ד״ר הערצל כסדר באַמיט צו דערווערבן פאַר דער ציוניסטישער אידעע די ייִדישע מיליאָנערן פון איראָפּע. און נישט־קוקנדיק וואָס ער פלעגט צו געוויסע פון זיי שיקן פון צייט צו צייט בשות־פותדיקע פריינד, און אַפילו אַליין צו זיי זיך באַמיט, — האָט ער לײדער דערין קיין גרויס מזל נישט געהאַט. דער רוב פון זיי איז געבליבן גלייכ־גילטיק (אויב נישט נאָך ערגער...) צום רעיון פון ייִדישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און דאָקטער הערצל פלעגט נעבעך בלייבן אַן אַנטוישטער און אַ פאַרביטערטער, מיט אַ געקרענקט האַרץ, אויף די אַלע ייִדישע מיליאָנערן...

***

און גראָד אין יענע טעג, ווען דער צוגאַנג צו די הערצער פון די ייִדישע מיליאָנערן איז פאַר הערצלען כמעט פאַרשלאָסן געווען, גראָד דעמאָלט דערשיינט פלוצים ישראל פאָזנאַנסקי פון לאָדזש און ווייזט עפנט־לעך אַרויס אַ שטאַרקע נייגונג צו דער ציוניסטישער אידעע.

געשען איז עס אַזוי:

אין אַ געוויסן שבת, באַלד נאָך ד״ר יעלסקיס גלענצנדיקן פּרעדיקט אין דער סינאַגאָגע, וועגן דער דערוואַכונג פון ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן און וועגן דער נייטיקייט פון דער ווידעראויפלעבונג פון דעם היסטאָרישן ייִדישן היימלאַנד, ארץ־ישראל, גייט פאָזנאַנסקי צו צו ד״ר יעלסקין,

דאַנקט אים האַרציק פאַר זיין שיינער אויפמונטערונג־רעדע און דערקלערט אים קלאָר און דייטלעך, אַז ער, פּאָזנאַנסקי, איז גרייט צוצוהעלפן גרינדן די „יידישע קאָלאָניאַל־באַנק", וועגן וועלכער הערצל באַמיט זיך אַזוי, כדי צו העלפן באַזעצן יידן אין ארץ־ישראל.

פון דער רגע אָן האָט זיך פּאָזנאַנסקי געטומען ערנסט אינטערעסירן מיט דער נאַציאָנאַל־באַנק און ס'איז געקומען דערצו, אַז נאָך עטלעכע באַראַטונגען מיט זיין איידעם און שוואָגער, ווי אויך שותף קובאַ (יעקב) הערץ, האָט פּאָזנאַנסקי באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווין, כדי פּערזענלעך צו פאַרהאַנדלען מיט הערצלען וועגן דעם דאָזיקן חשובן יידישן ענין.

**
*

מ'קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס איז הערצלס האַרץ האָט זיך גע־טון, באַקומענדיק פון ד"ר יעלסקין די בשורה, אַז פּאָזנאַנסקי, — דער גרויסער יידישער מיליאָנער פון מזרח־אייראָפּע, — קומט פּערזענלעך צו אים קיין ווין, בכדי אָרומצורעדן פאַרשידענע ציוניסטישע ענינים, באַזונ־דערס וועגן גרינדן די „יידישע קאָלאָניאַל־באַנק" — הערצלס גרעסטער חלום צו יענער צייט.

לאָמיר הערן וואָס הערצל אַליין דערציילט אין זיין טאָגבוך וועגן זיין ערשטע באַגעגעניש מיט דעם יידישן מיליאָנער:

„היינט, דעם 11טן דעצעמבער 1897, האָט מיך באַזוכט דער לאָדזשער מיליאָנער פּאָזנאַנסקי, אַ פּשוטער, אָבער זייער קלוגער ייד.

צוערשט האָט ער צו מיר געשיקט דעם לאָדזשער פּרעדיקער ד"ר יעלסקי, וועלכער האָט אים באַגלייט קיין ווין, כדי מיט מיר צו רעדן.

איך האָב דעריבער אים איינגעלאַדן צו מיר אַהיים, און דאָרט האָבן מיר זיך לענגער דורכגערעדט וועגן פאַרשידענע ענינים און צום סוף אויך וועגן דער באַנק, וועלכע אינטערעסירט פּאָזנאַנסקין זייער שטאַרק.

פּאָזנאַנסקי וויל דורכאויס, אַז מיר זאָלן גרינדן די באַנק נישט מיט צוויי מיליאָן פונט, נאָר מיט צען מיליאָן. מאָרגן פאַרמיטאָג וועט ער אויפסניי מיך באַזוכן.

איצט וואָלט איך זיך שוין פולשטענדיק באַגנוגנט מיט פּאָז־נאַנסקיס אַריינגיין אין אונדזער באַוועגונג, דאָס הייסט, אַז איך האָב שוין באַוויזן צו געבן דער זאַך אַזאַ פּרעסטיזש, אַז מיר דאַרפן שוין מער נישט עפּעס אַ ראָטשילד אַלס „אויבערשוץ".

(פון הערצלס טאָגבוך אין העברעיש, באַנד 3, ז"ז 39—83).

ווייזט אויס, אַז הערצל, וואָס פלעגט פּערזענלעך פּאָרן פון גביר צו גביר, פּרווונדיק צוצוציִען זיי צום ציוניזם (לרוב אָן שום דערפּאָלג), איז זייער שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון פּאָזנאַנסקיס באַזוך ביי אים, ווייל באַלד דערנאָך שרייבט ער צו מאַקס נאָרדוי פּאָלגנדעס:

„זייט צוויי טעג ווײלט ביי מיר דער גרעסטער פון די פּויליש־רוסישע ייִדישע עשירים י. ק. פּאָזנאַנסקי פון לאָדזש.

ער איז פולשטענדיק דערוואָרבן געוואָרן פאַר אונדזער זאַך! לויט זיין מיינונג אָבער איז וויכטיק, אַז די באַנק זאָל האָבן אַלס גרינדונג־קאַפּיטאַל נישט קיין צוויי מיליאָן פונט, נאָר 5 און אַפילו 10 מיליאָן פונט.

פּאָזנאַנסקי איז גרייט אַריינצוגיין אין סינדיקאַט, וואָס דאַרף גאַראַנטירן פאַר דער אונטערשריפט. און אויב ער וועט אַריין, דאַן זענען שוין כמעט זיכער אַלע אַנדערע ייִדישע מיליאָנערן פון רוס־לאַנד.

און איצט שטעלט זיך פאַר מיר די פראַגע וועגן די ראָטשילדס! ער, פּאָזנאַנסקי, איז אַפילו גרייט צו גיין מיט אונדז אָן זיי און אַפילו קעגן זיי. דאָך ראָט ער יאָ צו געווינען זייער פריינדשאַפט, אָדער ווייניקסטנס אַ „נייטראַליטעט פון גוטן ווילן".

(דאָרט).

און אין זעלבן זיבעטן שרייבט הערצל צו וואָלפסאָנען; אים בעט ער, צווישן אַנדערן, אויך פאָלגנדעס:

„איינצולאַדן פּאָזנאַנסקין פון לאָדזש צו דער געהיימער זיצונג וועגן דער באַנק, וועלכע דאַרף פאָרקומען צווישן 12טן און 15טן אויגוסט 1898 אין קעלן אָדער אין פראַנקפורט. און אויב פּאָזנאַנסקי וועט פּערזענלעך נישט קאָנען קומען, זאָל מען איינלאַדן זיין זון

און אויך דעם לאָדזשער באַנק־אינהאַבער לאַנדאַו ווי אויך ה׳ כהן פון האַמבורג, מאַרקס און זעליגמאַן פון לאַנדאַן, זעליגמאַן פון פראַנק־פורט, אהרנס — בערלין, בראָדסקי — קיעוו״.

(דאַרט).

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז נישט קוקנדיק וואָס פּאָזנאַנסקי האָט געמאַכט אויף אים אַזאַ אויסגעצייכנטן איינדרוק מיט זיין התלהבות פאַר דעם פּלאַן פון גרינדן די קאָלאָניאַל־באַנק, האָט הערצל דאָך געהאַט לגבי אים געוויסע ספיקות. ווייל זיין ביטע צו וואָלפסאָנען ענדיקט ער אַזוי:

„און אויב פּאָזנאַנסקי וועט נישט גיין מיט אונדז, וועט נישט בלייבן קיין אַנדער ברירה, ווי לאָזן פשוט דעם גאַנצן ענין נעמען זיין גאַנג אין דער טיף״. (הערצלס כוונה איז, דאַכט זיך, געווען צו ווענדן זיך צו די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן...).

ווי ס׳זאָל אָבער נישט זיין, האָט זיך הערצל פאָרט גערעכנט מיט פּאָזנאַנסקין. אַ באַווייז דערצו איז אויך דער פאַקט, אַז אויך אין זיין בריוו צו גוסטאַוו כהן, שרייבט הערצל צום סוף, — אַ פנים פון גרויס צופרי־דנקייט, — פאָלגנדע געהיימע גוטע בשורה:

„בסוד! מיר האָבן שוין פאַר אונדזער באַנק דערוואָרבן פאָלגנדע פּערזאָנען: זעליגמאַן (לאָנדאָן), פּאָזנאַנסקי (לאָדזש) און זעליגמאַן (פראַנקפורט)״.

***

ווי ווייט בײדע — סיי הערצל און סיי פּאָזנאַנסקי, — זענען געווען צופרידן פון דער קעגנזייטיקער באַקאַנטשאַפט, וואָס זיי האָבן געמאַכט, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס ד״ר יעלסקי האָט דאַן, באַלד נאָך זיין צוריקקומען פון יענער רייזע, דערציילט. קומענדיק צו ד״ר הערצל, צומאָרגנס נאָך פּאָזנאַנסקיס ערשטן באַזוך ביי אים, האָט דער שעפער פון ציוניזם, צווישן אַנדערן געזאָגט: „אָט אויף אַזאַ פּאָזנאַנסקי האָבן מיר טאַקע געוואַרט!״.

פּאָזנאַנסקי, דאַקעגן, האָט באַלד נאָך זיין צוריקקומען פון הערצלען, געזאָגט צו זיינע נאָענטסטע: „אויף אַזאַ פירער, ווי הערצל וואַרט שוין ס׳יידישע פאָלק זייט צוויי טויזנט יאָר!״.

.49

# הערצלס זעלטענע אינטואיציע...

מערקווירדיק איז אין דעם דאָזיקן גאַנצן ענין ד״ר הערצלס אינ־טויציע, וועלכע האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער דאַרף לגבי פּאָזנאַנסקיס התלהבות האָבן אַ ביסל סקעפּטיציזם.

שוין אין זיין ערשטן בריוו צו ד״ר מאַקס נאָרדוי, אין וועלכן הערצל שרייבט מיט צופרידנקייט וועגן דערווערבן פּאָזנאַנסקין פאַר דעם ציוני־סטישן געדאַנק, וואַרפט ער אַריין די פאָלגנדע זייער כאַראַקטעריסטישע פראַזע: „אויב ער וועט נאָר נישט אַנטלויפן!״...

און הערצל נבואה איז מקויים געוואָרן!

פּאָזנאַנסקי איז טאַקע אַנטלאָפן. און אַנטלאָפן איז ער אַפילו דריי מאָל!

תחילת איז ער אַנטלאָפן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, צו וועל־כער ער האָט זיך מיט אַזאַ ברען צוגעכאַפּט; דאַן איז ער אַנטלאָפן אַפילו פון זיין וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן דעם לאָדזשער באַנק־קאָמיטעט, צו נעמען אויף זיין נאָמען אַקציעס פון באַנק אויף דריי טויזנט פונט; ער האָט זיך אויך דערפון צוריקגעצויגן.

צום סוף איז ישראל פּאָזנאַנסקי, — דער „אַנטלויפער״ פון העלפן שאַפן די יידיש־נאַציאָנאַלע באַנק, — „אַנטלאָפן״ אויך פון זיין אייגן פאַרמעגן!

נאָכן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג איז פּאָזנאַנסקיס גאַנצע פאַר־מעגן, אין דער הויך פון איבער זעכציק מיליאָן רובל, אַריבער אין פרעמדע הענט, — צו די נישט־יידישע בעל־חובות זיינע (איטאַליענער) און פון

אַלע זיינע פאַבריקן, פּאַלאַצן, ווילעס, הייזער, גערטנער און גיטער איז פאַר זיינע יורשים איבערגעבליבן נאָר דאָס קבר אויפן לאָדזשער יידישן בית־עולם, אויף וועלכן ס'איז מיט בולטע אותיות אויסגעקריצט דער נאָמען פון דעם אַמאָל אַזוי באַוווסטן יידישן מיליאָנער: ישראל בן קלמן פּאַזנאַנסקי. תנצב"ה.

***

און זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן דער דערפרייענדער פאַקט, אַז כאָטש הערצל האָט זיך אַנטוישט אין דעם לאָדזשער מיליאָנער פּאַזנאַנסקי, אָבער אין לאָדזשער יידנטום האָט ער זיך כלל ניט אַנטוישט. להיפוך: ער האָט פון לאָדזשער יידנטום געהאַט די גרעסטע סאַטיספאַקציע, ווייל מיט דער סומע, וואָס די לאָדזשער יידן האָבן דאַן געגעבן, צו דער דערעפענונג פון דער קאָלאָניאַל־באַנק, האָט לאָדזש געשלאָגן דעם רעקאָרד איבער אַלע יידישע קהילות אין דער וועלט!

לאָדזשער יידן האָבן דאַן געקויפט פאַר 54 טויזנט פונט אַקציעס. — דאָס הייסט פאַר מער פון אַ פערטל סומע, וואָס מ'האָט דאַן באַדאַרפט, צו קאָנען אין לאָנדאָן עפענען די באַנק!

***

ווי ווייט הערצל איז געווען גערירט פון דער גרייטקייט פון די לאָדזשער יידן, קאָן דערציילן דער פאַקט, וואָס צו דעם ערשטן פּאַק אַקציעס, וואָס מ'האָט צוגעשיקט קיין לאָדזש פאַר די אַקציאָנערן, האָט הערצל צוגעלייגט אַ קורץ בריוול (געשריבן אין דייטש, מיט דער אונטערשריפט „הערצל" אין העברעיש), אין וועלכן ער דריקט אויס די לאָדזשער אַקציאָנערן זיין העכסטע אָנערקענונג פאַר זייער שיינער נאַציאָנאַלער טאַט, מיט וועלכער זיי האָבן געהאָלפן עפענען די באַנק, דינענדיק אַזוי אַרום ווי אַ מוסטער פאַר פיל אַנדערע יידישע קהילות!

ליידער איז דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער בריוו, וועלכן מיין עלטערער ברודער, יוסף־שלום ע"ה, האָט אין אונדזער אַלעמענס קעגנוואַרט איבערגעגעבן דעם ד"ר יעלסקין, פאַרשוווּנדן געוואָרן. 15)

און ווי עס האָט מיר שפּעטער דערציילט דער באַוווּסטער ציוניסטישער עסקן, לייב אוריזאָן ז״ל, זאָל דאַן ד״ר יעלסקי געגומען האָבן פאַר זיך הערצלס דערמאָנטן בריוו, זייענדיק איבערצייגט — און אפשר מיט רעכט — אַז דער דאָזיקער דאָקומענט געהער אים, אַלס הויפּט־גורם צו דער גרויסער הצלחה פון דער דערמאָנטער ציוניסטישער אַקציע.

15) צוליב דעם, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט תחילת דערקלערט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג ווי אומלעגאַל און מ׳האָט מורא געהאַט צו שיקן דעם פּאַקעט מיט די אַקציעס דורך פּאָסט, האָט מען אים באַזאָרגט קיין לאָדזש אויף אַן אומלעגאַלן וועג — דורך אַ שמוגל איבער דער דייטשער גרענעץ.

אַזוי אַרום איז טאַקע דער פּאַקעט מיט די ערשטע אַקציעס פון קאָלאָניאַל־באַנק געבראַכט געוואָרן פון דייטשלאַנד קיין בענדין צו מיין שוואָגער מרדכי שיין, וועלכער האָט אים באַזאָרגט דורך אַ ספּעציעלן שליח קיין לאָדזש. צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן פּאַקעט איז דאַן מיטגעקומען הערצלס אייגנהענטיקער בריוו צו די לאָדזשער ציוניסטן.

.50

## פאַזנאַנסקיס „ריקצוג" פון ציוניזם

ווי מיר האָבן געזען אין פריערדיקן קאַפּיטל, האָט פאַזנאַנסקי זיך פּלוצים, אָן אַ פאַרוואָס און אַ פאַרוועז, צוריקגעצויגן פון זיין באַשלוס, צוצוטרעטן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג.

און צוריקגעצויגן האָט ער זיך נישט נאָר אַלס אַקטיווער מיטגליד, וואָס האָט זיך פריער גוטווילליק געשטעלט צו הערצלס דיספּאָזיציע ביים העלפן עפענען די קאָלאָניאַל־באַנק, דורך שאַפן פאַר איר מיליאָנען פונטן, נאָר אַפילו אַלס געוויינלעכער אַקציאָנער אַקציאָנער פון דער באַנק.

און ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז בעת ס'זענען פאַר אים אָנגעקומען זיינע אַקציעס, וועלכע ער אַליין האָט געהאַט באַשטעלט, בעטנדיק אַפילו, אַז זיי זאָלן בפירוש זיין „נאָמינעלע", אויף זיין פּערזענלעכן נאָמען, האָט ער די צוויי חברים (דאַכט זיך יהודה ליבנשטיין און עקיבא ווייס), וואָס האָבן אים די פאַר אַקציעס (אויף 3 טויזנט פונט) געבראַכט, קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער זאָגט זיך פון איצט אָן אָפּ, נישט נאָר צו נעמען די אַקציעס, נאָר אויך צו הערן אַפילו פון די אַלע „ציוניסטישע ענינים"!...

שטעלט זיך די פראַגע: וואָס אייגנטלעך איז פּלוצים געשען מיט ישראל פאַזנאַנסקי, — מיט דעם האַרציקן ייִד, וואָס האָט תמיד מיט אַזאַ ברייטער האַנט געגעבן געלט אויף יעדן ייִדישן צוועק און האָט קיינמאָל אין אַזעלכע ענינים זיין וואָרט ניט געענדערט? וואָס האָט געטראָפן, וואָס גראָד אין דעם ענין פון דער קאָלאָניאַל־באַנק האָט ער געמאַכט אַזאַ דראַסטישן „ריקצוג", וואָס האָט דאַן אין די ציוניסטישע קרייזן אַרויס־

גערופן נישט נאָר פֿאַרביטערונג קעגן אים, נאָר אויך אַנטוישונג אין זיין גאַנצער ייִדישקייט?

וואָס איז דער וואונדער, וואָס אַרום דעם דאָזיקן „רעטעניש" האָבן זיך גענומען וועבן פאַרשידענע לעגענדעס, וואָס זענען אָפּט דערגאַנגען צו לעכערלעכקייטן.

אָבער צווישן די אַלע סברות זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געקענט לייגן אויפן שכל.

אַזוי האָבן, למשל, אייניקע דערציילט, אַז איינער פון די גרויסע ייִדישע מיליאָנערן אין אייראָפּע, וואָס האָט אַפילו הערצלען נישט גע־וואָלט אויפֿנעמען, האָט דאָס אַזוי שטאַרק געווירקט אויף זיין „קאָלעגע פּאָז־נאַנסקי", אַז ער זאָל זיך באַצייטנס צוריקציִען פון דעם דאָזיקן „ייִדישן ביזנעס"...

אַנדערע ווידער זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז פּאָזנאַנסקיס מחותנתטע, פרוי טערעזע זילבערשטיין (מאַרקוס זילבערשטיינס פרוי און שוויגער פון מאָריץ פּאָזנאַנסקי), וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון אַן „אויסגעשפּראָכענער אַסימילאַטאָרישער גראַנד־דאַמע", איז דאָס געווען די וואָס האָט באַוויזן „אָפּצוראַטעווען" איר מחותן פּאָזנאַנסקי פון דער נאַ־ציאָנאַל־ייִדישער סכנה...

אַזוי צי אַזוי, איז דאָך אַ פאַקט, אַז דער דאָזיקער פּאָזנאַנסקי, וואָס האָט תמיד געטון אַלץ זייער פאַרזיכטיק, האָט דאַסמאָל זיך בליצשנעל עפנטלעך דערוויטערט פון אַ זאַך, צו וועלכער ער האָט ערשט פאַר אַ קורצער צייט צוריק אַזוי שטאַרק זיך דערנענטערט!...

אָבער דאָס אַלץ זענען נישט מער ווי סברות און השערות.

איצט איז די צייט צו דערציילן דער ייִדישער וועלט, באַזונדערס, אָבער, פאַר דער „געשיכטע פון ציוניזם", די סיבה וואָס האָט דאַן באַוויגן דעם לאָדזשער מיליאָנער, ישראל פּאָזנאַנסקי, איבערצורייסן, מיט אַמאָל, מיט דער ייִדישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, צו וועלכער ער אַליין האָט זיך געהאַט אַזוי הייס צוגעכאַפּט.

***

ווי באַוווּסט, האָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד באַלד פון אָנהייב אָן גע־קוקט קרום אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג. די רוסישע רעגירונג האָט

זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיטן נישט־אָנערקענען דעם ציוניזם, אַלס לעגאַלע באַוועגונג, נאָר זי האָט גענומען דעם ציוניזם גאַנץ אַקטיוו פאַרפאָלגן.

צו דעם צוועק האָט די רוסישע רעגירונג, ווי באַוווסט, איינגעפירט אַ ספּעציעלן אָפּטייל פאַר ציוניסטישע ענינים, מיט אַ באַזונדער שטאַרקן אַפּאַראַט פון זשאַנדאַרמען („אַכראַנע־לייט״), געהיים־אַגענטן און סתם שפּיאָנען, וואָס זייער איינציקע אויפגאַבע איז געווען אויפצודעקן געהיימע ציוניסטישע פאַריינען און זייערע פאַרזאַמלונגען, אויסצוגעפינען אומלעגאַלע ציוניסטישע ליטעראַטור און צו אַרעסטירן ציוניסטישע אַגיטאַטאָרס, וואָס „העצן״ ייִדן זיך אַנצושליסן אין דער דאָזיקער „אומלעגאַלער באַוועגונג״...

ווער פון אונדז האָט דאַן נישט געציטערט און געפלאַטערט, אַז מ׳זאָל אים, חלילה, נישט „דערטאַפּן״ ביי איינעם פון די דערמאָנטע „פאַרברעכנס״?

ווער פון דער לאָדזשער „אַלטער גוואַרדיע״ געדענקט דען נישט, ווי די זשאַנדאַרמען און געהיים־אַגענטן האָבן פּלוצים אַרומגערינגלט ירחמיאל ליפּשיצעס הויז אויף דזשעלנאַ־גאַס, זיך אַריינגעריסן אין זיין גרויסער פּראַכט־וווינונג און אַנטדעקנדיק אין איר אַ געהיימע ציוניסטישע אסיפה פון אַן ערך צוואַנציק פון די אָנגעזעענסטע ציוניסטן, זיי אַלעמען פאַרהאַלטן, ממש ווי פאַרברעכער און זיי געוואָלט איבערפירן אין ציטעוויליקן אַרעסט־הויז. נאָר אַ דאַנק איינעם פון די דאָזיקע פאַרהאַלטענע, וועלכער האָט „פאַרשטאַנען״ צו באַווייזן מיט „קלאָרע באַווייזן״, אַז די מענטשן זענען זיך צונויפגעקומען פייערן דעם געבורטסטאָג פון זייער פריינד ליפּשיץ, האָט דער זשאַנדאַרמען־אָפיציר באַפוילן זיינע אַגענטן זיך פונאַנדערצוגייען, בעטנדיק אַנטשולדיקונג ביי די פאַרזאַמלטע „געבורטסטאָג־פייערער״...

און ווער פון אונדז קאָן פאַרגעסן יענע קאָנספּיראַטיווע אסיפות און געהיימע פאַרלעזונגען, וואָס פלעגן פאַרקומען בין מנחה למעריב אין די באַזונדערע בתי־מדרשים און „שטיבלעך״, לרוב אויף וואָסקאַדניע, צעגעלניאַנע און פּיעטריקאָווער גאַסן, ווו מ׳האָט פון צייט צו צייט געהערט באַריכטן, רעדעס און דרשות פון די גלענצנדע רעדנער מיט גאָלדן בראש?!

אין יענער עפּאָכע איז טאַקע הערצל געקומען מיט זיין גראַנדיעזן

פלאַן וועגן דעם „אוצר התישבות היהודים" — די „קאָלאָניאַל־באַנק", אויף צו העלפן ייִדן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל!

אין גרונט־גענומען האָט די צאַרישע רעגירונג קעגן דעם גאָרנישט געקאָנט טון, — עס איז דאָך געווען אַ טראַנזאַקציע פון גרינדן אַ באַנק, ווי אַלע בענק, מיט אַקציעס ווי אַלע אַקציעס, דערצו אין לאָנדאָן, — דער הויפּטשטאָט פון דער דעמאָלטיקער גרעסטער אימפּעריע אין דער וועלט.

אָבער פּאַקטיש האָט „פּאָניע" גענומען שטערן מיט אַלע מיני קאָמבינאַציעס און קונצן דעם אַקציע־פאַרקויף, דערקלערנדיק דעם פאַרקויף אַלס „אומלעגאַלע טעטיקייט", ווייל די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איז דאָך נישט לעגאַל...

ס'איז דאָן דערגאַנגען דערצו, אַז די רוסישע זשאַנדאַרמעריע האָט פאַרהאַלטן אויף דער דייטש־פּוילישער גרענעץ אַ גרויסן טראַנספּאָרט מיט אַקציעס פון דער „קאָלאָניאַל־באַנק" און זיי נישט געוואָלט צוריקגעבן, כמעט צוויי יאָר נאָכאַנאַנד. דער תירוץ איז געווען, אַז ס'איז אַן „אומלעגאַל פּאַפּיר"...

ס'איז אויך אַ פאַקט, אַז הערצל האָט מיט זיין רייזע קיין פּעטערבורג אַפילו נישט געפּועלט ביים מיניסטער־פּרעזידענט, פּלעווע, די לעגאַליזירונג פון דער „קאָלאָניאַל־באַנק" און די דערלויבעניש צו עפענען אַ פיליאַלע פון איר אין רוסלאַנד...

***

אין יענער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד אַרום דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאַרט זיך עס אונדזער ר' ישראל פּאָזנאַנסקי, דער מיליאָנער און גרויס־אינדוסטריעלער פון רוסיש־פּוילן, קיין וויק, קאָנפערירט מיטן שעפער און פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, ווערט באַגייסטערט פון אים און פון זיינע אידעען, אַנטציקט זיך פון הערצלס פלאַן וועגן דער „קאָלאָניאַל־באַנק" און דערקלערט עפנטלעך, אַז ער שטעלט זיך צו זיין דיספּאָזיציע אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג און איז גרייט צו העלפן זי אויפשטעלן, נישט בלויז מיט 2 מיליאָן פונט, ווי הערצל וויל, נאָר אַפילו מיט 5 מיליאָן און אפשר גאָר מיט 10 מיליאָן פונט.

.51

## פאָזנאַנסקיס מוראַדיקער סוד!...

זאָל מיר פאָזנאַנסקיס איידעם און שוואָגער, קובאַ הערץ, מוחל זיין, במחילה גמורה, וואָס איך פאַרעפנטלעך איצט, נאָך זיין טויט, דאָס גרויסע געהיימעניש, וואָס ער האָט מיר, נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג, בסוד־סודות, אָנפאַרטרויט, נעמענדיק ביי מיר דאָס ערן־וואָרט, אַז איך וועל עס קיינעם נישט דערציילן, ביז דער צייט, ווען ס׳וועט זייער פירמע און אויך זיין פאַמיליע, נישט דראָען קיין שום געפאַר מצד דער רוסישער רעגירונג...

אַזוי ווי אַזאַ געפאַר איז דאָך שוין מער נישט פאַראַן, קען איך שוין פאַרעפנטלעכן דאָס פאָזנאַנסקישע געהיימניש, וואָס דאַרף זיכער נישט פאַרווישט ווערן פון דער יידישער אויפלעבונג־געשיכטע!

„געווען איז עס — האָט מיר הערץ דערציילט — מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, נאָך מיין שווערס (פאָזנאַנסקיס) באַזוך ביי הערצ־לען, אין ווין. פּלוצים קלינגט אין אַ געוויסן זונטיק דער טעלעפאָן. עס רעדט איינער פון אונדזערע בעסטע פאַמיליע־פריינד — אַ הויכ־געשטעלטער רוסישער רעגירונג־באַאַמטער אין וואַרשע, אַ האַרצי־קער רוס פון אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם. ער דערקלערט מיין שווער, אַז ער ווילט היינט צופעליק אין לאָדזש און וואָלט, ווי תמיד, וועלן האָבן ס׳פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט אונדז דעם טראַדיציאָנעלן פאָזנאַנסקישן „פייף־אָ־קלאָק טיי״.

מיר האָבן טאַקע פאַרבראַכט צוזאַמען, פלוידערנדיק געמיטלעך

מיט אים און הערנדיק זיינע שיינע עפּיזאָדן און שילדערונגען וועגן זיין לעצטער פּאַלאָוואַניע (יאַגד) אין אונדזער גוט, אין וועלכן ער פלעגט יאָר־יערלעך פאַרברענגען ביי אַ וואָך צייט.

נאָך דעם דאָזיקן „צופעליקן" טיי, בעת דער גאַסט האָט שוין ביים אַוועקגיין, „דערמאָנט" ער זיך פּלוצים, אַז ער האָט עפּעס צו רעדן מיטן שווער.

נאָך דעם געשפּרעך מיטן רוסישן הויכן רעגירונגס־באַאַמטן, האָט פּאָזנאַנסקי געזאָגט צו זיין איידעם, יעקב הערץ:

„זיי וויסן, קובאַ, אַז מיר זענען אין דער גרעסטער געפאַר! מיר זענען אין געפאַר נישט נאָר מיט אונדזער גאַנצן פאַרמעגן, נאָר אויך מיט אונדזער פּערזענלעכער פרייהייט!...

די רוסישע רעגירונג וויסט גענוי פון מיין באַזוך ביי הערצלען און וועגן מיין באַשלוס צו באַטייליקן זיך פּערזענלעך אינעם אויפבוי פון דער „ייִדישער קאָלאָניאַל־באַנק". זי האָט איצט אונדז געלאָזט וויסן, טאַקע דורך דעם היינטיקן גאַסט, אַז אויב איך וועל זיך נישט תיכף צוריקציִען פונעם גאַנצן „ציוניסטישן ענין", וועלכן זי באַ־טראַכט אַלס אומלעגאַל, וועט זי געצוווּנגען זיין צו האַנדלען קעגן אונדז אַזוי, ווי זי טוט עס מיט אַלע אַנדערע אומלעגאַלע טוער — קאָנפיסקירן ס׳פאַרמעגן און פאַרשיקן ווי מ׳דאַרף"...

איך האָב מיין שווער — האָט הערץ פאַרענדיקט דעם סוד, — שוין געזען אין פיל ערנסטע מאָמענטן, אָבער איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן אין אַזאַ שרעקלעכן צושטאַנד, ווי דעמאָלט, בעת ער האָט מיר איבערגעגעבן דאָס, וואָס אונדזער רוסישער פריינד האָט פאַר אים אַנט־פּלעקט.

שילדערנדיק פאַר מיר די אויפרעגונג פון פּאָזנאַנסקין נאָך דעם דאָ־זיקן באַזוך, האָט הערץ צוגעגעבן:

„ער, — מיין שווער — וואָס איז פון דער נאַטור אויס געווען אַ רויִקער, געלאַסענער און איבערגעלייגטער מענטש, — אַ מענטש וואָס האָט געקאָנט זיך באַהערשן אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן

פון זיין לעבן — האָט זיך דעמאָלט פולשטענדיק פאַרלוירן! ווייל, דערציילנדיק מיר וואָס דער דאָזיקער פריינד האָט אים בסוד אָנ־פאַרטרויט, האָט ער נעבעך גענומען ציטערן און פלאַטערן ווי אַ מילדע טויב, בעת אַ ווילדער אָדלער פאַרנעמט זיך זי לעבעדיקער־הייט צו פאַרצוקן...

זעלבסטפאַרשטענדלעך —האָט הערץ פאַרענדיקט זיין דערציי־לונג — זענען מיר געצוווּנגען געווען תיכף דעם „ווילדן אָדלער" זיך פולשטענדיק אונטערצוגעבן!... אָט דאָס איז די איינציקע סיבה פון אונדזער פלוצימדיקן איבעררייסן די באַציִונגען מיט די ציוּ־ניסטישע ענינים, צו וועלכע מיין שווער האָט זיך אַזוי הייס און אויפריכטיק צוגעכאַפּט. און טאָקע צוליב דעם האָבן מיר אַפילו נישט געקאָנט אויסקויפן די פּאָר „קאָלאָניאַל־באַנק־אַקציעס", וועלכע ער אַליין האָט געהאַט באַשטעלט ביים לאָדזשער קאָמיטעט".

מיט דער דאָזיקער אויפקלערונג ווערט במילא קלאָר דאָס „מיסטער־יעזע רעטעניש", וועגן וועלכן אַפילו זיינע נאָענטסטע פריינד פלעגן זיך וווּנדערן: „הלמאי שווייגט ער, דער תמיד גערן־רעדנדיקער פּאָזנאַנסקי, ווען מ'פרעגט אים וועגן דער סיבה פון זיין דראַסטישן „ריקצוג" פון ציוניזם"?...

פּאָזנאַנסקי האָט געשוויגן, ווייל ער האָט נישט געקאָנט און נישט געטאָרט און פשוט מורא געהאַט צו רעדן!...

.52

## קליינע עפּיזאָדן אין קאַמף קעגן ציוניזם...

כ׳ווייס נישט צי עס איז אמת די ידיעה, וואָס האָט דאַן קורסירט אין פּוילן, אַז הערצל זאָל זיך האָבן געווענדט צו די „רבּיים״, ווען קומען צו אַ וועלכער ס׳איז פאַרשטענדיקונג צווישן ציוניזם מיט דער אָרטאָ־דאָקסיע.

איך גלייב אויך נישט אין דער אמתדיקייט פונעם קלאַנג, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַט פאַרשפּרייט אין געוויסע ייִדישע קרייזן, באשר, פון איינעם פון די דעמאָלטיקע „רבּיישע הייף״ זאָל מען הערצלען האָבן גע־וואָרנט, אַז אויב ער וועט נישט „אָפּזיצן״ פון זיין „גאַנג״ אַריינצוציִען פרומע ייִדן און חסידישע ייִנגעלייט אין דער „נעץ״ פון זיין „אַפּיקורסישן ציוניזם״, — דער „סתרא־אחרא״, רחמנא־ליצלן, פון דער ייִדישער אמונה, וועט מען אים עפנטלעך לייגן אין חרם אַריין, פּונקט ווי מ׳האָט עס אַמאָל געמאַכט מיט זיין „רבּין״, כּביכול, — דעם באַוווּסטן אַפּיקורס ברוך שפּינאָזאַ!...

צי דאָס איז אמת, צי נישט — איז אָבער דאָך לײדער אַ פאַקט, אַז דער קאַמף פון דער אָרטאָדאָקסיע קעגן ציוניזם האָט זיך אין יענער עפּאָכע אַזוי פאַרשאַרפט, אַז ער האָט געשטעלט אין געפאַר כמעט ס׳גאַנצע, אַזוי שיינע ייִדישע פאַמיליען־לעבן אין פיל ייִדישע קהילות.

ווער פון אונדז געדענקט דען נישט יענע „שוואַרצע עפּאָכע״, אין וועלכער עלטערן האָבן פאַרטריבן פון זיך זייערע ליבלעכע קינדער, ווען אייגענע קינדער האָבן זיך דערווייטערט פון טאַטע־מאַמע, ווען איידעמס

און שווער און אַפילו מאַן און ווייב האָבן זיך צעריסן צוליב דעם קאַמף, וועלכן די אָרטאָדאָקסיע האָט באַטראַכט ממש אַלס „מלחמה־מצווה" פון וועלכן ס'איז כלומרשט אָפּהענגיק אונדזער גאַנצע פאָלקס־אמונה...

און אַזוי איז דער דאָזיקער קאַמף, וואָס האָט תחילת אויסגעבראָכן בלויז צווישן די צוויי פּאַרטייען, מיט דער צייט אַריינגעדרונגען אויך אין סאַמע אינטימסטן פאַמיליע־ווינקל, ברענגנדיק שפּאַלטונג און מוראדיקן שנאת־אחים צווישן ייִדן.

און וואָס איז דער ווונדער, ווען זעענדיק צו וואָס די גיפטיקע אַגי־טאַציע פירט, — האָט מען אין די פּאַראַנטוואָרטלעכע קרייזן פון נאַ־ציאָנאַלן ייִדנטום גענומען ערנסט טראַכטן, צי איז שוין נישט געקומען די צייט צו ברענגען צו אַ וועלכער עס איז פאַרשטענדיקונג מיט דער אָרטאָדאָקסיע ?

***

נישט היינט איז די צייט אויפצוראָלן אַלע פּרטים, וואָס אונדזערע נאַציאָנאַלע עסקנים, מיט נחום סאָקאָלאָוו אין דער שפּיץ, האָבן געפּרווּוט אונטערצונעמען, כדי ס'זאָל קומען צו אַ וועלכן ס'איז שלום־בית אין ייִדישן לאַגער.

כדי אָבער צו האָבן אַ לייכטן באַגריף ווי אונדזער לאַגע האָט אין יענע ימי־בראשית פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אויסגעזען, ברענגען מיר דאָ נאָר עטלעכע עפּיזאָדן, פון וועלכע דער לייענער וועט זיך קאָנען אַליין מאַכן אַ בילד ווי אַזוי דער ציוניזם האָט דאַן אויסגעזען אין די אויגן פון דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע.

נאָך אַן אינטימען, גאַנץ ערנסטן שמועס מיט סאָקאָלאָוו וועגן אונ־דזער אָנגעווייטיקטן ענין אין פּוילן, באַזונדערס אין לאָדזש, ווו דער ציוניזם האָט זיך שוין געהאַט גאָר נישקשהדיק איינגעוואָרצלט און פאַנאַנ־דערגעשפּרייט, האָב איך געדאַרפט פאָרן צום אַלעקסאַנדערער רבין, רבי ירחמיאל ישראל יצחק שליט"א, וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס גרויסער חכם און דערביי נישט קיין פאַרבטלנטער צדיק, צו וועלכן (ווי סאָקאָלאָוו האָט עס געוווּסט פון רבינס אַ בריוו צו מיר) איך בין דאַן געווען אַ

נאָענטער מקורב נישט אַזוי אַלס חסיד זיינער, ווי אַלס פּערזענלעכער פריינד.

און אַזוי האָב איך טאַקע באַלד געפּרוווט רעדן מיטן רבין וועגן דאָזיקן ענין, דעמאָלט, ווען ער איז געקומען זיך אַביסל אָפּרוען אין מיין פאַטערס זומערוווינונג „קאַלי", נעבן אַלעקסאַנדער.

און מערקווירדיק! יעדעס מאָל, ווי כ'האָב נאָר אָנגעהויבן וועגן דעם צו רעדן, פלעגט מיך דער רבי כסדר „אָפּפּטרן" מיט עפּעס אַ וויץ, צי אַ גלייכווערטל, אָדער גאָר מיט אַ „מילתא־דבדיחותא" פון דער גמרא.

איינמאָל בעתן טראַדיציאָנעלן „גלעזל טיי פון סאַמאָוואַר", וואָס דער רבי האָט געהאַט צו טרינקען אין דער גאָרטן־לאַבע, — ווען כ'האָב אים געבעטן מיר אָפן צו זאָגן, צי ס'איז נישט גלייך צו געבן הערצלען דעם שאַנס זיך אויסצושמועסן מיט די פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע, — ענטפערט ער מיר מניה־וביה:

„די גמרא זאָגט, אין סנהדרין: „רחמנא ליבא בעי" — „דער דערבאַרעמדיקער ברויכט אַ האַרץ" — אשר על כן ברויכן יידן דווקא צו הערצלען אויך אַ האַרץ"!...

ביים לעצטן שמועס אָבער, בעתן שפּאַציר אין אונדזער גאָרטן, ווען דער רבי האָט מיט זיין קלוגן בליק באַמערקט אין מיר, אַז דאָסמאָל וועט ער שוין נישט קאָנען אָפּקומען מיט זייטיקע תירוצים און גלייכווערטלעך, האָט ער מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, זיך מיט מיר אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און גאַנץ ערנסט מיר געזאָגט:

„הער מיך אויס, אברהמטשע! איך אַליין וואָלט שוין אפשר מסכים געווען צו דיין ענין, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז ווען מ'זאָגט אין אַלעקסאַנדער „יאָ" — זאָגט מען אין גער „ניין"!... אשר על כן, פאַר־זשע צוערשט קיין גער, און אויב מ'וועט דאָרט זאָגן „יאָ", וועל איך זיכער נישט זאָגן „ניין"!

באַקומענדיק פון אַלעקסאַנדערער רבין שליט"א אַזאַ צוזאָג, בין איך טאַקע נאָך אין דערזעלבער וואָך געפאָרן קיין גער. און ווויסנדיק, אַז די „פּאָליטישע ענינים" פירט אין גערער הויף דעם רבינס עלטסטער זון, ר' אברהם־מרדכילע (דער שפּעטערדיקער גערער רבי שליטא), האָב איך

מיר מיטגענומען פון וואַרשע מיינס אַ שוואָגער, עקיבא קושמיראק ז״ל, אַ גרויסער מקורב אין רבינס הויף און אַ פּערזענלעכער ידיד פון רבינס זון.

אַריינקומענדיק אין בית־המדרש שטעלט מיך מיין שוואָגער פאָר פאַר דעם רבינס זון, דערציילט אים אויך וועגן מיין „יחוס־עצמי״ (טוביה טענענבוימס אַ זון און לייב קושמיראקס אַן איידעם) און אַזוי גייען מיר אַלע דריי צו צו דער „קבלת־פּנים־שטוב״ און מיר וואַרטן אַ ווײַלע ביי דער טיר.

אינצווישן באַמערק איך, ווי מיין שוואָגער רוימט עפּעס איין אויפן אויער דעם רבינס זון, און אין דער רגע לאָזט ער אונדז שטיין, גייט איילֹיק אַריין אַליין צום רבין און מיר שטייען דערווייל און וואַרטן, — וואַרטן און שטייען אַ לענגערע צייט.

**
*

ווייזט אויס, אַז מיין שוואָגער (וועלכער איז פּאַקטיש געווען אין אַזעלכע „פּאָליטישע הויף־ענינים״ אַן „עולה תמימה״, — אַ נאַיווער חסי־דישער בטלן) האָט, ווענדיק מיך נאָך העכער שטעלן אין די אויגן פון רבינס זון, אים איינגערוימט אין אויער וועגן וואָס איך בין געקומען. (פאַרנדיק אין דער „קאָלעיקע״ האָב איך אים דערציילט דעם סוד וועגן ציל פון מיין נסיעה).

און דערווייל גייט אַדורך אַ לאַנגע צייט און מיר ביידע וואַרטן הינ־טער דער טיר און דעם רבינס זון זעט מען נישט און מ׳הערט אים נישט.

ענדלעך עפנט זיך פּלוצים די טיר, דעם רבינס זון נעמט מיך גיך אַריין, פירט מיך צו צום פּאַטריאַרכאַלישן פּאַטער, שטעלט מיך פאָר אַלס „עקיבא קושמיראקס שוואָגער״ און אין דעמזעלבן אויגנבליק דערלאַנגט מיר דער רבי שליטא „שלום״, ווינטשט מיר האַרציק ברכה און הצלחה, צוזאַמען מיט אַ „פאָר־געזונט״ און — — —

און אין דער רגע בין איך שוין איינדרויסן דורך עפּעס אַ הינטער־טיר אין אַ געאַרעמטער באַגלייטונג פון אַ סימפּאַטישן נידעריקן דיקלעכן ייִדן, — ווייזט אויס, עפּעס אַ גאַר־היימישער מענטש אין רבינס הויף,

וועלכער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז היינט האָט דער רבי זאָל לעבן נישט קיין צייט צו לאַנגע שמועסן, ווייל דער עולם „שלום־נעמערס״ איז, בלי עין־הרע, גרויס און דער טאָג איז קורץ און מ׳מוז דאָך „אָפּפאַרטיקן״ אַלע... הקיצור, כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אָט דעם באַגלייטער מיינעם איז קלאָר געווען וועגן וואָס כ׳בין געקומען און אויך וועגן באַשלוס מיך תיכף „אָפּצופאַרטיקן״, ממש על רגל אחת, נישט דערלאָזנדיק מיך אַפילו צו קומען צום וואָרט וועגן עיקר הענין.

אַרויסקומענדיק אויפן הויף האָט ער מיך פריינטלעך געזעגנט און איידער כ׳האָב באַוויזן זיך אומצוקוקן, איז ער שוין פאַרשווינדן צווישן דער גרויסער מאַסע חסידים, וואָס זענען געשטאַנען אַרום בית־מדרש.

**
*

אָבער די גרעסטע מפלה אין דעם דאָזיקן ענין האָב איך געליטן, בשעת כ׳בין געפאָרן צום דריטן פון די דעמאָלט־גרעסטע צדיקים אין קאָנגרעס־פוילן, — צום סאָכאַטשאָווער רבין שליט״א, רבי אברהמעלע באָרנשטיין!

מילא, די ערשטע צוויי רביים, דעם אַלעקסאַנדערער און דעם גערער, האָב איך כאָטש געזען, די זכיה געהאַט מיט זיי צו רעדן און געהאַט וויניקסטנס אַ שטיקל האָפענונג אַז איך וועל עפּעס פועלן...

אָבער גראָד ביים סאָכאַטשאָווער שליט״א — ביים רבין, וואָס מ׳האָט אים געהאַלטן כמעט אַלס נייטראַלן אין אַזעלכע פּאָליטישע ענינים, — דאָ צו האָבן אַזאַ מפלה, אויף דעם האָב איך זיך נישט גערעכנט.

און אָט וואָס ס׳איז געשען:

וועלנדיק זיך פאַרזיכערן תיכף אויפגענומען צו ווערן דורכן רבין, און אויך אויסגעהערט צו ווערן דורך אים ווי געהעריק, האָב איך געבעטן מיין עלטסטן פעטער (ברודער פון מיין מוטער) ר׳ יחיאל יצחק בערמאַן ז״ל, — אַ באַקאַנטער לאָדזשער כלל־טוער און „אגודת־ישראל״־פירער און דערצו איינער פון די חשובסטע סאָכאַטשאָווער חסידים — ער זאָל מיך באַגלייטן צו זיין רבין וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין.

זייענדיק, ווייזט אויס, זיכער, אַז איך פאָר צו זיין רבין אין מיינס

אברהם טענענבוים־ארזי

אַ פּערזענלעכער, דריגנדיקער זאַך, האָט ער — דער פּעטער מיינער, וואָס איז בטבע געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש און האָט תמיד ליב געהאַט יע־נעם צו דינען מיט וואָס עס איז, — באַלד מסכּים געווען צו זיין מיין באַגלייטער, און מיר האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אויף צומאָרגנס פרי ביים ווינער וואָקזאַל.

קומענדיק דער ערשטער, האָב איך זיך תיכּף אַוועקגעשטעלט אין דער ריי ביי דער בילעטן־קאַסע.

אינצווישן איז אויך אָנגעקומען דער פּעטער און זעענדיק מיך, שטעלט ער זיך אַוועק נעבן מיר ביי דער זייט. מיר באַגריסן זיך און כאַפּן דערווייל צווישן זיך אַ שמועסל.

שטייענדיק אַזוי נעבן מיר, גיט ער מיך אַ פרעג, וואָס אייגנטלעך עס פירט מיך אַזוי דרינגנדיק צום רבין און צו קאָן ער נישט מיר עפּעס העלפן אין מיין ענין דאָ אין לאָדזש.

אין מיין נאַיוויטעט, האָב איך אים אַ זאָג־געטון, אַז איך פאָר צום סאָכאַטשאָווער רבין וועגן ענין הערצל.

**
*

אין מיין לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן די סצענע, וואָס דער דאָ־זיקער גוטהאַרציקער פּעטער מיינער, האָט מיר דעמאָלט אָפּגעשפּילט אין קעגנוואַרט פון פרעמדע מענטשן.

„וואָס? — האָט ער אויפגערעגט אַ געשריי־געטון, — וואָס מיינסטו דיר, אברהמטשע? דו ווילסט מיך מיטנעמען צום רבין שליטא ווי אַ מליץ־יושר פאַר „ענקער הערצל", פאַר דעם דאָזיקן בר־נש, וואָס איך וואָלט אַפילו נישט דערוועגט צו דערמאָנען זיין נאָמען אין סאָכאַטשאָווער הויף?!".

פאַרענדיקט דעם דאָזיקן „פּזמון" מיט נאָך אַ פּאָר שאַרפע אַנטי־ציוניסטישע אויסדריקן, כאַפּט ער זיך אויף און אַנטלויפט האַסטיק פון וואָקזאַל.

אין ערשטן אויגנבליק בין איך שטיין־געבליבן ממש ווי צעמישטער. באַלד אָבער האָב איך זיך באַרויקט און נאָכטראַכטנדיק בין איך געקומען

צום אויספיר, אַז אויך דער סאָכאַטשאָווער האָריזאָנט איז נאָך אין עניינים פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פאַרצויגן מיט שוואַרצע כמאַרעס, וועלכע מ׳קאָן נאָך, ליידער, נישט פאַנאַנדערטרייבן...

און אַזוי בין איך טאַקע באַלד אַוועק פון וואָקזאַל און אַן אַנגעזע־טיקטער מיט פאַרביטערונג און מרה־שחורה, צוריקגעקומען אין רעדאַקציע.

**
*

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט מיין דריטער פּרווו צו ברענגען צו אַ שטיקל שלום צווישן דער יידישער אָרטאָדאָקסיע אין פּוילן מיט ד״ר הערצלען, ז״ל.

**
*

ווי כ׳בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז אויך אַלע אַנדערע, וואָס האָבן געפּרווט עפּעס טון אין דער דאָזיקער אַנגעווייטיקטער זאַך, נישט דערגאַנגען אַנדערש ווי מיר...

און ס׳איז דאָך פאַקטיש זיך גאַרנישט צו וווּנדערן:

ווייל — זייענדיק זיכער אין איר „נצחון״ איבער הערצלען און אי־בער זיין גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט די דעמאָלטיקע „שוואַר־אָרטאָדאָקסיע״ (נישט צו פאַרגלייכן, חלילה, מיט „שוואַר־אינדוסטריע״...) נישט געוואָלט אַפילו הערן וועגן אים און זיינע אָנהענגער.

באַזונדערס נאָך, ווען די „הויף־פּאָליטיק״ פון אירע „הויפּט־קוואַר־טירן״ און „גענעראַל־שטאַבן״ פון די רביישע הייף, הייסט עס, — האָבן דאָס קאַטעגאָריש דיקטירט...

כדאי צו דערציילן דאָ אויך פאָלגנדן כאַראַקטעריסטישן פאַל:

בעת הרב יצחק־יעקב ריינעס פון לידע — דער שעפער פון דער רעליגיעז־ציוניסטישער פאַרטיי „המזרחי״ — איז דערנאָך געקומען קיין לאָדזש, האָט דער אָרטיקער ציוניסטישער קאָמיטעט („ועד העירוני״) ווי־דעראַמאָל מיך באַאויפטראָגט פּרווון צוזאַמענברענגען די פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע מיטן דאָזיקן וועלט־מנהיג פון „מזרחי״.

און הגם ס׳איז מיר דאַן יאָ געלונגען ברענגען צו אים (אין וווינונג

פון זיין אייניקל, אויף צמענטאַרנע 3) די דעמאָלט אָנגעזעענע לאָדזשער אָרטאָדאָקסן, ווי: בנימין ווינער, משה וואָידיסלאַווסקי, שמעלקע פּיליצער, אברהם־דוד אייזנער און די ברידער טוביה און שלום ביאַלער, — דאָך איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. און ווייסט איר פאַרוואָס? פשוט, — צוליב קנאה!

די חסידישע פאָרשטייער פון אַנדערע רביים האָבן געהאַט „ביטערע טענות“, למאי מ׳האָט צום ערשטן צוזאַמענקונפט מיט הרב ריינעס גע־בראַכט צו אים אויסשליסלעך גערער חסידים... אָט די דאַזיקע קנאה האָט עס דעמאָלט צעשטערט דעם געלונגענעם אָנהייב פון יענער וויכטיקער אַקציע.

און אַז כ׳האָב מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווידעראַמאָל דערמאָנט סאָ־קאָלאָוון, בעת אַ באַזוך ביי אים אין וווינונג, צוזאַמען מיט יהודה מאָ־זעסן, אַלס חבר פון לאָדזשער ציוניסטישן ועד עירוני, וועגן יענע דריי עפּיזאָדן ביי די דערמאָנטע דריי פּוילישע גרעסטע רביים, האָט ער, דער געלאַסענער און גוטמוטיקער נחום סאָקאָלאָוו, אין זייער אַן ערנסטן און ממש פאַרביטערטן טאָן, אַ זאָג־געטון:

„נישט קיין עפּיזאָדן זענען דאָס געווען, נאָר לײדער טרויעריקע היסטאָרישע פאַקטן — פאַקטן, וועלכע דאַרפן אומבאַדינגט פאַרשריבן ווערן אין דער „אויפלעבונג־געשיכטע פון אונדזער פאָלק און לאַנד“ „למען ישמעו וייראו, ולא יוסיפון, ולמען ידעו הבאים אחרנו כיצד ובמה לחמו נגדנו“... — („בכדי זיי זאָלן זיך דערמאָנען און מורא האָבן ווייטער אַזוי צו האַנדלען, און כדי עס זאָלן אויך די צוקונפטיקע דורות וויסן, ווי אַזוי, און מיט וועלכע מיטלען, מ׳האָט אַמאָל קעגן אונדז געקעמפט“!...).

***

צום גליק זענען נישט אַלע רביים געווען אַזוי פאַרביסן קעגן ציוניזם; נישט אַלע פרומע ייִדן זענען געגאַנגען אין דערמאָנטן „שפּאַן“.

די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג פון ייִדישן פאָלק איז מקוים געוואָרן! הערצלס נבואה איז אַ פאַקט און לעבט פאַר אונדזערע אויגן!

## לאדזש און אירע יידן

און אַ דאַנק איר כח לעבן טאַקע איצט די טויזנטער און אפשר צענער טויזנטער קינדער און אייניקלעך פון יענע אָרטאָדאָקסישע יידישע משפחות!

לאָמיר־זשע דעריבער פאַרגעסן דאָס געוועזענע און דערמאָנען ביי דער געלעגנהייט מיט צופרידנקייט דעם פאַקט, אַז דווקא די משפחות פון די דריי דערמאָנטע רביישע דינאַסטיעס זענען אַצינד גאָר נישקשהדיק פאַרטראָטן אין אונדזער ניי־אויפגעלעבטן לאַנד — אין ישראל.

.53

# הערצל אַלס „משגיח“ אויף פרומקייט און יידישע מנהגים...

געשען איז דאָס אין די ערשטע עטלעכע יאָר נאָך הערצלס דערשיי־נען אויף דער ציוניסטישער בינע אין דער צייט, ווען כמעט אַלע יידישע פּאַרטייען און גרופּן, ווי: אַסימילאַטאָרן, אָרטאָדאָקסן, בונדיסטן, פּאָלקיסטן, יידישיסטן און סתם „איסטן“ האָבן אָפּן דערקלערט הערצלען און זיין פּאַרטיי אַ מלחמה.

גראָד דעמאָלט קומט אַריין צו מיין פאָטער אַ שכן פון אונדזער הויז, אַ חשובער פרומער ייד, בערגער האָט ער געהייסן (אַ זון פון אונדזער קרוב ר' ידידיה בר' עוזר בערגער ז"ל) און בעט מיין פאָטער צו פאַר־שאַפן אים אַ גוטע פּראָטעקציע קיין ווין, וווהין ער גייט שיקן זיין 16־יאָריקן עוזרל אויף צו לערנען דאָס פאַך פון פאַרבן טעקסטיל־סחורות. דערביי דערקלערט ער, אַז אים גייט הויפּטזאַכלעך וועגן איינקוואַרטירן זיין בחורל אין אַ פרומער יידישער שטוב, ווייל אַן אָרט ווו צו לערנען ס'פאַך, האָט ער אַליין.

וויל דער צופאַל, אַז גראָד דעמאָלט זאָל זיך געפונען ביי אונדז, ד"ר יעלסקי, וועלכער פלעגט אָפט קומען צו מיין עלטערן ברודער, יוסף־שלום ז"ל, וואָס איז דעמאָלט געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע טוער פון דער ציוניסטישער יוגנט.

אַ וואָרט צו אַ וואָרט און יעלסקי שרייבט תיכף אָן אַ זייער וואַרעמען רעקאָמענדאַציע־בריוו דירעקט צו הערצלען אַליין און בעט אים זייער

## לאָדזש און אירע ייִדן

העפלעך איבערגעבן עמעצן די מיסיע פון איינקוואַרטירן אַט־דאָס לאָדזשער בחורל אין אַן אָרטאָדאָקסישער משפחה, אַזוי ווי ער איז עס געוווינט אין דעם הויז פון זיינע עלטערן.

און אַט־וואָס דאָזיקע בחורל שרייבט אין זיין ערשטן בריוו צו זיינע עלטערן:

— — — „און ביז דער שליח, וואָס הערצל האָט אים וועגן מיר געשיקט, איז צוריקגעקומען, האָט מיך הערצל דערווייל גענומען אויספרעגן אויפן לאָדזשער ייִדישן לעבן, וועגן דעם אויפפירן זיך פון עטלעכע ייִדישע גבירים לגבי זייערע ברידער, און אויך וועגן פאַרהאַלטן זיך פון די חסידישע קרייזן צום ציוניזם. צום סוף האָט ער מיך געפרעגט צי איך בין עפּעס קלאָר אין דער געשיכטע פון לאָדזשער ייִדן. און הערנדיק, אַז איך בין דערין ווייניק באַהאַוונט, נאָר כ׳ווייס, אַז איינער פון די אַמאָליקע דייטשן, האָט מיט 70 יאָר צוריק געצוווּנגען דעם זיידן, עליו השלום, ר׳ עוזרן, צו ליקווידירן זיין טעקסטיל־פאַבריק, אַלס די ערשטע ייִדישע פאַבריק אין לאָדזש, — זייענדיק זיכער, אַז דערמיט ליקווידירט ער שוין אויף אייביק פאַר ייִדן דאָס גאַנצע טעקסטיל־פאַך — פרעגט מיך הערצל:

— און איצט, ווי פירן זיך די דייטשן אויף?

— היינט —ענטפער איך— זענען זיי מיט ייִדן זייער גוט.

— אַט אַזוי וועלן אין דער צוקונפט אַלע פעלקער ווערן בעסער צו ייִדן — האָט הערצל מיט אַ זיכערן טאָן אויסגערופן.

דערציילנדיק ווייטער אין זיין בריוו וועגן הערצלס אינטערעס פאַר דעם לאָדזשער ייִדישן לעבן, למשל, פאַר דער קינדער־דערציִונג, ייִדישע שולן, תלמוד־תורות, חדרים, לערערס אאַ״וו, — שרייבט דאָס יונגע בערגערל אַזוי:

„אינצווישן איז געקומען די צייט פון אָוונטברויט און הערצל בעט מיך עסן צוזאַמען מיט אים. און איצט הערט, טייערע עלטערן, וואָס עס האָט דערנאָך פּאַסירט: גראָד אין מאָמענט, ווען כ׳האָב שוין געוואָלט, גלייך מיט אַלע, אויפשטיין נאָכן עסן, בויגט זיך הערצל

צו מיר צו און רוימט מיר איין אויפן אויער, אַז כ׳האָב, ווײַזט אויס, פאַרגעסן צו בענטשן...

ווערנדיק פשוט צעמישט — זאָג איך אַ תירוץ, אַז כ׳האָב גע־לאָזן „ס׳בענטשערל" אין האָטעל, און אין דער רגע הייב איך אָן אויסנווייניק צו בענטשן.

„האַלט! — זאָגט ער צו מיר שוין אַ ביסל העכער — האָסט דאָך פאַרגעסן אַרויפצולייגן דאָס „קעפּכיען" אויפן קאָפּ!". און נישט וואַרטנדיק אויף מײַן נײַעם תירוץ, זאָגט מיר הערצל אַזוי:

„ליב קינד! לויט דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו וואָס דו האָסט מיר געבראַכט, זע איך דײַטלעך, אַז דער ווילן פון דײַנע פרומע עלטערן איז, אַז דו זאָלסט זיך אויך אין ווין אויפפירן ווי אין לאָדזש, ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב"...

און אויסרעכענענדיק מיר נאָך אייניקע זאַכן, וואָס ער פאַרשטייט, אַז איר, ליבע עלטערן מײַנע, ווילט זען אין מײַן היגער אויפפירונג, פאַר־בעט ער מיך צו שלאָפן די נאַכט ביי זיך אין דער וווינונג, ווייל דער שליח וואָס איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען, האָט געמאָלדן, אַז דער הער, ביי וועלכן איך וועל אײַנקוואַרטירט ווערן וועט קומען צו הערצלען ערשט מאָרגן אין דער פרי. דעריבער, מיינט הערצל, לוינט נישט, אַז איך זאָל איצט אַזוי שפּעט צוריקגיין אין האָטעל.

באַלד אינדערפרי, פּונקט ווען כ׳האָב זיך אָנגעטאָן, קומט אַרײַן הערצל, באַגריסט מיך מיט אַ האַרציק־זיסן „גוט־מאָרגן", פרעגט מיך ווי ס׳איז זיך מיר עפּעס געשלאָפן די ערשטע נאַכט איך ווין און נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף אַ תשובה פון מיר, גיט ער מיך אַ פרעג אין אַ געלעכטערל, צי איך האָב אויך מײַן „טלית־קטן" פאַרגעסן אין האָטעל?...

דערנאָך זאָגט ער צו מיר:

„זיי וויסן, יונגערמאַן, אַז אויך דאָ, אין ווין, קאָן אַ ייד בלײַבן טרײַ אונדזער הייליקער ביבל (דער „תורה", מיינט ער), אָפּהיטן אירע שיינע מצוות און אַפילו אַלע פאָלקס־מנהגים.

איך בין זיכער — זאָגט מיר הערצל, גלעטנדיק מיך איבערן קאָפּ, — אַז דײַנע עלטערן האָבן דיך נישט אַהערגעשיקט צו דעם,

## לאָדזש און אירע ייִדן

אַז מיטן אַראָפּוואַרפן פון דיר די לאַנגע קאַפּאָטע, זאָלסט דו אויך אַראָפּוואַרפן פון דיר דאָס טראַדיציאָנעל־ייִדישע, וואָס דיינע עלטערן האָבן אין דיר איינגעפלאַנצט פון קינדוויַיז אויף.

אַלזאָ, מיין ליבער, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט אין וויַין זיך ווייטער אַזוי פירן ווי דיינע עלטערן ווינטשן זיך עס".

ענדיקנדיק די דאָזיקע האַרציקע ווערטער האָט זיך הערצל אויפגעשטעלט פון שטול, האָט מיר פריינדלעך געגעבן אַ גלעט אין פּלייצע און איז אַרויס פון מיין שטוב.

„אָט דאָס איז — ענדיקט דער יונגער בערגער דעם בריוו צו זיינע עלטערן — דער דאָקטער טעאָדאָר הערצל.

**
*

לסוף איז כדאי דאָ צוצוגעבן, אַז דער דאָזיקער בריוו, וועלכער איז דאַן געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און פון וועלכן עס זענען אַפּילו אָפּגעשריבן געוואָרן קאָפּיעס פאַר די פיל נייגעריקע, האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם, נישט נאָר אויף אונדז, זיינע חברים און סתם יוגנט, וואָס האָבן עוזרן ממש מקנה געווען מיט דער זכיה צו רעדן מיט הערצלען, נאָר אויך אויף אַ סך אָרטאָדאָקסישע ייִדן, באַזונדער אויף די דאַוונערס פון „גרויסן גערער שטיבל", ביי „איטשעלע וואָלער" (יאָסקאָוויטש) אין הויז, אויף פּיעטריקאָווער 33, פון וווּ מ'האָט עוזרס פאָטער אַרויסגעוואָרפן פאַרן איבערגעבן זיין זון אין די הענט פון הערצלען, רחמנא־ליצלן!...

און זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן דער פאַקט, אַז דווקא פון דעם דאָזיקן שטיבל האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „מזרחי" מער חסידים ווי פון אַנדערע חסידים־שטיבלעך אין לאָדזש!

.54

## דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פון לאָדזשער יידן

עס איז אַ פאַקט, אַז כאָטש לאָדזשער ייִדן זענען פון תמיד אָן געווען באַהאַפטן צו דריי גויִישע קולטורן (דייטשע, רוסישע און פוילישע), דאָך האָבן זיי נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע נייגונג צו אַסימילאַציע. אַזוי איז עס געווען פאַרצייטנס, בעת אין שטאָט האָבן זיך באַזעצט די דייטשן און גענומען איינפירן זייער דייטשע קולטור און אַזוי איז ער אויך געווען שפּעטער ווען די רוסן און דערנאָך די פּאָליאַקן האָבן זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן זייער קולטור.

תמיד האָבן לאָדזשער ייִדן, אין זייער מערהייט, אָפּגעהיטן זייער נאַציאָנאַל פּנים.

גאַנץ באַזונדערס, אָבער, האָט ס'לאָדזשער ייִדנטום גענומען מאַרשירן אויפן נאַציאָנאַלן וועג, נאָכדעם ווי הערצל איז דערשינען מיט זיין „יודענשטאַט", דערוועקנדיק ביי ייִדן ס'געפיל פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג.

מיר וועלן דאָ, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט אויסרעכענען אַלץ, וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן אויפן דאָזיקן געביט געטון. דאָך איז כדאי צו געבן אַן אַלגעמיינעם איבערבליק. וועלן מיר דאָ ברענגען ווי אַ ביישפּיל עטלעכע פאַקטן פון וועלכע דער לייענער וועט זיך אַליין קאָנען מאַכן אַ בילד איבער דעם דאָזיקן ענין.

***

ווי באַוווּסט האָט די רוסישע רעגירונג, נאָך דער „אָקטאָבער־רעוואָלוציע" פון 1905, געגעבן אירע בירגער אַ נייע קאָנסטיטוציע, וואָס

גיט די פעלקער פון רוסלאַנד דאָס רעכט צו ווילן אייגענע פאָרשטייער צו דער רוסישער דומע (פּאַרלאַמענט).

האָבן דאַן די יידן פון פּוילן געהאַט צוויי ברירות: אָדער צו דער־שיינען צו די דאָזיקע דומע־וואַלן מיט אַן אייגענע יידישע וואַל־ליסטע, אָדער זיך צו פאַראייניקן מיט איינע פון די פּוילישע ליסטעס.

דאָס וואַרשעווער יידנטום, וועלכעס האָט שוין דאַן געציילט העכער אַ פערטל מיליאָן יידן, האָט באַשלאָסן צו גיין אין צווייטן וועג, דהיינו: זיך צו פאַראייניקן מיט אַ פּוילישער דעמאָקראַטישער ליסטע בראָש מיט יאַגעלאָ.

אָבער אַ גאַנץ אַנדערע שטעלונג האָט אין דעם דאָזיקן וויכטיקן ענין אַנגענומען דאָס יידנטום פון לאָדזש.

אָנגעזעטיקט מיט דערפאַרונג פון דער פאַרגאַנגענהייט אין לאָדזש גופא, און אויך אין גאַנצן לאַנד, האָבן די לאָדזשער יידן פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ געלעגנהייט, ווי די וואַלן צו דער דומע טאָר מען נישט דורכלאָזן! און אין קעגנזאַץ צו די וואַרשעווער יידן האָט ס'לאָדזשער יידנטום גע־פונען גענוג מוט און דרייסטקייט עפנטלעך צו פירן אַן אייגענע יידישע פּאָליטיק, — אַ פּאָליטיק פון ריין־נאַציאָנאַלער ווירדע, מיט אייגענעם פאָלקס־כבוד, אָן שום פשרות!

און לאָדזשער יידן האָבן געוואַגט און טאַקע געזיגט!

דער איינציקער יידישער דעפּוטאַט, וואָס איז דעמאָלט אַריין אין דער רוסישער דומע פון אַלע 10 גובערניעס אין קאָנגרעס־פּוילן, איז טאַקע געווען דער אין לאָדזשער דערוויילטער נאַציאָנאַלער ייד, ד״ר מאיר באָמאַש. 16).

אַן ענלעכע נאַציאָנאַלע איניקייט, האָט ס'לאָדזשער יידנטום באַוויזן אויך ביי די וואַלן צום ערשטן פּוילישן „סיים״ (1919), דערשיינענדיק צו די דאָזיקע וואַלן מיט אַן אייגענער יידישער ליסטע.

דאָס זעלבע איז דאַן געשען אויך ביי די וואַלן צום מאַגיסטראַט, בעת די ציוניסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט אַזאַ גרויסן נצחון, אַז זי האָט אַזש געקאָנט אַריינברענגען אין דער סאַמע הויפּט־לייטונג פון דער שטאָט אַלס „לאַווניק״, דעם באַקאַנטן ציוניסטישן כלל־טוער אַלעקסאַנדער יואל ז״ל (נפטר געוואָרן אין א״י).

אברהם טענענבוים־ארזי

**
*

אָבער אויך אין אַ רייע אַנדערע יידישע ענינים האָט ס׳יידישע לאָדוש אַרויסגעוויזן זיינע בולטע נאַציאָנאַלע געפילן.

לאָמיר, למשל, נעמען פאָלגנדן פאַל: בעת אין דער וואַרשעווער שול, אויף טלאָמאַצקע־גאַס, האָט הרב צילקאָוו געפּרעדיקט זיינע אַסימילאַ־



אַדאָלף דאָבראָניצקי

לאַנגיאָריקער פּרעזעס פון דער קהילה; באַקאַנטער לאָדזשער כלל־טוער (איגהאַבער פון „דאָ־בראַניצקיס האַלע" אויף נאָוואָ־מיעיסקע גאַס)

טאָרישע דרשות, האָט אין דער לאָדזשער „סינאַגאָגע" אויף פּראָמענאַדן־גאַס געפּרעדיקט ד״ר יעלסקי דורכויס נאַציאָנאַל־ציוניסטישע דרשות!

די לאָדזשער יידישע קהילה איז כמעט קיינמאָל נישט באַהערשט געוואָרן פון די אַסימילאַטאָרן, ווי דאָס איז געווען אין דער וואַרשעווער קהילה, אין וועלכער די אַסימילאַציע האָט געהאַט אירס אַ פעסטונג!

מאַרק טורקאָוו, רעדנדיק וועגן באַקאַנטן יידישן עסקן און פּרנס הקהילה ר׳ לייביש דאַווידזאָן, וועלכער איז געווען פון די גע־

ציילטע יחידים, וואָס האָבן דורכגעבראָכן די אַסימילאַטאָרישע מויער אין דער וואַרשעווער קהילה, שרייבט וועגן דעם:

„קנאַפּע 50 יאָר צייט האָט זיך די וואַרשעווער ייִדישע קהילה געפונען אין די הענט פון דער אַסימילאַציע אאַ״וו. און די ייִדישע מאַסן, וואָס זענען געווען אָפּהענגיק פון דער קהילה, האָבן נישט געהאַט קיין שום דעה אויף איר לייטונג און אויף איר כאַראַקטער.

אַזוי אַרום זענען די אַסימילאַטאָרן געוואָרן די בעלי־בתים פון דעם ייִדישן לעבן און עס אָנגעפירט לויט זייער איינזען און זייער ווילן. און די קהילה איז געוואָרן אַ פּאָליטישע פעסטונג פון דער אַסימילאַציע, וועלכע האָט געשטרעבט צו פאַרפוילישן ס'ייִדישע לעבן אין לאַנד און האָט, קודם־כל, פאַרפּוילישט די קהילה גופא״.

(פון מאַרק טורקאָוו ווערק „די לעצטע פון אַ גרויסן דור", אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", קאַפּיטל „דאַ־ווידזאָן", ז' 192—193).

אין קעגנזאַץ צום וואַרשעווער „הזמיר", איז דער לאָדזשער „הזמיר" געווען אַ צענטער פאַר ייִדיש־העברעיִשער דערציִונג, אין ציוניסטישן גייסט! אין לאָדזשער „הזמיר" איז איינגעאָרדנט געוואָרן די ערשטע אויס־שטעלונג פון דער ירושלימער קונסט־שולע „בצלאל"; אין לאָדזשער „הזמיר" איז געהערט געוואָרן ס'ערשטע מאָל אין גלות, אַ העברעיִש ליד פון אַ העברעיִשן כאָר.

ביי דער געלעגנהייט גיבן מיר דאָ איבער בקיצור די געשיכטע פון „הזמיר", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1901, נאָר די רוסן האָבן אים ערשט באַשטעטיקט אין 1906. הויפּט־גרינדער: ח. יאַנאָווסקי, א. ב. קאָפּציאָווסקי, ח. יאַרבלום, ס. ראָזענבלאַט, משה פּיקעלני, מ. בריסק, נ. שפּיראָ, פּינעס, ד״ר אורי ראָזענבלאַט, ד״ר פאַלק, יצחק עליאַשעוו און יפה. לייטער פון „הזמיר"־כאָר און פון אָרקעסטער זענען געווען די די־ריגענטן: ראָמשינסקי, פּאָדקאַמינער, זילבערץ, בענצמאַן, קאַפּף און אַנד.

אין לאָדזשער „הזמיר" זענען אויפגעפירט געוואָרן, ס'ערשטע מאָל אין דער וועלט, אויף העברעיש, מענדעלסאָנס און הענדלס אָראַטאָריעס; דאָרט האָט אויך דער יונגער פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן געגרינדעט, צוזאַ־מען מיט זיינע חברים די ערשטע „העברעיִשע הבימה" און אויך דעם

„דראַמאַטישן קרייז". און אין „הזמיר" פלעגן אויך איינגעאָרדנט ווערן כמעט אַלע קולטור־אָוונטן און פייערלעכע „קבלת פנימס" פאַר חשובע פערזענלעכקייטן, ווי: פרוג, מענדעלע, ביאַליק, סאָקאָלאָוו, שלום־עליכם, זשאַבאָטינסקי, דוד פרישמאַן, צייטלין, שלום אַש, נאָמבערג, פּאָדלישעווסקי, שמריהו לעווין, ואחרון אחרון, לארך ימים, פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער, בעת זייערע באַזוכן אין לאָדזש.

פון דעם אַלעם זעט מען קלאָר און דייטלעך, ווי דאָס לאָדזשער ייִדנ־טום האָט געהאַלטן הויך און מיט שטאָלץ איר נאַציאָנאַל־ייִדישע פאָן. איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אַזאַ פערזענלעכקייט ווי ד״ר עזריאל הילדעסהיימער, — אויבער־ראַבינער פון דייטשלאַנד, — האָט דאַן כאַ־ראַקטעריזירט די לאָדזשער ייִדישע עדה ווי די לייכטנדע מנורה פון פוילישן ייִדנטום.

צוליב דער וויכטיקייט פון דער זאַך, ווועלן מיר דאָ איבערגעבן, אין קורצן, זיין רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אַלס גאַסט אין לאָדזש, מיט בערך 65 יאָר צוריק, חנוכה אין „ווילקער שול".

„כ'האָב נעכטן געפרעגט מיין פריינד און גאַסטגעבער, אייער חשובן בירגער, ר' טוביה טענענבוים, פון וואַנען שטאַמט דאָס לאָדזשער ייִדנטום? האָט ער מיר דערויף געענטפערט, אַז לאָדזשער ייִדן זענען צוזאַמענגעשטעלט פון 8 טיילן: איין טייל איז טאַקע גע־בוירן אין לאָדזש גופא; דער צווייטער — פון דער נאָענטער סביבה; דער דריטער — פון אַלע פוילישע שטעט; דער פערטער — איינ־געוואַנדערטע ייִדן פון רוסלאַנד; און די איבעריקע 4 טיילן זענען ייִדן פון „ארבע פינות העולם!".

און איצט האַרציקע ברידער מיינע, דאַרפט איר וויסן, אַז מיט אייער „כפול־שמונהדיקער" צוזאַמענשטעלונג זייט איר געגליכן צום 8־פלאַמענדיקן ייִדישן חנוכה־לייכטער! גיט־זשע אַכטונג, אַז עס זאָל חלילה נישט פאַרלאָשן ווערן קיין איינציקס פון די דאָזיקע ליכטלעך. און געדענקען זאָל איר די הייליקע ווערטער פון אונדזערע חכמים: „כבתה זקוק להן", — אויב איינס פון די חנוכה־ליכטלעך נעמט, חס ושלום, אויסגיין, איז דער ייִד מחויב עס צו דערהאַלטן!... לאָזט־זשע אויך ווייטער נישט צו, אַז די אַסימילאַציע זאָל אייך באַהערשן!"...

***

אַז מ׳רעדט גראָד וועגן די גרויסע לייסטונגען פון דער לאָדזשער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, לאָמיר טאַקע אויך דערמאָנען אירע פירער, מיטן רוב פון וועלכע כ׳האָב געהאַט דעם כבוד יאָרן־לאַנג צו אַרבעטן אין לאָדזשער „ועד־העירוני״, ווי:

יוסף אוריזאָן, ד״ר זילבערשטראָם, דרייזענשטאָק, מאַגיסטער שאַץ, צבי ליטווין, קלמן לעווענטאַל, שמואל לב, פּ. מאַרכעוו, קאַרל פיינבערג, לוסטערניק, מ. בירנבאַום, מ. ראָזענבלום, יונה ראָזען, שמואל רייכמאַן, א. מאָקרסקי און די איבעריקע עסקנים, וואָס האָבן זיך מיט אַזויפיל



משה העלמאַן

פּרעזעס פון לאָדזשער „מזרחי״, סיים־דעפּוטאַט, באַקאַנטער כלל־טוער און ראַטמאַן אין מאַגיס־טראַט. גרינדער פון לאָדזשער „בעל הבתים פאַראיין״



ד״ר אורי ראָזענבלאַט

פירער פון די לאָדזשער ציוניסטן באַוווסטער כלל־טוער און סיים־דעפּוטאַט, גרינדער פון „הזמיר״ און פון „דעפּאָזיטן־באַנק״

מסירת־נפש איבערגעגעבן אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, ווי: יהודה ליבענשטיין, עקיבא ווייס, מיכאל פּלאַטאָ, אליעזר רוסינאָוו, ד״ר מרדכי בראָודע, ד״ר אורי ראָזענבלאַט, הילולא, ד״ר גאָלדבלאַט, בנימין גוטער, חיים ענגעל און אַלעקסאַנדער יואל (לעצטע 11 — נפטר געוואָרן אין א״י); ווי אויך יהודה מאָזעס, ד״ר שווייג־שתקאי, משה פריטאָג (אפרתי), א. י. בזשעזשינסקי, צבי בראַט, יצחק גאָלדין, ישעיהו הורוויץ, שמואל ליפּמאַן, אהרן אָסט, פּלאַצקער, א. שאַכטאָוויטש (לעצטע 11 געפינען זיך אין א״י) און די איבעריקע חברי „ועד העירוני״, וואָס זענען געווען טעטיק נאָך מיין אָפּפאָרן (אין 1924) קיין ארץ־ישראל.

ס'זענען ווערט דערמאָנט צו ווערן אויך די באַאַמטע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי: ישראל כהנוביטש, כץ, חורגעל (אַלע דריי געפינען זיך אין א״י), אשר שפּירא, א. ראָטקאָפּף, ד״ר סאַרני, טערעזאַ עלבינגער, הערשקאָוויטש, ראָזענבאַום, וואָס האָבן זיך אַזוי איבערגעגעבן זייער ציוניסטישער אַרבעט פאַר לאָדזש און אַלע אירע אַרומיקע שטעט.

16) רעדנדיק וועגן לאָדזשער יידן און באַזונדער וועגן זייער נאַציאָנאַל געפיל — דערציילט די גרויסע ענגליש־יידישע ענציקלאָפּעדיע (דערשינען אין אַמעריקע און ענגלאַנד, אין 1904), מיט געגוטואונג, אַז לאָדזשער יידן האָבן אַלס פּראָטעסט קעגן דעם „דרייפוס־בילבול״ לחלוטין באָיקאָטירט די גרויסע „פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג״ פון יאָר 1900.

און בעת די קריסטלעכע לאָדזשער אינדוסטריעלער האָבן דאָרט אויסגעשטעלט זייערע פאַרשידענע טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען, האָט קיין איינציקער יידישער פאַבריקאַנט אין דער דאָזיקער אויסשטעלונג זיך נישט באַטייליקט!

.55

## לאָדזשער רעליגיעזע און קולטורעלע אינסטיטוציעס

אויך אין פיל אַנדערע רעליגיעזע און קולטורעלע ענינים איז לאָדזש אָפּט געגאַנגען פאָרויס פון אַנדערע שטעט.

שוין אין יאָר 1858, ווען די שטאָט איז פּאַקטיש נאָך געווען אַ קליין שטעטל, האָט איר עדה גענומען אויפשטעלן, אויף וואָלבאָרסקאַ גאַס די גרויסע אַלטשטעטישע שול, וואָס איז דאַן געווען די גרעסטע אין פּוילן. און ווי ס'גיט איבער דער ציוניסטישער עסקן אהרן אַסט, אין זיין מאמר אין דער בראָשור „בתי־הכנסת בישראל" (דערשינען אין 1947 אין תל־אביב), זאָל די דאָזיקע שול דעמאָלט האָבן געווען די גרעסטע אין דער וועלט.

ווי דער דאָזיקער שרייבער גיט איבער, האָט דער באַקאַנטער יִדי־שער מיליאָנער, ישראל פּאָזנאַנסקי, זיך באַטייליקט אין איר איבערבוי מיט אַ גרויסער סומע געלט, און אויף זיין חשבון איז אויפגעבויט געוואָרן דאָס הערלעכע ארון־קודש, פאַרצירט געוואָרן די גאַנצע מזרח־וואַנט און ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער גרויסער באַלעמער אאַ"וו.

ליידער איז די דאָזיקע ערשטע און גרעסטע לאָדזשער שול שוין מער נישט פאַראַן. די טמאדיקע נאַצי־האַנט האָט באַלד נאָכן אַריינקומען קיין לאָדזש זי צוזאַמען מיט די איבעריקע גרויסע שולן, אונטערגעצונדן און חרוב געמאַכט ביז צום יסוד.

וועגן דער דאָזיקער לאָדזשער שול איז נאָך כדאי צו דערציילן פאָלגנדעס:

## אברהם טענענבוים־ארזי

באַלד ווי זי איז נאָר פאַרטיק געוואָרן (אין יאָר 1860), האָט געטראָפן פאָלגנדער אומגליק:

צו „כל נדרי״, בעת די שול איז געווען פול מיט מתפללים, האָט זיך פלוצים דערהערט אין ווייבער־שול אַ געשריי: „קאָזאַקן זענען געקומען״! און אין איין רגע איז די מהומה און פּאַניק געוואָרן אַזוי גרויס, אַז איינער איז געשפּרונגען איבערן אַנדערן, מ׳האָט זיך קעגנזייטיק צעטראָטן מיט



גרויסע אַלטשטעטישע שול

אויף וואָלבאָרסקאַ גאַס
חרוב געמאַכט דורך די נאַציס
דעם 10טן סעפּטעמבער 1939

די פיס, אַבי זיך וואָס גיכער אַרויסצוראַטעווען פון די קאָזאַקישע הענט. און אַזוי זענען דאַן נעבעך אומגעקומען 7 פרויען, חוץ פיל פאַרוווּנדעטע, וואָס זענען דאַן געווען.

זייט יענעם אומגליק האָבן די רבנים געאַסרט פרויען צו קומען אין דער דאָזיקער שול אַריין צו „כל־נדרי״ און דער דאָזיקער חרם האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דער פאַרניכטונג פון דער שול דורך די נאַציס.

## לאָדזש און אירע יידן

*

ווי די זקני לאָדזש האָבן מיר איבערגעגעבן, איז די דאָזיקע פּאַניק אַרויסגערופן געוואָרן אומישנע, דורך אַ גנבים־באַנדע, כדי צו קאָנען, בעת דער בהלה, אַראָפּרייסן פון די ווייבער דאָס צירונג וואָס זיי האָבן אויף זיך געהאַט.

וויסנדיק ווי גרויס די מורא איז געווען ביי פרויען פאַר די ווילדע קאָזאַקן, וואָס „פּאַניע״ האָט אין יענע אומרוּיקע צייטן (צווישן דער ערש־טער און צווייטער פּאָווסטאַניע — 1831—1863 — אין פּוילן) געהאַט איינקוואַרטירט אַרום לאָדזש, האָבן די גנבים דאָס אויסגענוצט פאַר זייער טרויעריק „געשעפט״, דווקא צו כל־נדרי, ווען די ווייבער פלעגן זיין באַ־האָנגען מיט זייער צירונג...

**

נאָך דער אַלטשטעטישער שול איז אין לאָדזש אויפגעשטעלט גע־וואָרן די „ביקור־חולים־שול״ אויפן „נייעם מאַרק״. און אין יאָר 1875 האָט דאָס פאַרגעשריטענע לאָדזשער יידנטום אויפגעשטעלט פאַר זיך די באַרימטע לאָדזשער סינאַגאָגע, די אַזוי גערופענע „דייטשע־שול״, וועלכע האָט זיך גערעכנט אַלס איינע פון די שענסטע טעמפּלען אין אייראָפּע.

די לאָדזשער סינאַגאָגע, וועלכע איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ קינסטלעך־אויפגעשיטן באַרג פון לערך 4 מעטער הויך, האָט זיך געפונען אין שענסטן קוואַרטאַל פון דער שטאָט — עק זשעלאַזנאַ און פּראָמענאַדן־אַלייע (שפּעטער אַלייע קאָשטשושקי).

אין אַלע פיר זייטן איז די שול געווען אַרומגעפּלאַנצט מיט אַ גאָרטן פון פאַרשידענעביימער און בלומען פון כלערליי פאַרבן.

די גרינדער פון דער דאָזיקער פּראַכטפולער שול: ישראל פּאָזנאַנסקי, מאַרקוס זילבערשטיין, אַדאָלף דאַבראַניצקי, זיגמונט יאַראַטשינסקי, הער־מאַן קאָנשטאַט און נאָך עטלעכע רייכע לאָדזשער יידן, האָבן אויסגעגעבן אויף איר אַ האַלבן מיליאָן רובל — אַ סומע, וואָס איז פאַר יענע יאָרן געווען ממש אַ פאַרמעגן.

ליידער האָט די נאַצי־בעסטיע אויך די דאָזיקע לאָדזשער שול פאַר־ניכטעט, פונקט ווי זי האָט עס געטון מיט אַלע פיר גרויסע לאָדזשער בתי־כנסיות.

**
*

נאָך דער „סינאַגאָגע" האָבן די לאָדזשער בעלי־הבתים אויפגעבויט אין סאַמע צענטער פון שטאָט די באַוווּסטע ווילקער שול (געשטאַנען אין קוואַרטאַל וואָס האָט פאַרצייטנס געהייסן „ווילקע") אויף עק זאַכאָדניע און צעגעלניאַנע, ווו ס'האָט זיך אויך געפונען דאָס גרויסע ווילקער בית־המדרש און די ווילקער ישיבה. דאָס אַלץ צוזאַמען איז געגרינדעט געוואָרן דורך די באַקאַנטע בעלי־בתים: שמואל פּיאָטרקאָווסקי, מאיר קעסטענ־בערג, טוביה טענענבוים, מענדל שלאָסבערג, יעקב ליפשיץ, דוד פּרוסאַק, לעמל בצלאל א"אַנד.

דערנאָך איז אויך געגרינדעט געוואָרן די וואָלינער שול (אין טענענ־בוימס הויז, — פּיעטריקאָווער 36/38), דורך די באַקאַנטע וואָלינער ייִדן: תנחום באַש, אליעזר מאַגאַזאַניק, מרדכי העלמאַן, לייב פּאַדווע, יוסף פרידמאַן א"אַנד.

דערנאָך איז געגרינדעט געוואָרן די ליטווישע שול, דורך די באַקאַנטע ליטווישע ייִדן: שטילערמאַן און הערמאַן, בנציון קיססין, יעקב גרוניק, צמח, חייקל יאַנאָווסקי א"אַנד.

אין דער זעלבער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרן: די ציוניסטישע שול „אוהל יעקב" דורך די איבערגעגעבענע ציוניסטן: לייב אוריזאָן, מיכאל פּלאָטאָו, עקיבא ווייס, משה הילולא, גוטערמאַן א"אַנד.

רייכערטס־שול אויף פּאָלודניאָווע גאַס; די שול ביי גייערס מאַרק „באר מרים" (אויפן נאָמען פון דער פרוי פון באַקאַנטן משכיל יעקב שטיין), געגרינדעט דורך יעקב שטיין און דעם באַקאַנטן כלל־טוער פלאָצקער.

אַזוי זענען אויך אַנטשטאַנען צענדליקער אַנדערע שולן, „מנינים", חסידים־שטיבלעך פון אַלע רביים און גוטע ייִדן, נעבן די שולן זענען געווען פאַרשידענע תלמוד־תורות און ישיבות. אייניקע צווישן זיי האָבן זיך דערוואָרבן אַ זייער גוטן נאָמען, ווי למשל, די תלמוד־תורה פון הרב



Lodz 61



באַרימטע לאָדזשער סינאַגאָגע („דייטשע שול״)
**אויף אַלייע קאָשטשושקי, צעשטערט דורך די נאַציס**
**דעם 10טן סעפּטעמבער 1939**

מ״ח זצ״ל, פון געברידער ציטרין, פון באַלוט, ראַדאָגאָשטש און אין אַלע איבעריקע טיילן פון שטאָט, באַזונדערס די ליטווישע ישיבה „תורת חסד", וועלכע עס האָט אויף זיין אייגענעם חשבון אויסגעהאַלטן דער באַקאַנטער גביר ר׳ סענדער דישקין ז״ל, אינהאַבער פון דער באַרימטער ווורשט־



ציוניסטישע שול „אוהל יעקב"

אויף וואָלטשאַנסקאַ גאַס, פאַרניכטעט פון די נאַציס דעם 10טן סעפט. 1939

פאַבריק (שווער פון פראָפעסאָר ר׳ חיים העללער און זיידע פון די ברידער ריבקינד, — ביבליאָגראַף אברהם ריבקינד אין אַמעריקע און גרינדער פון „אל על", יצחק ריבקינד אין ארץ־ישראל).

***

און איצט אַ קורצער איבערבליק וועגן דערציִונגס־וועזן און השכלה־ענינים:

די עלטערע לאָדזשער געדענקען נאָך געוויס די „חדרים מתוקנים", וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך די דעמאָלט־באַוווּסטע משכילים: מינדעל, קרעמער, גאָלד, יעקב־בנימין קאַצענעלסאָן, לעווין, קאַמיענעצקי,



זיגמונד יאַראָטשינסקי

פאָרשטייער פון די לאָדזשער אַסימילאַנטן, גרינדער און שפּענדער
פון דער „יאַראָטשינסקי האַנדווערקער־שול"

גרשון־אליהו ליס, גאָלדבערג און אַנדערע געלערנטע, וועלכע האָבן דער־צויגן דורות פון נאַציאָנאַל־קולטורעלע ייִדן, וואָס זיי און זייערע קינדער זענען איצט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

אַ גוטן נאָמען האָבן זיך אויך דערוואָרבן די לאָדזשער „תלמוד־תורה פון פּאָזנאַנסקי", וואָס עס האָט אויפגעשטעלט און אויסגעהאַלטן אויף זיין חשבון דער באַקאַנטער אינדוסטריעלער און פילאַנטראָפּ ישראל פּאָז־נאַנסקי און באַזונדערס „יאַראָטשינסקיס תלמוד־תורה" גערופן שפּעטער „יאַראָטשינסקיס האַנטווערקער־שולע", וועלכע האָט זיך גערעכנט ווי איינע פון די בעסטע און גרעסטע אין גאַנץ פּוילן.

אין דעם דאָזיקן אינסטיטוט, געגרינדעט דורך דעם נדבן זימונד יאַראָטשינסקי און זיין פרוי, האָבן באַקומען זייער דערציִונג העכער טויזנט שילער. און אויסער די אַלגעמיינע לימודים, האָבן די שילער דאָ געלערנט אויך פאַרשידענע מלאכות און פאַכן, ווי: טישלעריי, שלאָסעריי, וועבעריי, עלעקטריציטעט, פיין־מעכאַניק, בערשטן־מאַכעריי און ענלעכע פאַכן.

אָט די אַלע מלאכות האָבן די שילער געלערנט אויף די נייסטע מאַ־שינען און אַפּאַראַטן וואָס יאַראָטשינסקי האָט פאַר זיין געלט איינגע־קויפט און אויפגעשטעלט אין די גרוימע און ליכטיקע זאַלן פון דעם 4־שטאָקיקן בנין, וואָס ער האָט צו דעם צוועק אויפגעשטעלט.

ווען מיר האָבן דעם „זיידן", ר' מענדעלע מוכר ספרים אַרומגעפירט, בעת זיין באַזוך אין לאָדזש (1911) איבער די קלאַסן פון דער דאָזיקער שולע, איז ער פון אַלעם, וואָס ער האָט דאָ געזען און געהערט אַזוי גע־רירט געוואָרן אַז ביים געזעגענען זיך מיט די לערער און מיט דעם לייטער פון דער שולע, דעם באַקאַנטן אָרגאַניזאַטאָר פון די ייִדישע מלאכות אין פּוילן, יאַן קירשראָט, האָט מענדעלע מיט ענטוזיאַזם אויסגערופן:

„געבענטשט זאָלן זיין די גרינדער פון אַזאַ זעלטענעם לערן־אינסטיטוט און אַ ברכה זאָל רוען אויף די קעפּ פון די לערער און שילער פון דער דאָזיקער וויכטיקער שולע!".

אויך נחום סאָקאָלאָוו איז זייער אַנטציקט געווען פון דער שולע און ער שרייבט אַזוי:

„אין לאָדזש איז פאַראַן אַ תלמוד־תורה־שולע, וואָס אירס גלייכן איז נישט פאַראַן אין פּוילן! אין יאַראָטשינסקיס לערן־אינסטיטוט

זענען פּאַקטיש פּאַראייניקט תורה און מלאכה צוזאַמען. די תלמידים זענען דאָ די ברכה פון זייער מי און אַרבעט! ווייל ווען זיי פאַרענדיקן זייער שטודיום, זענען זיי פולקאָמע פאַכלייט, וועלכע קאָנען פּאַקטיש קאָנקורירן מיט די בעסטע פאַכלייט פון די דייטשן".

(„הצפירה")



יאַן קירשראַט

דירעקטאָר פון יאַראָטשינסקיס האַנדוועקער שולע גרינדער פון לאָדזשער „האַנדווערקער־קלוב"

זייער פּאָפּולער און באַליבט איז אויך געווען יצחק קאַצענעלסאָנס העברעישע מיטל־שולע אין וועלכער עס האָבן געלערנט די בעסטע לע־רער־כוחות מיט יצחק קאַצענעלסאָן און זיין שוועסטער צפּורה נאַכומאָוו, בראש.

אויסער דעם זענען אין לאָדזש געווען נאָך פיל אַנדערע שולן, קינ־דער־כוחות, מיט יצחק קאַצענעלסאָן און זיין שוועסטער צפּורה נאַכומאָוו, געביט.

אַ גאַנץ באַזונדערן כאַראַקטער האָט געטראָגן די מאָדערן־רעליגיעזע שולע „בית־אולפנא", ווו אמתע לומדים און משכילים האָבן געלערנט די תלמידים אין גייסט פון „תורה וחכמה במקום אחד" (גרינדער: הרב שמחה טרייסטמאַן, אלתר הירשבערג, י. מ. ביאַלער, בענדעט וואַרשאַוועסקי, א.

לאַנגלעבן, י. וועגמייסטער, גאַנצוויך ולאורך ימים, ר׳ משה העלמאַן און הרב שלום טרייסטמאַן, וואָס געפינען זיך אין ארץ־ישראל).

חוץ דעם האָט לאָדזש פאַרמאָגט פיל אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן, ווי: ציוניסטישע און מזרחי־שולן, אָרטאָדאָקסישע „בית־יעקב־שולן״, באַראַ־כאָוו און פּרץ־שולן, בונדיסטישע שולן און אָוונט־קורסן אויף די נעמען פון מעדעם, גראָסער און מיכאַלעוויטש; די באַקאַנטע יידישע פּראָגימנאַ־זיעס פון זעליגמאַן, אב, האָכשטיין, מאגאַליף אאַ״וו, ווו יידישע טעכטער האָבן באַקומען זייער דערציִונג אין דער פּוילישער שפּראַך.

באַזונדער זענען ווערט דערמאָנט צו ווערן די צוויי גאָר־ערשטע פאַרבאַנדן: „לומדי שפת עבר״ און „חובבי שפת עבר״, וואָס זענען גע־גרינדעט געוואָרן פון אַ גרופּע יונגעלייט, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס זענען געווען יצחק קאַצענעלסאָן, יצחק בערקמאַן, אברהם לעווינזאָן, זלמן זילבערצוויג, זיין ברודער נתן, מרדכי־ישעיה עלבינגער און נאָך אַנדערע.

אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטע און וויכטיקע אונטערנעמונג איז אויך דאָן געווען די „ערשטע ציוניסטישע פאַרם״, וואָס עקיבא ווייס און ד״ר אורי גאָלדבלאַט האָט געגרינדעט אין דער פאַמיליע טענענבוימס זומער־ווױנונג „קאָלי״, ביי לאָדזש, ווו יידישע בחורים זענען אומזיסט געלערנט געוואָרן אין אַלע מיני אַגריקולטורעלע אַרבעטן, כדי זיי צוצוגרייטן אַלס חלוצים פאַר ארץ־ישראל.

ס׳איז כדאי אויך צו דערמאָנען די אַנדערע קולטורעלע אַנשטאַלטן, ווי: דעם ערשטן געזאַנג־פאַראיין „אנעים זמירות״ (גרינדער: מאיר בער־מאַן, לאַקס־טאַגעליכט, קרעניצקי אאַ״וו), פון וועלכן ס׳איז שפּעטער אַנט־שטאַנען דער באַוווּסטער לאָדזשער „הזמיר״; די דריי פאָלקסטימלעכע קולטור־פאַראיינען: „דראַמאַטישע קונסט״, „האַרפע״ און „בית־העם״, וועל־כע האָבן געדינט דער יוגנט, חוץ מיט פאַרשידענע קולטור־פאַראַנשטאַל־טונגען, אויך אַלס „קבלת־פּנים־ערטער״ פאַר די יידישע שרייבער און אַנ־דערע פּערזענלעכקייטן, וואָס פלעגן באַזוכן לאָדזש, ווי: דער זיידע מענ־דעלע, שלום־עליכם, יעקב דינעזאָן, י. ל. פּרץ, דוד פרישמאַן, ד״ר מוקדוני, נאָמבערג, אברהם רייזען, יואל מאַסטבוים, מאַרק אַרנשטיין, שלום אַש, א״אַ.

***

אויך אויפֿן געביט פֿון צייטונגס-וועזן איז לאָדזש נישט געבליבן הינטערשטעליק: די „לאָדזשער נאַכריכטן“ און „לאָדזשער טאָגבלאַט“, זענען געגרינדעט געוואָרן איינע נאָך דער אַנדערער, אין די יאָרן 1907-1908, דורך ישעיה אוגער, אבא קאַסמאַן, עמנואל האַמבורסקי און אברהם טענענבוים (מחבר פֿון דאָזיקן ספר); „לאָדזשער מאָרגענבלאַט“ — געגרינדעט אין 1912 דורך משה העלמאַן, ד"ר מוקדוני, בן-אליעזר, ד"ר גאָטליב און י. מ. ניימאַן; „לאָדזשער פֿאָלקסבלאַט“ — געגרינדעט אין 1915, דורך לאַזאַר און ישראל קאַהאַן; „נייער פֿאָלקסבלאַט“, געגרינדעט אין 1923, דורך לאַזאַר פוקס און ח. בזשוסטאָווסקי; צום סוף: „לאָדזשער עקסטרא-בלאַט“, „לאָדזשער פֿאָלקסשטימע“, „ייִדישער קוריער“ אאַ"וו.

אין לאָדזש זענען אויך דערשינען עטלעכע וואָכן-בלעטער און זשורנאַלן מיטן ציוניסטישן זשורנאַל „תל-אביב“, אין פּויליש, אין דער שפּיץ. (דער דאָזיקער זשורנאַל איז געגרינדעט געוואָרן פֿון באַקאַנטן געלערטן פּראָפֿ׳ בראָמבערג ביטקאָווסקי); דאַן קומט די „לאָדזשער ספּאָרט-צייטונג“ — מאָרגענשטערן; „לאָדזשער שאָך-צייטונג“ — גרינדער: שאָכיסט סאַלווע און מיכאל קרישעק; „ייִדישע האַנדלס-וועלט“, „לאָדזשער מערקור“, „פּוילישער מאַנטשעסטער“, „ייִדישע בערזע“, „יונג-ייִדיש“, אַרויסגעגעבן דורך אַ גרופּע יוגנטלעכע טאַלאַנטן מיטן באַקאַנטן מאָלער און וויאָלין-קינסטלער יצחק בראַונער און דעם פּאָעט משה בראָדערזאָן אין דער שפּיץ.

***

ספּעציעל דאַרפֿן דאָ דערמאָנט ווערן די לאָדזשער ייִדישע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס און יוגנט-פֿאַראיינען, ווי: „בר-כוכבא“, „הכח“, „מאָרגנשטערן“, „ייִדישער ספּאָרט-קלוב“ (זש. ק. ס.) און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך געשאַפֿן אַ גוטן נאָמען אין דער גאַנצער ייִדישער ספּאָרט-וועלט.

.56

## „די צייטונגס - מלחמה" ווארשע - לאָדזש און איר סוף...

און אַז מ'דערמאָנט שוין יאָ די לאָדזשער יידישע פרעסע, לאָמיר־זשע טאַקע דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט אין איר סאַמע ערשטן געבורט־יאָר, — אַ פּאַסירונג, וואָס האָט אפשר נישט איר גלייכן אין דער גאַנצער יידישער פרעסע־געשיכטע!

עס האַנדלט זיך וועגן דעם פאַרביסענעם קאַמף, וואָס וואַרשעווער אַרויסגעבער האָבן געפירט קעגן דער ערשטער לאָדזשער יידישער צייטונג: „לאָדזשער נאַכריכטען" און וועגן איר משונהדיקן אונטערגאַנג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן גרעסטן נצחון פאַר לאָדזש!

דעם 20סטן יאַנואַר 1908 — נאָך אַ קנאַפּ יאָר עקזיסטענץ — איז פּלוצים פאַרמאַכט געוואָרן די ערשטע און איינציקע טעגלעכע יידישע צייטונג „לאָדזשער נאַכריכטען".

און פאַרמאַכט איז זי געוואָרן נישט דורך דער רוסישער רעגירונג, ווי עס פלעגט דאַן אָפט טרעפן, נאָר דווקא דורך „אייגענע", און גראָד דורך גאָר נישט קיין שלעכטע יידן...

און געשען איז דאָס דאָזיקע אָט צוליב וואָס:

פּילנדיק אין די „לאָדזשער נאַכריכטען" אַ צו־שטאַרקן קאָנקורענט פאַר זייער צייטונג און זעענדיק וואָס פאַר אַ גלענצנדן רושם עס מאַכט אויפן לאָדזשער לעזער שלום־עליכמס שיינע דערציילונג „ר' בערל", וואָס

האָט זיך דאַן (אָנהייב 1908) געכומען דרוקן אין פאָרזעצונגען אין די „לאָדזשער נאַכריכטען״, האָבן די אינהאַבער פון „וואַרשעווער טאַגע־בלאַט״, באַשלאָסן צו געבן „לאָדזשער נאַכריכטען״ אַן ענדגילטיקן טויט־קלאַפּ...

שטילערהייט האָבן זיי געשלאָסן מיט מיין שותף און מיט־אַרויסגע־בער פון די „לאָדזשער נאַכריכטען״, קאַסמאַן, אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן ער פאַרפליכטעט זיך אָפּצושטעלן די צייטונג פאַר אַ הויכער גאַזשע, באַ־קומענדיק דערצו אויך דעם אַליין־פאַרקויף פון „וואַרשעווער טאַגעבלאַט״ אויף לאָדזש און אירע אַרומיקע שטעט.

אָבער איין תנאי האָבן זיי מיט אים אויסגערעדט: ער מוז אין דעם לעצטן נומער אַריינגעבן אַ בפירושע דערקלערונג צו די לאָדזשער לעזער, אַז דאָס בלאַט ווערט פאַרמאַכט, ווייל ס׳יידישע לאָדזש איז נאָך נישט רייף אויסצוהאַלטן אַן אייגענע צייטונג... און דעריבער וועט דער לאָ־דזשער לעזער באַקומען פון איצט אָן, אָנשטאָט די „לאָדזשער נאַכריכטען״, דאָס „וואַרשעווער טאַגעבלאַט״!

געטריי זיין אָפּמאַך, קומט זיך קאַסמאַן אין אַ געוויסן שפּעטן אָוונט (בעת מיין אָפּוועזנהייט) אין רעדאַקציע אַריין, דערלאַנגט דעם נאַכט־זעצער זיין וואָרט „צו אונדזערע לעזער״, הייסט דאָס גיך אויסזעצן און אַריינשטעלן אויף דער סאַמע „מזרח־וואַנט״ פון דער ערשטער זייט, און נאָכדעם ווי דאָס איז געשען, לאָזט ער בליצשנעל אויסזעצן מיט גאַנץ גרויסע אותיות די ווערטער: „די לעצטע נומער״, הייסט דאָס אַריינ־געבן „אויבן־אָן״ איבער דער גאַנצער ברייט פון דער ערשטער זייט און — — — און גייט זיך אַ צופרידענער אַהיים שלאָפן: — „פאַרטיק״ הייסט עס!...

***

אָבער דאָ איז געשען דאָס פאָלגנדיקע:

נאָך קאַסמאַנס אַוועקגיין האָט דער פּערסאָנאַל מיך אַלאַרמירט, אַז איך זאָל תיכף קומען אין רעדאַקציע, כדי צו זען וואָס דאָ דאַרף געשען.

נישט פאַרלירנדיק קיין איבעריקע מינוט, האָב איך תיכף געשיקט צונויפרופן ס׳גאַנצע פּערסאָנאַל, מיטן רעדאַקטאָר אוגער בראש, און נאָך

אַ קורצער, זייער ערנסטער באַראַטונג, האָבן מיר אַלע זיך פאַראייניקט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און באַשלאָסן תיכף צוצוטרעטן אַרויסגעבן אַן איי־גענע נייע לאָדזשער צייטונג.

באַלד האָט ישעיה אוגער אָנגעשריבן און אַריינגעגעבן אין דעם זעלביקן לעצטן נומער פון „לאָדזשער נאַכריכטן" אויך אונדזערס אַ וואָרט, אין וועלכן מיר דערקלערן דעם לאָדזשער ייִדנטום דעם גאַנצן ביטערן אמת, וועגן קאַמף וואָס עס קומט פאַר אַרום זיין איינציקער און ערשטער ייִדישער צייטונג...

און נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָט אויך אונדזער פעליעטאָניסט „צביה" (ד"ר צבי כהן) אָנגעשריבן און אַריינגעגעבן אין דעמזעלבן „לעצטן נומער" זיינס „אַ בריוועלע צום לאָדזשער לעזער", אין וועלכן ער דעקט בפירוש אויף אַלץ, וואָס די וואַרשעווער קאָנקורענץ־לייט פאַרנעמען זיך אָפּצוטון דעם לאָדזשער ייִדישן עולם.

***

פאַרטאָג איז דערשינען דער לעצטער נומער „לאָדזשער נאַכריכטן", מיט אַזאַ מין אינהאַלט, וואָס קיין שום צייטונג אין דער וועלט האָט זיכער נאָך נישט געהאַט!

אדרבה, כאַפּט אַ בליק און זעט מיט אייערע אייגענע אויגן דאָס קאָמישע בילד:

אָט זעט איר, ווי עס שרייט אויף דער גאַנצער ברייט פון דער ערשטער זייט די פעטע אויפשריפט: „די לעצטע נומער";

אָט האָט איר, האַרט הינטער דעם, דאָס לייט־אַרטיקל „צו אונדזערע לעזער", אין וועלכן מ'הערקלערט די לאָדזשער ייִדן אויף די שפּאַלטן פון זיין אונטערגייענדיקער צייטונג לערך פאָלגנדע דריי זאַכן: ערשטנס, אַז ס'לאָדזשער ייִדנטום איז נאָך נישט רייף אויסצוהאַלטן זיינס אַן אייגענע ייִדישע צייטונג; צווייטנס, אַז זיין צייטונג „לאָדזשער נאַכריכטן" ווערט צוליב דעם פאַרמאַכט; און דריטנס, (און דאָס איז דאָך טאַקע דאָן געווען דער עיקר...), אַז דער לאָדזשער לעזער וועט פון איצט אָן באַקומען, — אָנשטאָט דעם אונטערגעגאַנגענעם לאָדזשער בלאַט — דאָס „וואַרשעווער טאָגעבלאַט".

אַט דאָס אַלץ האָט אויף די שפּאַלטן פון דעם לעצטן נומער „לאָדזשער נאַכריכטן‟, געמאָלדן אין נאָמען פון די „וואַרשעווער‟, ער — דער צו־קונפטיקער אַליינפאַרטרעטער פון „וואַרשעווער טאַגעבלאַט‟.

**
*

און באַלד נאָך אים האָבן באַקומען ס'וואָרט (לגמרי נישט געבעטע־נערהייט...) טאַקע מיר לאָדזשער!

טאַקע באַלד נעבן דעם „וואַרשעווער פּזמון‟, דערקלערן מיר אונ־דזער וואָרט „צו דער לאָדזשער יידישער באַפעלקערונג‟, גראָד דאָס פאַר־קערטע, וואָס עס זאָגט זיך אויבן אין דעמזעלבן נומער:

ערשטנס, —זאָגן מיר— איז דאָס לאָדזשער יידנטום בפירוש יאָ רייף אויסצוהאַלטן אַן אייגענע יידישע צייטונג;

צווייטנס, וועט דער לאָדזשער יידישער לעזער זיך בשום אופן נישט לאָזן פאַרקויפן פאַר די פאַר קאָפּיקאָווע לינדזן, וואָס דאָס „וואַרשעווער טאַגעבלאַט‟ האָט אים „אָפּגעקאָכט‟...

און דריטנס — — — דריטנס, זאָגן מיר דעם לאָדזשער יידנטום ווערטלעך אַט־וואָס:

„די לאָדזשער נאַכריכטן‟ שטעלן זיך טאַקע אָפּ, נאָר די עק־זיסטענץ פון דער דאָזיקער צייטונג האָט אונדז דייטלעך באַוויזן, אַז אַזאַ גרויסע קהילה ווי לאָדזש (האָט דאָן שוין געציילט לערך 160 טויזנט נפשות) דאַרף און מוז האָבן אַן אייגענע יידישע צייטונג!

און דאָס גיט אונדז האָפענונג, אַז מיר, די געוועזענע מיטגלי־דער פון „לאָדזשער נאַכריכטען‟, וועלן זיך אין גיכן זען מיטן לאָ־דזשער יידישן פובליקום אויף די שפּאַלטן פון אַ נייער יידישער צייטונג!...

און נאָך דעם אַלעם, דערציילט אויך ד״ר צבי כהן אין זיין „בריוועלע צום לאָדזשער לעזער‟, אַביסל סודות פון דער קאָנקורענץ־פּאָליטיק מצד די „נישט־ליבע געסט‟... און ער ענדיקט אין „בריוועלע‟ מיט פאָלגנדע האַרציקע ווערטער:

## לאָדזש און אירע ייִדן

„לאָדזשער נאַכריכטן" פאַר־זשע מיט גליק! און פאַר דער „היסטאָריע פון דער ייִדישער צייטונג אין לאָדזש" זאָלסטו דערציילן אַלץ, — וואָס דיר האָבן אָפּגעטון די „נישט ליבע געסט"...

און פאַר אייך, ליבע לעזער, פאַרנייג איך זיך און זאָג אייך:

„אַדיע! אַדיע און „צום ווידערזען"!

און מיר האָבן טאַקע געהאַלטן וואָרט: אין 4 טעג אַרום, דעם 24סטן יאַנואַר 1908, איז דערשינען אין לאָדזש דער ערשטער נומער פון דער נייער צייטונג „לאָדזשער טאַגעבלאַט", וועלכע איז, ווי באַוווּסט, אין אַ גאַנץ קורצער צייט געוואָרן די פּאָפּולערסטע ייִדישע צייטונג אין לאָדזש און אין אַלע אירע אַרומיקע שטעט.

און אַז איך האָב שפּעטער מיט עטלעכע חדשים (דעם 9טן יוני 1908) דערקלערט שלום־עליכמען (בעת זיין באַזוך אין לאָדזש, צו דער פייערונג פון זיין 25־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט, וואָס די לאָדזשער „דראַ־מאַטישע קונסט" האָט לכבוד אים איינגעאָרדנט), וועגן דער גאַנצער „היג־טערקוליסן־פּאָליטיק", וואָס האָט דערפירט צו אָט־דעם דאָזיקן „שדים־טאַנץ", — האָט שלום־עליכם, ווי זיין שטייגער, מיט אַ זיס שמייכעלע, אין קעגנוואָרט פון אַלע אַנוועזנדע פאָרשטייער פון „קבלת־פּנים־קאָמיטעט", זיך אויסגעדריקט:

„אָפּצוטאַנצן אַ גאַנצענע נאַכט אַזאַ משונהדיקן „ווילדן שדים־טאַנץ" און אַוועקצוגיין דערפון מיט אַזאַ גוואַלדיקן סוקצעס, — אָט דערצו זענען נאָר פעיִק טאַקע אַזעלכענע ווי איר, מיינע ליבע לאָ־דזשער „צייטונגס־מזיקים"...

***

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן אַלץ וואָס עס איז אָפּגעטון גע־וואָרן מצד די „וואַרשעווער" קעגן די „לאָדזשער נאַכריכטן", איבע־ריקנס האָט שוין וועגן דעם אַמאָל געשריבן ד"ר צבי כהן אין „לאָדזשער אַלמאַנאַך" (זייט 106—108), וואָס איז דערשינען אין 1909 אין ניו־יאָרק.

כדי אָבער צו געבן דעם לעזער אַ בילדל פון דעם וואָס עס איז דאַן פאָרגעקומען, וועל איך מיר דערלויבן ציטירן אַ פּאָר ווערטער פון דעם

אבּרהם טענענבוים־ארזי

אויספירלעכן אַרטיקל, וואָס איך אַליין האָב וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אין 15־יאָריקן יובילעאום־נומער פון דעם „לאָדזשער טאָגעבלאַט״:

„אַ ביטער, זייער ביטער יאָר איז פאַר אונדז, די אַרויסגעבער פון די „לאָדזשער נאַכריכטן״ געווען דאָס יאָר 1907, ווען דער „קעגנער״ — דאָס „וואַרשעווער יודישע טאָגעבלאַט״ — האָט אונדז כסדר אַזוי פיל צרות אָנגעטון, אַז דאָס לעבן איז אונדז ממש ביטער געוואָרן, אאַ״וו... און אויף אַזאַ פאַרביסענעם קעגנער, וועלכער זאָל זיך נישט אָפּשטעלן אויף קיין שום מיטלען אַבי אָפּצורוימען יעדן, וואָס שטייט אים אין וועג, אויף אַזאַ געפערלעכן פאַרטנער האָבן מיר זיך באמת נישט געריכט״, אאַ״וו.

און נאָכדעם רעכן איך דאָרט אויס אַ ריי פאַקטן, וועלכע זענען אַ זעלטנ־הייט אין דער גאַנצער פּרעסע־געשיכטע ביי ייִדן.

***

און איצט, — נאָכן באַקענען זיך מיט דער אַנטשטייונג פון דער ייִדישער פּרעסע אין לאָדזש, — לאָמיר־זשע דערמאָנען מיט יראת־הכבוד אויך דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער פּרעסע, דעם קדוש און מאַרטירער ישעיהו אוגער ז״ל, וועלכן די פאַרשאָלטענע נאַציס, ימח שמם וזכרם, האָבן באַלד ביים אַריינדרינגען קיין לאָדזש, אַרויסגעשלעפּט פון זיין שטוב, אים מערדערלעך געפּייניקט און מיט די בעסטיאַלישסטע אינקוויזיציע־מיטלען אים געצוווּנגען דריי טעג נאָכאַנאַנד צו גראָבן פאַר זיך זיין אייגן קבר, און לסוף האָבן זיי אים דאָרט (אין לאַגער־הויף, אויף זגיערזשער 17) באַגראָבן לעבעדיקערהייט!...

און ביי דער געלעגנהייט, ווען מ׳דערמאָנט דעם קידוש, איז אונ־דזער הייליקע פליכט אויך ריינצוואַשן זיין הייליקן נאָמען פון אַ בלבול, וואָס מ׳האָט אים ליידער צוגעטשעפּעט, שוין נאָכן מאַרטירער־טויט.

רעדנדיק וועגן די רבנים־וואַלן אין לאָדזש (1912), בעת ס׳איז גע־ווילט געוואָרן הרב אליעזר לייב טרייסטמאַן ז״ל, שרייבט דער מחבר פונעם ספר „קהילת לודז״, אשכולי, דאָס פאָלגנדיקע:

## לאָדזש און אירע ייִדן

„צו די דאָזיקע וואַלן איז דערוואָרבן געוואָרן דאָס „לאָדזשער טאַגעבלאַט" דורך די גערער חסידים, די שטיצער פון הרב טרייסטמאַן. און דער גייסטיק־נאָבעלער רעדאַקטאָר אוגער איז געוואָרן דער „רעדנער" פאַר די גערער חסידים... און האָט געטאַדלט דעם רב פון צווייטן צד און אַפילו פאַרעפנטלעכט אין דעם זין אַ שונד־ראָמאַן, אאַ"וו"...

אַלס שותף צום „לאָדזשער טאַגעבלאַט" און אַלס נאָענטסטער פריינד פון באמת גייסטיק־נאָבעלן רעדאַקטאָר, מוז איך, למען־האמת, דערקלערן:

1) ס'„לאָדזשער טאַגעבלאַט" איז, בעת איר גאַנצער עקזיסטענץ קיינמאָל נישט דערוואָרבן געוואָרן פון קיינעם, צו קיין שום זאַך; 2) אונדזער בלאַט האָט קיין איינמאָל נישט געלויבט און אויך נישט געטאַדלט קיינעם פון דיביידע צדדים; 3) מיר האָבן קיינמאָל נישט געדרוקט קיין שום „שונד־ראָמאַנען".

דער אמת איז, אַז בעת די רבנים־וואַלן האָט די צייטונג אונדזערע פאַרעפנטלעכט אַנאָנסן פון אַלע קאַנדידאַטן־פּאַרטייען. און אַזוי ווי די פאַרערער פון הרב טרייסטמאַן ז"ל האָבן באַשטעלט גרעסערע מודעות פון אַנדערע פאַרטייען — זענען במילא זייערע אַנאָנסן געווען בולטער פון אַלע אַנדערע.

אַ שאָד נאָר, וואָס אַזאַ פעיִקער יונגער שרייבער ווי אשכולי ז"ל איז פאַרפירט געוואָרן דורך מענטשן, וואָס האָבן נישט געוווסט דעם אמת, וואָס עס איז פאָרגעקומען בעת אשכולי אַליין איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל.

מיר ענדיקן, בכן, דעם דאָזיקן טרויעריקן פרק מיט פולן יראת־הכבוד צום קדוש און מאַרטירער, דעם עלטסטן פון די לאָדזשער זשורנאַליסטן, — צו ישעיהו אוגער ז"ל. תנצב"ה.

דריטער טייל

# נאציאנאל־געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן פון לאדזשער יידן און זייער מיטהילף צום בוי און אנטוויקלונג פון ארץ ישראל

.57

## נאַציאָנאַלע יוגנט־דערציאונג אין לאָדזש

איצט, נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין אַן אַלגעמיינעם איבערזיכט וועגן די רעליגיעזע און קולטורעלע איינריכטונגען אין לאָדזש, לאָמיר זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס פון לאָדזש.

דריי העברעיִשע גימנאַזיעס (צוויי פאַר יינגלעך און איינע פאַר מיידלעך) האָבן עקזיסטירט אין לאָדזש (געגרינדעט דורכן באַוווּסטן געלערנטן ד״ר מרדכי בראָודע, אין 1908) און חוץ דעם — אויך די העברעיִשע מיטלשולע „יבנה״ (גרינדער: מיכאל פלאַטאָו, יצחק גוטערמאַן, הרב מיליי־קאָווסקי אאַ״וו).

אין די דאָזיקע וויכטיקע לער־אַנשטאַלטן האָבן באַקומען זייער דערציִונג טויזנטער פון דער לאָדזשער יוגנט און פון אירע אַרומיקע שטעט, ווי: זגיערזש, פּאַביאַניץ, אָזאָרקאָוו, אאַ״וו — אַ יוגנט, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק באַקאַנט געמאַכט דורך איר אינטעליגענץ און נאַציאָנאַלער וואַכזאַמקייט!

און דעריבער איז טאַקע גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס האָבנדיק פאַר זיך אַזאַ וואַרעמע נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אַטמאָספערע, האָבן געקאָנט געפונען אַן אַרבעטס־פעלד פאַר זייער העברעיִשער אויפקלערונג אַ ריי פון די בעסטע געלערנטע, שרייבער און פּעדאַגאָגן, וועלכע האָבן פאַקטיש געווידמעט זייערע כוחות און ידיעות אויף צו פאַרשפרייטן דאָ די העברעיִשע קולטור און זי אויך איינוואָרצלען אין דער לאָדזשער יוגנט, אויפשטעלנדיק אַ געטרייען דור פאַרן פאָלק און לאַנד און פאַר זיינע קולטורעלע ווערטן.

מיר דערמאָנען מיט דער גרעסטער אַכטונג און כבוד די נעמען פון אַלע דאָזיקע לערער און פעדאַגאָגן, וואָס האָבן אין די דערמאָנטע לערן־אַנשטאַלטן אַזוי פיל געלייסטעט אויפן פעלד פון נאַציאָנאַלער דערציִונג. דאָס זענען: ד״ר יעקב כהן, ד״ר מיכאל בראַנדשטעטער, ד״ר עלענבערג, ד״ר בערנשטיין, ד״ר אליהו ראָזענבאַום, ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער, ד״ר ירמיהו פרענקל, ד״ר אליעזר און ד״ר שאול ריגער ,ד״ר אברהם פערלמאַן, ד״ר נתן עק, ד״ר בראָדער, יונה האַלפערן און פרוי, ד״ר אָרמיאַן, ד״ר י. ראַבין, ש. שפּאַן, ד״ר פיליפ פרידמאַן, און אויך אַלע איבעריקע געלערנטע און פעדאַגאָגן, וואָס לעבן שוין ליידער נישט, ווי: פּראָפעסאָר בראָמבערג־ביטקאָווסקי, יצחק קאַצענעלסאָן, יצחק בערקמאַן, ד״ר שמחוני, ואחרון אחרון — ד״ר מרדכי בראַודע ז״ל (נפטר געוואָרן אין א״י), וועלכע האָט איינגעפלאַנצט אין דער לאָדזשער יוגנט די העברעיִשע שפּראַך און אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע ווערטן.

און מ׳קאָן מיט צופרידנקייט צוגעבן, אַז זייער מי איז נישט געווען אומזיסט! ווייל פיל פון דער דאָזיקער יוגנט זענען מיט דער צייט אַליין געוואָרן דערציִער און האָבן פאַרשפּרייט און אַריינגעבראַכט נאַציאָנאַל־העברעיִשע קולטור־ווערטן אין פיל יידישע קהילות אויף דער גאָרער וועלט.

**
*

אויף וויפל ברייטע קרייזן פון יידישן לאָדזש זענען שוין דאַן געווען העברעיִזירט, קאָן דינען דער פאַקט, אַז יידן פון לאָדזש און איר אומגעגנט זענען געווען די ערשטע אין פוילן, וואָס האָבן באַלד אין אָנהייב געשיקט זייערע קינדער שטודירן קיין ארץ־ישראל, ווער אין גימנאַזיע „הרצליה״ (ווי עס האָבן דאַן געטון די באַקאַנטע ציוניסטן: יהודה־לייב ליבענשטיין, שלמה־חיים כהן, רוזשאַנסקי און נאָך אַנדערע לאָדזשער), ווער אין דער אַגריקולטור־שולע „מקוה־ישראל״, אָדער אין „חיפהער טעכניקום״, אין ירושלימער גימנאַזיע, אין דער קונסט־שולע „בצלאל״ און לסוף אין דער „ירושלימער אוניווערזיטעט״.

און זאָלן דאָ טאַקע דערמאָנט ווערן, מיט אַכטונג, די פּיאָנערן פון דער לאָדזשער יוגנט, וואָס מיט זייער דעמאָלטיקן זיך אַוועקרייסן פון די

## לאָדזש און אירע ייִדן

באַקוועמע היימען, מיט זייער פאַרן קיין ארץ־ישראל העלפן בויען און שיצן ס'לאַנד, — האָבן זיי געדינט אַלס ביישפּיל פאַר די פיל יוגנטלעכע פון אַנדערע פוילישע שטעט.

מיר געדענקען דאָך גוט דעם רושם, וואָס ס'האָט אין יענער צייט געמאַכט דאָס אַרויספאָרן קיין ארץ־ישראל פון די באַקאַנטע חברים פון די לאָדזשער יוגנט־גרופּן, למשל: אברהם יפה, יעקב פּאַט, מאַנטירסקי, היללי, בנימין מאַנטער, יוסף ציטטער, אלימלך ניימאַן, מיכאל אָסאָוויצקי (היינט באַקאַנטער שריפטשטעלער און פרעזעס פון זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד (אסף); יהודה פרענקל (היינט באַקאַנטער אַדוואָקאַט); שלמה ארזי (באַ־וווסטער ספּאָרטסמאַן און בויער פון ביידע „הקריות" אין תל־אביב און ירושלים); יוסף גוטער ז"ל (וואָס האָט געשמוגלט, אין ספּעציעל אויסגע־שניטענע דיקע ביכער... די פּאַר ערשטע ברויניגס פאַר דער „הגנה") און נאָך פיל אַנדערע, וועמעס נעמען ס'איז פּשוט נישט מעגלעך דאָ אויסצו־רעכענען.

אָט דאָס איז געווען דאָס ייִדישע לאָדזש!

די „ציוניסטישע ירושה" איז דאָ איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, אירע וואָרצלען זענען דאָ טיף איינגעדרונגען און איר שטאַם האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעוואַקסן, אַז מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער אמתער „עץ־החיים" — דער „לעבנס־בוים" פאַר די ברייטסטע ייִדישע מאַסן פון לאָדזש און אירע אַרומיקע שטעט.

לאָמיר־זשע טאַקע ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט דערמאָנען צום לויב אונדזערע ברידער פון אָט־די אַלע אַרומיקע שטעט, ווי: זגיערזש, פּאַביאַניץ, אָזאָרקאָוו, טאָמאַשאָוו, בזשעזשין, אַלעקסאַנדער, קאָנסטאַנטין, בעלכאַטאָוו, זדונסקאַ־וואָלאַ, לאַסק, קאַליש, אאַ"וו, וועלכע פלעגן אין אַלע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע ענינים גיין אין וועג, וואָס דאָס ייִדישע לאָדזש האָט פאַר זיי אויסגעטרעטן!

מיר ווייסן דאָך אַלע ווי די ייִדן פון די דערמאָנטע שטעט פלעגן קו־מען מאַסנווייז קיין לאָדזש צו אַלע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע פייערונגען, וואָס ס'ייִדישע לאָדזש פלעגן איינאָרדענען לכבוד יעדן נאַציאָנאַל־ייִדישן יום־טוב, אָדער לכבוד עפּעס אַ וויכטיקן גאַסט.

## אברהם טענענבוים־ארזי

*****

צום סוף פון דאָזיקן קאַפּיטל, וואָס דערמאָנט די נאַציאָנאַלע יוגנט־דערציִונג אין לאָדזש, לאָמיר טאַקע דערמאָנען מיט געהעריקן כבוד און



יצחק קאַצענעלסאָן

אין זיינע יונגע יאָרן

אייביקער פאַרערונג אונדזער ליבהאַרציקן פּאָעט און שריפטשטעלער, פּע־דאַגאָג און דערציִער, יצחק קאַצענעלסאָן זכרונו לברכה, — דעם קדוש און מאַרטירער, וואָס איז לײדער געפאַלן אַלס קרבן פון דער נאַצי־בעסטיע.

צום שלוס זאָל מיר דערלויבט זיין, ווי קאַצענעלסאָנס אַ יוגנט־פריינד, צו פאַרעפנטלעכן דאָ אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַ־סירט מיט אים אין ארץ־ישראל, אַן עפּיזאָד וועלכער ווייזט אונדז בפירוש, אַז אין זיין אידעלער ייִדישער נשמה האָט זיך געפונען אַ שפּאָר ביסל אַלט־איינגעוואָרצלטער ייִדישער מיסטעריעזער פאָלקס־גלויבן.

דערציילנדיק עס מיר, סך־הכל אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי ס׳האָט פּאַסירט, האָט ער פון דער גאַנצער זאַך אַזאַ הנאה געהאַט, ממש ווי אַ קינד פון אַ געלונגענער חכמה...

— — — „ווי כ׳האָב זיך אַזוי געבאָדן אין ים, איז פּלוצים אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורעם און די כוואַליעס האָבן מיך מיטגעריסן און אַוועקגעשלעפּט העט־ווייט פון תל־אביבער ברעג... און איך — משטיינס־געזאָגט, דער „גרויסער שווימער״ פון דער לאָדזשער לודקע״, — בין טאַקע אַראָפּגעזונקען ממש ביזן תהום...

וואָס מיט מיר איז ווייטער געשען, ווייס איך נישט! כ׳ווייס נאָר דאָס איינע, — אַ זאַך, וועלכע כ׳וועל אין לעבן נישט פאַרגעסן, — אַז ווען כ׳בין אויפגעקומען, און דער „הויפּט־מציל״ האָט מיך כסדר געפרעגט: מה שמך? — האָב איך אַלץ כסדר געענטפערט מיט מיין נעבעך אָפּגעשוואַכטער שטים: יצחק בן יעקב־בנימין, יצחק בן יעקב־בנימין, יצחק ב...

אָבער צום סוף, נאָכדעם ווי ער האָט מיר די דאָזיקע שאלה אַריינגעשריגן ממש אין אויער אַריין, צוגעבנדיק דערצו הויך אויפן קול: „ומה שם משפּחתך?״ (דאָס הייסט „און ווי איז דיין פאַמיליע־נאָמען?״) האָב איך ערשט פאַרשטאַנען ווי איך בין אין דער וועלט...

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין נישט אויף יענער וועלט, נאָר אויף דער וועלט... אויך האָב איך פאַרשטאַנען, און מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, אַז דער וואָס האָט מיך אַלץ כסדר געפרעגט „מה שמך״ איז נישט דער מלאך־דומה, וואָס מיר „קאָנען״ אים נאָך פון די לעגענדעס אין די קינדער־יאָרן, נאָר ער איז פּשוט דער „רעטונגס־אָנגעשטעלטער״ ביי דער ים־פּליאַזשע פון דער שטאָט תל־אביב״...

.58

# לאָדזש און אירע רבנים

זעקס אָפיציעלע רבנים האָט געהאַט די לאָדזשער יידישע קהילה, וועגן נאָך צוויי גאָר־פּריערדיקע רבנים — ר׳ יהודה־לייב פון ווידאַווע און רבי פּנחס היללער פון ראָספּשע — איז אין די לאָדזשער דאָקומענטן כמעט קיין זכר נישט פאַראַן. עס איז דעריבער אָנצונעמען, אַז דאָס זענען נאָר געווען ציוויל־מורא־הוראות.

דער ערשטער לאָדזשער רב איז געווען רבי מענדל וואָלף יערוזאַ־לימסקי ז״ל; ער איז געקומען קיין לאָדזש אין יאָר 1824, אַלס געוועזענער מורא־הוראה פון זגיערזש.

דער צווייטער איז געווען ר׳ הלל הכהן ז״ל — אַ זון פון לוטאָמיר־סקער רבי.

דער דריטער איז געווען ר׳ יחזקאל נאָמבערג ז״ל (זיידע פונעם שריפטשטעלער ה. ד. נאָמבערג), געוועזענער מורא־הוראה אין לוטאָ־מירסק און אין קאָנסטאַנטין; זיין קאַדענץ האָט געדויערט פון 1832—1856.

דער פערטער רב איז געווען ר׳ משה ליפשיץ פון דאָבזשין (אַן אייניקל פון וואַרשעווער רב ר׳ שלמה פויזנער ז״ל). זיין רבנות האָט גע־דויערט פון 1857 ביז 1873. אים האָט שוין די קהילה צוגעגעבן צוויי מורא־הוראות: ר׳ יודל נאָמבערג (זון פון פאַרשטאָרבענעם רב ר׳ יחזקאל) און ר׳ לעמל מאַראָקאָ;

דער פינפטער, וואָס איז געזעסן אויף דעם לאָדזשער כסא־הרבנות, כמעט 40 יאָר — פון 1873 ביז 1912 — איז געווען הרב ר׳ אליהו־חיים

מייזל ז״ל, — פריער רב אין לאָמזשע. אים האָט שוין די קהילה צוגעגעבן צוהילף מערערע מורא־הוראות, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס איז געווען זיין אידעם ר׳ גבריאל סעגאַל, — גערופן: „שניאַדאָווער רב״;

דער זעקסטער איז געווען הרב אליעזר לייב טרייסטמאַן ז״ל, געוועזענער רב אין ראַדאָם. נאָך אים האָט באַדינט די לאָדזשער יידישע עדה אַ „רבנים־ראַט״ וואָס אין זיין שפּיץ איז תחילת געשטאַנען ר׳ אליעזר־יצחק מייזל ז״ל, אַן אייניקל פון הרב אליהו־חיים ז״ל און שפּעטער איז געווען ראש־הועד הרב ד״ר שמחה טרייסטמאַן ז״ל (עלטערער זון פון פאַרשטאָרבענעם לעצטן רב), וועלכער איז נעבעך געפאַלן אַלס קדוש פון די מערדערישע נאַציס! תנצב״ה.

וועגן דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון די ערשטע 4 רבנים, איז כמעט נישטאָ צו פאַרצייכענען.

דאַקעגן איז די קאַדענץ־צייט פון די צוויי לעצטע רבנים געווען פול מיט וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון לאָדזש און אירע אַרומיקע שטעט.

**
*

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פאַרעפנטלעכן פּרטים וועגן דער פילזייטיקער און אומדערמידלעכער טעטיקייט פון הרב מייזל ז״ל, בעת זיין 40־יאָריקער דינסט־צייט אויפן לאָדזשער כסא־הרבנות. אין קורצן קאָן מען זאָגן, אַז עס איז כמעט נישט געווען קיין איין טעטיקייט־געביט, סיי לטובת־הכלל און סיי לטובת הפרט, ווו הרב מזל ז״ל זאָל זיך נישט האָבן אַקטיוו באַטייליקט.

און כ׳בין זיכער, אַז ווען מ׳זאָל צונויפזאַמען אַלע ספרים, בראָשורן און אַרטיקלען וואָס זענען שוין דערוועגן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צייטונגען און זשורנאַלן, וואָלט דאָס אַליין שוין געקאָנט שאַפן אַ ספּעציעלע ביבליאָטעק אויף זיין אומשטערבלעכן נאָמען.

וועגן הרב מייזל האָט באַזונדער געשריבן דער באַקאַנטער לאָדזשער עסקן און שרייבער א. י. בזשעזשינסקי אין זיין בוך: „ר׳ אליהו חיים מייזל ז״ל״, וואָס איז דערשינען אין תל־אביב.

וועגן דער טעטיקייט פון הרב טרייסטמאַן ז״ל קאָן מען זאָגן, אַז כאָטש זיין קאַדענץ־צייט, אַלס לאָדזשער רב איז, פאַרהעלטנישמעסיק געווען אַ גאַנץ קורצע, דאָך, ווען מ׳באַטראַכט גענוי אַלץ וואָס דער דאָ־



הרב הגאון ר׳ אליהו חיים מייזל
לאַנגיאָריקער לאָדזשער רב און באַרימטער לאָדזשער כלל־טוער, גרינדער פון „רבס תלמוד תורה״

זיקער ענערגישער רב האָט באַוויזן אויפצוטון, מוז מען מודה זיין, אַז נאָר אַזאַ אומדערמידלעכער איבערגעגעבענער כלל־טוער, ווי הרב טרייסט־מאַן ז״ל, איז אימשטאַנד געווען דורכצופירן אַזעלכע לעבנסוויכטיקע ענינים לטובת זיין קהילה פאַר אַזאַ קורצער צייט.

מיר וועלן דאָ, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט אויסרעכענען אַלע זיינע פעולות לטובת דער לאָדזשער יידישער עדה, דאָך, איז כדאי פאַר דער „געשיכטע פון יידן אין פוילן״ צו פאַרצייכענען, אַז חוץ זיינע אַלע אַנדערע לייסטונגען, האָט ער בלויז אין די פיר מלחמה־יאָרן (1914—1918) אויפ־געטון אַזעלכעס, וואָס דאָס אַליין פאַראייביקט שוין זיין נאָמען צווישן די איבערגעגעבנסטע רבנים אין פוילן.

הרב טרייסטמאַן האָט באַוויזן צו פֿאַרזאָרגן, אין פֿאַרלויף פֿון צוויי טעג, די טויזנטער פּלוצים אָנגעלאָפֿענע ייִדישע פּליטים, וואָס די רוסן האָבן, ביים אויסברוך פֿון ערשטן וועלט־קריג, אַרויסגעטריבן פֿון אַלע אַרומיקע גרענעץ־שטעט.

אַ דאַנק הרב טרייסטמאַנס ענערגישער אינטערווענץ ביי דער העכע־רער רוסישער מיליטער־מאַכט, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס בעסטיאַ־לישע אָנפֿאַלן אויף ייִדן דורך די אָנגעקומענע קאָזאַצקע און סאָלדאַטסקע מיליטער־מחנות.

הרב טרייסטמאַן איז געווען דער, וועמען ס׳איז געלונגען צו פֿאַר־שאַפֿן פֿון דער האָלענדישער רעגירונג, אויף די גאַנצע 4 יאָר פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע, ביליקע פּראָדוקטן פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער באַ־פֿעלקערונג (ווי: מעל, צוקער, רייז, אַרבעס, קאַשע, אאַ״וו) — אַ זאַך, וואָס האָט דאַן אויסערגעוויינלעך געלינדערט די נויט אין שטאָט.

הרב טרייסטמאַן האָט, מיט דער הילף פֿון זיינע קינדער און עטלעכע יונגע כלל־טוער, איינגעאָרדנט אין שטאָט די אומזיסטע קיכן און ברויט־פֿאַרטיילונג־שטעלן פֿאַר די טויזנטער אַרבעטסלאָזע און נויט־ליידנדע לאָ־דזשער ייִדן, וואָס זענען ממש אויסגעגאַנגען פֿאַר אַ שטיקל ברויט.

לסוף איז הרב טרייסטמאַן אויך געווען דער דאָזיקער ייִדישער עסקן, וועמען עס איז געלונגען מבטל צו מאַכן ניקאָלאַי־ניקאָלאַיעוויטשעס שרעק־לעכע גזירה אַרויסצוטרייבן אַלע ייִדן פֿון לאָדזש און אירע אַרומיקע שטעט, אַלס כלומרשטע שולדיקע אין איבערדרייסן דעם רוסישן מיליטער־טעלעגראַף אין מלחמה־צייט. (פּרטים וועגן דעם — אין קאַפּיטל 39/40 פֿון דעם דאָזיקן בוך).

***

און איצט, אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד, וועלכער אַנטפּלעקט פּאַק־טיש דאָס רעטעניש פֿאַר וואָס הרב מייזל ז״ל איז געוואָרן רב אין לאָדזש, אָן שום אַגיטאַציע פֿאַר אים און אָן אַפֿילו אָן אָפֿיציעלע וואַלן.

געווען איז עס באַלד נאָך דער פּטירה פֿון הרב ליפּשיץ ז״ל. נישט וועלנדיק לאָזן די שטאָט לאַנג אָן אַ רב, האָבן די קהילה־פֿאַרשטייער, נאָך עטלעכע באַראַטונגען צווישן זיך, באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם לאָ־דזשער כּסא־רבנות איינעם פֿון פֿאָלגנדע צוויי קאַנדידאַטן: אָדער דעם

לאָמזשער רב ר׳ אליהו־חיים מייזל, אָדער דעם טשעכאַנאָווער רב ר׳ אברהם לאַנדע, וועלכער איז צוגלייך אויך געווען „טשעכאַנאָווער רבי״.

כדי דעם ענין וואָס גיכער צו דערליידיקן, איז געווײלט געוואָרן אַ דעלעגאַציע פון צוויי חשובע לאָדזשער בירגער: ר׳ יצחק יאַסקאָוויטש (גערופן „איטשעלע וואָלער״) און ר׳ טוביה טענענבוים (פאָטער פון שרייבער), וועמען מ׳האָט אָנפאַרטרויט דאָס פאַרשטענדיקן זיך מיט די קאַנדידאַטן און אויסוויילן וועמען זיי וועלן האַלטן פאַר נייטיק.

ר׳ טוביה טענענבוים, אַליין אַ גרויסער פאַרערער פון טשעכאַנאָווער רבין זצ״ל, האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז זיין רבי, נישט־קוקנדיק אויף זיין חכמה און גרויסער בקיאות אין לומדישע ענינים, איז פּאָרט נישט דער פּאַסנדיקער רב פאַר דער לאָדזשער יידישער עדה. און נישט וועלנדיק דאָס פערזענלעך זאָגן דעם רבין זיינעם, איז ער קומענדיק קיין טשעכאַנאָוו, געבליבן זיצן אין בית־המדרש, דערקלערנדיק יאַסקאָוויטשן, אַז עס איז גענוג אַז ער, יאַסקאָוויטש אַליין, זאָל אַריין און זיך וועגן דעם פאַרשטענדיקן מיטן קאַנדידאַט.

און איצט, לאָמיר דערציילן דעם סוף פון דער זאַך, לויט ווי ס׳האָט מיר איבערגעגעבן מיין פאָטער ז״ל, און לויט דעם מאַטעריאַל וואָס איז וועגן דעם פאַראַן אין יעקב וואַרדיגערס ספר „זכותא דאברהם״:

„ווי נאָר ר׳ איטשעלע וואָלער (יאַסקאָוויטש) איז אַריין צום טשעכאַנאָווער רבין און האָט אים דערציילט געגוי אַלץ וועגן וואָס ער איז געקומען צו אים, צוזאַמען מיט ר׳ טוביה טענענבוים, ענטפערט אים דער רבי: „אָבער טוביה איז דאָך נישט צופרידן דערפון!״. באַלד דערויף האָט מען אים טאַקע אַריינגערופן און ער האָט דעם רבין געזאָגט דאָס פאָלגנדיקע:

„אמת, טאַקע, אַז איך בין געקומען אין דעם דאָזיקן וויכטיקן שליחות, אָבער קומענדיק אַהער האָב איך גענומען קלערן: צי איז גאָר לאָדזש ווערט צו האָבן אַזאַ רב ווי דער רבי זאָל לעבן? בפרט, אַז די פאַבריקן פון יידישע פאַבריקאַנטן אַרבעטן אום שבת, לויט עפּעס אַ שטר־מכירה, וואָס דער רבי וועט זיכער אויף אים נישט וועלן חתמנען; צווייטנס: טאָמער וועט די דאָזיקע רוישנדיקע גרויסע שטאָט זיין פאַרן רבין בכלל צופיל לאַסט און אָנשטרענגונג?...

דערויף האָט דער קלוגער רבי געענטפערט מניה־וביה: „דער לאָדזשער כסא־רבנות איז לחלוטין נישט פאַר מירו!".

אָט דאָס איז די סיבה פאַרוואָס הרב אליהו־חיים מייזל איז דאַן גע־ווילט געוואָרן אָן שום וואַלן, אַלס לאָדזשער רב. „שולדיק" אין דעם



טוביה טענענבוים

חשובער לאָדזשער תושב, אַדאַנק וועמען הרב אליהו חיים מייזל איז געוואָרן לאָדזשער רב

איז געווען מיין פאָטער ע"ה — ר' טוביה טענענבוים, וועלכער האָט עס קיינמאָל נישט באַדויערט. פאַרקערט: ער פלעגט עס דערציילן מיט גרויס צופרידנקייט. 17)

17) ווי וייט ר' טוביה טענענבוים איז געווען דער טרייער שליח־ציבור, זעט מען דערפון, וואָס טראָץ זיין גרויסער פאַרערונג צו זיין רבין, אָנרופנדיק נאָך דער פטירה אַ זון (מיך) און צוויי אייניקלעך מיטן רבינס נאָמען —אברהם— האָט ער דאָך געשטיצט הרב מייזל אַלס לאָדזשער רב, — אַ זאַך, פאַר וועלכער ס'יידישע לאָדזש איז אים דאַנקבאַר געווען.

.59

## לאָדזשער קינסטלער, וויסנשאַפטלער און געלערנטע

עס איז אַן אַלט־באַקאַנטע זאַך, אַז יעדע שטאָט גרויסט זיך מיט אירע באַרימטקייטן אויפן געביט פון קולטור, וויסנשאַפט און קונסט.

אויך לאָדזש איז נישט פריי פון דער דאָזיקער שוואַכקייט, און לאָדזש האָט זיך אין דער אמתן מיט וואָס צו גרויסן.

ווי האָט עס געזאָגט דוד פרישמאַן: „עס איז אַ רעטעניש און וועט בלייבן אַ רעטעניש, ווי אַזוי דווקא אַזאַ שטאָט ווי לאָדזש האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל קינסטלער".

אין לאָדזש זענען געוואַקסן און געווירקט די שרייבער: דוד פריש־מאַן, ה. ד. נאָמבערג, יצחק קאַצענעלסאָן, ז. סעגאַלאָוויטש, הערשעלע דאַ־נילעוויטש, י. אוגער, י. ליכטענשטיין, בליישטיפט, הלל מיימאָן, מרים אולינאָווער, די ברידער לאַזאַר און ישראל קאַהאַן, משה בראָדערזאָן, מ. אַפּעלבוים, פּרץ אָפּאָטשינסקי, אלתר אייזענשלאָס, מ. פּאָנער, עזרא גאָלדין, ל. בערמאַן (גראַף־קאַלי), י. אָבערזשאַנעק, מ. לוסטערניק, ישראל ראַבאָן, כץ, א. ש. זאַקס, חיים קרול, י. ד. בונין, פּנחס כהן און אַנדערע.

אין ישראל געפינען זיך איצט די פאָלגנדיקע שרייבער וואָס שטאַמען פון לאָדזש, אָדער האָבן געווירקט אין לאָדזש: דער באַוווּסטער פּאָעט און שריפטשטעלער יעקב כהן, מ. אסף (אָסאָוויצקי), י. מ. ניימאַן (א. פויגל), בנימין מינץ, ש. בערלינסקי, ר. פּאָטאַש, וואָלף יאַסני, א. שמואלי, ב. טע־נענבוים, נ. האַרפּאַזי, ד"ר אשכולי (ווײַנטראַוב), י. שפּיגל, פּ. בײַזבערג און אַנדערע.

אין אַמעריקע געפינען זיך די שריפטשטעלער: דער היסטאָריאָגראַף

ד״ר ש. בערנשטיין, דער ביבליאָגראַף יצחק ריבקינד, דער טעאַטער לעקסיקאָגראַף און שרייבער זלמן זילבערצווייג (כספּי), ב. שעפנער, דער פּאָעט א. לעיעלעס (גלאַנץ), ד״ר צבי כהן, א. אלפערן, הרב שמואל בראָט, י. ח. ראַדאָשיצקי, גוטמאַן, פלאָט, ג. אייזנער, י. י. טרונק, חיים־לייב פוקס, דער באַקאַנטער היסטאָריקער ד״ר פיליפּ פרידמאַן און אַנדערע.

אין אַרגענטינע געפינען זיך איניקע שרייבער פון לאָדזש, ווי: יוסף אָקרוטני, יצחק יאָנאַסאָוויטש, א. מינץ, דער היסטאָריקער פּראָפ. באָלעס־לאַוו לעווין, דער קינסטלער זלמן הירשפעלד א״אַנד.

אין ישראל געפונען זיך די לאָדזשער געלערטע: פּראָפעסאָר אפרים קאַטשאַלסקי, פּראָפעסאָר ישראל רייכערט, ד״ר אסתר טענענבאַום און אַנד.

און ווער איז עס גאָר אימשטאַנד אויסצורעכענען אַלע אַנדערע שרייבער און געלערנטע וואָס שטאַמען פון לאָדזש און זענען צעזייט און צע־שפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט?

ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז אַפילו אין מעקסיקע האָט זיך ענערגיש באַטייליקט, ביים פאָרשן דאָס דאָרטיקע פאַרגאַנגענע לעבן, דער לאָדזשער אַרכעאָלאָג ישראל טענענבוים (אחי ז״ל), וועלכער האָט דאָרט איבערגע־לאָזט דער רעגירונג אַ גאַנצן מוזעאום פון זיינע אויסגראָבונגען.

אויך דער בינע־קונסט האָט לאָדזש נישט ווייניק טאַלאַנטן געגעבן, ווי למשל: די אַרטיסטן יוליוס און זיין פרוי אַמאַליאַ אַדלער, דעם טעאַטער־דירעקטאָר זאַנדבערג און פרוי, רודאָלף זאַסלאַווסקי, ש. קוטנער, ה. שעראַדסקי און פרוי, בולמאַן, ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער, ר. שושנה, ש. גאָלדשטיין, ה. יעדוואַב, ז. הירשפעלד, נאַשעלסקי, חנה גראָסבערג, בנימיני־בירנצווייג (שפּילט אין „הבימה״), חלפי („אוהל״), בראָנקאַ זאַלצ־מאַן, כורגעל, אקסענבערג („המטאטא״), דאָראַ קאַלינאָווואַ (קלינגבייל) א״אַנד.

בכלל איז לאָדזש געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ אין עניני קול־טור און טעאַטער. אָט ווי עס שילדערט דאָס דאָזיקע דער באַוווסטער שוי־שפּילער יאָנאַס טורקאָוו:

„לאָדזש איז נישט נאָר געווען דער גרעסטער אינדוסטריע־צענטער אין פוילן, אָדער ווי מ'האָט עס גערופן „פוילישער מאַנ־טשעסטער״, נאָר אויך געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל אינעם ייִדישן

גייסטיקן און קולטור־לעבן. לאָדזש, די שטאָט פון אַרבעט און קאַ־פּיטאַל, האָט אויך הינטער זיך אַ שיינע טעאַטער־טראַדיציע, — אין לאָדזש זענען געמאַכט געוואָרן ביז גאָר אינטערעסאַנטע טעאַטער־פּרווון. לאָדזש האָט אפשר מער ווי אַנדערע שטעט צוגעשטעלט פאַרן ייִדישן טעאַטער אַקטיאָרן, וואָס זענען געקומען פון פאָלק און האָבן שפּעטער פּראָפּאַגאַנדירט און איבערגעפלאַנצט קולטור אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, אאַ״וו.

ייִדישע אַקטיאָרן —מחוץ לאָדזש— פון פּוילן, פון רוסלאַנד און אפילו פון אַמעריקע האָבן געהאַלטן פאַר אַ זכיה צו שפּילן אין לאָדזש און צו קריגן סמיכה פונעם לאָדזשער טעאַטער־עולם, וועל־כער האָט ליב געהאַט טעאַטער און איז געווען מיט אים געקניפּט און געבונדן! — לאָדזש איז געווען די טעאַטראַלסטע פון אַלע טעאַטער־שטעט אין פּוילן!״.

(פון טורקאָווס „פאַרלאָשענע שטערן״, באַנד 1, ז׳ 117, פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום אין אַרגענטינע״).

אויפן געביט פון ייִדישער וויסנשאַפט זענען באַקאַנט די לאָדזשער: פּראָפעסאָר קאַמיעניעצקי, חיים־יצחק בונין, הרב שמחה טרייסטמאַן, פּראָ־פעסאָר חיים העללער שיחיה, וועלכער באַרייכערט די ייִדישע ביבל־פאָר־שונג און מיט חקירות אויף פאַרשידענע תלמודישע געביטן.

לאָדזש האָט אויך אַרויסגעגעבן שרייבער און פּאָעטן, וואָס האָבן געשריבן אין אַנדערע שפּראַכן, למשל:

אין פּויליש: יוליאַן טווים, מיעטשיסלאַוו בראַון, קראַשניצקי, לעאָ בעלמאָנט, אאַ״וו.

אין דייטש: היינריך צימערמאַן, ד״ר י. פּראָמער, אאַ״וו.

אין פראַנצויזיש: דער באַקאַנטער דראַמאַטורג סאַוואָ (אַן איניקל פון ישראל פּאָזנאַנסקי).

אויפן געביט פון מוזיק זענען באַקאַנט די לאָדזשער: אַרטור רובינ־שטיין, אַלס גרעסטער פּיאַניסט אין אונדזער צייט; דער וויאָלענטשעליסט יוליאַן בירנבאַום; דער וויאָליניסט טאַובע (אין א״י), דער קאָמפּאָזיטאָר שולץ (לעצטנס געשטאָרבן אין א״י), דער וויאָליניסט אלכסנדר הילזבערג

— לייטער פון דער פילאַדעלפיער סימפאָניע; זיין ברודער איגנאַץ הילז־בערג, — באַקאַנטער פּיאַניסט אין קאַליפאָרניע; דער באַגלייטער־פּיאַניסט פון יאַשאַ כייפעץ — ביי (זון פון לאָדזשער סינאַגאָגן־קאַנטאָר און משכיל ביי); דער באַרימטער שוויצער דיריגענט פּאַול קלעצקי; די קאָמפּאָזי־טאָרן: טאַנצמאַן, גלאַדשטיין, הענעך קאָן, די באַקאַנטע יונגע וויאָליניסטין אידאַ הענדל, אאַ״וו.

אויך קאָמפּאָזיטאָרן און חזנים פון רעליגיעזער מוזיק האָט לאָדזש אַרויסגעגעבן: לייזערקע פּערלמוטער (פאָטער פון וואַרשעווער רב); שלמהלע קופּפער און דעם קאָמפּאָזיטאָר פון רעליגיעזער מוזיק און גרינדער פון דער ערשטער חזנים־שולע אין טשענסטאָכאָוו, — אברהם־בער בירנבאַום; נחמיה ווינאַווער — קאָמפּאָזיטאָר פון רעליגיעזער פאָלקס־מוזיק אין בערלין (איצט אין אַמעריקע) — זיי אַלע זענען לאָדזשער.

אין פּלאַסטישער קונסט און מאָלעריי: די וועלט־באַקאַנטע סקולפּטאָרן; נחום ארנזאָן און הענעך גליצנשטיין, די באַוווּסטע מאָלערס: הירשנבערג, פּיליכאָווסקי, אַרטור שיק, יאַנקל אַדלער, מאַוריצי טרעמבאַטש, עמנואל ראַ־מאַנאַ (זון פון גליצנשטיין), בערמאַן, האַנעמאַן, יצחק בראַונער, הענעך באַרטשינסקי, שפּיגל, בענדער, ווילענסקי, ראַבאַן, גראַדזענסקי, דאַווידאָוויטש, איטקע רייכערט, אַבאַדאָווסקי, עווא ניימאַן (בזשעזשינסקאַ) (לעצטע זעקס — איצט אין ארץ־ישראל), מיענדזיזשעצקי, האַבער, מאַרקאָוויטש, ראַ־זענטאַל, דאַבזשינסקי, מאַרקעל, פעליציאַ פּאַצאַנאָווסקי און נאָך אַנדערע.

אויך מיט אירע שאַכמאַט־קינסטלער האָט זיך לאָדזש נישט געהאַט צו שעמען!

דער שאַכמאַט־קעניג רובינשטיין האָט געלעבט און אויפגעטראָטן אין לאָדזש; אויסער אים האָבן אין „לאָדזשער שאַך־קלוב״ כסדר אויפגעטראָטן די באַקאַנטע מייסטערס סאַלווע, ראַטלעווי און אַנדערע, וועלכע פלעגן שפּילן מיט די באַקאַנטע לאָדזשער אַמאַטאָרן און פּאַך־שפּילער ווי כייקל יאַנאָווסקי און אַנדערע.

דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן אַז אויך דער היינטיקער אַמעריקאַנער שאַך־קעניג סעם זשעשעווסקי, איז דאָס לאָדזשער ייִנגעלע שמואליקל, וואָס קומענדיק אַלץ קינד פון אָזאָרקאָוו, פלעגט ער שוין אויפטרעטן אין לאָדזש און אין זיין שאַך־קלוב. אגב, איז כדאי ביי דער געלעגנהייט צוצוגעבן, אַז

ער איז אַן אוראייניקל פונעם גרעסטן אַמאָליקן „יִדישן נדבן און בעל־צדקה ר׳ לייב קושמיראַק, — דעם אַזוי־געררופענעם „ראָטשילד פון פוילן״ (שווער פונעם שרייבער) וואָס נאָך מיט 70 יאָר צוריק איז ער געקומען מיט אַ זעגל־שיף קיין ארץ־ישראל, כדי אויסצוקויפן גרויסע שטחים באָדן אויף צו באַזעצן פרומע יִדן אין די ראַמען פון פּלאַן פון משה מאָנטעפיאָרע ז״ל.

***

צום סוף פון דער דאָזיקער רשימה איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אויך די צוויי באַוווסטע יִדישע פאָרשער: ד״ר יעקב פּייטלאָוויטש, — אַנטדעקער פון יִדישן שבט „פאַלאַשן״, ווי אויך אינזשיניער שמואל שוואַרץ, — אַנטדעקער פון די „פּאָרטוגעזישע אנוסים״ — זענען פון לאָדזש. ד״ר פּייטלאָוויטש ז״ל וועלכער איז לעצטנס נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל, איז דער זון פון ר׳ משה פּייטלאָוויטש (איינער פון די גאָר ערשטע און חשובסטע לאָדזשער יִדישע באַלעבאַטים). אינזשיניער שמואל שוואַרץ איז דער זון פון באַקאַנטן זגיערזשער משכיל און געלערטן ישכר שוואַרץ, וועלכער איז זייער פּאָפּולער און באַליבט געווען אין די יִדישע קרייזן פון פוילן.

.60

# דריי לאָדזשער יידישע קינסטלער — טרייע זין פון פאָלק

איידער מיר הייבן אָן דערציילן וועגן דעם לאָדזשער „קינסטלער־טריאָ": גליצענשטיין, הירשענבערג און פיליכאָווסקי, מוזן מיר צוערשט דערקלערן, אַז צו זייער לויב, האָט דער רום און אָנזען, וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן אין דער וועלט, זיי כלל נישט אַראָפּגעפירט פון נאַציאָנאַל־יידישן וועג.

פאַרקערט: וואָס פּאָפּולערער און באַרימטער זיי זענען געוואָרן, אַלץ בולטער האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער צוגעהעריקייט און צוגעבונדנקייט צום פאָלק ישראל.

## סקולפּטאָר הענעך גליצנשטיין

דער סקולפּטאָר גליצנשטיין, וואָס האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט מיט זיינע פאַרשידנאַרטיקע צייכענונגען, בילדער און סקולפּטור־ווערק, באַזונדערס מיט זיינע מאָנומענטאַלע שאַפונגען אויף ביבל־טעמעס, ווי: „קין און הבל", „משיח", „בר־כוכבא", „משה" אאַ"וו, איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער יידישער קולטור. אין זיין יוגנט האָט ער שוין געשריבן אַ ריי אַרטיקלען און לידער אין דער העברעישער שפּראַך.

אין יאָר 1917 פאָרט ער צוזאַמען מיט ביאַליקן קיין האַג, כדי אָנטייל צו נעמען אין דער העברעישער קאָנפערענץ, וואָס איר ציל איז געווען אויפצולעבן די העברעישע שפּראַך און קולטור.

גליצנשטיין איז געבוירן אין שטעטל טורעק, געלערנט האָט ער אין דער ישיבה פון קאַליש און זיין קינסטלערישן טאַלאַנט האָט אַנטדעקט לאָדזש!

דורך אויסקריצן אויף שיפער־שטיין אידעלע זיגלען און חתימות און, הויפּטזעכלעך, דורך די קינסטלערישע פיגורלעך, וואָס ער האָט פון דעמזעלבן שטיין אויסגעמייסטערט, ווערט דער יונגער הענעך באַקאַנט מיט אַ פּאָר



הענעך (ענריקאָ) גליצנשטיין

באַרימטער יידישער סקולפּטאָר, מאָלער און צייכנער

לאָדזשער גבירים, ווי: באַרוך, פּרוסאַק, זילבערשטיין, ראָזענבלאַט אאַ״וו, וועלכע האָבן זיך גענומען מיט אים אינטערעסירן, אים כסדר צוגעבן קוראַזש און, בעיקר, אים אויך אונטערגעשטיצט און פּראָטעזשירט.

זייענדיק אַן איינגייער אין הויז פון באַקאַנטן משכיל אברהם בעסער, ווערט גליצענשטיין צופעליק באַקאַנט מיט דער פאַמיליע הירשנבערג, וואָס האָט געוווינט אין בעסערס הויז, אויף. ווסכאָדניע (גערופן דעמאָלט: אַלטע פּאָסט־גאַס), און אַזוי אַרום ווערט ער, במילא, באַקאַנט מיט די פרישמאַנס, — די נאָענטע קרובים פון הירשענבערגס.

אַזוי באַפריינדעט זיך אונדזער העלד מיט זיין צוקונפטיקן שוואָגער, דעם מאָלער שמואל הירשענבערג, אויך מיט זיין קוזין, דעם שריפטשטעלער דוד פרישמאַן און מיט זיין צוקונפטיקער פרוי, העלענאַ (הינדע־גיטעלע) — די יינגסטע טאָכטער פון די הירשענבערגס.

מיט דער אויפמונטערונג פון לאָדזשער פריינד און משכילים, מיטן לערער פאַביאַן שרייבער אין דער שפּיץ, און מיט דער שטיצע פון עטלעכע לאָדזשער גבירים, פאָרט ער שטודירן קיין מינכען, וווּ ער באַקומט אין דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע די ערשטע גרויסע קינסטלערישע דערפאַרונג און דעם ברייטן שווונג צו גרעסערע און ערנסטערע פאַרמעסטן אויפן קונסט־געביט.

אָבער ס׳האַרץ ציט אים צוריק קיין לאָדזש. דאָ האָט ער דאָך זיינע ערשטע פאַרערער; דאָ זענען פאַראַן די פיל באַקאַנטע זיינע. אין לאָדזש האָט ער דאָך זיינע איבערגעגעבנסטע פריינד און, לסוף, געפינט זיך דאָך דאָ זיין נאָענטסטע — זיין ליבע העלענאַ!

קומט ער טאַקע צוריק קיין לאָדזש, פאַרברענגט אַנגענעם אין קרייז פון די הירשענבערגס און לערנט אינצווישן ביי זיין כלה פּוילישע און דייטשע ליטעראַטור. ווען ער האָט חתונה פאָרט ער מיט זיין פרוי קיין רוים.

דאָ אַרבעט ער שוין גאַנץ אינטענסיוו! ער ווערט וואָס אַמאָל פּאָפּולערער און אָנגעזעענער און ווערט אויך כסדר באַערט מיט די גרעסטע אויסצייכענונגען פאַר זיינע הערלעכע קונסט־ווערק.

אָבער לאָדזש ציט אים כסדר צוריק און ער קומט אַהער ווידער און אָבער. און אַזוי ווייליט ער בעתן ערשטן וועלט־קריג אין לאָדזש, האָט דאָ אַ גרויסע סטודיע און מאָלט פיל לאָדזשער און פּוילישע פּערזענלעכקייטן.

אין די שפּעטערע יאָרן אימיגרירט ער קיין אַמעריקע, שאַפט דאָרט אַ סך קונסט־ווערק, און זייענדיק שוין אין טיפן עלטער געשעט מיט אים אַן אומגליק, — אַן אויטאָ פאָרט אים איבער און ער גייט אַוועק פון דער וועלט. תנצב״ה.

**
*

העלד גליצנשטיין לעבט שוין נישט, אָבער זיין נאָמען אַלס גרויסער יידישער קינסטלער בלייבט אויף אייביק! אויסער דעם האָט די ערשטע און

גרעסטע יידישע שטאָט אין ארץ־ישראל, תל־אביב, באַערט זיין נאָמען מיט אַ ספּעציעלער „גליצנשטיין־גאַס" אין נאָבעלסטן פּערטל פון שטאָט.

אָבער צום שענסטן האָט פאַראייביקט זיין נאָמען די שטאָט צפת! אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון עטלעכע כלל־טוער מיט יהודה מאָזעס (אַרויסגעבער פון „ידיעות אחרונות") בראש, איז אין דער דאָזיקער היסטאָרישער שטאָט געעפנט געוואָרן אַ ספּעציעלער „גליצנשטיין־מוזעאום", אין וועלכן די פאַמיליע פונעם גרויסן קינסטלער האָט אַריינגעגעבן אַ גרויסן טייל פון זיינע שאַפונגען. אַזוי, אַז דאָס „גליצנשטיין־מוזעאום" איז באמת דער שענסטער מאָנומענט צום אָנדענק פון אונדזער גרויסן פאָלקס־קינסטלער.

***

ווי באַוווּסט, האָט גליצנשטיין זוכה געווען באַערט צו ווערן מיט פיל אויסצייכענונגען פאַר זיינע קונסט־שאַפונגען, צווישן אַנדערן האָט אים די בערלינער אַקאַדעמיע צוויי מאָל באַשאָנקען מיט דער אַזוי־גערופענער „רוים־אויסצייכענונג, — אַן אויסצייכענונג, וואָס גיט יעדן קינסטלער דאָס רעכט זיך צו באַזעצן אין איטאַליע און זיך דאָרט ווידמענען זיין קינסטלערישער אַרבעט, אויף די קאָסטן פון דער איטאַליענישער רעגירונג.

גליצנשטיין האָט טאַקע די דאָזיקע ערן־איינלאַדונג אָנגענומען, זיך באַזעצט אין רוים, איינגעאָרדנט אַ שיינעם אַטעליע ווו ער האָט געשאַפן פיל פון זיינע געלונגענסטע קונסט־ווערק.

די איטאַליענער, זייענדיק העכסט־צופרידן, וואָס דער גרויסער קינסטלער האָט זיך באַזעצט אין זייער לאַנד, האָבן זיך כסדר באַמיט צו פאַרלייכטערן און צו פאַרשענערן זיין לעבן.

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן אים גענומען באַטראַכטן אַלס זייערס אַן „אייגענעם", ממש אַלס אַן איטאַליענישן קינסטלער, קרוינענדיק אים אַפילו מיטן איטאַליענישן ליבלינגס־נאָמען „ענריקאָ"...

און אַזוי איז טאַקע מיט דער צייט דער נאָמען „ענריקאָ גליצנשטיין" אַזוי פּאָפּולער געוואָרן אין גאַנץ איטאַליע, אַז ביי דער וועלט־אויסשטעלונג אין ווענעדיק (1926) האָבן די איטאַליענער אָפּגעגעבן „זייער" גרויסן קינסט־

לער אַ באַזונדערן פּאַווילאָן פאַר זיינע אַלע קונסט־ווערק און האָבן אויך באַשלאָסן אַריינצוטראָגן, באַלד נאָך דער אויסשטעלונג, זיין נאָמען אינעם ספּעציעלן קונסט־קאַטאַלאָג פון די גרויסע איטאַליענישע קינסטלער.

געוואָר־ווערנדיק, בעת דעם שלוס־באַנקעט פון דער אויסשטעלונג, אַז זיין נאָמען וועט אַריינגעטראָגן ווערן אין דעם דאָזיקן אָפיציעלן קונסט־קאַטאַלאָג אַלס איטאַליענער איז אונדזער העלד פלוצים אויפגעשטאַנען, געבעטן ס'וואָרט און אין קעגנוואַרט פון די אָנוועזנדיקע פערזענלעכקייטן און פאַרשטייער פון דער איטאַליענישער רעגירונג, דערקלערט דאָס פאָלגנדיקע:

„עס איז וואָר, אַז אַ גאַנץ גרויסן טייל פון מיינע שאַפונגען האָב איך לעצטנס געשאַפן אין דעם דאָזיקן ליבן לאַנד. ס'איז אויך אַ פאַקט און איך דערקלער עס עפנטלעך, אַז איך בין ממש פאַרליבט, הן אין אייער הערלעך לאַנד מיט זיינע וווּנדערשיינע פּייזאַזשן און הן, באַזונדערס, אין אירע איינוווינער, וועלכע האָבן מיך אַזוי האַרציק אויפגענומען פונעם ערשטן טאָג פון מיין אָהערקומען צו אייך!

איך וויל אָבער, אַז איר, הויכגעשעצטע אָנוועזנדע, זאָלט וויסן, אַז איך — פאַר מיר אַליין, — בין אַ ייִדישער קינסטלער, — אַ קינסטלער, וואָס איז שטאָלץ דערמיט, וואָס זיינע ברידער ציילן אים צו זייערע פאָלקס־קינסטלער!

איר וועט מיר דעריבער פאַרשאַפן אַ טאָפּלטן פאַרגעניגן און אַ טאָפּלטן כבוד, ווען אין דעם נייעם קינסטלער־בוך וועט מיין נאָמען באַצייכנט ווערן אַלס „ייִדישער קינסטלער"...

אָט אַזוי האָט אויפגעטראָטן פאַר דער גרויסער וועלט אונדזער ייִדישער פאָלקס־קינסטלער העניעך גליצנשטיין, זכרונו לברכה!

אַ זייער טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק איבער גליצנשטיינס נאַטור געפינען מיר אין נייעסטן ווערק פון באַקאַנטן שוישפּילער זיגמונט טורקאָוו:

„גליצנשטיין איז געווען אַן אומרויִקע נאַטור, אַ ברענענדיקער, דורכבויערנדיקער בליק, אַ בינטל נערוון, וואָס טרייבן די געדאַנקען מיט אַ נישט־געצוימטן אימפּעט, האַסטיקע באַוועגונגען מיט מאַנגל אין זעלבסט־קאָנטראָל; אַן אַנאַרכיסטישע, אימפּולסיווע, קאָמפּלי־

אברהם טענענבוים־ארזי

צירטע קינסטלער־נאַטור — דאָס זענען געווען די אייגנשאַפטן פּו־נעם קינסטלער גליצנשטיין אאַ״וו. — זיין אַטעליע איז געווען ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין נאַטור״.

(פון זיגמונט טורקאָווס בוך: „טעאַטער־זכרונות פון אַ שטור־מישער צייט״, זייט 102, דערשינען אין פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״ אין אַרגענטינע).

אַ דאַנק גליצנשטיינס דערמאָנטער „אימפּולסיווער און קאָמפּליציר־טער קינסטלער־נאַטור״ האָט ער אונדז איבערגעלאָזן, חוץ זיינע וועלט־באַקאַנטע מאָנומענטאַלע סקולפּטור־שאַפונגען, אויך ליטעראַרישע שאַפונ־גען און דווקא אין דער העברעישער שפּראַך.

.61

## שמואל הירשנבערג אַלס מאָלער און אַלס ייד

כאָטש דער צווייטער פונעם לאָדזשער „קינסטלער־טריאָ", שמואל הירשנבערג, איז געווען אַ גאַנץ אַנדער טיפּ מענטש ווי זיין חבר און שוואָגער הענעך גליצנשטיין און כאָטש ער האָט זיך פון אים אונטערגעשיידט הן אַלס קינסטלער און הן אין כאַראַקטער, איז ער אָבער אויפן געביט פון יידישקייט געשטאַנען אויפן זעלבן באָדן וואָס גליצנשטיין.

והא־ראיה, פאָלגנדער פאַקט:

אין יאָר 1907, בעת דער נאָמען פון מאָלער שמואל הירשנבערג איז שוין געווען גענוג באַקאַנט, סיי מיט זיינע קונסטווערק אויף אוניווערסאַלע טעמעס און סיי מיט זיינע יידישע בילדער: „דער אייביקער ייד", „אוריאל אַקאָסטאַ", „אסתר און המן", „פאַרנאַכט אין בית־המדרש", „שפינאָזאַ", „יידישער בית־הקברות", „פרייטיק צו נאַכט", „דאָס דאַוונען אויפן פעלד", „די ישיבה", „יום־טוב אין געטאָ", „די מידע יידן", „די יידישע עמי־גראַנטן" (באַקאַנט אַלס „דער יידישער גלות", פאַר וועלכן הירשנבערג איז באַערט געוואָרן אויף דער פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג (1900) מיט דעם גאָלדענעם מעדאַל) און נאָך פיל אַנדערע בילדער, צוליב וועלכע די פּאָליאַקן האָבן שוין אַריינגענומען זיין נאָמען אין דער רשימה פון זייערע גרעסטע פּוילישע קינסטלער.

אָט גראָד אין יענער צייט פאַרלאָזט הירשנבערג פּלוצים אייראָפּע און מקיים־זייענדיק, ווי ער פלעגט דאַן זאָגן, דעם פּסוק: „לך לך מארצך, וממולדתך ומבית אביך" — פאָרט ער קיין ארץ־ישראל, ווערט דאָרט

די רעכטע האַנט פון פּראָפעסאָר שאַץ אין דער „קונסט־שולע בצלאל״, און דאָס נאָר, ווי הירשנבערג אַליין האָט זיך דאַן, בעתן געזעגענונגס־אָוונט אויסגעדריקט, כדי צו דינען דעם יידישן פאָלק מיט ייִדישער קונסט, אויף ייִדישע טעמעס און דווקא אין אונדזער ליב־טייער פאָטערלאַנד — ארץ־ישראל!

***

וועגן דעם מאָלער הירשנבערג דערציילט דער באַקאַנטער סקולפּטאָר גליצענשטיין וואָס איז געווען זיין יוגנט־פריינד און שוואָגער, פאָלגנדעס:

„ווען איך בין צום ערשטן מאָל, אין יאָר 1887, אַריינגעקומען קיין לאָדזש, אין הויז פון הירשנבערגס עלטערן, בין איך דאַן אַלט געווען סך־הכל 17 יאָר. די גאַנצע משפּחה, מיט אירע צוועלף קינ־דער, האָט געוווינט אין צוויי טונקעלע, פייכטע שטובן.

די דערוואַקסענע קינדער האָבן מיר אָנגעוויזן אויף עטלעכע בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט, באַטאָנענדיק, אָן שום גאווה, אַז די בילדער זענען געמאָלן פון זייער ברודער שמואל, וואָס געפינט זיך אין מינכען.

באַלד אָבער האָבן זיי צוגעגעבן מיט שטאָלץ די באַמערקונג, אַז נאָך איינער פון זייער משפּחה, — דעם פּעטערס זון, דודזשע (דוד פרישמאַן...) געפינט זיך אויך אין אויסלאַנד און ער האַלט שוין אַפילו ביים פאַרעפנטלעכן אַ ספר אין העברעיִש!״...

און גליצנשטיין דערציילט ווייטער:

„איך, וואָס כ׳האָב אַזוי געשטרעבט צו ווערן אַ קינסטלער, האָב גאָר נישט געוווּסט, אַז עס שטייט מיר פאָר צו פאַרבינדן אין דער דאָזיקער משפּחה דעם ריכטיקן „דריי־בונד״ — הירשנבערג־פרישמאַן־גליצנשטיין!

ווען כ׳האָב זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט, אין יאָר 1888, מיט הירשנבערגן, בעת ער איז געקומען קיין לאָדזש, זיך אַביסל אָפּצו־רוען, האָב איך פאַר מיר געזען אַ זייער אינטעליגענטן יונגנמאַן, שיין געקליידעט מיט אַ זיס־ליב־שמייכעלע אויף זיין אַריסטאָקראַ־טישן פּנים.

און אַזוי זענען מיר מיט דער צייט באַפריינדעט געוואָרן און אין איינעם פון אונדזערע אינטימע געשפּרעכן האָט ער מיר אַנט־דעקט דעם סוד, אַז דאָרט, אין מינכען, הונגערט ער ממש!... און נישט איינמאָל שטילט ער זיין הונגער מיט די רינדלעך פון ברויט, וואָס זיינע קאָלעגן, די סטודענטן, לאָזן איבער אין דער קונסט־אַקאַ־דעמיע, נאָכדעם ווי זיי נעמען פון ברויט אַרויס דעם ווייכן טייל, מיט וועלכן זיי באַנוצן זיך אָפּצומעקן פון צייכן־פּאַפּיר די איבעריקע שטריכן פון זייערע צייכענונגען.

אַן ענלעכן גורל האָט געהאַט אויך מיין פריינד און קרוב דוד פרישמאַן. ביידע — אַזוי הירשנבערג ווי פרישמאַן, האָבן געהאַט אַ פאַרביטערט לעבן אין הויז פון זייערע עלטערן, בעת די עלטערן זענען געווען שותפים אין מסחר און נאָכדעם, ווי זיי האָבן נישט מצליח געווען זענען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, געוואָרן אויס שותפים.

ביידע ייִדישע קינסטלער האָבן גרויסע נאַציאָנאַלע פאַרדינסטן! פרישמאַן האָט געשאַפן וויכטיקע קולטור־ווערטן פאַרן ייִדישן פאָלק און הירשנבערג האָט געמאָלן בילדער וועלכע וועלן אייביק רעדן וועגן ייִדישן שעפערישן גייסט.

פרישמאַן איז געשטאָרבן אַ קראַנקער אין בערלין און הירשנ־בערג האָט אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה צוליב אַ מאָגן־קראַנקייט, אין דער שטאָט ירושלים, אויף דעם אָרט, וווּ ער האָט געוואָלט העלפן אויפשטעלן אַ נאַציאָנאַלע קונסט־שולע פאַר ייִדן".

(פון גליצנשטיינס אַרטיקל אין „לאָדזשער אַלמאַנאַך", ניו־יאָרק, 1934, זייטן 97 ביז 99).

און איצט, לאָמיר הערן וואָס זאָגט וועגן הירשנבערגן דער לייטער פון דער „בצלאל"־שולע אין ירושלים, מ. נאַרקיס.

פּראָפעסאָר שאַץ, וועלכער איז געקומען (1906) קיין ארץ־ישראל, כדי „צוזאַמענצושטעלן דאָ אַ גרופּע ייִדישע קינסטלער מיט „רוח־הקודש" און פרייע מענטשן (בני־חורין) — ייִדישע קינסטלער, געזונט קערפּערלעך און אויך גייסטיק און דערצו מוטיקע מענטשן", איז אין זיין אונטערנעמונג געווען זייער איינזאַם.

בעת ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל האָבן אים נישט באַגלייט קיין שום יידישער קינסטלער פון די גלות־לענדער. און אַפילו אפרים ליליען, וואָס איז דאָן יאָ מיט אים מיטגעקומען, האָט עס געטון נאָר אַלס ציוניסט, וואָס איז געקומען זען ס'לאַנד, אָבער נישט מיטן ציל צו נעמען אויף זיך דעם דאָזיקן גרויסן עול וואָס פּראָפעסאָר שאַץ.

„נאָר איין מענטש — דערציילט נאַרקיס — האָט פּראָפעסאָר שאַץ געפונען, אַ קינסטלער פון קאָפּ ביז די פיס, אַ קינסטלער פול מיט פאַרביטערונג, אַ מענטש וואָס האָט זיך אַנטוישט אין אייראָפּע — — שמואל הירשנבערג איז עס געווען (געבוירן 1866 נפטר געוואָרן אין 1908).

ווען הירשנבערג איז דערשינען אַלס מאָלער — האָט ער אָנ־געהויבן זיין קונסט ווי אַ „פּרעדיקער"; ער האָט גענומען שילדערן פול מיט ערנסט און ברוגז דאָס „באַדריקטסטע" פון צווישן די פעל־קער — דאָס יידישע פאָלק!".

און ווייטער:

„מיט ביטערער שנאה און מיט אַ געביילטער פויסט פון זיין אַנגעווייטיקטער נשמה, האָט הירשנבערג פאַרלאָזט אייראָפּע און געקומען אין 1907 קיין ירושלים, מיט אַ האַרץ פול מיט האָפענונג, צו שאַפן דאָ אין דער „בצלאל־שולע" יענעם קרייז פון קינסטלער, וועלכע זאָלן זיין דורך און דורך איבערגעגעבן דעם איינעם דער־הויבענעם אידעאַל — צו בילדן די ערשטע העברעיִשע אַקאַדעמיע פאַר קונסט.

שמואל הירשנבערג איז געקומען קיין ארץ־ישראל מיט נאָך אַ ציל: צו געפונען דאָ אַ היילונג פאַר זיין צעווייטיקטער נשמה, ווי אויך פאַר זיין קונסט, וועלכע ער האָט געוואָלט באַפרייען פון די „אַקאַדעמישע קייטן".

אָבער זיין נשמה איז שוין געווען צופיל נידערגעשלאָגן! ער האָט זיך ממש געאָפּפערט אין צעלט פון דער אַלגעמיינער קונסט, כדי צו שאַפן אַ ריין־יידישע קונסט — אַ קונסט וואָס רעדט צום האַרצן און וואָס באַלערנט...

פון זיין שטענדיקן הונגערן, איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַ געפערלעכער מאָגן־קראַנקייט, פון וועלכער ער איז לײדער אַוועק פון דער וועלט.

ער האָט אָבער באַוויזן איבערצולאָזן אין דעם איינעם יאָר פאַר זיינע שילער זיין גרויסע לערע, וועלכע איז ביי זיי זייער געשאַצט און אָנערקענט!

הירשנבערג האָט איבערגעלאָזן אין האַרץ פון זיינע שילער אַ שטרעבן צו קונסט פון אַ קעניגרייך פון כהנים און פון אַ הייליקן פאָלק! (ממלכת כהנים וגוי קדוש)".

(פון דירעקטאָר נארקיס מאמר אין „ספר השנה של א״י", — תרצ״ד — זייטן 27־326).

אויסער פיל בילדער פון ארץ־ישראל, האָט הירשנבערג געמאָלן דאָ ספּעציעל תימנער, אַנטדעקנדיק, לויט זיין איבערצייגונג, אין זיי דעם טיפּ פון נאַטירלעכן ייִדן, אין קעגנזאַץ צום גלות־ייִד — דעם שטעטל־ייִד...

***

אַט דאָס איז געווען אונדזער נאַציאָנאַלער קינסטלער, שמואל הירשנבערג, וועלכער איז, לײדער, פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן, זייענדיק סך־הכּל 42 יאָר אַלט. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן „הר־הזיתים", אין ירושלים.

.62

## לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי, אַלס ייד און אַלס קינסטלער

דער דריטער פון דער דערמאָנטער קינסטלער־גרופּע איז געווען דער באַקאַנטער מאָלער לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי, וואָס האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט מיט זיינע בילדער, וואָס שילדערן דאָס לעבן פון די פּוילישן יידן, ווי: „יום־כּיפּור", „דאָס דאַוונען אין שול", „אתרוג־בענטשן", „האַנדעל האַנדעל", „די יידישע פּרוי", „די לומדים", „שמע ישראל", „די יידישע חתונה", „די מידע יידן" און נאָך פיל אַנדערע בילדער פון יידישן לעבן, פון וועלכע עס זעט זיך אַרויס די גרויסע ליבשאַפט פון דעם דאָזיקן יידישן קינסטלער צו זיין פאָלק און צו אַלעם וואָס איז אים ליב און הייליק.

כדי צו געבן דעם לייענער די מעגלעכקייט נעענטער צו קענען דעם דאָזיקן יידישן קינסטלער, וועלן מיר דאָ ברענגען דאָס וואָרט וועגן אים פון זיין יוגנט־חבר דוד פרישמאַן:

(אין זיין מאמר געווידמעט פּיליכאָווסקיס בילדער־אויסשטעלונג אין דער וואַרשעווער „זאַכענטאַ" אָפּגעדרוקט אין יעקב כהנס „העברי החדש").

„וואָס?! — לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי? —
ניין! און בשום אופן ניין!
נישט „לעאָפּאָלד", נאָר בפירוש „לייבעלע"!
אָט אַזוי געדענק איך אים! און אַזוי זענען ביי אונדז ביידן אַוועק אונדזערע יוגנט־יאָרן.

געדענקסטו נאָך, לייבעלע, וואָס מיר פלעגן אָפּטון אין שמעון־בער פּאָמפּערס דאַך־שטוב?... און צי געדענקסטו נאָך דעם לאָדזשער „סטאָוו" (טייך „לודקאָ") אין די פּריוואַט־פּאַרנאַכטן און די זון וואָס פלעגט זיך אין אים טובל זיין? און דעם „מילשער־וואַלד" געדענקסטו נאָך? און ווי אַזוי מיר ביידע פלעגן זיך אין אים אַריינקריגן?

און ווי אַרום אונדז זענען געווען די רויך־קוימענס פון די פאַבריקן, און דער וואָלקן־זייל פון רויך און די שטיקנדיקע לופט, וואָס אַרום די שטענדיקע געשפּרעכן וועגן „קעטע און שוס"?

איך רעד דאָ וועגן אונדזער געבורטסשטאָט לאָדזש! און אין די הערצער פון אַ צוויי־דריי איינצלנע „אויסנאַם־לאָדזשער" וועבן זיך דאַן חלומות פון קינסטלער...

צי געדענקסטו דאָס אַלץ, לייבעלע?

***

פרישמאַן שרייבט ווייטער:

„עס איז אַ רעטעניש און עס וועט אויך בלייבן אַן אייביק רעטעניש, ווי אַזוי דווקא אַזאַ שטאָט ווי לאָדזש האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזאַ גרויסע צאָל קינסטלער!

אַך ווי לאַנג איז שוין די צייט זייט יענע יוגנט־יאָרן!

דו, לייבעלע, ביסט דורך דער צייט געוואָרן אַ מאָלער, און איך — לאַך נישט פון מיר און פון מיין דלות — איך בין געוואָרן אַ יידישער שרייבער; און מיט אונדז ביידן איז געווען נאָך איינער, דער דריטער פון אונדזער יוגנט־קאָלעגיום — שמואל הירשנבערג האָט ער געהייסן.

אוי, שמואל הירשנבערג, נעבעך! — איך מוז אויף אַן אויגנבליק אָנוועקלייגן די פעדער פון האַנט און אויפשטיין!

לאָמיר אָקאָרשט אָפּגעבן כבוד זיין אָנדענק! — כבוד אַ קינסטלער, וואָס איז פריצייטיק געשטאָרבן!

***

„אָט קומען מיר אַריין אינעם קונסט־טעמפּל „זאַכענטאַ" און פון אַלע ווענט קוקן אויף אונדז לייבעלע פּיליכאָווסקיס בילדער:

פאָרטרעטן, פּייזאַזשן, פאַרשידענע קעפּ צום שטודירן, לאַנדשאַפטן און באַזונדערס די בילדער פון ייִדישן לעבן.

און דאָס וואָס פאַרוואונדערט צוממערסטן ביי פּיליכאָווסקין איז זיין כסדרדיקער אַריבערגיין פון איין שולע אין אַ צווייטער.

איר וועט אפשר וועלן אורטיילן דערפון, אַז דער קינסטלער איז נאָך מיט זיך נישט פאַרטיק, און ער זוכט כסדר נאָך און נאָך?

— האָט איר, דאַכט זיך מיר, אַ גרויסן טעות!

ווייל ווער ס׳פאַרטיפט זיך גוט אין דעם, זעט ער אויך אין דעם אַ ייִדישע אייגנשאַפט. אויך דאָס איז געוויס אַ טייל פון „קאָסמאָ־פּאָליטיזם״, וואָס איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט געוואָרן אין דער ייִדישער נאַטור, אַז ער איז ביי אים געוואָרן אומעטום אַן אמתער בן־בית...

אָט האָבן מיר פאַר זיך פּיליכאָווסקיס אויסגעצייכנט בילד „זמן שמחתנו״, — אַ בילד וואָס איז שיין, ממש צום שטוינען! ווייל וויפל עס זענען דערויף די צאָל פון די קעפּ, אַזוי פיל איז אויך די צאָל טיפן אויף דעם בילד; און וויפל טיפן עס זענען אויפן בילד, אַזויפיל פאַרשידענע וועלטן זענען אויך פאַראַן!

און די אַלע באַזונדערע וועלטן פאַרייניקן זיך, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אין איין איינציקע וועלט, — אין דער ייִדישער וועלט!

דאָס בילד איז: סוכות אין שול, בעת די ייִדן האַלטן אין זייערע הענט לולבים און אתרוגים און זיי זענען פריילעך. דער יום־טוב־פאַרגעניגן איז אויסגעגאָסן אויף יעדן פּנים, אַפילו אויף די גאָר פּיצינקע קינדערלעך. אַלע, אַלע זענען זיי פריילעך! און דאָך — — —

דאָך הערט זיך אין געהיים די שטימע פון אַ „בת־קול״, וואָס איז פול מיט טיפן טרויער און אַפילו מיט אַביסל איראָניע, וועלכע ברומט שטילערהייט: ווי, ווי צו אונדז און צו אונדזער לעבן — אויף וואָס משטיינס־געזאָגט מיר האָבן עס פריילעך צו זיין״...

דאַן שילדערט פרישמאַן אויך אַנדערע בילדער, באַזונדערס זיין באַ־רימטן „שמע ישראל״ און ער זאָגט:

„דעם ציל, וואָס דער קינסטלער האָט זיך געשטעלט מיט דעם דאָזיקן בילד איז געווען שווער, באַזונדערס דער מאָמענט, ווען דאָס

קול פונעם הייליקן וואָרט „אחד" דאַרף זיך הערן און דורכדרינגעז ביז אַלע ווינקלען און שוועבן אין דער גאַנצער לופט פון דער שול; און איצט האָבן מיר אַט דעמדאָזיקן אינטערעסאַנטן מאָמענט מאָמענט אויס־געפּרעגט אויפן לייוונט אין די פאַרשידענע פּנימער וואָס אויפן בילד.

אַט, למשל, זעט מען דעם דאָזיקן מאָמענט אין פּנים פונעם ערשטן, דורך צוזאַמענעמען ערנסט די כוונות זיינע; ביים צווייטן — מיט זיין אויסער־געוויינלעכער התלהבות; ביים דריטן — אין זיין אויפריכטיקן יידישן קרעכץ; ביים פערטן — דווקא מיט דעם שווייגן פון זיין צעוויטיקט פּנים, אַ פּנים, וואָס מאָנט און פאַרלאַנגט פון רבונו־של־עולם אַ דין־וחשבון פאַר אַלע אונדזערע צרות — די צרות פון יידישן פאָלק!...

דער רושם איז גרויס און אויך זייער שטאַרק!".

און נאָכדעם, ווי פרישמאַן שאַצט אָפּ אויך אַלע איבעריקע בילדער, בלייבט ער שטיין ביי די „מידע יידן" און זאָגט:

„מידע יידן" — יידן וואָס זענען זייער, זייער מיד, אַ צוויי טויזנט־יאָריקע מידקייט פון יידישן גלות! אַ מידקייט פון יידן וואָס זענען לעבן־געבליבן נאָך שחיטות, רציחות און פּאָגראָמען און איצט — וואַנדערנדיק ווייט, ווייט — זענען זיי אין מיטן אַ וועג און רוען נע־בעך אויף זייערע פּעקלעך — דאָס ביסל „בעטל", וואָס איז זיי גע־בליבן פון זייער גאַנץ פאַרמעגן...

און פרישמאַן ענדיקט מיט פאָלגנדע ווערטער:

„פיליכאָווסקי איז פאַקטיש געװוג רייף געוואָרן; אָבער דער עיקר פון אַלע זיינע שאַפונגען באַווייזט אונדז, אַז ער איז אַ מענטש מיט אַן אויסגעצייכנטער קולטור און מאָלט מיט אַ גרויסער און פילאָסאָפישער אינטעליגענץ".

(פון פרישמאַנס אַרטיקל איבער פיליכאָווסקין אין „העברי החדש", דערשינען אין יאָר 1912).

* * *

די ביאָגראַפיע פון לעאָפּאָלד פיליכאָווסקי איז ענלעך צו דער ביאָ־גראַפיע פון הירשנבערגן:

נאָך פיל יאָרן וואַנדערן האָט ער זיך באַזעצט אין פּאַריז, און נאָכדעם ווי זיין הויז איז ביים ערשטן וועלט־קריג (1914) צעשטערט געוואָרן, איז ער, נאָך פיל צרות און ליידן געקומען קיין לאָנדאָן און טאַקע דאָרט געשאַפן זיינע אויסגעצייכנטע זאַכן.

דער נאָמען פּיליכאָווסקי איז באַלד אין ענגלאַנד זייער פּאָפּולער געוואָרן און זיינע בילדער האָבן באַקומען אָפּנעמער אין די בעסטע קרייזן פון לאָנדאָן.

און גראָד דעמאָלט שליסט ער פלוצים זיין אַטעליע, פּאַקט זיינע כלים און מאָל־צייג און פאָרט (אין יאָר 1925) קיין ארץ־ישראל, צוזאַמען מיט לאָרד באַלפור, כדי אָנטיילצונעמען אין דער גרינדונג פון דעם העברעישן אוניווערסיטעט און — ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט:

„כדי צו פאַראייביקן פאַרן יידישן פאָלק דאָס דאָזיקע היסטאָרישע געשעעניש, וועלכער איז דאָך דאָס גרעסטע קולטורעלע געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע, זייט דער גרינדונג פון „יבנה"!

(פון פּיליכאָווסקיס רעדע, בעת אַ טיי, וואָס איז געגעבן געוואָרן לכבוד אים אין תל־אביב, אין דער וווינונג פון מחבר — א. ט.).

**
*

פיר חדשים צייט, לערך, איז פּיליכאָווסקי דאָן געזעסן אין ארץ־ישראל, ביז ער האָט פאַרענדיקט דעם סקיץ צום מאָנומענטאַלן ווערק: „די דערעפענונג פון דעם אוניווערזיטעט אויפן הר־הצופים".

דערנאָך האָט ער נאָך אָנגעגעבן דעם דאָזיקן היסטאָרישן בילד מיזאַמע אַרבעט, לערך 3 יאָר, אין זיין לאָנדאָנער אַטעליע, וווהין עס זענען געקומען פּאָזירן פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן, מיט באַלפורן אין דער שפּיץ.

דאָס בילד איז געווען אויסגעשטעלט אין ענגלאַנד און עס זענען געקומען עס זען און באַוווּנדערן די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן און רעגירונגס־לייט פון ענגלאַנד.

**
*

אַ זייער אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק איבער פּיליכאָווסקין, געפינט מען אין בוך „פּוילישער ייד אין אַמעריקע", פון יאָר 1944:

„פּיליכאָווסקי האָט בעת זיין לעבן געמאָלן כמעט אַלע גרעסטע ייִדישע פּערזענלעכקייטן פון זיין דור: אחד־העם, ביאַליק, סאָקאָלאָוו, איינשטיין, וויצמאַן, הרב עהרענפּרייז, מאַקס נאָרדאַו, הערבערט סעמועל, טשלענאָוו, אוסישקין, זאַנגוויל, אאַ״וו



לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי

אָבער זיין וועלט־רום האָט ער דערוואָרבן דורך דעם באַרימטן בילד „די דערעפענונג פון דעם העברעיִשן אוניווערזיטעט אין ירושלים״, אין וועלכן ער האָט פאַראייביקט אויף אַ זייער לעבעדיקן און פייערלעכן אופן דאָס דאָזיקע היסטאָרישע געשעעניש און צוזאַמען דערמיט אויך די הערלעכע געשטאַלטן פון די חשובסטע ייִדן און נישט־ייִדן פון דער וועלט.

אין יולי 1927 איז דאָס דאָזיקע מאָנומענטאַלע ווערק (אויפן ווונטש פון קעניגלעכן הויף), אַריינגעבראַכט געוואָרן אין בירמינג־

האָס־פּאַלאַץ, וווּ עס איז געבליבן עטלעכע טעג צו דער אָבסערווירונג פון ענגלישן קעניג און זיין פאַמיליע.

אָט דאָס אַליין איז שוין געווען אַ געשעעניש, איבער וועלכן כמעט די גאַנצע ענגלישע פּרעסע האָט געשריבן. דער „טיימס", ענ־דיקנדיק זיין אַרטיקל מיט אַ שטאַרקן לויב פאַר דעם דאָזיקן פּראַכט־בילד, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, דורך און דורך געזאַפּט מיט גייס־טיקער פייערלעכקייט פון יידישער נאַציאָנאַליטעט, גיט צו פאָל־גנדעס:

„עס איז אַ גרויסער ספק, אויב ווער עס איז פון די נישט־יידישע קינסטלער, וואָלט אימשטאַנד געווען אויפצופאַסן און אויס־דריקן אויפן לייוונט דעם געהויבענעם גייסט פון אָט דעם דאָזיקן היסטאָרישן געשעעניש!".

(פון אַרטיקל אין „פוילישער ייד אין אַמעריקע", זייטן 29—32, 1944).

אין דעמזעלבן ספר געפונען מיר אין זיין ענגלישער אָפּטיילונג אַ מאמר פון ווערנער, וועלכער גיט איבער נאָך עטלעכע אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן פּיליכאָווסקין. באַזונדערס, אַז אַלס אָנערקענונג פאַר זיינע קונסט־אַרבעטן, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג געקויפט זיין בילד „יום־כיפּור" פאַרן לוקסעמבורגער מוזעאום און פון דאָרט איז עס שפּעטער אי־בערגעפירט געוואָרן אין פּאַריזער לוווּר.

ווערנער גיט אויך איבער דעם פאַקט, אַז דער „גייסטיקער פּאַטראָן", וואָס האָט געגעבן פּיליכאָווסקין דעם שטויס צו ווערן אַ מאָלער, איז געווען טאַקע דוד פרישמאַן אַליין! ער איז עס געווען דער, וואָס האָט אים געהאָלפן באַקומען געלט אויף זיין שטודיום אין מינכען און ער האָט אים אויך געהאָלפן פאָרן קיין פּאַריז.

***

דאָס דערמאָנטע מאָנומענטאַלע בילד „דערעפענונג פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט" האָבן זיינע יורשים באַהאַלטן פאַר די נאַציס און עס גע־בראַכט קיין ירושלים, אַלס מתנה פאַר דעם אוניווערזיטעט, צו זיין 25־יאָ־ריקן יובילעאום. און טאַקע דעמאָלט (1950) האָט דער תל־אביבער שטאָט־

ראַט פּאַראייביקט זיין נאָמען מיט אַ „רחוב לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי!״.

צום שלום לאָמיר דערמאָנען די כאַראַקטעריסטישע ווערטער, מיט וועלכע נחום סאָקאָלאָוו האָט אָפּגעשאַצט די דערמאָנטע דריי לאָדזשער קינסטלער:

„אַלץ וואָס די שרייבער האָבן געשריבן וועגן יידישן לעבן אין פּוילן, סיי אין ביכער, און סיי אין בראָשורן, צייטונגען, זשורנאַלן, פּעליעטאָנען און לידער, — אָט דאָס אַלץ האָבן פאַראייביקט פאַרן יידישן פאָלק אויפן לייוונט די דריי לאָדזשער קינסטלער, מיינע פערזענלעכע פריינד: גליצנשטיין, הירשנבערג און פּיליכאָווסקי.

אַלע דריי האָבן זיי איבערגעלאָזט אונדזער פאָלק ממש אַן אוצר פון בילדער, צייכענונגען און סקולפּטורן, וואָס מ׳קאָן זיי נישט אָפּשאַצן, נישט מיט ווערטער און אַפילו נישט מיט דער „אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך״ — מיט געלט״...

(פון סאָקאָלאָווס רעדע, בעת אַ באַנקעט לכבוד אים אין טעמפּלהאָפס רעסטאָראַן).

.63

# לאָדזש, — די וויג פון דער העברעישער „הבימה"
# און העברעישער מוזיק

וויניק ייִדן ווייסן, אַז די ערשטע שפּראָצן פון דער „העברעיִשער הבימה" און פון דער העברעיִשער מוזיק האָבן אויפגעשפּראָצט און זיך אַנטוויקלט דווקא אין דער אינדוסטריע־שטאָט לאָדזש. אָט דאָ, אין לאָדזש, זענען פאַרזייט געוואָרן די ערשטע קערנדלעך פאַר העברעיִשער מוזיק און אין לאָדזש איז אויך ס'ערשטע מאָל פּראָקלאַמירט געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַ העברעיִשער „הבימה".

פאַר אונדז אַלע וואָס האָבן געגלייבט אין דער אויפלעבונג פון אונדזער פאָלק און זיין קולטור, איז טאַקע דאָס דערשיינען פון דעם ערשטן העברעיִשן כאָר און פון ערשטן העברעיִשן דראַמאַטישן קרייז און טעאַטער געווען אַזאַ איבערלעבעניש, וואָס קאָן קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

אָבער איידער מיר טרעטן צו צו דערציילן וועגן דאָזיקן געשעעניש, לאָמיר ערשט זען, ווי ס'האָט דאַן בכלל אויסגעזען אין לאָדזש דער מצב פון העברעיִש:

„די פּראָפעסיאָנעלע פעסימיסטן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און פאָראויסגעזאָגט אַ ביטערן דורכפאַל. ראשית, צוליב דער אומ־מעגלעכקייט צו געפינען העברעיִש־קענענדיקע שוישפּילער, והשנית, צו ברענגען פּובליקום מער ווי די פאָר מבינים בטלנים, וואָס קאָנען לשון־קודש, שלישית, סתם צוליב נעגאַטיוועך באַציִונג צום אויפלעבן אַ טויטע שפּראַך אין דער צייט וואָס מ'האָט מאַמע־לשון, ייִדיש,

אָפּגערעדט שוין פון אַן אבות־אבותינו־לשון, רוסיש אָדער דייטש, וואָס איז אַזוי איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן פון אַ סך לאָדזשער ייִדן".

(פון צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָווס בוך וועגן איר ברודער יצחק קאַצענעלסאָן. דערשינען אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס).

***

ס'איז נישט שייך איצט צו רעדן וועגן דער קינסטלערישער זייט פון די דאָזיקע ערשטע אויפטריטן פון כאָר און דראַמאַטישן קרייז. איינס אָבער קאָן איך יאָ זאָגן, אַז די אויפטריטן פון די דערמאָנטע צוויי קונסט־צווייגן אין העברעיִש זענען דעמאָלט געווען די גרעסטע אויפמונטערונג־בשורות פאַר אַלע וואָס די נאַציאָנאַלע קולטור פון ייִדישן פאָלק איז זיי געווען ליב און טייער.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם דער באַקאַנטער לאָדזשער שריפט־שטעלער אברהם לעווינזאָן ז"ל:

„אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער „העב־רעיִשער באַוועגונג" נעמט אַרום אויך די העברעיִשע מוזיק, וועלכע איז פאַרפאַסט געוואָרן אין העברעיִש דורך ייִדן און אַפילו דורך נישט־ייִדן און איז אויפגעפירט געוואָרן דורך ייִדישע קינסטלער.

צו דער פאַרשפּרייטונג פון דער העברעיִשער פאָלקס־מוזיק האָט זייער פיל צוגעהאָלפן דער מוזיקאַלישער פאַרבאַנד „הזמיר", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1909 אין לאָדזש און שפּע־טער ערשט אויך אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט.

זייער פּאָפּולער זענען דעמאָלט געווען די העברעיִשע שאַפונ־גען פון די יונגע קאָמפּאָזיטאָרן זילבערץ, בענצמאַן (שעפער פון דער אָראַטאָריע „פלשתים" און פון דער אָפּערע „די ייִדן") ליאָוו, דאַווי־דאָוויטש און אַנדערע.

דער לאָדזשער „הזמיר" האָט זיך אויך באַרימט געמאַכט דער־מיט, וואָס ער האָט אויפגעפירט אין העברעיִש (אונטער דער לייטונג פון ח. יאַנאָווסקי), צום ערשטן מאָל אין דער וועלט די אָראַטאָריעס

פון הענדעל, היידן, מענדעלסאָן און אַנדערע. די טעקסטן האָט דאַן איבערגעזעצט אין העברעיִש דער פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן.

אין יאָר 1912 איז אויך אין פּעטערבורג אויפגעפירט געוואָרן אין העברעיִש די אָפּערע „שמשון און דלילה" און נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט אויף דעם געביט זיך אָנגעהויבן אַ געוויסע טעטיקייט אויך אין אַנדערע ערטער".

(פון לעווינזאָנס בוך „התנועה העברית בגולה", זייטן 48—847).

ער, אברהם לעווינזאָן ז"ל, וואָס האָט פּערזענלעך אַקטיוו אָנטייל גענומען אין די אַלע ענינים, דערציילט אונדז אינעם זעלבן אינטערעסאַנטן ווערק זיינעם, דאָס פאָלגנדיקע:

„איינע פון די ערשטע העברעיִשע „טעאַטער־הבימות" אין די גלות־לענדער, איז געווען די „לאָדזשער העברעיִשע הבימה" („הבימה העברית הלודזאית"), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1910, און וועלכע האָט עפנטלעך פּראָקלאַמירט די אַנטשטייאונג פון דער העברעיִשער „הבימה"!

די ליטעראַרישע לייטונג איז דאַן געווען אין די הענט פון פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן און די ערשטע אַרטיסטן זענען געווען יונגע אַמאַטאָרן, ווי: י. לעוו, י. קאַצענעלבויגן, י. מ. ניימאַן (היינט אין ישראל), אברהם לעווינזאָן, זלמן זילבערצווייג, י. יעדוואַב, אאַ"וו.

גרויס דערפאָלג האָט די „לאָדזשער הבימה" געהאַט, נאָכדעם ווי מ'האָט איינגעלאַדן דעם באַוווסטן אַרטיסט יוליוס אַדלער און זיין פרוי אַמאַליע, ווי אויך זאַסלאַווסקי, זילבערבערג און גנעסין, וועלכע האָבן אויפגעפירט „דאָס נייע געטאָ" פון הערצלען, „אוריאל אַקאָסטאַ" פון גוצקאָוו, אאַ"וו.

גאַנץ באַזונדערס האָט זיך די „לאָדזשער הבימה" באַוווסט געמאַכט בעת זי איז אין יאָר 1913 איינגעלאַדן געוואָרן צו שפּילן אין ווין פאַר די מיטגלידער פון 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווי אויך נאָכדעם ווי זי האָט פאַרגענומען אירע טורנעען איבער פאַרשידענע שטעט, ווי: וואַרשע, טשענסטאָכאָוו, באַראַנאָוויטש, פינסק, מינסק, האָמעל, באָברויסק, ווילנע אאַ"וו, ווו דאָס אויפטרעטן פון איר איז

פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ יום־טוב און במילא אויך אין אַ נצחון־אַקט פאַרן אויפלעבונגס־געדאַנק פון דער דראַמאַטישער העב־רעיִשער קונסט.

אין 1911 איז אויך אין ביאַליסטאָק געגרינדעט געוואָרן אַ העברעיִשע הבימה און אין 1913 האָבן גנעסין, צמח און חנה ראָווינאַ געפּרוווט שאַפן אַ העברעיִשע הבימה אויך אין וואַרשע".

(דאָרט ז"ז 241—243)

## 64.

# גלענצנדער דערפֿאָלג פון דער „לאָדזשער הבימה“

ווי ווייט דאָס אויפטרעטן פון דער „לאָדזשער הבימה“ האָט צו יענער צייט געווירקט אויפן נאַציאָנאַלן יידנטום פון גאַנץ פוילן און רוסלאַנד, קאָן מען זען פון יערלעכן באַריכט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פעטערבורגער העברעיִשן זשורנאַל „השפה“, וואָס איז זיינערצייט געווען דער אָפיציאָז פון „חובבי שפת עבר“ אין גאַנץ רוסלאַנד.

געבנדיק אַן איבערבליק וועגן אַלעם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד און אין פוילן אין פאַרלויף פון יאָר 1910/11 אויפן געביט פון העברעיִשער קולטור און דערציִונג אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון די דערמאָנטע ביידע לענדער, — ווידמעט דער באַקאַנטער שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר פון דערמאָנטן אָרגאַן, יהודה סאָלאָדוכא, אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל אויך דער „העברעיִשער הבימה“ און ער הייבט אָן דעם דאָזיקן קאַפּיטל מיט פאָלגנדער איינלייטונג:

„די העברעיִשע סצענע דעראָבערט, וואָס אַמאָל מער פּלאַץ ביי די יידישע מאַסן! זי אַנטוויקלט זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גיכקייט, פאַרבעסערט זיך כסדר און ווערט צו־ביסלעך איינע פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אויף צו פאַרשפּרייטן די העברעיִשע שפּראַך, ווייזנדיק דערביי צומבולטסטן, אַז העברעיִש הייבט אָן אויפסניי ווערן אַ לעבעדיקע שפּראַך, אאַ״וו

ערשט מיט אַ יאָר צוריק איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרוּוו צו שפּילן אין העברעיִש אַ טעאַטער־שטיק אין לאָדזש.

מיט דער באַטייליקונג פון אונדזער פּיליאַל „אגודת חובבי שפת עבר בלודז" און מיט איר הילף, איז דאָרט, דורך אַ גרופּע אַמאַטאָרן אויפגעפירט געוואָרן, אין אָנהייב פון פאַריקן ווינטער (1910 — א. ט.), אין איינעם פון די לאָדזשער גרעסטע טעאַטערס, דאָס באַקאַנטע טעאַטער־שטיק „אוריאל אַקאָסטאַ", אין העברעיִש.

דאָס איז געווען אַזאַ געשעעניש, אַז אַפילו אַזעלכע וואָס פאַר־נעמען זיך נישט מיט דער אויפלעבונג פון אונדזער שפּראַך, און זענען צו איר פולשטענדיק גלייכגילטיק, זענען געקומען זען דאָס גרויסע וואונדער, ווי אַזוי אַ שפּראַך, וועלכע איז גערעכנט געוואָרן ווי אַ געשטאָרבענע, איז אויפסניי לעבעדיק געוואָרן און דערשיינט שוין אַפילו אויף דער טעאַטער־בינע, גלייך ווי אַלע אַנדערע לע־בעדיקע שפּראַכן.

די העברעיִשע שפּראַך איז בייגעשטאַנען דעם נסיון! די פיל פאַרזאַמלטע זענען אַוועק אויסערגעוויינלעך צופרידן, און דער ציל פון דער העברעיִשער „הבימה" איז פולשטענדיק דערגרייכט גע־וואָרן!".

(פון זשורנאַל „השפה", יאָר 1912, קאַפּיטל: „הבימה העברית", ז' 105).

שילדערנדיק מיט וואַרעמע ווערטער דעם שטאַרקן איינדרוק, וואָס די דאָזיקע ערשטע פאָרשטעלונג האָט געמאַכט אויף אַלע, און דעם התּ־להבות וואָס דאָס היסטאָרישע געשעניש האָט אַרויסגערופן אין די נאַ־ציאָנאַל־יידישע קרייזן פון לאָדזש און איר אומגעגנט, גיט סאָלאָדוכאַ אַ קורצן איבערבליק וועגן דער לאָדזשער „הבימה" און אירע גרינדער, מיט פאָלגנדע ווערטער:

„אָבער די „חובבי הבימה העברית בלודז" האָבן זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט דעם דאָזיקן דערפאָלג, זיי האָבן כסדר זיך באַמיט די פאָרשטעלונגען פון דער „הבימה" צו פאַרבעסערן און צו פאַרשענערן, צוציִענדיק די באַוווּסטע אַרטיסטן: ר. זאַסלאַווסקי, וו. זילבערבערג און אויך די ארץ־ישראל אַרטיסטן, אסתרין, גנעסין און פראַנק, וועלכע זענען שוין פראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן.

די גאַנצע לייטונג פון דער דאָזיקער גרופּע האָט אויף זיך גע־נומען דער באַליבטער יונגער פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער

האָט באַשלאָסן צו מאַכן מיט זיין טרופּע אַ טורנע איבער פאַר־שידענע שטעט פון פּוילן און רוסלאַנד.

אַזוי האָט די „לאָדזשער הבימה" אויפגעפירט ס'ערשטע (דעם 14טן מאַי) אין קאַמינסקיס גרויסן טעאַטער פון וואַרשע „אוריאל אַקאָסטאַ", ביי אַ פול־געפּאַקטן זאַל, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען די אָנגעזעענסטע יידן פון שטאָט און אַפילו אַזעלכע, וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען... און דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגעחזרט אין לאָדזש, ביי דער צווייטער פאָר־שטעלונג פון 4טן יוני, ווען דוד פרישמאַן האָט געהאַלטן אַ שיינעם פאָרטראַג וועגן „אוריאל אַקאָסטאַ".

(השפה, ז' 106)

נאָך לאָדזש און וואַרשע, האָט די „לאָדזשער הבימה" געמאַכט אַ טורנע איבער פאָלגנדע שטעט: טשענסטאָכאָוו, באַראַנאָוויטש, פּינסק (דעם 16טן יוני), באָברויסק, האָמעל (24סטן יוני), מינסק (25סטן יוני), ווילנע (30סטן יוני) און שפּעטער אין נאָך 30 רוסישע שטעט, ווו די שמחה איז געווען אומגעהייער גרויס צו זען דעם וווּנדער פון דער ווידער־אויפלעבונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך!

די זאַלן זענען אומעטום געווען איבערפולט, באַזונדערס אין האָמעל, ווייל אַהער זענען געקומען יידן פון אַלע אַרומיקע שטעט, און די פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך, און פיל באַזוכער האָבן זיך מתיר געווען און געמאַכט אַ „שהחיינו"!

דער אָרטיקער רב כּאַווין, האָט געהאַלטן אַ וואַרעמע רעדע אין העברעיִש און דאַנקנדיק די שפּילער, באַזונדערס קאַצענעלסאָנען ווי דעם גרינדער פון דער הבימה, האָט ער דערקלערט די וויכ־טיקייט פון די פאָרשטעלונגען ביים דערציִען די קומענדיקע דורות אין נאַציאָנאַלן גייסט".

(דאָרט, ז' 106)

ענדיקנדיק דעם דאָזיקן אויספירלעכן באַריכט, מיט לויב און אַכטונג פאַר דער לאָדזשער יוגנט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן דעם הויכן אידעאַל, דערקלערט סאָלאָדוכאַ, אַז „די לאָדזשער הבימה" מאַכט פאַקטיש די

## לאָדזש און אירע יידן

גרעסטע אַגיטאַציע פאַרן אויפלעבן פון אונדזער אַלטער היסטאָרישער שפּראַך, וועלכע טרייסלט פון זיך אָפּ דעם שטויב און נעמט אויפסניי אויפלעבן״.

***

אַ זייער אינטערעסאַנטן באַריכט וועגן די פאָרשטעלונגען פון דער „לאָדזשער הבימה״ אין אָדעס, געפינען מיר אין קאַפּיטל „ווי גאָט אין אָדעס״, וואָס עס האָט פאַרעפנטלעכט אין איר בוך „יצחק קאַצענעלסאָן, זיין לעבן און שאַפן״, די שוועסטער פון דעם דיכטער, צפורה נאַכומאָוו, וועלכע איז געווען די מיטגרינדערין און מיטשפּילערין פון דער זעלבער הבימה.

באַשרייבנדיק די הכנות צו דער פאָרשטעלונג אין אָדעס, — די שטאָט וווּ יצחק האָט זיך געהאַט באַקאַנט מיט מענדעלען, שלום־עליכמען, ביאַ־ליקן, זשאַבאָטינסקין, באָראָכאָוון, ברענערן, יעקב פיכמאַנען, יהודה שטיינ־בערגן און ראַווניצקין, דערציילט די שרייבערין דאָס פאָלגנדע:

„דער ספּעקטאַקל איז אַדורך מיט איבערראַשנדיקן דערפאָלג. אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן האָט באַגלייט אַלע סצענעס און אַר־טיסטן. עס איז געווען אַן אמתער טריאומף פון דער „לאָדזשער הבימה״. ביאַליק האָט זיך אויף דער סצענע צעקושט מיט יצחקן און ס׳פּובליקום האָט זיך נישט געוואָלט פאַנאַנדערגיין. מ׳האָט כסדר גערופן: „הידד קאַצענעלסאָן״!

יצחק האָט ביאַליקן געכאַפּט פאַר דער האַנט און ביידע האָבן זיי געמוזט רעדן. און ביאַליק האָט זייער ענטוזיאַסטיש גערעדט, וועגן דער היסטאָרישער מיסיע און חלוצישן אויפטו פון יצחקס „לאָ־דזשער הבימה״ פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער שפּראַך און ייִדיש־נאַציאָנאַלן רענעסאַנס״.

(זייט 204 פון דערמאָנטן בוך, דערשינען אין פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״).

אָבער צום מערסטן פּאָפּולער איז די „לאָדזשער הבימה״ געוואָרן אין דער עסטרייכישער הויפּטשטאָט ווין, — אין דער שטאָט, וואָס האָט גע־שמט מיט איר קונסט, מוזיק, טעאַטער אאַ״וו.

## אברהם טענענבוים־ארזי

*****

ווי מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט, איז די „לאָדזשער הבימה״ פאַרבעטן געוואָרן אין יאָר 1913 קיין ווין, כדי צו שפּילן פאַר די דעלע־גאַטן און געסט פון 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס.

די הבימה האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, די דאָזיקע איינלאַדונג אָנ־גענומען און האָט טאַקע געשפּילט אין ווין „אוריאל אַקאָסטאַ״ און „דאָס נייע געטאָ״ און דער דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז בעת דער פויזע האָבן די אָנוועזנדע געמאַכט אַ זייער וואַרעמע סימפּאַטיע־דעמאָנסטראַציע פון רוישנדיקע אָוואַציעס, וועלכע האָבן ממש קיין סוף נישט געוואָלט נעמען.

אויפסלעצט זענען די באַקאַנטע שרייבער ראובן ברייני, ד״ר קלאַצ־קין און דוד יעלין אַרויף אויף דער בינע, האָבן האַרציק באַדאַנקט די שוישפּילער פאַר זייער שיין שפּילן און אויסדריקנדיק קאָנצענטראָנען די גרעסטע אָנערקענונג פאַר זיין געניאַלן רעיון אויפצולעבן די העברעיִשע שפּראַך דורך דער דראַמאַטישער קונסט, האָבן זיי זיך מיט אים האַרציק צעקושט און געווונטשן צו דערלעבן צו הערן אונדזער אויפגעלעבטע שפּראַך ביי אונדזער אויפגעלעבטן פאָלק אין זיין ווידעראויפגעלעבט פאָ־טערלאַנד!

אָט די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע״, וואָס איז דאַן פאָר־געקומען אין זאַל פון דער „בייער ווינער בינע״, — אַ טעאַטער, אין וועלכן עס זענען אויפגעטראָטן די בעסטע אַרטיסטישע כוחות — איז געווען אַ געשעעניש, וועגן וועלכן די גאַנצע פּרעסע האָט זיך זייער וואַרעם אָפּ־גערופן און דאָס האָט משפּיע געווען, אַז דער רעיון פון אויפלעבן די העברעיִשע שפּראַך זאָל אַריינדרינגען אויך אין אַזעלכע יידישע קרייזן, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט דערווייטערט פון יידנטום...)

.65

## ווי לאָדזש האָט מקבל־פּנים געווען דעם „זיידן"
## ר׳ מענדעלע

אַז די לאָדזשער ייִדישע עדה איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער שיינער ייִדישער מידה פון „הכנסת אורחים", איז איבעריק צו זאָגן. געדענקען מיר דאָך, ווי לאָדזשער ייִדן פלעגן תמיד מקיים זיין די דאָזיקע הייליקע מצווה מיט אמתער ייִדישער וואַרעמקייט.

געווען איז עס אין יאָר 1911, אין דעם יאָר אין וועלכן ייִדן האָבן געפייערט מענדעלעס 75־יאָריקן יובילײ.

אין יענער „יום־טוב־צייט", בעת לאָדזש איז פון דער טעלעגראַמע אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט" געוואָר געוואָרן, אַז דער יובילאַר, „דער זיידע", האָט אָנגענומען אונדזער איינלאַדונג און קומט קיין לאָדזש, כדי פּערזענלעך אָנטייל צו נעמען אין די פייערונגען, וואָס ס׳ייִדישע לאָדזש און די ייִדן פון די אַרומיקע שטעט אָרדענען איין לכבוד אים, האָבן אַלע זיך גענומען גרייטן אים מקבל פּנים צו זיין. און אין דעם טאָג, ווען ס׳איז געמאָלדן געוואָרן, אַז מענדעלע קומט אָן, האָבן באַלד פּאַרטאָג גענומען שטראָמען צום „ווינער וואָקזאַל", פון אַלע עקן שטאָט, ריזיקע מענטשן־מאַסן, בכדי פּערזענלעך אָנטייל צו נעמען אינעם ערשטן יום־טובדיקן קבלת־פּנים לכבוד דעם „זיידן".

דאָס געדראַנג אַרום וואָקזאַל איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ווען דער צוג איז אָנגעקומען, האָבן מיר קוים, מיט גרויס מי, געקאָנט מאַכן אַ

דורכגאַנג־וועג פאַרן גאַסט און זיינע באַגלייטער, צו דער פּראַכטפולער קאַרעטע, וואָס איינער פון די לאָדזשער גבירים (דאַכט זיך, אשר קאָן), האָט אים געשטעלט צו זיין דיספּאָזיציע פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער וועט וויילן אין שטאָט.

און גראָד אין דעם מאָמענט, ווען דער חשובער גאַסט איז שוין געזעסן אויף זיין רחבותדיקן פּלאַץ אין קאַטש און דער עלעגאַנטער קוטשער מיטן צילינדער האָט גענומען אין זיינע הענט די לייצעס, איז געשען אַ זאַך, וואָס די אַלע, וועלכע זענען דערביי געווען האָבן עס נישט געקאָנט פאַרגעסן יאָרן־לאַנג!

אין דעם אויגנבליק, ווען מענדעלע מיט זיין פרוי און טאָכטער און זייערע ערן־באַגלייטער, — יעקב דינעזאָן און דוד פרישמאַן — זענען שוין געזעסן אין קאַטש, האָבן פּלוצים פון דער ריזיקער מענטשן־מאַסע זיך אַרויסגעריסן עטלעכע יונגע חברה און אַוועקשטויסנדיק מיט כח די ערן־אָרדנערס, האָבן זיי מיט גרויסער אָנשטרענגונג איינגעהאַלטן די פערד, זיי אויסגעשפּאַנט און איינשפּאַנענדיק זיך אַליין אין דער קאַרעטע, האָבן זיי גענומען פירן דעם „זיידן", מענדעלע, פון וואָקזאַל צו דער שטאָט!

אָט אַזוי איז דער „זיידע" געפירט געוואָרן איבער די גאַסן פון לאָדזש, באַגלייט פון די יובלענדיקע מענטשן־מאַסן, וועלכע האָבן אומאויפהערלעך אויסגערופן: „זאָל לעבן דער זיידע!", „לעבן זאָל אונדזער מענדעלע!", „ברוך הבאו!".

דער צוג האָט זיך געצויגן פון וואָקזאַל איבערן שטאָט־גאָרטן אויף דזשעלנאַ („קאָלע־גאָרטן"), ביז צום האָטעל „מאַנטויפעל" (אויף עק זאַוואַדזקע און זאַכאָדניע) ווו מיר האָבן דעם יובילאַר איינקוואַרטירט.

***

עס איז ממש אוממעגלעך צו באַשרייבן דאָס התלהבות וואָס דאָס לאָדזשער ייִדנטום האָט דאַן אַרויסגעוויזן אונדזער גרויסן און עלטסטן פאָלקס־שרייבער, — דעם „זיידע" — מענדעלע מוכר ספרים, בעת זיין באַזוך אין לאָדזש.

ס'וועט אָבער גענוג זיין צו דערציילן, אַז דער כבוד וואָס מיר האָבן אים אַרויסגעוויזן איז געווען אַזוי שיין און אימפּאָזאַנט, אַז אַפילו די

## לאָדזש און אירע יידן

אַרטיקע קריסטן זענען דערפון אַזוי נתפּעל געוואָרן, אַז זייער פּרעסע (סיי די דייטשישע און פּוילישע סיי דער רוסישער „לאָדזינסקי ליסטאָק") האָבן געווידמעט דער יידישער פּייערונג זייער שיינע נאָטיצן און די פּוילישע צייטונג האָט אַפילו געשריבן, אַז דער דאָזיקער יידישער שריפט־שטעלער האָט זוכה געווען אין לאָדזש צו אַזאַ כבוד, וואָס הענריק שיענקיעוויטש, וועלכער האָט מיט אַ פּאָר יאָר פריער באַזוכט די שטאָט, האָט אים נישט געהאַט...

**
*

דער דאָזיקער אָריגינעלער ענטוזיאַסטישער „ברוך הבא" איז נאָך געווען דער אָנהייב צו די מענדעלע־פייערונגען אין לאָדזש, די התחלה פון אַ ריי פייערלעכקייטן, אויפנאַמעס און פאָרשטעלונגען, וואָס דאָס יידישע לאָדזש האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם „זיידן" אין די זאַלן פון שטאָט און אין גרויסן טעאַטער, ווי אויך אין „גרויסן קאָנצערט־זאַל" אויף דזשעלנע, אין „הזמיר" און אין די שולן פון שטאָט, באַזונדערס אין „יאַראָטשינסקיס האַנטווערקער־שולע" אויף שרעדניע־גאַס.

מענדעלע האָט אַרויסגעוויזן אַ גאָר גרויסן אינטערעס פאַר די לימודים און איינריכטונגען פון יאַראָטשינסקיס האַנטווערקער־שול.

באַזונדערס האָט ער זיך פאַרנומען מיטן עקזאַמינירן פּערזענלעך אין יעדן קלאַס איינעם צי צוויי שילער, דערקלערנדיק ביים אַרויסגיין, אַז ער, אַלס שול־קוראַטאָר, וואָלט קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז עס געפינט זיך אין לאַנד (פּוילן האָט דאַן געהערט צו רוסלאַנד) אַ האַנטווערקער־שולע וואָס שטייט אין איר לערן־סיסטעם אויף אַזאַ הויכן ניוואָ.

**
*

דאָס יידישע לאָדזש האָט צוגעגרייט פאַר מענדעלען עטלעכע אינטערעסאַנטע איבערראַשונגען:

דאָס כאָר פון פאַראיין „האַרפע" האָט אויפגעפירט אַ ספּעציעלן מאַרש, וואָס דער באַוווּסטער קאָמפּאָזיטאָר בענצמאַן האָט קאָמפּאָנירט לכבוד דעם „זיידן".

אויך האָבן די אַרטיסטן פון דעם פאַראיין „דראַמאַטישע קונסט", פאַרגעשטעלט אונטער דער רעזשי פון מאַרק אַרנשטיין עטלעכע פראַג־מענטן פון מענדעלעס „פריזיוו".

מענדעלע אַליין איז פון די אַלע האַרציקע אויפנאַמעס אין לאָדזש זייער באַגייסטערט געוואָרן. אויף איינעם אַן אָוונט לכבוד אים, איז ער באַגריסט געוואָרן דורך פאַרשידענע פערזענלעכקייטן און נאָכדעם האָבן דינעזאָן און פרישמאַן געהאַלטן זייערע אָפּשאַצונגס־רעדעס וועגן „זיידן" און זיינע שאַפונגען. פּלוצים האָט זיך מענדעלע אויפגעשטעלט און ביי באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן פון קהל, גענומען לייענען זיינע שאַפונגען.

דאָס התלהבות פון די אָנוועזנדע איז צום סוף דערגאַנגען דערצו, אַז בעת מענדעלע האָט געענדיקט לייענען און שוין געוואָלט אַראָפּגיין פון דער בינע, זענען עטלעכע יונגעלייט אַרויף אויף דער בינע, האָבן אים ביי האַרציקע פרייד־אויסרופן פון גאַנצן עולם, גענומען אויף די הענט און אים אַזוי אַרויסגעטראָגן ביז אויף דער גאַס, וווּ ס'האָט שוין אויף אים געוואַרט די עלעגאַנטע קאַרעטע.

**
*

ווי ווייט מענדעלע איז געווען גערירט פון דער באַציונג, וואָס ס'יידישע לאָדזש האָט אים אַרויסגעוויזן און ווי גרויס ס'איז דערפון געווען זיין צופרידנקייט, קאָן דינען פאָלגנדער פאַקט.

זיצנדיק שוין אין וואַגאָן, אַוועקצופאָרן פון לאָדזש און זעענדיק דעם ריזיקן עולם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן וואָקזאַל און אַלע נעבן־געסלעך, כדי אים צו געזעגענען, האָט מענדעלע פּלוצים אַן עפן־געטון דאָס וואַגאָן־פענצטער, זיך אַרויסגעבויגן צום עולם און מיט אַ גערירט קול גענומען רעדן:

„ברידער מיינע! טייערע לאָדזשער יידן!

איך קאָן נישט פאַרלאָזן אייער שטאָט אָן צו זאָגן אייך דאָס וואָס מיין האַרץ פילט; זייט ווייסן, אַז איך פאָר פון אייך אַוועק מיט אַ געפיל פון שטאָלץ, וואָס כ'האָב שוין זייט יאָרן נישט געהאַט.

און גלייבט מיר, מיינע טייערע, אַז איך פיל צו אייך ליבשאַפט און אָנערקענונג נישט בלויז פאַר דעם האַרציקן קבלת־פנים, וואָס



עס זיצן אין דער מיטלסטער ריי, פון לינקס צו רעכטס: מאַרק אַרנשטיין, דוד פרישמאַן, דער זיידע מענדעלע, יעקב דינעזאָן און אַנדערע; עס שטייען פון לינקס צו רעכטס: גלאַנץ, לאַזאַר קאַהאַן, אברהם טענענבוים, י. אוגער, איגזש׳ נוסבוים, שווייצער, יאַן קירשראָט; צופוסנס זיצן: יצחק קאַצענעלסאָן, פּראָפּ׳ פּייטלאָוויטש, מאָרגנשטערן, רייכערט א״אַ.

כ׳וועל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן, נאָר — דווקא און הויפּט־זאַכלעך — פאַר דעם זאַפטיקן לעבנס־גייסט, וואָס איר באַווייזט, שאַפנדיק אַזעלכע גרויסאַרטיקע דערציִונגס־ און קולטור־אינסטיטוציעס, ווי אויך קונסט־ און וויסנשאַפט־פאַרבאַנדן און געזעלשאַפט־לעכע און סאָציאַלע איינריכטונגען, מיט וועלכע אייער לאָדזש איז אַזוי באַוווּסט.

מיין האַרץ איז פול מיט האָפענונג, אַז אַזאַ זאַפטיק ייִדנטום, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל לעבנסווילן, וועט נאָך שאַפן גרויסע און וויכטיקע זאַכן פאַר אונדזער פאָלק.

איר לאָדזשער ייִדן קאָנט שטאָלץ זיין מיט אַלעם, וואָס איר האָט געשאַפן אין אייער שטאָט, — שאַפונגען וואָס קאָנען פאַקטיש דינען אַלס מוסטער פאַר פיל ייִדישע קהילות.

און צום שלוס געפין איך פאַר ריכטיק און אויך פאַר מיין חוב, אויסצודריקן מיין אָנערקענונג אייער וויכטיקן אָרגאַן, דעם „לאָדזשער טאָגעבלאַט״, וועלכער געפינט זיך אין טרייע הענט, — אין הענט פון פריינד, צו וועלכע איך האָב זיך אַזוי צוגעבונדן אין פאַרלויף פון מיין זיין אין אייער שטאָט.

זייט געשטאַרקט, לאָדזשער ייִדן! און דינט, ברידער, ווייטער אַלס מוסטער פאַר אַנדערע!״.

זאָל דאָ צום סוף דערמאָנט ווערן צום גוטן דער נאַטשאַלניק פון דער באַן־סטאַציע, אַ טיפּישער מאָסקווער רוס, וועלכער האָט אויפגעהאַלטן דעם צוג העכער 10 מינוט צייט, ביז דער זיידע האָט געענדיקט זיין געזעגענונג־רעדע.

**
*

צוריקקומענדיק קיין אָדעס, האָט מענדעלע צוגעשיקט צום „לאָדזשער טאָגעבלאַט״ אַ האַרציקן דאַנק־בריוו פאַרן וואַרעמען ברוך־הבא, וואָס דאָס בלאַט אונדזערס האָט אים געמאַכט בעת זיין קומען און בפרט בעת זיין ווײַלן אין לאָדזש. און יעדן פון אונדז, באַזונדערס די דריי אינהאָבער

פון בלאַט, האָט ער צוגעשיקט ספּעציעלע ראש־השנה ווונטש־קאַרטן אין העברעיִש, און דער נאָמען זיינער: „סאַלאָמאָן מאָיסעעוויטש אַבראַמאָ־וויטש" ווי אויך דעם אַדרעס: „איזדאַטיעלו „לאָדזשער טאַגעבלאַט", גאָס־פּאָדינו א. טענענבאומו לאָדז, אוליצאַ אָגראָדאָוואַיאַ 3", — אָט דאָס האָט ער אייגנהאַנטיק געשריבן אין רוסיש. (די קאַרטע געפינט זיך אין מיין אַרכיוו).

.66

## שלום עליכמס סענטימענט פאַר די לאָדזשער יידן

אַז לאָדזשער יידן האָבן געשעצט אונדזער גרויסן שלום־עליכם איז קיין חידוש נישט. וועלכער ייד, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל השגה וועגן דעם דאָזיקן פאָלקס־שרייבער, האָט אים נישט געאַכט און פאַרערט?

אָבער, אַז אויך אונדזער גאונישער פאָלקס־הומאָריסט, שלום־עליכם האָט זיך געהאַט זיין ספּעציעלן סענטימענט צו לאָדזשער יידן און האָט זיך וועגן זיי, מיט זיי און צוליב זיי געוויצלט און געווערטלט און צוגעפּאַסט פאַר יעדן סאָרט זיין פּאַסנדיקן „צונאָמען" אויף אַן עכט שלום־עליכמדיקן שטייגער, — אָט וועגן דעם דאַרף מען ערשט דערציילן; און זאָלן טאַקע אונדזערע יידן וויסן, וואָס פאַראַ „פּנים" מיר לאָדזשער האָבן געהאַט אין די אויגן פון אונדזער גרויסן שרייבער.

דריי מאָל האָט שלום־עליכם באַזוכט לאָדזש (1905, 1908 און 1914) און יעדעס מאָל האָט זיך זיין באַזוך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתדיקן פאָלקס יום־טוב פאַר אַלע יידן פון לאָדזש און איר אומגעגנט.

און וואָס איז דען דער וווּנדער? — וועלכער יידישער לייענער האָט נישט געקענט שלום־עליכמען און ווער האָט אים נישט ליב געהאַט? ווער האָט נישט געהערט און מיטגעלאַכט זיין האַרציקן געלעכטער איבער פאַר־שידענע יידישע פאָלקס־זיטן און מנהגים? במילא האָט דאָס פאָלק נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו אים, בפרט, ווען ער איז געקומען צום פאָלק...

און אַזוי האָט טאַקע דאָס „לאָדזשער יידישע פאָלק" אַרויסגעוויזן

„זייך״ שלום־עליכמען אַזוי פיל פאַרערונג, כבוד און אויפריכטיקע ליבע, אַז דאָס האָט במילא גורם געווען, אַז ער, שלום־עליכם, זאָל אָפּענטפערן זיינע לאָדזשער ברידער מיט דערזעלבער „מטבע״ און יעדעס מאָל, ווען ער איז געווען אין לאָדזש, האָט ער אויסדריקלעך כסדר באַטאָנט, אַז ער פילט זיך צווישן די לאָדזשער ייִדן ממש ווי ביי זיך אין דער היים, ווייל „וואָס איז דען אַ היים? — פלעגט ער זאָגן — אַן אָרט, וווּ ס׳געפינען זיך דיינע נאָענטסטע, דיינע אייגענע, דיינע היימישע — און אָט דאָס אַלץ האָב איך טאַקע אין אייער — מיין לאָדזש״!

אָבער דעם בולטסטן באַווייז פון זיין זיך גוטן פילן צווישן די לאָדזשער ייִדן האָט שלום־עליכם געגעבן בשעת זיין דריטן און, לײַדער, לעצטן באַזוך אין לאָדזש (פרילינג 1914), בעת ער איז צוריקגעקומען פון דער שווייץ.

זיין פּנים איז דאַן געווען אַזוי אויפגעפרישט און די געזונטע קאָליר פון זיין הויט האָט אַזוי געלויכטן, אַז מיר אַלע זענען געווען זיכער, אַז ער איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן און אויסגעהיילט פון זיין קראַנקייט. ווייזט אָבער אויס, אַז דעם ריכטיקן, לײַדער ביטערן אמת האָט געוווּסט טאַקע נאָר ער אַליין... ווייל גאַנץ פּלוצים האָט ער אונדז (אייגנטימער פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט״) אַנטפּלעקט דאָס, וואָס זיין האַרץ האָט נעבעך געפילט...

***

און געשען איז דאָס ביי פאָלגנדע אומשטענדן:

ווי תמיד, האָט לאָדזש אויך דאָס מאָל אים אויפגענומען מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט און פאַרערונג. ביי יעדן אָוונט, וואָס מ׳פלעגט לכבוד אים איינאָרדענען, און יעדער מאָל, ווען ער פלעגט זיך באַווייזן מיט זיין פרוי אין גאַס — האָט די מענטשן־מאַסע אים געמאַכט אַ זעלטענע אָוואַציע און אַרויסגעוויזן אים אַזויפיל ליבע, אַז ס׳איז פּאַקטיש אוממעגלעך עס צו באַשרייבן.

שלום־עליכם ווידער, פון זיין זייט, פלעגט כסדר אַרויסווייזן זיין צופרידנקייט פון געפינען זיך צווישן אַזעלכע אויפריכטיקע, ענטוזיאַסטישע פאַרערער, אָפּשטעלנדיק זיך צווישן די יובלענדיקע מענטשן־מאַסע,

פלעגט ער כאַפּן אַ שמועסל מיט די, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, וואָר־פנדיק אויף גיך עפּעס אַ ווערטל צו עמעצן, אַ נאָענט־שטייענדיקן, און בכלל, באַגריסנדיק האַרציק דעם עולם מיט זיין זיס ליבטיק שמייכעלע.

אינעם טאָג, ווען ס'האָבן זיך שוין כמעט פאַרענדיקט אַלע „אָפּי־ציעלע" אויפנעם־פייערלעכקייטן לכבוד אים, דערקלערט פלוצים שלום־עליכם אין אַ זייער הייטערן טאָן:

— „איך וויל איבערלאָזן, נאָך דער אימפּאָזאַנטער „חתונה" אַ מין „לעצט־געלט" פאַר די לאָדזשער „מחותנים"!

איך האָב באַשלאָסן איבערלאָזן די לאָדזשער ייִדן אַ זאַך, וואָס זאָל זיין אי צום געשמאַק פון די „אָנטיילנעמער אין דער שמחה" און אויך פאַרן גייסט פון די „כלי־זמרס", דאָס הייסט: פאַר אייך, פריינט מיינע, פון „לאָדזשער טאַגעבלאַט", וואָס בעת דער גאַנצער צייט פון מיין פאַרברענגען אין לאָדזש, האָט איר מיר געשטעלט צו מיין רשות נישט נאָר אייער צייטונג מיט איר גאַנצער „מוזיק־קאַפּעליע" — די מיטאַרבעטער, הייסט עס — נאָר אויך ממש זיך אַליין, סיי קערפּערלעך און אויך גייסטיק!

קומט־זשע, „מוזיקאַנטן", לאָמיר זיך „אָפּפּאָרטרעטלען" (פאָטאָ־גראַפירן).

און צוזאַמען מיט שלום־עליכמס פאָרשלאַג (בעת אַ טיי לכבוד אים און זיין פרוי, ביי אונדז אין רעדאַקציע), וועלכן מיר האָבן גערן אָנ־גענומען — האָט ער אָנגענומען אונדזערס אַ פאָרשלאַג, צו מאַכן אַ ספּע־ציעל בילד פון אים אויף צו פאַרטיילן, לויט אַ גורל, צווישן די לייענערס פון „לאָדזשער טאַגעבלאַט" — אַ בילד מיט שלום־עליכמס אייגנהאַנ־טיקער אונטערשריפט, צום אָנדענק פון זיין וויילן אין לאָדזש.

און אַזוי זענען מיר אַלע, טאַקע באַלד נאָכן טיי, אַרויף אין אַטעליע פון „אַמעריקאַן פאָטאָגראַף", וואָס האָט זיך געפונען ס'דריטע הויז פון רעדאַקציע (פּיעטריקאָווער 20), כדי זיך אָפּצופּאָרטרעטלען מיט אונדזער ליבן גאַסט, לויט זיין אייגענעם ווונטש.

אינצווישן — בעת דער פאָטאָגראַף טוט אַזוי צוגרייטן זיין אַפּאַראַט צו דער אויפנאַמע, אָנשטעלנדיק דאָס פּאַסיקע ליכט, די געהעריקע דע־



שלום עליכם אין קרייז פון „לאָדזשער טאַגעבלאַט"־לייט

עס זיצן פון לינקס צו רעכטס: **אַווערבוך** — שלום־עליכמס סעקרעטאַר, **אברהם טענענבוים, שלום־עליכמס פרוי, שלום־עליכם, זייערס אַ באַגלייטער, ישעיה אוגער, עמנואל האַמבורסקי און י. מ. מאָשקאָוויטש.**

עס שטייען פון לינקס צו רעכטס: **לאַזאַר קאַהאַן מיכאַל קרישעק, ווײַנטרויב, מאָרגנשטערן, ג. אייזנער, י. מ. ביימאַן, ביסנהאוז, פלאט און ישעיה הורביץ.**

קאַראַציעס, דעם פּלאַץ פאַרן אַפּאַראַט מיט זיינע נעבן־כּלים, כדי אויפ־צונעמען די גרופּע אונדזערע מיטן חשובן גאַסט, — זיצט זיך דערווייל שלום־עליכם געמיטלעך אויף דער געפּאָלסטעטער סאָפע פון אויפנאַם־זאַל און דערציילט בנעימות, עפּעס אַן עפּיזאָד פון זיין לעבן (דאַכט זיך, ווי אים איז איינגעפאַלן צו קרוינען מענדעלען מיטן ערן־נאָמען „דער זיידע") און ענדיקנדיק דערציילן, שטייט ער האַסטיק אויף, גייט צו צו אַ קליין ראָקאָקאָ־טישל, וואָס שטייט אין אַ ווינקל פון זאַל, נעמט אַרויס פון טאַש אַ בייגעלע פּאַפּיר און זעצט זיך אַוועק עפּעס שרייבן, שמייכלענ־דיק דערביי פון צייט צו צייט — קענטיק פון צופרידנקייט.

דערווייל האָט דער פאָטאָגראַף פאַרטיק געמאַכט זיינע צוגרייטונגען און אויך מיר זענען שוין, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרטיק געווען צו דער „אויפנאַמע".

ווייזט אָבער אויס, אַז ער —שלום־עליכם— איז נאָך נישט פאַרטיק געווען, ווייל מיר זענען דאַן אַזוי געשטאַנען, וואַרטנדיק אַן אַ זייט העכער אַ פערטל שעה צייט.

ענדלעך האָט זיך דאָס שרייבן געענדיקט. שלום־עליכם שטעלט זיך אויף, נעמט דעם אָנגעשריבענעם בויגן אין האַנט אַריין, וואַרפט אַ צופרי־דענעם בליק צו אונדז און זאָגט: „נו, „לאָדזשער טראַיקע", קומט אָקאָרשט אַהער! (שלום־עליכם האָט אונדז דרייען, די אַרויסגעבער פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט", אוגערן, האַמבורסקין און מיך, אַ נאָמען געגעבן „טראַיקאַ", די דריי, לויט קרילאָווס משל: „ליעבעד, שטשוקאַ דאַ ראַק" — דער שוואַן, דער העכט און דער ראַק).

דערביי האָט ער דערקלערט, אַז איידער ער גייט פאַר אונדז פאַר־לייענען דאָס, וואָס ער האָט דאָ ביים טישל איצט אָנגעשריבן, האָט ער אונדז פאָלגנדעס צו זאָגן:

„ווייל כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז לאָדזשער יידן זענען ווערט די אָנערקענונג, וואָס די וועלט ווייזט זיי אַרויס; און ווייל זיי האָבן באַוויזן, אַז זיי זענען בריהט נישט נאָר אין געשעפט, נאָר אויך אין ענינים פון פאָלקס־קולטור און, דער עיקר, ווייל איר, די „לאָדזשער טראַיקע", האָט מיר דורך אייער צייטונג איינגעאָרדנט אַ קבלת־

פּנים, וואָס כ׳וועל אים ביי מיין לעבן נישט פאַרגעסן, דעריבער...
דעריבער טרוי איך אייך איצט אָן דעם „קבלת־פּנים״, וואָס מ׳וועט
מיר מאַכן נאָך מיין לעבן!...

נעמט־זשע, ליבע פריינט, די דאָזיקע „וויזיט־קאַרטע״ מיינע, אויף
וועלכער איך האָב פאַר אייערע אויגן „אויסגעקריצט״ די פּאָר שורות,
וואָס מ׳זאָל אויסקריצן אויף מיין מצבה נאָך מיין טויט, און באַ־
האַלט עס גוט ביי זיך, אַז קיינער זאָל דערפון חלילה נישט וויסן,
ביז די צייט וועט קומען...״ (כ׳האָב דאַן געהאַט ס׳געפיל, אַז בעיקר
גייט עס אים אַז די פרוי זאָל נישט וויסן דערפון... — א. ט.).

לײדער איז די דאָזיקע טרויעריקע צייט צו־גיך געקומען; ווייל עס
זענען נישט אַוועק קיין צוויי יאָר און ער — אונדזער ליבהאַרציקער
פאָלקס־דיכטער שלום־עליכם, איז פון אונדז צוגענומען געוואָרן אויף
אייביק!

***

און דאָס זענען די הייליקע שורות, וואָס שלום־עליכם האָט אין אונ־
דזער קעגנוואַרט אָנגעשריבן אַלס (ווי ער האָט זיך דאַן אויסגעדריקט)
„וויזיט־קאַרט״ אויף זיין מצבה:

דאָ ליגט אַ ייִד אַ פּשוטער
געשריבן ייִדיש־דייטש פאַר ווייבער
און פאַרן פּראָסטן פאָלק איז ער
געווען אַ הומאָריסט, אַ שרייבער.

דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט
געשלאָגן מיט דער וועלט כפרות
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט
און ער — אוי וויי — געווען אויף צרות.

און דווקא דעמאָלט ווען דער עולם האָט
געלאַכט, געקלאַטשט און פלעגט זיך פרייען,
האָט ער געקרענקט — דאָס ווייסט נאָר גאָט
בסוד — אַז קיינער זאָל נישט זעען,

דעם דאָזיקן טרויעריקן דאָקומענט, וואָס שלום־עליכם האָט אָנגע־שריבן אין לאָדזש אַלס זיין לעצטע „צוואה" פאַרן יידישן פאָלק, האָט ער, נאָכן איבערלייענען פאַר אונדז דריי, דערלאַנגט תחילת מיר אין האַנט אַריין צו באַהאַלטן; באַלד אָבער האָט ער זיך מיישב געווען און מיך גע־בעטן עס צו געבן אוגערן, אַלס עלטסטן פון אונדז, צו באַהאַלטן „ביז די צייט וועט קומען!"...

און איך מוז מודה זיין, אַז בעת שלום־עליכם האָט פאַר אונדז פאַר־געלייענט די דאָזיקע שורות און בעת יעדן פון אונדז האָט דורכגעדרונגען ממש אַ קעלט אין גאַנצן קערפּער — דווקא אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט ער אַליין ממש געשטראַלט פון צופרידנקייט און זיין פּנים איז אינ־גאַנצן געווען איין זיסער שמייכל.

און מאַכנדיק בעתן לייענען צווישן פּערז און פּערז אַ קליינע פּויזע, האָט ער געוואָרפן אַ צופרידענעם בליק צו יעדן פון אונדז באַזונדער, — אַ בליק, וואָס האָט באַטייט:

— „אַנו! וואָס זאָגט איר עפּעס צו אַזאַ „וויזיט־קאַרטע"?...

***

און מערקווירדיק! גראָד ביי זיין לעצטן באַזוך אין לאָדזש האָט זיך דאָך שלום־עליכם אַזוי גוט געפילט און אַזוי גוט אויסגעזען, אַז מיר אַלע און הויפּטזעכלעך זיין פרוי און זיינעביידע באַגלייטער, האָבן ממש גע־קוואָלן פון אים. בכלל איז ער בעת דער גאַנצער צייט געווען אין אַ זייער געהויבענער שטימונג; ער האָט געערן אָנגענומען די איינלאַדונגען צו די אָוונטן, פאַרשטעלונגען און פאַרוויילונגען, וואָס זענען לכבוד אים איינ־געאָרדנט געוואָרן.

ער האָט זיך כסדר געווערטלט, געוויצלט און אונדז אַלעמען אַמוזירט מיט זיינע הומאָרפולע דערציילונגען. ער האָט אויך אָפן אַרויסגעוויזן, אויף שריט און טריט, צופרידנקייט פון זיין באַזוך אין לאָדזש, נישט נאָר בעת די „קבלת־פּנימס און באַנקעטן, אין זאַלן און לאָקאַלן, נאָר אַפילו ער האָט שפּאַצירט איבער די לאָדזשער גאַסן.

און דווקא דעמאָלט, גייענדיק מיט אונדז אין גאַס, פלעגט ער געבן די לאָדזשער מענטשן יעדן זיין צונאָמען.

אַזוי, למשל, האָט ער, — זעענדיק ווי די לאָדזשער ייִדן איילן תמיד און לויפן אַהין און אַהער איבער דער לאַנגער פּיעטריקאָווער גאַס — זיי אַ נאָמען געגעבן „קוועקזילבער ייִדעלעך"...

די לאָדזשער כלל־טוער, וואָס פלעגן זיך אין זיין קעגנוואַרט עפּעס סודלען — „לאָדזשער גענעראַל־שטאַב";

לאָדזשער פרויען פלעגן ביי אים הייסן: „לאָדזשער לעבעדיקע ליאַל־קעס;

לאָדזשער יוגנט האָט ער גערופן: „לאָדזשער יונג־ייִדישע לאָרדן";

לאָדזשער זקנים — זיידעס מיט נשמות פון אייניקלעך...;

לאָדזשער פריילנס — טאַנצנדיקע סאַרנעס אויף גילדענע פיסעלעך;

לאָדזשער ביזנעס־לייט — „לאָדזשער וועוויאָרקעס"...

און אונדז — די דריי אינהאַבער פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט", האָט ער געקרוינט מיטן נאָמען „לאָדזשער טראָיקע"!

און אַז איך האָב אים אַמאָל אַ פרעג־געטון, וואָס ער מיינט מיט דער „טראָיקע" צי קרילאָווס באַסניע „לעבעד, שטשוקאַ דאַ ראַק" (דער שוואַן, העכט און ראַק), צי גאָר דאָס באַקאַנטע רוסישע ליד „היידאַ טראָיקאַ"? — האָט ער מיר מניה־וביה געענטפערט: ביידע! ווייל וועגן אייך דרייען איז פאַראַן צו „זאָגן און צו זינגען"!... — דאָך האָט יעדער פאַרשטאַנען וועמען ער מיינט מיט קרילאָווס דריי דערמאָנטע נעמען...

***

ווי ווייט שלום־עליכם האָט זיך צוגעבונדן צו די לאָדזשער, קאָן דינען פאָלגנדער כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד:

וועלנדיק זיכערן אַ גרויסן דערפאָלג דער נייער צייטונג „דאָס לעבן", וואָס די באַקאַנטע פאַרלאַג־געזעלשאַפט „צענטראַל" האָט באַשלאָסן אַרויס־צוגעבן אין וואַרשע אויפן אָרט פון פּעטערבורגער „פריינד", — האָבן די צענטראַל־אינהאַבער זיך פאַרבונדן מיט שלום־עליכמען, ער זאָל געבן טעגלעך פאַר דער דאָזיקער צייטונג עפּעס פון זיינע נייע זאַכן.

און נאָכדעם, ווי דער אָפּמאַך צווישן זיי איז שוין געווען פאַרענדיקט, פאַרעקשנט זיך פלוצים שלום־עליכם, אַז אָן דעם לאָדזשער טענענבוים, גייט ער נישט אַריין אין דער צייטונג.

און אַז איך האָב, קומענדיק קיין וואַרשע (לויט שלום־עליכמס טע־לעפּאָנישער בקשה) דערקלערט, אַז עס קומט גאָרנישט אין באַטראַכט אַזאַ פּראָפּאָזיציע, ווייל, ערשטנס, בין איך דאָך אַליין מיט־אינהאַבער פון אַ צייטונג און צווייטנס, וואָלט עס דעם „צענטראַל" צו טייער געקאָסט, — האָט שלום־עליכם אַ פרעג־געטון: „על כן וויפל קאָסטו"?

און ווענדיק זיך פשוט אַרויסדרייען פון גאַנצן עסק, ענטפער איך: „פינפהונדערט רובל אַ חודש און דערצו 10 פּראָצענט פון נעטאָ ריווח און דאָס דאָזיקע נאָר אויף איין פּראָבע־מאָנאַט".

**
*

און דאָ איז געשען אַ זאַך, וועלכע איז נאָך ביז היינט פאַר מיר אַ רעטעניש: אָנשטאָט מיך אויסצולאַכן פאַר אַזאַ פאַנטאַסטישער פּראָפּאָזי־ציע, בעט מיך שלום־עליכם אַריינצוגיין אין צווייטן צימער, צוזאַמען מיטן יינגסטן פון די צענטראַל־שותפים — שימין — און זיי אַלע בלייבן אָן אונדז.

וואָס זיי האָבן דאָרט צווישן זיך אַזוי לאַנג און הייס דעבאַטירט — ווייס איך נישט. כ'ווייס אָבער דאָס איינע, אַז נאָך העכער אַ שעה צייט עפנט זיך די טיר, מ'רופט מיך אַריין און שלום־עליכם זאָגט מיר אַ צופרידענער: „מזל־טוב"! מסכים! מסכים אויף אַ חודש פּראָבע! אָבער ווי קומט עס, אַז אַזאַ יונגער חברה־מאַן (כ'בין דאָן אַלט געווען 29 יאָר) זאָל שוין האָבן אַזעלכע גרויסע השגות? — פרעגט ער מיך אין געלעכטער.

**
*

דעם 18טן מאַי איז צווישן דער חברה „צענטראַל" און מיר געחת־מעט געוואָרן דער אָפּמאַך, לויטן וועלכן איך ווער לייטער פון דער וואַר־שעווער צייטונג „דאָס לעבן" מיט אַ חודשלעכן לוין פון פינפהונדערט רובל, נאָר 5 פּראָצענט פון נעטאָ־פאַרדינסט (אַ לוין, וואָס קיין יידישער צייטונגס־מענטש אין פוילן האָט עס דאַן נישט באַקומען!); און שוין אין ערשטן חודש האָט „דאָס לעבן" אַריינגעבראַכט מיט זיין טיראַזש און אַנאָנסן, כמעט דאָס צענפאַכיקע, וואָס „דער פריינד" אין פעטערבורג!

און אַז די „צענטראַל"־לייט פלעגן דאַן טעגלעך אַריינקומען אין האָ־טעל, ווי מיר האָבן געוווינט („האָטעל גראַנד", גאַלעריאַ לוקסענבורסקאַ),

זאָגן שלום־עליכמען דעם „גוט־מאָרגן" און אים, אגב, דערפרייען מיטן באַריכט פון ציַיטונגס־טיראַזש, וואָס וועט טעגלעך אַלץ גרעסער. האָט שלום־עליכם כסדר — זיך רייצנדיק מיט זיי — געזאָגט: „נו, בין איך דען נישט געווען גערעכט, טענהנדיק צו איך, אַז „לאָדזש" וועט איינעמען „וואַרשע"?

זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט צום גרויסן דערפאָלג גורם געווען, שלום־עליכמס טעגלעכער פעליעטאָן „קאַסרילעווקער פּראָגרעסיסטן", וואָס דער עולם האָט דערפון ממש געלעקט די פינגער.

ווי ס׳זאָל אָבער נישט זיין, זעט מען ווי ווייט שלום־עליכם האָט זיך צוגעבונדן צו „זיינע לאָדזשער".

***

ליידער האָט „דאָס לעבן" ביים אויסברוך פון ער׳שטן וועלט־קריג (בעת כ׳בין גראָד געווען אין דייטשן קוראָרט קאָלבערג), צוליב איינער־לעכע סיבות, אויפגעהערט צו דערשיינען.

דער דאָזיקער קאָנטראַקט, אונטערגעשריבן פון די צענטראַל־איינ־האָבער, מיט שאַלקעוויטשן (בן־אביגדור) אין דער שפּיץ, ווי אויך דער ערשטער „גילדערנער נומער" פון „דאָס לעבן", וואָס איז דאָן מיר צוגע־טראָגן געוואָרן, געפינט זיך אין מיין אַרכיוו, און כ׳בין גרייט, זיי צו געבן דער אינסטיטוציע, וואָס וועט איינאָרדענען אַ „שלום־עליכם־מוזעאום". אויך געפינט זיך ביי מיר שלום־עליכמס וויזיט־קאַרט, פון איין זייט העב־רעיש: „שלום עליכם" און פון דער אַנדערער זייט אין רוסיש: „שאַלאָם אַלעיכעם", מיט אייגנהאַנטיקער צושריפט: לאַזאַן פּאַנסיאָן העלאָס".

***

ווי אַזוי ישעיה אוגער האָט די עפּיטאַפיע איבערגעשיקט קיין אַמע־ריקע, ווו שלום־עליכם איז אין מיטן ערשטן וועלט־קריג (דעם 13טן מאַי 1916) נפטר געוואָרן — ווייס איך נישט, ווייל „לאָדזשער טאַגעבלאַט" איז דאַן, נאָך אַ דריי מאָליקער באַשטראָפונג פונעם דייטשן אָקופּאַנט, פאַר־מאַכט געוואָרן. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט זי שפּעטער פּערזענלעך אי־בערגעגעבן שלום־עליכמס איידעם, דעם באַוווסטן שריפטשטעלער בער־קאָוויטש, בעת זייער באַגעגעניש אין אַמעריקע.

.67

## באַראָן ראָטשילד וועגן לאָדזשער יידן

אַ סך שיינע חלומות האָט באַראָן עדמונד ראָטשילד געחלומט, וועגן אַנטוויקלען אַן אינדוסטריע אין ארץ־ישראל. אַ טייל פון זיינע חלומות זענען אונדז באַקאַנט. דער רוב אָבער פון זיינע פּלענער זענען מיט דער צייט איינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

איינער פון זיינע חלומות איז געווען אויפצושטעלן אין ארץ־ישראל, צוזאַמען מיט לאָדזשער יידישע אינדוסטריאַלן, אַן אינדוסטריע־שטאָט, ספּעציעל פון טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען.

דער דאָזיקער פּלאַן וואָלט געוויס אויך פאַרגעסן געוואָרן, ווען נישט די באַוווּסטע שרייבערין מרים שעראַטשעק־וואָלמאַן (היינט באַקאַנט אַלס מרים שיר), וועלכע האָט וועגן אים פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין אַמע־ריקאַנער „טאָג".

***

ביי דער געלעגנהייט פון דער גרונטשטיינלייגונג פאַר די וווינהייזער פון טעקסטיל־דאָרף „דזשעדאַ־מנור", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ארץ־ישראל דורך אַ גרופּע לאָדזשער יידן מיט מאָטל ראָזענבערג (היינט מרדכי רוזן) אין דער שפּיץ, דערציילט די דערמאָנטע שרייבערין אָט־וואָס:

„„דער געדאַנק אויפצושטעלן אין ארץ־ישראל אַ גרויסן טעקס־טיל אינדוסטריע־צענטער איז שוין לאַנג אַנטשטאַנען ביי די יידן

פון לאָדזש. נאָך מיט 25 יאָר צוריק האָט אַ גרופּע לאָדזשער אינדוס־טריאַלן, צוזאַמען מיט אַ פּאָר לאָדזשער באַוווּסטע כלל־טוער, אויס־געאַרבעט אַ פּלאַן אויפצושטעלן אין ארץ־ישראל אַ טעקסטיל־אינ־דוסטריע־שטאָט, — אַ מין לאָדזש אין קליינעם מאַסשטאַב.

ווען דער באַראָן ראָטשילד האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם פּלאַן פון די לאָדזשער, האָט ער געשיקט קיין לאָדזש דעם הויפּט־לייטער פון דער „יִק״א״, הער פראַנק, כדי ער זאָל זיך אויפן אָרט באַקאַנען מיט דעם אינטערעסאַנטן פּלאַן און צוזאָגן די לאָדזשער אונטער־שטיצונג פונעם באַראָן, אַפילו דעם גאַנצן באָדן, וואָס ער האָט אין קסריה, און דאָס נישט בלויז פאַר דער פאַבריק־שטאָט, נאָר אויך פאַר די איינוווינער פון דער שטאָט און פאַר די קאָלאָניסטן אַרום איר.

דער באַראָן ראָטשילד האָט זיך אויך פאַרפּליכטעט צו ציִען אַ ספּעציעלע באַן־ליניע, וואָס זאָל פאַרבינדן די דאָזיקע פאַבריק־שטאָט מיט חיפה און תל־אביב; אויספּלאַסטערן אַ ברייטן שאָסיי; אויפבויען דאָרט אויפסניי דעם אַמאָליקן היסטאָרישן האַפן; איבערגעבן די לאָ־דזשער אונטערנעמער, חוץ זיין אייגענעם באָדן, אויך די קאָנצעסיע אויף די 30 טויזנט דונאַם רעגירונגס־באָדן; איבערשרייבן אויף זייער נאָמען פאַר אַ מינימאַלן פּרייז אויך די 43 שטיינערנע הייזער און וואַסער־ברונעמס, וואָס דער באַראָן באַזיצט אין קסריה; איינאָרדענען אויפן גאַנצן שטח אינסטאַלאַציע פאַר עלעקטריע, וואַסער־לייטונג, קאַנאַליזאַציע, אאַ״וו.

חוץ דעם אַלעם האָט דער באַראָן זיך מתחייב געווען צו אינ־וועסטירן אין דעם „ארץ־ישראלדיקן לאָדזש״ פּונקט אַזאַ סומע, וואָס די לאָדזשער וועלן אַריינליגן אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג״.

ווי ווייט באַראָן ראָטשילד האָט דאָס געהאַלטן פאַר וויכטיק, קאָן מען זען פון דעם, וואָס ער האָט געשיקט צו פראַנקן קיין פּאַריז פון קוראָרט אַן עקספּרעס־בריוו, אין וועלכן ער בעט דעם לעצטן תיכף צו פאָרן נאָכאַמאָל קיין לאָדזש, כדי צו פאַרענדיקן מיט די לאָדזשער אינדוס־טריאַלן דעם אָפּמאַך.

„צום באַדויערן — שרייבט וויטער פּרוי שעראַטשעק — איז דער גאַנצער שיינער פּלאַן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן! אַ שטאַרקע פּראָספּעריטי־צייט איז דאַן געקומען אויף לאָדזש און דאָס בליש־טשען פון „גאָלדענעם קאַלב" האָט פאַרבלענדט די אויגן פון די לאָדזשער איניציאַטאָרן. זיי האָבן פאַרזוימט אַזאַ זעלטענע געלעגנ־הייט און האָבן אָפּגעלייגט די פאַרהאַנדלונג מיטן באַראָן אויף שפּע־טער...

דער זעלבער פּלאַן — ענדיקט די שרייבערין — איז אויפ־געשווומען נאָכאַמאָל אין יאָר 1933, בעת קיין ארץ־ישראל איז אָנ־געקומען אַלס טוריסט דער באַקאַנטער לאָדזשער אינדוסטריעלער דוד ווינדמאַן (שותף פון דער אַקציע־געזעלשאַפט „ברידער זייבערט"), וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך אַ שריפטלעכע באַשטע־טיקונג פון 10 יידישע אינדוסטריעלער, אַז זיי זענען גרייט צו אינ־וועסטירן אין ארץ־ישראל אַ גרעסערע סומע געלט אין אינדוסטריע־אונטערנעמונגען.

און ווידער האָט זיך מיט דער זאַך באַשעפטיקט דער אַמאָליקער לאָדזשער איינוווינער אברהם טענענבוים (דער שרייבער פון דאָזיקן בוך); און ווידער האָט אַ לייטער פון דער „פּיקא" (לויט דער פּער־זענלעכער ביטע פון אריה שענקאר, דעם פּרעזעס פון א"י־אינדוס־טריעלער) ה' אינזשיניער ראָזענפעלד פאַרזיכערט, אַז ער איז גרייט זיך צו באַמיִען אין פּאַריז, אַז דער אַמאָליקער פּלאַן זאָל באַשטעטיקט ווערן אויפסניי.

ווינדמאַן איז צוריקגעפאָרן קיין לאָדזש, טענענבוים און די „פּיקא" האָבן געוואַרט אויף תשובה — אָבער, ליידער, אומזיסט... ווייזט אויס, אַז ווידעראַמאָל האָט דאָס גאָלד דערווייטערט די לאָ־דזשער יידן פון די ברעגן פון ארץ־ישראל"...

(אויסצוג פון פּרוי שעראַטשעקס אַרטיקל אין אַמעריקאַנער „טאָג", 1טן אַפּריל 1944).

***

זייער אינטערעסאַנט זענען די ווערטער פון באַראָן ראָטשילד אין זיין דערמאָנטן בריוו צו ה' פראַנק קיין פּאַריז, וועלכן דער לעצטער האָט

אונדז פאָרגעלייענט (קומענדיק קיין לאָדזש, צום צווייטן מאָל) אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ציגל־גאַס 4:

„איך בין דאָסמאָל אַזוי צודרינגלעך — שרייבט דער באַראָן צו פראַנקן — און כ׳בעט איך זיך צוצואיילן און פאָרן נאָכאַמאָל קיין לאָדזש צוליב פאָלגנדע סיבות:

ערשטנס, האַלט איך די זאַך אַליין פאַר זייער וויכטיק פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל;

צווייטנס, ווייסטו דאָך אַליין ווי שטאַרק איך שטרעב אויפסניי אויפצולעבן די היסטאָרישע שטאָט קסריה, וואָס ליגט אויף איינעם פון די שענסטע ברעגן פון מיטללענדישן ים;

דריטנס, זענען דאָך די לאָדזשער מענטשן אַזוי באַקאַנט ווי טיכטיקע און אונטערנעמונג־פעיקע לייט, וואָס ווייסן תמיד וואָס זיי ווילן“.

ליידער האָבן די לאָדזשער דעמאָלט נישט געוווסט וואָס זיי ווילן. זיי האָבן געוואָלט, ווייזט אויס, בלייבן אין לאָדזש און זענען דאָרט נעבעך געבליבן אויף אייביק! פון יענער גרופע לאָדזשער האָט זיך, אויסער דוד ווינדמאַן, קיינער נישט געראַטעוועט (ער געפינט זיך אין א״י).

.68

# וואָס זאָגט וועגן די לאָדזשער יידן אַמבאַסאַדאָר מאָרגענטאַו ?

געוועזן איז עס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַלד ווי פוילן איז באַפרייט געוואָרן פון צאַרישן יאָך און האָט צוריק באַקומען איר זעלבסטשטענדיקייט.

עס איז קוים אַדורך אַ שטיקל צייט, זייט די פּאָליאַקן זענען באַפרייט געוואָרן פון זייערע רוסישע אונטערדריקער און שוין האָבן זיי גענומען באַווייזן זייער אונטערדריקונג־פּויסט קעגן די יידן!

ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן, אַזוי האָבן פּלוצים גענומען אויסוואַקסן אין גאַנצן לאַנד פאַרשידענע אַנטי־יידישע פאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס, ווי: „ראָזוואָי", „סוואָי דאָ סוואָגאָ", און ענלעכע אַנטיסעמיטישע חברות, וואָס זייער ציל איז געווען: אויפצוהייבן אַ באָיקאָט־באַוועגונג קעגן יידן, סיי אין האַנדל און איר ווירטשאַפט, סיי אין די פרייע פּראָפעסיעס.

די ערשטע פּוילישע רעגירונג האָט נישט רעאַגירט קעגן דער העצערישער אַגיטאַציע און די אַנטיסעמיטן האָבן געפירט זייער שינאה־אַרבעט קעגן ייד, פראַנק און פריי.

אָבער די ריכטיקע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר די פּוילישע יידן נאָכדעם ווי ס'איז צוריקגעקומען אין לאַנד אַריין דעם גענעראַל האַלערס אַרמיי, די אַזוי־גערופענע „האַלערטשיקעס" ימח שמם וזכרם.

די „האַלערטשיקעס" האָבן באַלד גענומען אָנפאַלן אויף יידן, ווי זיי

האָבן זיי נאָר געטראָפֿן: אויף די גאַסן און שאָסייען, אויף די מערק און אין די געוועלבער, אין די באַנען און טראַמווייען, שלאָגנדיק די ייִדן מכּת רצח, אויסרייסנדיק ביי די פֿרומע די בערד, צוזאַמען מיטן פֿלייש, אַרויס־וואַרפֿנדיק ייִדישע פּאַסאַזשירן פֿון די באַן־וואַגאָנען אינמיטן גאַנג פֿון צוג, און פֿאַרפּייניקנדיק ייִדישע פֿרויען און קינדער מיט די אכזריותדיקע מיטלען...

די גרויל־מעשׂים פֿון די פּאָליאַקן קעגן ייִדן האָבן זיך פֿאַרגרע־סערט פֿון טאָג צו טאָג, אין גאַנצן לאַנד. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז אין מאַנכע שטעט און שטעטלעך האָבן די אָנפֿאַלן אויף ייִדן געטראָגן אַ כאַראַקטער פֿון אַן אָרגאַניזירטן פּאָגראָם.

אַזוי, למשל, האָבן די פּאָליאַקן אונטערגעצונדן אין לעמבערג די שול, צוזאַמען מיט אַלע מתפּללים, וואָס האָבן זיך אין איר געפֿונען, צעשלאָגנדיק צוערשט הונדערטער ייִדן אין גאַס אויפֿן אכזריותדיקסטן אופֿן.

די שוצלאָזע ייִדן איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי אויפֿצו־שטעלן הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס צו קלייבן געלט אויף צו שטיצן די געלי־טענע ייִדישע פֿאַמיליעס פֿון די דאָזיקע פּאָגראָמען, ווי אויך צו דערוועקן דורך פֿאַרשידענע אונטערגרונט־שליחים די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער קולטורעלער וועלט אויף די אַלע גרוילטאַטן פֿון די פּאָליאַקן.

און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן מיט אַכטונג און אָנערקענונג, דער באַ־קאַנטער דענישער שריפֿטשטעלער געאָרג בראַנדעס, וועלכער האָט באַלד ווי ער האָט דערהאַלטן מיין אויספֿירלעכן באַריכט וועגן דער ייִדישער לאַגע, וואָס כ׳האָב אים צוגעשיקט דורך אַ צופֿעליקן חשובֿן אונטערגרונד־שליח קיין קאָפּענהאַגען, אויפֿגערודערט די גאַנצע קולטורעלע וועלט מיט זיינע שאַרפֿע פּראָטעסט־אַרטיקלען אין דער דענישער פּרעסע, מיטן „בערלינסקי טידענדע" אין דער שפּיץ, קעגן דעם באַפֿרייטן פּוילישן פֿאָלק, וואָס „באַפֿלעקט זיין פֿרייהייטס־פֿאָן מיט פֿאַרגיסן אומשולדיק ייִדיש בלוט!"...

אַ דאַנק דעם דאָזיקן דענישן ברידער, געאָרג בראַנדעס, איז פּוילן געצוווּנגען געוואָרן איינצושטילן יענע בעסטיאַלישע ייִדן־העצעס,

### אברהם טענענבוים־ארזי

***

געוואָר ווערנדיק דורך בראַנדעסעס אויפּרופן, וואָס אין פּוילן קומט פאָר, האָבן ענגלאַנד און אַמעריקע באַשלאָסן צו שיקן קיין פּוילן אויס־פאָרשונגס־קאָמיסיעס, בכדי זיך אויפן אָרט צו באַקאַנען מיט דער טרויע־ריקער לאַגע פון די געדרודפטע יידן.

דעמאָלט איז אָנגעקומען פון אַמעריקע קיין פּוילן דער אַמבאַסדאָר הענרי מאָרגענטאַו (פאָטער פונעם שפּעטערדיקן פינאַנץ־מיניסטער), און נאָך אים איז געקומען פון ענגלאַנד סטיוּאַרט סעמיועל (אַ ברודער פונעם א״י הויך־קאָמיסאַר הערבערט סעמיועל) און יעדער פון זיי האָט גענומען פאָרשן אויפן אָרט דעם טרויעריקן מצב פון די פּוילישן יידן.

באַלד ווי מאָרגענטאַו איז אָנגעקומען קיין לאָדזש האָט ער איינ־געלאַדן צו זיך אין „גראַנד האָטעל" פאָרשטייער פון דער קהילה און פון אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, בכדי צו הערן פון ערשטן מקור וואָס עס טוט זיך אין לאַנד.

און ווייל דאָס „לאָדזשער טאַגעבלאַט" האָט דאַן געפירט אַ רעגיסטער פון די שרעקלעכע אָנפאַלן אויף יידן פון לאָדזש און איר אומגעגנט, האָבן די פאָרשטייער פון דער גמינע, גרשון ניימאַן און זיגפריד לאַנדע, אָנגע־וויזן מאָרגענטאַוען אויף מיר, אַלס בקי אין די דאָזיקע ענינים.

מאָרגענטאַו האָט זיך באַלד גענומען זייער ערנסט צו זיין מיסיע.

צו דעם צוועק האָט ער מיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט זיין הויפּט־סעקרעטאַר, קאָלאָנעל דזשייקאָבס, אַ זייער סימפּאַטישער יונגער מיליטאַר, פאַר וועלכן איך פלעג פאָרלייענען די פון אונדז צונויפגעשטעל־טע פראָטאָקאָלן (געחתמעט אַלע מיט צוויי עדות) און ער פלעגט זיי אויף אָן אָרט איבערזעצן אויף ענגליש פאַר מאָרגענטאַוען.

אַזוי זענען אַוועק די ערשטע פאָר טעג אין גאַנץ אינטענסיווער אַרבעט.

אינצווישן איז געוואָרן פרייטיק און מיר האָבן מאָרגענטאַוען איינ־געלאָדן צו קבלת־שבת אין דער סינאַגאָגע, ווו ס׳זענען אויך געקומען דאַוונען פאָרשטייער פון קהילה און פון אַנדערע גרויסע אָרגאַניזאַציעס. הרב טרייסטמאַן האָט דאַן מאָרגענטאַוען איינגעלאַדן אויף צו מאָרגנס אין דער גרויסער אַלטשטעטישער שול.

№ 275 מאָרגען-אויסגאַבע. פּרייז 30 פּפעניג. Lodzer Tageblatt

# לאָדזער טאָגעבלאַט

אַבאָנעמענטס-פּרייז: ... 72 מאַרק ... 36 ... 18 מאַרק ... 6 מאַרק.
Łódź, Piotrkowska 16. אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
Łódź. „Tageblatt". אַדרעס פאַר טעלעגראַמען

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
פּעטריקויער 16. טעלעפאָן 867.

אַנאָנסען-פּרייז: ... 1.15 ... 2.15 ... 8 ... 7 ... 4 מאַרק.
דער רעדאַקטאָר ... פון 7—9 ...

1 Grudnia 1918 — זונטאָג כ"ז כסלו תרע"ט. — ערשטער יאָהרגאַנג

# דאָס שוידערליכע בלוט-באָד אין לעמבערג.

## די רויבערייען און הריגות אין יודישען קוואַרטאַל. - פערברענט 100 יודען אין א שוהל. - איבער 1000 הרוגים. - מויזענדער יודען אָהן אַ דאַך. - יודישע פּראָטעסטען אין אויסלאַנד. - די פּוילישע רעגיערונג וועגען פּאָגראָם. -

## ספּעציעל'ער בעריכט פאַר'ן „לאָדזער טאָגעבלאַט".

אין אונזער פרייטאָג'דיגער אָווענד-אויסגאַבע האָבען מיר שוין געבראַכט די ערשטע ידיעות וועגען דעם שוידערהאַפטען פּאָגראָם אויף יודען, וואָס איז פאָרגעקומען אין לעמבערג. א מיטאַרבייטער פון אונזער רעדאַקציע, וועלכער איז געקומען גלייך פון לעמבערג, האָט געבראַכט די געלעגענהייט צו רעדען מיט א קאָרעספּאָנדענט פון א קאָפּענהאַגענער צייטונג, וועלכער איז דאָרט געווען אין דער צייט פון לעמבערג. דאָרט, אין דער ... פון אונזער קאָרעספּאָנדענט געהערט איינציגע ... פון 1 ביז 24 נאָוועמבער. בעת דער גאַנצער צייט פון די קאַמפּפען צווישען די פּאָלאַקען און אוקראַינער, און האָט דאָרט איבערגעלעבט דעם שרעקליכען פּאָגראָם. וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען נאָך ... פון פּאָגראָמען. די ... פון דעם ... דין פּענסטער כדי זיך צו ראַטעווען. די וועלכע זענען אַרויסגעשפּרונגען זענען דערשאָסען געוואָרען פון די מערדער, וועלכע זענען אונטען געשטאַנען. די עזרה אין פּאָלשטענדיג פערברענט געוואָרען. אזוי אויך ... ווי 100 יודען פערברענט געוואָרען אויף שוהל. איינציגע פון זיי זיינען מיטגעס געוואָרען. די איינוואוינער פון די ספרי-תורות און צוזאַמען מיט זיי פערברענט געוואָרען אויף שוהל.

פערזאַמען און די מאָל האָט ניט אָנגעוויזען קיין שום סימפּטאָמען פון די אַכזריות'דיגע מעשים. וועלכע האָבען זיך אָבגעשפּילט אין יודישען קוואַרטאַל. אום צו שטילען די ראַזינע מאַסען-רציחות האָט מען נאָך ... ווען מ'האָט ... 2 טאָג נאָך דער ... דער שטאָט ... דאָס פּאָלדיגע האָט ... אָבער ניט געקאָנט ... מיליטער-פּערזאָנען האָבען געהאַלטען אַז ס'איז זיי שלעכט אין ... פון 48 ...

... צו ראַבירען און יודישען ...

... און וועגען דעם ראַזינען ... 3 דיבער. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז די ראַזינע יודען ... האָבען ... א פּוילישע ... געטראָגען פון מיליטער וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין די ראַבירונגען און אין רציחות. האָט קיין זעלבסטפערשטענדליך נאָרניט געטהאָן.

דאָס לעמבערגער „טאָגבלאַט" פון 26. נאָוועמבער ... און א ... מיט ... 

ווער ס׳האָט נישט געזען יענעם שבת אין דער פרי די לאָדזשער גאַסן, דער האָט זיכער נאָך אַזאַ אימפּאָזאַנטע מאַניפעסטאַציע אין זיין לעבן נישט געזען!

קוים האָט זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז מאָרגענטאַו, — דער ספּעציעלער שליח פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג — גייט אין דער אַלטשטעטישער שול אַריין, האָבן גענומען שטראָמען אַהין פון אַלע עקן שטאָט טויזנטער און צענער־טויזנטער יידן.

די „ברוך־הבא״־אויסרופן זענען געווען אַזוי הויך און דאָס געדראַנג אויף די גאַסן: פּיעטריקאָווער, נאַוואָמיעיסקע און וואָלבאָרסקע אַזוי שטאַרק, אַז מיט דער גרעסטער מי איז אונדז קוים געלונגען דעם גאַסט אַריינצופירן אין דער שול.

און ס׳איז דאָך קיין ווונדער נישט: נאָך די אַלע צרות אוןליידן, וואָס די יידן זענען אויסגעשטאַנען פון די „פרייע״ פּאָליאַקן, האָבן זיי אויף מאָרגענטאַוען, דעם אַמעריקאַנער שליח, געקוקט ממש ווי אויף אַ משיח, אַ מלאך הגואל, וואָס נאָר ער אַליין קען זיין אויסלייזן און באַפרייען פון די ביטערע צרות!

**
*

ווייזט אויס, אַז דער ספּאָנטאַנער גראַנדיעזער „קבלת־פּנים״ האָט אויף מאָרגענטאַוען געמאַכט אַ זייער שטאַרקן רושם.

פאַרן לייענען בייגט ער זיך פלוצים צו מיר צו און פרעגט מיך שטילערהייט, וועלכע סדרה עס גייט. און ווען איך ענטפער אים, אַז מ׳לייענט היינט פרשת נח, בעט ער מיך מיין טלית, טוט אים אָן, גייט אַרויף אויפן באַלעמער און אין אַן ערנסטן אָבער זייער זיכערן טאָן, נעמט ער רעדן צו די טויזנטער מתפללים.

גערעדט האָט ער דייטש און דאָס זענען זיינע ווערטער:

„לאָדזשער יידן! פיל, זייער פיל האָב איך געהערט וועגן אייך און אייער ווירקן לטובת דעם כלל און אויך פאַרן פרט. אָבער קיינמאָל האָב איך מיר נישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס לאָדזשער יידנטום זאָל באַזיצן אַזאַ אומגעהייערע אָרגאַניזאַציע־פעיקייט, ווי איך האָב עס דאָ געזען.

## לאָדזש און אירע יידן

ברידער מיינע, זייט נישט פאַרצווייפלט!

איך בין פעסט איבערצייגט, אַז די כוואַליע פון צרות אוןליידן, וואָס גייט איצט איבער דעם פוילישן יידנטום, וועט אינגיכן פאַרשווינדן! און אַזוי ווי נח מיט זיין פאַמיליע זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן בעתן מבול, פון אַלע בייזע ווינטן, שטורעמס און פאַרפלייצונגען, וואָס האָבן דאַן באַדראָט זייער לעבן, אָט אַזוי וועט אויך איר, צוזאַמען מיטן גאַנצן פוילישן יידנטום גליקלעך איבערקומען די דאָזיקע שטורמישע צייט.

מיינע לאָדזשער ברידער, זייט נישט ביי זיך געפאַלן!

פיל ביטערעס האָט שוין ס'יידישע פאָלק מיטגעמאַכט בעת זיין עקזיסטענץ און דאָך איז עס געבליבן עקזיסטירן! פיל פיינט און באַדריקער זענען שוין אויפגעשטאַנען אויפן פאָלק ישראל און דאָך האָבן זיי אונדז נישט בייגעקומען!

אָט אַזוי וועט עס אויך זיין דאָס מאָל!

און איך בין זיכער, אַז איר, לאָדזשער יידן, וואָס איר האָט געשאַפן אַזעלכע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע ווערטן, איר, וואָס האָט געשאַפן ממש אַ „יש מאין", וועט נאָך דערלעבן פיל נחת און פרייד פון אייער יש — פון די פיל קולטורעלע און ווירטשאַפטלעכע ווערטן אייערע, וואָס זענען פאַקטיש אַ שטאָלץ און לויב פאַר אונדזער פאָלק!

איין זאַך בעט איך אייך צום סוף: זייט אייניק און צוזאַמענגעשלאָסן אויך אין אייערע גוטע צייטן, גראָד ווי איר זייט אייניק און צוזאַמענגעשלאָסן איצט אין דער עת־צרה אייערער. און דעמאָלט וועט קיין בייזער ווינט נישט קענען שאַדן דעם הערלעכן בוים, וואָס רופט זיך „קהילת לאָדזש!".

***

לסוף, — נאָכדעם ווי מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן מאָרגענטאַוס וואָרעמע רעדע, — ווילן מיר אויך איבערגעבן וועגן זיין קאַלטקייט און צוריקגעהאַלטנקייט. ביי דער ערשטער זיצונג מיט אים אין „גראַנד־האָטעל",

האָבן מיר אים געגעבן אַן אויבערפלעכלעכן איבערבליק וועגן דער ביטערער לאַגע פון די ייִדן אין פּוילן.

מאָרגענטאַו האָט אונדזערע רייד אויסגעהערט, אַריינגעוואָרפן פון צייט צו צייט עפּעס אַ פראַגע און לסוף, ווען מיר זענען געווען זיכער, אַז ער איז גערירט פון אונדזער שילדערונג, פרעגט ער געלאַסן און כמעט מיט אַן איראָניש שמייכעלע: „צי איז נישט דאָס אַביסל איבערגעטריבן?״.

צומאָרגנס שבת נאָכמיטאָג, בעת זיין באַזוך אין ציוניסטישן לאָקאַל (צעגעלניאַנע 4) האָבן מיר פאַר אים אַוועקגעשטעלט אַ פרומען ייִדן, איינגאַנצן אַ פאַרבלוטיקטן, וועלכן די האַלערטשיקעס האָבן נאָר־וואָס אויסגעריסן אַ שטיק גרויע באָרד, צוזאַמען מיט אַ שטיק גאָמבע, בעת ער איז אַרויס פון מנחה פון ווילקער־שול. ערשט דעמאָלט האָט זיך מאָרגענטאַו איבערצייגט, אַז נישט אונדזער נעכטיקער באַריכט איז געווען „אַביסל איבערגעטריבן״, נאָר זיין נאַיווע פראַגע איז געווען היבש איבערגעטריבן...

דאָס זעלביקע האָבן מיר שפּעטער געהאַט אויך מיטן ענגלישן שליח, סטיואַרט סעמיועל. אויך ער האָט, קומענדיק קיין לאָדזש אויספאָרשן די טרויעריקע ייִדישע לאַגע, געפרעגט: „צי איז דאָס אַלץ מעגלעך?״.

אויך אים האָבן מיר איבערצייגט, אויסשפּרייטנדיק פאַר זיינע אויגן צוויי פאַרבלוטיקטע העמדער, פון צוויי ייִדישע יונגעלייט, זין פון די אָנגעזעענסטע ייִדישע משפּחות: עקביא און פריינד, וועלכע די „פּוילישע זשאַנדאַרמעריע״ האָט געכאַפּט אין גאַס, זיי אַריינגענומען אין דעם זשאַנדאַרמעריע־בנין, עק צעגעלניאַנע און זאַכאָדניע (ביי עדוואַרד היימאַן אין הויז) און צעהאַקט די רוקנס מיט בלאַנקע שווערדן, „פייערנדיק״ אויף אַזאַ אופן די באַפרייונג פון פּוילן.

ווי עס איז תחילת נישט געווען האָבןביידע דערמאָנטע ייִדישע שליחים געווירקט אַז ס׳זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די מוראדיקע און גרויליקע מערדעריי פון גענעראַל האַלערס אַרמיי איבער די פּוילישע ייִדן!

69.

# אַ לאָדזשער ייִד — איניציאַטאָר פון תל־אביב!

ווי ס׳איז באַוווּסט, רעכנט זיך די שטאָט תל־אביב אַלס איינע פון די וויכטיקסטע און שענסטע שאַפונגען פון באַנייטן ארץ־ישראל.

און פאַקטיש איז דאָך דער אויפבוי פון אָט־דער נייער שטאָט, איר גיכע אַנטוויקלונג און הערלעכער אויפבלי, איינער פון די בולטסטע באַווייזן, וואָס ייִדישע איניציאַטיוו און פלייס קענען אַלץ אויפטון.

צי האָט איר אָבער אַמאָל געפרעגט, וואָס אייגנטלעך איז דאַן געשען מיט די ייִדן פון אַלטן יפו, וועלכע זענען ס׳גאַנצע לעבן געוווינט געווען צו וווינען אין די דאָרטיקע האַלב־צעפאַלענע הייזלעך, צו „שפּאַצירן" אין אירע שמוציקע ענגע געסלעך און צו „געניסן" פון די „באַקוועמלעכקייטן" אירע, אַז זיי זאָלן פלוצים באַשליסן צו מאַכן „אַ סדר" פאַר זיך און אונטערנעמען אַ מין „יציאת מצרים" פון אַראַבישן יפו?

די דאָזיקע קשיא וועט גיך פאַרענטפערט ווערן, נאָכדעם ווי איר וועט געוואָר ווערן, אַז אויך פאַר די דעמאָלטיקע יפוער ייִדן איז געקומען אַן „אויסלייזער", — אַ ייִד, וואָס אים איז נמאס געוואָרן דער „סיר הבשר" מיטן אַראַבישן „פאַלאַפל", די געלע „פּיטע" — זייער „לחם הקלוקל" און אַלע אַנדערע אָריענטאַלישע מאכלים און זיטן, מנהגים און משונהדיקע פאַרגעניגנס...

און ווייסט איר ווער דער דאָזיקער מאָדערנער „גואל" איז געווען?

עקיבא אריה ווייס פון לאָדזש!

אברהם טענענבוים־ארזי

אַט וועגן דעם דאָזיקן לאָדזשער ייִדן, דעם גרינדער פון תל־אביב, וועט דערציילט ווערן אין די ווייטערדיקע שורות.

**
*

עס איז שוין פאַראַן וועגן עקיבא־אריה ווייס, דעם איניציאַטאָר און גרינדער פון תל־אביב, אַ גאַר נישקשהדיקע ליטעראַטור. מיר וועלן זיך דאָ באַגנוגענען נאָר מיט אַ פּאָר ציטאַטן וועגן אים:



עקיבא אריה ווייס

פון די עלטסטע לאָדזשער ציוניסטן;

מיטגרינדער פון תל־אביב.

„ביי יעדער גרויסער אונטערנעמונג איז פאַראַן אַן „איניציאַ־טאָר", אַ „געדאַנקען־שאַפער", אַ מין „משוגענער צו זיין אידעע"! און אַזוי איז אויך געווען מיט דער גרינדונג פון תל־אביב!".

אַט מיט די דאָזיקע ווערטער הייבט אָן צו שילדערן די גרינדונג פון תל־אביב דער באַקאַנטער היסטאָריקער און מיטגרינדער פון תל־אביב, דוד סמילאַנסקי ז"ל, אין זיין בוך „עם בני דורי":

„צווישן דער קליינער גרופּע, וואָס האָט זוכה געווען צו לייגן דעם גרונדשטיין פון אונדזער ערשטער ייִדישער שטאָט, תל־אביב, איז געווען דער לאָדזשער זייגערמאַכער און יובילער עקיבא־אריה ווייס!

ער, און נאָר ער, איז עס געווען פון די ערשטע „געדאַנקען־געבער" (הוגי רעיון) פון דער דאָזיקער „גאָרטן־שכונה" (שכונת גנים); און ער איז עס געווען דער „משוגענער צו דער דאָזיקער זאַך", ווי אויך פון די ערשטע טיכטיקסטע טוער און אויספירער פון דעם ענין".

(פון סמיליאַנסקיס בוך „עם בני דורי", ז' 222)

איצט אַביסל אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס דער היסטאָריקער סמי־לאַנסקי, וועלכער איז אַליין געווען פון די סאַמע ערשטע בויער פון דער „גאָרטן־שכונה" — דערציילט וועגן דער „משוגענער אידעע" פון דעם לאָדזשער זייגערמאַכער עקיבא אריה ווייס:

„איינמאָל, אין אַ שיינער לבנה־נאַכט פון חודש תמוז 1906, בעת כ'בין מיר געזעסן פאַרן הייזל פון מיין דירה אין יפו, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ שמאָל געסעלע, קומט פּלוצים צו מיר מיין שכן עקיבא ווייס און אַנטפּלעקט מיר זיין געדאַנק, — אַ געדאַנק אויפ־צובויען אַ יידישע פאָרשטאָט, נעבן יפו.

און אַזוי ווי דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך זייער אינטערע־סירט, האָבן מיר אָפּגערעדט עפּעס צו טון אין דער דאָזיקער ריכ־טונג צוזאַמען.

אין איינעם אַן אָוונט, האָבן מיר צונויפגערופן אַן אסיפה אין קלוב „ישורון", ווו ווייס האָט געהאַלטן זיין ערשטן פאָרטראַג וועגן גרינדן אַ מאָדערנע יידישע שכונה אויסער די גרענעצן פון יפו...

דער פאָרשלאַג פון ווייסן האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס ביי די פאַרזאַמלטע און אויפן אָרט איז געגרינדעט געוואָרן דער „פאַרבאַנד צו בויען הייזער". אין דער גרינדונג־פאַרוואַלטונג זענען אַריין: ווייס, סמילאַנסקי, חיותמאַן, דאַגין און בערגער. ערשט שפּע־טער איז אויך אַריין דער עסקן מאיר דיזענהאָף, וועלכער האָט פיל צוגעהאָלפן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן פּלאַן".

(אויסצוג פון סמיליאַנסקיס מאמר אין יובילעאום־נומער פון ירושלימער „דואר־היום", ז' 3).

וועגן די „ימי־בראשית" פון תל־אביב, באַזונדערס וועגן דער איבער־

מענטשלעכער אַרבעט און אָנשטרענגונג פון ווייסן צו דערגרייכן זיין ציל. דערציילט נאָך סמילאַנסקי פאָלגנדע פּרטים:

„דער לעבנס־גייסט פונעם דערמאָנטן ועד, וואָס איז געווײלט געוואָרן צו גרינדן די „נייע שכונה", איז געווען עקיבא ווייס, וועלכער איז נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען פון לאָדזש.

ער, ווייס, איז עס געווען דער, וואָס האָט זיך געגנצלעך אָפּגעגעבן דעם אויפבוי פון דער דאָזיקער „נייער שכונה". ער האָט דאַן פאַרלאָזן אַלע זיינע עסקים ווי אויך זיין ווערקשטעל און געשעפט (פון זילבער און גאָלד־זאַכן) און האָט געווידמעט דער דאָזיקער זאַך זיין גאַנצע ענערגיע, זיין פלייס און פעיקייט צו אָרגאַניזירן די דאָזיקע נייע חברה.

און מען מוז מודה זיין, אַז זיין עקשנות און שטאַרקער גלויבן אין דער צוקונפט פון דעם דאָזיקן עניין, האָבן אים געהאָלפן גובר זיין די פילע שטערונגען און שוועריקייטן, וואָס מ'האָט אים געמאַכט אויפן וועג צום פאַרווירקלעכן זיין אידעע".

(פונעם ספר „עם בני דורי", ז' 225).

איבערגעבנדיק איינצלהייטן, וואָס באַווייזן ווי גרויס די דערמאָנטע שטערונגען זענען געווען און וויפל פאַרביטערונגען דער גרויסער אידעאַליסט, עקיבא ווייס האָט געהאַט אויסצושטיין ביי דער גרינדונג פון תל־אביב, דערציילט סמילאַנסקי פאָלגנדעס:

„די אַרבעט איז דאַן געווען זייער גרויס און אויך זייער פאַרוויקלט: מ'האָט געדאַרפט דערווערבן מיטגלידער, ווײלן דעם פּאַסנדן פּלאַץ פאַר דער נייער שכונה, קויפן דעם באָדן, געפונען דעם נייטיקן קאַפּיטאַל צום בויען די הייזער, צוגרייטן די פּלענער צום בוי אאַ"וו. — און דאָס אַלץ האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געפאָדערט פיל צייט, פולע איבערגעגעבנקייט און פערזענלעכע קרבנות.

און כאָטש דער סעקרעטאַריאַט איז כלומרשט געווען אין די הענט פון גאַנצן ועד — יעדער איינער פון אונדז לויט דער ריי — דאָך האָט ווייס אויסגעפירט תמיד די הויפּט־אַרבעט: ער האָט צונויפגעשטעלט די פּראָטאָקאָלן, געווען דער אינקאַסענט און אַפילו דער שליח".

(פון סמילאַנסקיס בוך „עם בני דורי", ז' 225).

***

ווייס האָט נישט גערוט און בסדר זיך באַמיט צו פאַרווירקלעכן זיין לעבנס־ציל. דאָס קאָן מען זיך איבערצייגן ווען מ׳לייענט די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלן פון יענער חברה, וועלכע דער ארץ־ישראל־היסטאָריקער יערי פּאָלעסקין האָט פאַרעפנטלעכט אין יובילעאום־נומער פון „דואר היום":

— — — „ווייס איז געווען דער, וואָס האָט געשטויסן, אַז מ׳זאָל וואָס גיכער לייגן די ערשטע וואַסער־רערן צו דער שכונה. ווייס האָט געצוווּנגען צוצוטרעטן תיכף צו דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. ער, און טאַקע נאָר ער, האָט פאַרלאַנגט אָנצוהייבן „שוין מאָרגן" צו גראָבן דעם ערשטן ברונעם. ווייס האָט אויסגערופן אויף יענער זיצונג פון ועד: „ווען אַפילו די אַראַבער וועלן פאַרלאַנגען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט 1.500 פראַנק און די ייִדן — 1600, וועלן מיר זי דאָך לאָזן מאַכן פון ייִדן!".

(פון תל־אביבער פּראָטאָקאָלן־בוך, דריטער טייל, ז"ז 4—7).

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז דער פאַקט, אַז ווייס האָט שוין דעמאָלט פאָראויסגעזען, אַז מ׳וועט אַמאָל דאַרפן פאַרגרעסערן די שכונה און האָט טאַקע באַצייטנס געזאָרגט דערוועגן:

— — — „און אַז ס׳איז געשטאַנען די פראַגע וועגן אויסוויילן דעם פּאַסנדיקן באָדן, זענען פאָרגעלייגט געוואָרן פאַרשידענע פאָר־שלאָגן: מאַנכע האָבן געראָטן קויפן דורכויס צו דרום־זייט פון יפו, ביי דער „אדזשימאַ"; אַנדערע ווידער האָבן פאָרגעלייגט צו קויפן דווקא אויף מזרח־זייט — צו „מקוה־ישראל". דאַקעגן האָט ווייס פאַרלאַנגט צו דערווערבן דורכויס די וויסטע זאַמד־באָדנס אויפן צפון־זייט (ווו ס׳געפינט זיך טאַקע היינט תל־אביב). און דער דאָזי־קער פאַרשלאַג, וואָס איז אויך געווען דער פאָרשלאַג פון חיותמאַנען, איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן".

(פון סמילאַנסקיס ספר „עם בני דורי", ז׳ 255)

סמילאַנסקי דערציילט ווייטער:

„ווייס איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געראָטן תיכף איינצוקויפן אַ שטח פון 150 טויזנט איילן, אַנשטאָט 90 טויזנט, ווי

אַלע אַנדערע חברי הועד האָבן פאַרלאַנגט; און ער איז אויך געווען דער, וואָס האָט געשטויסן דערצו, אַז מ׳זאָל זיך פאַרזיכערן אין קויף־קאָנטראַקט מיט די באָדן־באַזיצער אויף נאָך עטלעכע הונדערט טויזנט איילן.

די כלומרשט „פּראַקטישע״ ועד־מיטגלידער זענען געווען פול־שטענדיק קעגן דעם פאָרשלאַג פון דעם פאַנטאַזיאָר ווייס״.

(פּונעם דערמאָנטן ספר, ז׳ 256).

.70

## עקיבא ווייס — דער אויפזעער ביים בויען תל־אביב

ווען די באַמיִונגען פון דעם „לאָדזשער פאַנטאַזיאָר״ (אַזוי פלעגט מען אים רופן), עקיבא ווייס, צוצואיילן דעם בוי פון דער נייער שכונה, דערציילט סמילאַנסקי אַט־וואָס:

„בכדי צוצואיילן דעם בוי פון די ערשטע 60 הייזער און זיי אויפצושטעלן אין איין יאָר, אַנשטאָט אין 3 יאָר, ווי ס'האָבן פאַר־געלייגט אַלע אַנדערע, איז ווייס עקשנותדיק באַשטאַנען דערויף, אַז מ'זאָל בויען די פונדאַמענטן און די ווענט דורכויס מיט צעמענט־ציגל פון דער יידישער פאַבריק „אַרבער״, און נישט פון די אַראַ־בישע זאַמד־שטיינער, גערופן „חאַדזטאַר״, מיט וועלכע מ'פלעגט דאַן בויען.

די אָרטיקע מענטשן האָבן אָבער געטענהט, אַז צעמענט־ציגל זענען נישט געאייגנט פאַר דער שכונה. איז טאַקע ווייס געווען דער איינציקער וואָס האָט אויפגעבויט דאָס ערשטע הויז דווקא פון צע־מענט־ציגל און דווקא מיט יידישע מויערער. (ס'הויז שטייט נאָך ביז היינט אויף עק הערצל און אחד־העם).

און דערמיט האָט ווייס געגעבן דעם שטויס צו בויען מיט יידי־שע אַרבעטס־הענט און צו אונטערשטיצן יידישע ציגל־פאַבריקאַנטן״. (דאָרט, ז' 227).

דער איבערגעגעבענער עסקן עקיבא ווייס האָט זיך אָבער נישט באַ־גנוגנט בלויז מיטן אויפבויען די „נייע שכונה״, דאָס היינטיקע תל־אביב,

נאָר ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו שטאַרקן און באַפעסטיקן איר עקזיסטענץ:

„ווייסן איז אויך צו פאַרדאַנקען — דערקלערט וויטער סמילאַנסקי — וואָס דורך זיין עקשנותדיקן קאַמף וועלכן ס'האָט אונטערשטיצט שיינקין, איז דאָס גימנאַזיום „הרצליה" אויפגעבויט געוואָרן אויפן באָדן פון „אחוזת בית" (היינטיקע תל־אביב) און נישט אין יפו, אַזוי ווי דער רוב מיטגלידער האָבן פאַרלאַנגט, טענהנדיק, אַז די עלטערן פון די שילער וועלן בשום אופן נישט וועלן ריזיקירן מיטן לעבן פון זייערע קינדער און זיי שיקן אַזאַ וויטע שטרעקע, דערצו אין טיפן זאַמד און צווישן אַראַבישע פרדסים און כרמים, וועלכע האָבן זיך געצויגן ביז דער „נייער שכונה".

(דאָרט, ז"ז 266—239).

ווי וויט ווייס איז געווען לאַגיש און גערעכט, קאָן מען זען פון דעם היסטאָרישן איבערזיכט, וואָס דער גרינדער פון דער גימנאַזיע „הרצליה", ד"ר מעטמאַן־כהן, האָט בעת דער יובילעאום־פייערונג פון תל־אביב, עפנטלעך געגעבן:

„באַלד ווי ס'איז נאָר געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער גימנאַזיע (י' אב תרס"ט), איז זי געוואָרן דער לעבנס־נערוו פון דער גאַנצער שכונה; ווייל אַלע וואָס האָבן נאָר געהאַט וועלכן ס'איז שייכות צו איר, — עלטערן, לערער א"וו. — זענען תיכף צוגעטראָטן אויפצובויען זייערע הייזער.

בכלל איז די גימנאַזיע געוואָרן דער מאַגנעט, וואָס האָט צוגעצויגן אין לאַנד אַריין פיל מענטשן און בעיקר שילער פון אויסלאַנד. אין די הונדערטער תלמידים, פון וועלכע אַ העלפט איז געקומען פון חוץ־לארץ, זענען במילא געוואָרן די הויפּט־גורמים צום וווּקס פון דער נייער שכונה. זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט פרנסה אין דער שכונה און זיי זענען עס אויך די ערשטע הויפּט־איינוווינער אין איר.

די גימנאַזיע איז געוואָרן דער צענטער פון גאַנצן קולטור־לעבן פון דער שכונה. אין איר האָט זיך געפונען דאָס דעמאָלטיקע טעאַטער, זי איז געוואָרן דער פלאַץ פאַר קאָנצערטן, פייערונגען און

שמחות; זי האָט געדינט אַלס „בית־העם“ און אַפילו אַלס „בית־הכנסת“, צו דאַוונען שבת און יום־טוב

און דאָס איז טאַקע דער סוד פון דער גיכער אַנטוויקלונג פון תל־אביב (וואָס שיינקין און ווייס האָבן פאָרויסגעזען!)“.

(אויסצוג פון יובילעאום־נומער „דואר היום“, ז"ז 51—50).

וועגן אַזעלכע קלאָרע און לאָגישע זאַכן האָט געמוזט קעמפן דער „לאָדזשער פאַנטאַזיאָר“, עקיבא ווייס, קעגן אַזוי פיל „פראַקטיש־דענקנ־דיקע“ עקשנים!...

***

קורצע אָבער זייער כאַראַקטעריסטישע איבערזיכטן וועגן אַלעם, וואָס ווייס האָט געהאַט אויסצושטיין ביז ס'איז אים געלונגען צו פאַרווירקלעכן זיין פאַנטאַסטישן פּלאַן, גיבן אין זייערע דערינערונגען פאָלגנדע א"י־פּערזענלעכקייטן: דער שרייבער ק. סילמאַן, דער עסקן יוסף־אליהו שלוש, דער שריפטשטעלער מרדכי בן הלל הכהן, דער היסטאָריקער אלתר דרויאַנאָוו, דער לייטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ד"ר אַרטור רופּין און דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער „ענציקלאָפּעדיע פון יידישע פּערזענלעכקייטן“, דוד תידהר.

לאָמיר אָקאָרשט הערן, בקיצור, וואָס אָט די אַלע פּערזענלעכקייטן דערציילן וועגן דער „לאָדזשער פאַנטאַזיאָר“ עקיבא אריה ווייס.

רעדנדיק וועגן ווייסן, אַלס איניציאַטאָר און גרינדער פון תל־אביב, דערציילט דער שרייבער ק. סילמאַן אָט וואָס:

„דריי אנזיכטן פון דריי מענטשן־גרופּעס האָבן זיך דעמאָלט קריסטאַליזירט אַרום דעם „ווייס־פאָרשלאַג“, צו בויען די „נייע שכונה“:

די „נעגאַטיוויסטן“, וואָס פלעגן כסדר מעסטן מיט זייערע אייגענע פוס־טריט דעם מהלך פון יפו ביז די זאַמד־בערג (אויף וועלכע די „נייע שכונה“ האָט געזאָלט אויפגעבויט ווערן), קלאָגענדיק דערביי און וויינענדיק פאָראויס אויף דעם וואָס זייערע ווייבער און קינדער וועלן נעבעך פאַלן אַלס רויב פון די בעדויִנער אין אָט דער דאָזיקן מדבר.

די פּאַסיוויסטן״ — וואָס פלעגן מתפּלל זיין און האָפן, אַז אפשר וועט זיך פונאַנדערפאַלן ס׳גאַנצע חברים־קרענצל און במילא וועט פון ווייסעס פּלאַן גאָר נישט אַרויסקומען און אַלץ וועט בלייבן ווי פריִער און מיר וועלן זיך ווייטער לעבן אין די אַראַבישע הייזער.

און די „פּאָזיטיוויסטן״, — ווי ווייס אַליין און די עטלעכע אָנהענגער זיינע, וועלכע האָבן זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם הייליקן אידעאַל אויפצובויען די „נייע שכונה״.

שילדערנדיק די דריי קלאַסן און די פּאַרביטערונגען וואָס ווייס האָט געהאַט אויסצושטיין ביז אים איז ענדלעך געלונגען צו פאַרווירקלעכן זיין הייליקן אידעאַל, שרייבט סילמאַן פאָלגנדעס:

„פּערזענלעך, איז ווייס פּאַקטיש געווען די אמתע פאַרקערפּע־רונג פון „אחוזת בית״ (אַזאַ נאָמען האָט דאַן די נייע שכונה באַקומען); ווייל אין זיינע אויגן איז דער פּלאַן פון אָנהייב אָן געווען אַ געענ־דיקטע זאַך! און ווען ס׳איז אים דאַן געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן לויטן נאָמען פון דער שכונה „אחוזה״...

אין אַלגעמיין האָט זיך ווייס אָפּגעגעבן פּערזענלעך מיט אַלעם. ער אַליין פלעגט מאַכן די צייכענונגען, ער אַליין האָט אויך געצייכנט די פּלענער פון די הייזער, צונויפגעשטעלט די ליסטע פון די חברים, אַליין זיי גערופן צו די אסיפות און ווייס האָט טאַקע אויך איינגע־אָרדנט די ערשטע לאָטעריע־ציִונג פון די פּלעצער, וואָס יעדער האָט געדאַרפט באַקומען.

בקיצור: ווייס איז געווען דער אויפגעמונטערטער און דער אויפמונטערער״.

(פון „יובילעאום־נומער״, ז׳ 8).

***

אין דער ספּעציעלער בראָשור וועגן ווייסן, אַלס איניציאַטאָר און אַלס גרינדער פון דער שכונה, ווי אויך אַלס איר הויפּט־אויפבויער, דער־ציילן די רעדאַקטאָרן פון דער בראָשור: י. חורגין און דוד תדהר פאָלגנדע אינטערעסאַנטע פּרטים:

„ווייסן דערלאַנגט מען ס׳ערשטע גלאָז וואַסער פון דעם ערשטן ברונעם פון דער „נייער שכונה״;

ווייסן גיט מען איבער דאָס איינאָרדענען די הגרלה פון די פלעצער פאַר יעדן פון דער שכונה;

ווייסן איז מען מכבד מיטן לייגן דעם ערשטן גרונטשטיין פון דער שכונה;

ווייסן גיט מען דערנאָך אויך איבער דעם בוי פון ערשטן הויז אויפן באָדן פון דער „חברה חדשה״ — היינט אַלענבי־גאַס;

ווייס לייגט שפּעטער אויך דעם גרונטשטיין פון ערשטן הויז אויף דער דאָזיקער הויפּט־גאַס פון תל־אביב, ווי אויך צום ערשטן הויז אויף „ירקון״־גאַס;

ווייסן איז מען מכבד צו לייגן דעם גרונטשטיין פון דער ערשטער מעטאַל־פאַבריק אין דער שכונה פון דער פאַבריק פון פאכטער און האָפמאַן.

און דער „לאָדזשער פאַנטאַזיאָר״ עקיבא ווייס לייגט אויך דעם גרונטשטיין פון ערשטן קינאָמאַטאָגראַף אין דער שכונה פון „קינאָ עדן״ אויף יהודה הלוי גאַס״.

(פון דער בראָשור: „עקיבא־אריה ווייס״, — דערשינען דורכן פאַרלאַג „ספרים ראשונים״, דורך דוד תדהר).

**
*

און איצט לאָמיר הערן וואָס עס דערציילט וועגן ווייסן זיין איבערגעגעבענער חבר ביים אויפבוי פון דער שכונה, — דער באַקאַנטער כלל־טוער יוסף אליהו שלוש:

„אין יאָר 1906 האָט דער איניציאַטאָר עקיבא ווייס צונויפגעזאַמלט אַרום זיך אַ גרופּע חברים, צווישן זיי אויך מיך, בכדי אויפצובויען אַ נייע שכונה אויסער יפו.

60 חברים האָבן זיך מיט דער צייט צוזאַמענגענומען צו דעם דאָזיקן ענין און מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין „קאַפע ליפשיץ״, כמעט אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד, אַלץ אונטער דער לייטונג פון ווייסן.

ביז ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן צום קויף פון באָדן — אַ זאַך וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן טאַקע ווייסן אַליין״.

דערמאָנענעדיק איינצלהייטן וועגן די שוועריקייטן וואָס פלעגן דע־מאָלט זיין ביים קויפן באָדן בכלל און דאָסמאָל בפרט, צוליב די אינטרי־געס קעגן ווייסן מצד עטלעכע חברים, — ענדיקט שלוש זיינע זכרונות אַזוי:

„אין אַלגעמיין איז דאָן נישט געווען קיין גרינגע זאַך צו דער־ווערבן דעם באָדן פאַר דער שכונה פון די אַראַבישע פאַרקויפער. ווייל אַפילו נאָכן באַצאָלן זיי ס׳גאַנצע געלט, אַפילו מיט אַ „באַקשיש״ און האָבנדיק שוין אין דער האַנט דעם „קושאַן״, זענען פלוצים „אויסגעוואַקסן״, ווי פון דער ערד אַרויס, נייע אַראַבער, און דער־קלערנדיק זיך אַלס די ריכטיקע אייגנטימער פון דעם באָדן, פלעגן זיי גיך אויפשטעלן אויף אים זייערע צעלטן און זיך אַריינגעצויגן אין זיי מיט ווייב און קינד און בהמות און אַפילו מיט סתם „גוטע פריינט״, באַוואָפנטע מיט שווערדן און מעסערס, גרייט צו מלחמה״...

(פון זיין ספר זכרונות „פרשת חיי״, ז״ז 130—143)

אַזוי האָט דער גרויסער אידעאַליסט, עקיבא ווייס, געמוזט קעמפן ביז ער האָט צוריקגעבראַכט אין אָרדנונג די אַלע געקינצלטע סיכסוכים, כדי צו קענען ענדלעך צוטרעטן צום אויפבוי פון „זיין״ שכונה!

**
*

אַן ענלעכע אָפּשאַצונג וועגן דער טעטיקייט פון ווייסן, הערן מיר אויך פון באַקאַנטן שריפטשטעלער און עסקן מרדכי בן הלל הכהן (פאָ־טער פון דוד הכהן, גרינדער און הויפּטלייטער פון „סולל בונה״):

„עטלעכע עסקנים זענען געווען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן גרינדן תל־אביב, אָבער דער איבערגעגעבנסטער פון אַלע — דער עסקן מיט דער „האַ־הידיעה״ (העסקן) איז אין דער זאַך געווען עקיבא ווייס: ער האָט זיך געמאַכט די גרינדונג פון דער שכונה אַלס זיין לעבנס־אויפגאַבע, וועלכע ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן. איך געדענק, אַז אַפילו זיין טאָכטער האָט ער אַ נאָמען געגעבן

„אחוזת בית״... פון באַרוף איז ער געווען אַ סוחר פון זילבער, גאָלד און איידלשטיינער, אָבער דער געדאַנק וועגן אויפשטעלן די נייע שכונה האָט באַהערשט זיין גאַנץ לעבן.

ווייניק זענען דאַן געווען עסקנים, וואָס האָבן אים געוואָלט העלפן אין דער זאַך! דאַקעגן, זענען געווען פיל שטערער, וואָס האָבן אים כּסדר געלייגט שטיינער אין וועג פון גרינדן די שכונה״...

(פון מרדכי בן הלל הכהנס ספר זכרונות „עולמי״, באַנד 4, ז׳ 148).

***

אַ זייער געלונגענע אָפּשאַצונג וועגן ווייסן, גיט דער באַקאַנטער שרייבער און היסטאָריקער אלתר דרויאַנאָוו:

„ווייס איז געווען דער מענטש, וואָס אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן פון גרינדן די „נייע שכונה״; ער איז אויך געווען דער מענטש, וואָס האָט זיך גענצלעך איבערגעגעבן, מיט פולן האַרץ און נשמה, דעם דאָזיקן פּלאַן צו פאַרווירקלעכן;

ער — עקיבא־אריה ווייס — איז טאַקע געווען דער אַקטיווסטער און טיכטיקסטער פון אַלע אַנדערע אין אויספירן דעם דאָזיקן שיי־נעם רעיון״.

(פון דרויאַנאָווס ספר „תל־אביב״, זייט 69).

צום שלוס פון זיין אָפּשאַצונג פון ווייסן, אַלס איניציאַטאָר און גרינ־דער פון תל־אביב, גיט דרויאַנאָוו נאָך צו, אַז די זעלבע מיינונג וועגן ווייסן האָבן אים פערזענלעך אויך איבערגעגעבן עטלעכע פון די הויפּט־בויער פון תל־אביב, ווי, למשל: מאיר דיזענהאָף, אליהו בערלין, יחזקאל דאַניין, דוד סמילאַנסקי און נאָך אַנדערע באַוווּסטע עסקנים.

אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע פון אַלעם איז זיכער דער פאַקט, אַז אויף ווייסן — דעם ממש געראָדפטן „לאָדזשער פאַנטאַזיאָר״ — האָט מען דאַן אויך אַרויפגעלייגט, נישט נאָר כלערליי אויפגאַבעס און אַרבעטן ביים גרינדן די שכונה, נאָר אַפילו די סאַמע שווערסטע זאַך ביי די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן: צו שאַפן פאַרן אויפבוי פון דער „נייער שכונה״ דעם עיקר — דעם נויטיקן קאַפּיטאַל!

אַט וואָס עס דערציילט וועגן דעם דער דעמאָלטיקער לייטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, ד״ר אַרטור רופּין:

„זיצנדיק אַזוי, אין יולי 1907, אין „האָטעל־קאַמניץ״ פון ירו־שלים, קומט צו מיר אַריין אַ ייד, וועלכער האָט זיך פאַר מיר פאָר־געשטעלט אַלס עקיבא וויס פון יפו, און דערציילט מיר וועגן די אוממעגלעכע און ממש אוממענטשלעכע וווין־באַדינגונגען פאַר יידן אין יפו.

און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערקלערט ער מיר דעם פּלאַן אויפצובויען אַן אייגענע יידישע שכונה מחוץ יפו, און דערציילט מיר אויך וועגן דער געגרינדעטער געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „אחוזת בית״.

די דערקלערונגען האָט וויס געגעבן מיט איבערגעלייגטקייט און מיט אַ שפּראַך, וואָס איז באמת אַריין אין האַרצן. דאָס אַלץ איז מיר זייער געפעלן געוואָרן און דעריבער האָב איך אים אויפן אָרט צוגעזאָגט צו קומען באַלד צומאָרגנס קיין יפו, בכדי צו זען אויפן אָרט דעם באָדן, וואָס די געזעלשאַפט וויל קויפן.

אויף צומאָרגנס בין איך טאַקע אָהינגעקומען, צוזאַמען מיט שמריהו לעווין און דאָרט האָט מיך שוין וויס אָפּגעוואַרט און מיר זענען געריטן אויף אייזלעך, צו זען דעם באָדן, וואָס איז געלעגן צווישן יפו און פתח־תקוה.

נאָך דעם ווי כ׳האָב באַקומען פון וויסן אַלע נייטיקע אינפאָר־מאַציעס און געהערט זיינע לאָגישע באַגרינדונגען, האָב איך באַ־שלאָסן תיכף צו שרייבן דעם „קרן־קימת״ און געבן מיין פּערזענלעכע הסכמה אויף דער הלוואה פון 300 טויזנט פראַנק, פאַר דעם בוי פון דער שכונה״.

(פון ד״ר רופּינס ספר זכרונות „פרקי חיי״, ז׳ 140)

.71

## ווי אַזוי איז אַ לאָדזשער יידן איינגעפאַלן בויען תל־אביב?

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט דעם, וואָס היסטאָריקער, שרייבער און כלל־טוער האָבן דערציילט וועגן ווייסן אַלס איניציאַטאָר און בויער פון תל־אביב, לאָמיר אָקאָרשט הערן וואָס ער אַליין האָט וועגן דעם געהאַט צו זאָגן:

„ווען איך באַטראַכט אַצינד און זע מיט מיינע אויגן — זאָגט ווייס — וואָס עס איז אַרויסגעקומען פון יענער קליינער „גאָרטן־שכונה", — פון „אחוזת בית", וועלכע מיר האָבן מיט אַזוי ווייניק מענטשן געגרינדעט און מיט אַזוי פיל מי און אָנשטרענגונג געשאַפן; ווען איך דערמאָן זיך אין די אַלע שפּאָט־ווערטלעך, וואָס די כלו־מרשט׳ע „פּראַקטישע מענטשן" האָבן דערלויבט צו וואַרפן, הן אויפן גאַנצן פּלאַן אונדזערן און מכל־שכן אויף די איניציאַטאָרן פון אים;

און ווען איך הער נאָך אַצינד דעם עכאָ פון יענעם ביטערן אויסגעשריי, וואָס מאַנכע קעגנער אונדזערע האָבן בעת דער גענע־ראַל־פאַרזאַמלונג פון כ"א סיון תרס"ז, אויסגעשריגן: „נתנה ראש ונשובה ליפו"!... — לאָמיר אויסוויילן אַ פירער, וואָס זאָל צונישט מאַכן דעם פאַנאַטישן פּלאַן פון „לאָדזשער פאַנטאַזיאָר";

און ווען ס׳דערוועקט זיך דערצו אין מיין זכרון דער טעם פון די פאָרציעס „מרור", מיט וועלכע מ׳האָט מיך גאַנצע דריי יאָר נאָכאַנאַנד „געשפּייזט", ביז מיר האָבן זוכה געווען מיט מזל אויפצו־שטעלן די ערשט׳ע פּאָר הייזער אין „אחוזת בית" — בין איך באמת

טאָפּלט גליקלעך: ערשטנס, וואָס כ׳האָב זוכה געווען צו זען מיט מיינע אויגן די פאַרווירקלעכונג פון מיין אידעאַל; און צווייטנס, וואָס כ׳האָב אין יענע שווערע און ביטערע טעג פאַרט געפונען עטלעכע איבערגעגעבענע פריינד, — מענטשן מיט האַרץ און פאַרשטאַנד, ווי דוד סמילאַנסקי, יחזקאל דאַנין, יצחק חיותמאַן, שיינקין, מאיר די־זענהאָף, בערגער און נאָך אַ צוויי־דריי יחידים, וואָס אַ דאַנק זיי איז אונדז געלונגען אַרויסצוציִען פון דער „פינצטערניש״, צום „גרויסן ליכט״, אויפשטעלנדיק פון יענער זייט שמוציקן יפו די ערשטע ייִדישע שכונה „אחוזת הבית״, וואָס טראָגט היינט דעם שיינעם נאָמען תל־אביב״.

(פון ווייסעס רעדע, בעת דער פייערונג פון זיין 70סטן געבורטסטאָג ביי זיך אין הויז).

ס׳איז כדאי אויך איבערצוגעבן ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק אויפצובויען אין ארץ־ישראל אַ ייִדישע גאָרטן־שכונה:

„איך פלעג זומערצייט זיצן אויף זומער־וווינונג אין דעם שיינעם גאָרטן־אָרט „קאַלי״, ביי לאָדזש, וואָס האָט געהערט צו מיין פריינד ר׳ טוביה טענענבוים ז״ל און באַטראַכטנדיק אַלץ וואָס די משפחה טענענבוים האָט דאָרט אין אַזאַ קורצער צייט געשאַפן, — פאַר־וואַנדלענדיק אַן אָפּגעלעגן פויליש דערפל אין אַ הערלעכן ייִדישן גאָרטן, — האָב איך מיר כסדר געטראַכט: מה־דאָך אין איינציקע ציוניסטישע משפחה איז אימשטאַנד געווען איבערצואַנדערשן אַ וויסט שטיק באָדן און פאַרוואַנדלען אים אין אַזאַ פּראַכטפולן פּאַרק, מכל־שכן, וואָס וועלן שוין באַווייזן אַ סך ייִדישע משפחות, ווען זיי וועלן זיך אַ נעם־טון דערצו אין ארץ־ישראל גופא?

און זייט דעמאָלט האָט מיך דער דאָזיקער געדאַנק ממש נישט געלאָזט רוען! און טאַקע פון יענעם געדאַנק, וועלכער האָט זיך אין מיר דערוועקט אין דער ווילע פון די טענענבוימס, ביי לאָדזש, איז אויך אַנטשטאַנען אין ארץ־ישראל די שכונה „אחוזת הבית״, וואָס איז איצט דער „ייִדישער קאַנטאָן תל־אביב״!

(פון זיין רעדע אין תל־אביבער „ציוניסטישן קלוב״ (ביי יעקב שלוש) בעתן קבלת־פנים, וואָס דיזענהאָף האָט איינגעאָרדנט צו מיין אָנקומען אָנהייב 1924 קיין ארץ־ישראל).

***

אַ זייער אינטערעסאַנטן איבערזיכט וועגן זיין טעטיקייט, בעת דער גרינדונג פון תל־אביב, האָבן געגעבן עטלעכע פון די פּני־העיר, ווי: ד״ר מיכלין, ד״ר באָגראַשאָוו, דוד סמילאַנסקי און ישראל רוקח (בירגער־מייסטער פון תל־אביב), וואָס דער „התאחדות בני הישוב״ האָט איינגע־אָרדנט צו די שלושים פון זיין פּטירה (ג׳ תמוז תש״ג).

די רעדנער האָבן דערמאָנט ווייסעס עקשנות איינצופירן אין דער נייער שכונה אַלס אומגאַנג־שפּראַך, נאָר העברעיִש אָנשטאָט רוסיש, ווי אויך זיין מי צו באַשעפטיקן נאָר ייִדישע אַרבעטער, צו גרינדן אין דער שכונה פאַבריקן, אַרומצוריינגלען „אחוזת בית״ מיט ייִדישע פאַרשטעט אאַ״וו.

דער בירגערמייסטער ישראל רוקח האָט דאַן איבערגעחזרט דאָס נבואה־וואָרט פון ווייסן, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט ביי איינער פון די גרינדונג־פאַרזאַמלונגען פון דער שכונה:

„אונדזער פליכט איז — האָט ווייס מיט פּאַטאָס אויסגערופן — צו אַנטוויקלען די נייע ייִדישע שכונה, צו פאַרשענערן און צו פאַר־בעסערן זי און זי צו פאַרוואַנדלען אין אַן אמתע „מוסטער־שכונה״ פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק!

און זאָלן די פעלקער פון דער וועלט זיך איבערצייגן ווי די ייִדן קענען איינאָרדענען זייער ייִדיש לעבן אין זייער אייגן ייִדיש היימלאַנד — אין אונדזער ארץ־ישראל!״.

צום סוף לאָמיר אויך ברענגען דאָס וואָרט פון דעם תל־אביבער היסטאָריקער, דוד סמילאַנסקי, מיט וועלכן ער שליסט זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דעם דאָזיקן ענין:

„איך האָב זיך באַגנוגנט מיט איינצלנע היסטאָרישע פאַקטן וועגן ווייסעס טעטיקייט ביים אויפבוי פון „אחוזת בית״, ווייל זיינע מעשים, — וואָס נישט אַלע ווייסן פון זיי — זיי זענען געווען די וויכטיקע פּעולות, וואָס האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָלע ביים אויפ־בוי פון דער „נייער שכונה״;

און זיי זענען אויך די פּאַקטן, וואָס גיבן אונדזער „..יבא אריה
ווייס פולע ערן־רעכט פּאַרן אויפבוי פון דער ערשטער יידישער שטאָט
אין דער וועלט — תל־אביב״!

(פון סמיליאַנסקיס ספר „עם בני דורי״, ז׳ 228).

***

בקיצור: דער „לאָדזשער פאַנטאַזיאָר״ ווייס האָט דערפילט אַלע אויפגאָבן ביים אויפבוי פון תל־אביב:

ווייס איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער אידעע!
ווייס האָט צונויפגעשטעלט דעם ערשטן פּראָספּעקט!
ווייס אַליין האָט אים צעטיילט צווישן די יידישע איינוווינער פון יפו!

ווייס האָט גערופן צו דער ערשטער אסיפה; ער אַליין האָט געמאַכט דעם ערשטן פּראָטאָקאָל; האָט דערוואָרבן די ערשטע פּאָר חברים; האָט פאַרטראַכט דעם נאָמען „אחוזת בית״; ער אַליין האָט געמאַכט דעם פּלאַן פאַר דער שכונה; האָט איינגעקויפט דעם באָדן; האָט מסדר געווען די פּאַרצעלאַציע; האָט פאַרטיילט לויטן גורל די פּלעצער; האָט געלאָזט גראָבן דעם ערשטן ברונעם; האָט געוויילט די פּאַסנדע בוי־מאַטעריאַלן פאַר דער שכונה; האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אינסטאַלאַציע צו די הייזער און מיט אַלע נייטיקן צו אויפבוי!

און עקיבא אריה ווייס איז אויך געווען אָט דער, וואָס האָט פאַרשאַפט דאָס נייטיקע קאַפּיטאַל אויף אויפצושטעלן די נייע יידישע שכונה, וואָס איז איצט אַזוי באַוווּסט אין דער וועלט מיט איר נאָמען „תל־אביב״!

***

היינט, ווען מ׳רעדט וועגן באַזעצן און קאָלאָניזירן דעם נגב, איז דאָס אַ נאַטירלעכע זאַך און קיינער זעט אין דעם נישט קיין שום אויסערגעוויינלעכעס.

נישט אַזוי איז דאָס אָבער געווען אין יענער צייט, ווען כמעט האַלב

ארץ־ישראל איז נאָך געלעגן וויסט און אומבאַארבעט, מחמת עס האָבן גע־פעלט מענטשן מיט חלוצישן ווילן. דעמאָלט איז דאָס רעדן וועגן קאָלאָ־ניזירן דעם נגב אויסגעקומען ווי די ווילדסטע פאַנטאַזיע.

דאָך האָט זיך שוין אין יענער צייט געפונען „אַ פאַנטאַזיאָר" מיט אַ וויטן בליק, וואָס האָט אין די בראשית־טעג פון ישוב גענומען רעדן וועגן דער נייטיקייט צו קאָלאָניזירן דעם נגב.

דאָס איז געווען טאַקע אונדזער באַוווּסטער „לאָדזשער פאַנטאַזיאָר", עקיבא־אריה ווייס, דער גרינדער פון תל־אביב.

געווען איז עס צוויי יאָר נאָכן אויפבויען פון „אחוזת בית". און אין יענער צייט (אין יאָר 1911) האָט זיך אין ארץ־ישראל געפונען אַ ייִד פון דרום־אַפריקע, — פרומקין האָט ער געהייסן — אַ מענטש מיט אַ וויטן בליק און דערצו אַ גרויסער אידעאַליסט. אויך ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן זעלבן חלום וואָס ווייס: אויפצולעבן און צו קאָלאָניזירן דעם נגב.

דערוויסנדיק זיך, אַז אין לאַנד געפינט זיך נאָך אַ „משוגענער צו דער־זעלבער זאַך", האָט זיך ווייס מיט אים צונויפגעטראָפן און איז צוגעטראָטן אַלס אַקטיווער חבר צו דער געזעלשאַפט „אגודת ישראל", וואָס ער, פרומקין, האָט געגרינדעט, כדי אויפצולעבן דעם נגב!

אָט וואָס דער באַקאַנטער שרייבער יוסף בראַסלאַווסקי דערציילט וועגן דעם:

„אין פאַרלויף פון יאָר 1911 האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן דאָס פאָרן קיין „רפיח", וואָס ליגט אין דרומדיקן נגב. בעת די דאָזיקע נסיעות, אין וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען ווייס, רובינשטיין, אַבראַמאָוויטש, טאַנצמאַן און טאַכאַווקין, זענען דאָרט געמאַכט גע־וואָרן די מעסטונגען פון דעם באָדן און עס זענען דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן צייכנס אַרום די גרענעצן פון שטח, וואָס מ'האָט געזאָלט קויפן, אאַ"וו.

עקיבא ווייס איז געווען דער לייטער פון דער גרופּע אינזשי־ניערן און פון די מעסטערס, וואָס פרומקינס חברה „אגודת ישראל" האָט זיי צו דעם צוועק אַהינגעשיקט".

(פון בראַסלאַווסקיס בוך „הידעת את הארץ" — „הנגב", — ז"ז 42—45).

בראַסלאַווסקי שילדערט אַלע שוועריקייטן פון דער דאָזיקער דרייס־טער עקספּעדיציע, ווי אויך די אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס ווייס מיט זיינע מענטשן האָבן געהאַט אויסצושטיין, מחמת דעם פעלן פון פאַרבינדונג־וועגן און טרינקוואַסער, דערצו זענען זיי געווען נישט זיכער מיטן לעבן אין דער מדבר און די אַרבעטער האָבן כסדר זיך באַקלאָגט אויף ווייסן און אים אַלע ווילע געפרעגט: „למה הבאת אותנו למדבר הזה" — „צו וואָס האָסטו אונדז אַראָפּגעבראַכט אין דער דאָזיקער מדבר?

„איין און צוואַנציק טעג — שרייבט בראַסלאַווסקי ווייטער — האָבן געדויערט די דאָזיקע ערשטע מעסטונגען, ביי וועלכע מען האָט באַוויזן אויסצומעסטן סך־הכל 40 טויזנט דונאַם פון די צוויי־הונדערט־טויזנט, וואָס די חברה האָט באַשלאָסן צו קויפן.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז ווייס ווידעראַמאָל אַהינגעפאָרן מיט זיינע מענטשן און זיי האָבן פאָרגעזעצט די מעסטונג־אַרבעט. אָבער פּלוצים איז אָנגעקומען אַ באַפעל איבערצורייסן די אַרבעט ביז אַ צווייטער ידיעה".

(פון דערמאָנטן בוך, ז' 45)

און איצט אַן אינטערעסאַנטער קוריאָז, וועלכן ווייס אַליין האָט מיר דערציילט, בעת מיר זענען זאַלבע דריי (איך, ער און דער ריכטער מאַני) געווען אין דעם יאָר 1924 אין נגב, — אַ קוריאָז, וואָס אויך בראַסלאַווסקי דערמאָנט אים אין זיין בוך אָבער אין אַן אַנדער ווערסיע:

„אין אַ געוויסן פרימאָרגן —דערציילט ווייס— האָבן זיך פּלוצים, צוליב עפּעס אַן אומבאַוווסטער סיבה, דערשראָקן אונדזערע מויל־אייזלען און האָבן געטומען ווילד־בריקעווען און שפּרינגען גראָד נעבן צעלט פון אונדזער עסנוואַרג, צעשמעטערנדיק דערביי אַלע ליימענע קרוגן מיטן וואַסער צום טרינקען, וואָס מיר האָבן מיט זיך געבראַכט.

געווען איז עס גראָד אין די הייסטע סוף־זומער־טעג, ווען די היץ איז דאָ ממש נישט צום דערטראָגן. מיר האָבן זיך דאַן געפונען מיט אונדזער לאַגער אויף אַ מהלך פון העכער 4 שעה גאַנג צו אַן

אָרט ווו מ׳קען באַקומען טרינק־וואַסער. דער עולם האָט זיך גענומען שטאַרק באַקלאָגן אויף מיר, למאי איך האָב זיי אַהערגעבראַכט.

באין־ברירה — טראַכטנדיק אפשר וועט געשען אַ נס מן השמים — האָב איך צעטיילט די גאַנצע גרופּע אין צווייען, און האָב פאַר־געלייגט, אַז יעדע פון זיי זאָל גיין באַזונדער אין דער ריכטונג פון מערב־זייט, ווו ס׳טרעפט, אַז מ׳געפינט, אַמאָל אין אַ יובל, אַ ביסל וואַסער.

גייענדיק אַזוי האָב איך פלוצים באַמערקט פון זייער ווייט, אין סאַמע מיט פון דעם זאַמד־מדבר, עפּעס אַ טונקעלע פאַרטיפונג אינעם באָדן. איך האָב באַלד פאַראָרדנט, אַז אַלע זאָלן גיין אַהין אין יענער ריכטונג.

און ווייסטו, אברהמטשע, וואָס מיר האָבן פאַר זיך דערזען?! מיר האָבן דערזען, ממש דעם „גן־עדן". עס איז געווען אַ גרויס שטיק ערד, באַוואַקסן מיט פייגנביימער, פול מיט רייפע זיסע פרוכט, און אַרום די דאָזיקע פרוכט־ביימער — אַ פעלד מיט פאַרטיקע אַרבוזעס!

האָבן מיר זיך טאַקע מחיה־געווען מיט די זיס־זאַפטיקע פייגן און מיט דערקוויקנדיקע אַרבוזעס און נאָך דער דאָזיקער דערפרישונג איז אונדז במילא צוריקגעקומען דער קוראַזש און דער חשק זיך ווייטער צו נעמען צו דער אַרבעט.

נאָכן אָפּרוען זיך אַביסל פון שווערן גאַנג, האָב איך גענומען באַטראַכטן און גוט אונטערזוכן דעם באָדן פון דעם דאָזיקן „גן־עדן־ווינקל", און — נישט־וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, — האָב איך זיך אָפּשטעלט נעבן אַן אָרט, אויף וועלכן עס זענען פון אויבן געווען עפּעס מאָדנע טונקעלע פלעקן.

— קינדער! — האָב איך אויסגעשריגן צו מיינע חברה — קינ־דער! קומט אַהער, גראָבט דאָ, אָט דאָ וועלן מיר אפשר געפונען גוט וואַסער!

אין אָנהייב האָבן מיך מיינע מענטשן אָנגעקוקט ווי אַ משוגע־נעם: — ס׳טייטש, — האָבן זיי געטענהט, — אין דער מדבר פון נגב וואַסער? — אָבער, נאָכדעם ווי מיר האָבן, גראָבנדיק סך־הכל נאָך

אַ פּאָר מעטער, טאַקע געפונען וואַסער, איז די שמחה געווען אין לשער.

„משה רבנו״! — האָבן זיי גענומען מיך רופן — „משה רבנו פון נגב״!...

(לויט אַ פּערזענלעכער דערציילונג פון עקיבא ווייס און פון בראַסלאַווסקיס ספר „הנגב״, ז׳ 43).

צום שלוס פון דעם אַלעם, איז כדאי צו דערמאָנען אַ פאַקט, וועל־כער האָט דאַן אין ארץ־ישראל געמאַכט אַ גרויסן רושם און וועגן וועלכן בראַסלאַווסקי דערציילט פאָלגנדעס:

„אין די רעכן־ביכער פון דער חברה „אגודת ישראל״ זענען די רייזע־הוצאות פון אַלע מענטשן פון דער גאַנצער עקספּעדיציע פאַר־שריבן אויפן נאָמען פון מנהל ווייס, בעת ער, ווייס, איז געפאָרן, האָט מיטגעאַרבעט און אָנגעפירט מיט דער גאַנצער לייטונג דווקא „שלא על מנת לקבל פרס״, באַצאָלנדיק אַלע זיינע הוצאות פון זיין אייגענער קעשענע״.

(פון בראַסלאַווסקיס בוך „ארץ הנגב״, ז׳ 43, באַמערקונג 27).

.72

## וואָס האָבן אַלץ לאָדזשער געטון פאַר ארץ־ישׂראל?

איידער מיר טרעטן צו צום דאָזיקן קאַפּיטל, מוזן מיר פּאָרויס מודה זיין, אַז אַלץ וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן געטון פאַר ארץ־ישׂראל איז ממש ווי אַ טראָפּן אין ים, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס זיי האָבן געקאָנט און געדאַרפט טון! דאָך, ווען מ׳פאַרגלייכט דאָס, וואָס זיי האָבן ביזן צווייטן וועלט־קריג געשאַפן, מיט דעם וואָס עס האָבן געשאַפן אַנדערע קהילות, — מוז מען צוגעבן, אַז ס׳ייִדישע לאָדזש האָט געטון אויף אַלע ציוניסטישע אַרבעט־פעלדער, בשום־אופן נישט ווייניקער פון אַלע אַנדערע קהילות.

אדרבה: לאָמיר דורכקוקן די אָפיציעלע ציוניסטישע רשימות, וועט מען זיך איבערצייגן אַז, זייט די „ימי־בראשית" פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז דאָס ייִדישע לאָדזש געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט אין דער צאָל „שקל"־צאָלער, „קאָלאָניאַל־באַנק־אַקציעס"־קויפער, ביימער־פלאַנצער אין „יער הערצל", געבער פון גאָלד־ און זילבער־זאַכן פאַרן „קרן הגאולה", שפּענדער פאַרן „קרן קימת" און „קרן היסוד", באָדן־קויפער ביי „הכשרת־הישוב", ביי „חברת גאולה" און „קהילת ציון", טרינקער פון „כרמל־וויין" און אַפילו „בצלאל־זאכן"־קויפער.

דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז לאָדזשער ייִדן האָבן (ווי עס באַשטעטיקן באַנק־דירעקטאָרן), אינוועסטירט אין ארץ־ישׂראל פאַרהעלט־נישמעסיק מער געלט ווי אַלע אַנדערע ייִדישע קהילות. און וויפל קאַפּיטאַל האָבן איבערגעפירט קיין ארץ־ישׂראל אויך די פאַרשידענע פּיליעס פון דער „לאָדזשער דעפּאָזיטן־באַנק", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן

דורך באַוווסטע לאָדזשער עסקנים מיט ד״ר אורי ראָזענבלאַט און באָריס עטינגאָן אין דער שפּיץ?

און האָט דען נישט דער „דייטשער טראַנספער״, וואָס זיין איניציאַטאָר איז געווען שמואל כהן פון לאָדזש, איבערגעפירט די גרעסטע סומעס און אַנדערע ווערטן, וואָס האָבן אַזוי געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון לאַנד?

אמת, טאַקע, אַז עס זענען געווען קעגנער פון דעם דאָזיקן טראַנספער, אָבער וואָס ער האָט פאַקטיש געלייסטעט, קאָן מען זען פון דעם, וואָס עס האָט שפּעטער עפנטלעך דערקלערט דער געוועזענער אויסערןמיניסטער שרת:

„דער „דייטשער טראַנספער״, וואָס האָט אַמאָל אַרויסגערופן אַ שאַרפן וויכוח, האָט אונדז געגעבן די עליה פון די דרייסיקער יאָרן, און הויפּטזאַכלעך די „יוגנט־עליה״, ווי אויך דעם שטויס צו בויען און פלאַנצן אין לאַנד!

מיר וואָלטן זיכער באַגעגנט דעם צווייטן וועלט־קריג גאָר אַנדערש, און מיר וואָלטן געהאַט צו פירן אַ זייער אַנגעשטרענגטן ווידערשטאַנד־קאַמף, ווען נישט דער דאָזיקער „טראַנספער״, וואָס האָט גליקלעכערווייז אַריינגעבראַכט קיין ארץ־ישראל אַ ריזיקע סומע אין מזומן געלט און אין אַנדערע פאַרמעגנס לטובת אונדזער לאַנד!״.

(פון מיניסטער שרתס רעדע, דעם 26סטן אָקטאָבער 1951,
אין תל־אביבער זשורנאַליסטן־קלוב).

מיט איר איבערגעגעבנקייט צו יעדער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל און, הויפּטזאַכלעך, ביים אַריבערפירן קאַפּיטאַל און עולים אין לאַנד אַריין, האָט די לאָדזשער יידישע קהילה געדינט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע יידישע קהילות אין דער וועלט.

**
*

אמת טאַקע, אַז צווישן די לאָדזשער עולים זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געלאָזט אין גלות־פּוילן נאָך גענוג פאַרמעגנס, וואָס איז, ליידער, שפּעטער געפאַלן אַלס רויב פאַר די נאַצי־חיות מיט זייערע פּוילישע מיטהעלפער. אָבער דער פאַקט אַליין, אַז די דאָזיקע יידן האָבן, נישט קוקנדיק אויף זייערע גוטע געשעפטן און וויכטיקע פּאָזיציעס, באַצייטנס

פאַרלאָזט לאָדזש און דווקא גראָד אין יענע פּראָספּעריטי־צייטן, — אָט דאָס אַליין באַווייזט אַמבולטסטן ווי גרויס זייער ווילן איז געווען צו פאַר־איייניקן זיך מיט די בויער פון ארץ־ישראל, דווקא דעמאָלט, ווען ס'לאַנד האָט זיך אַזוי געניייטיקט אין אויפמונטערונג און אונטערשטיצונג.

***

ס'איז זייער שווער אויסצורעכענען אַלץ וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן פון די „בראשית־טעג" ביז איצט געשאַפן אין ארץ־ישראל.

דאָך קאָן מען מיט סאַטיספאַקציע צוגעבן, אַז זיי האָבן אַ סך געטון.

נעמט, למשל, דעם אינדוסטריע־צווייג. ווו איר וועט זיך נאָר קערן און ווענדן, וועט איר געפינען אַ לאָדזשער, אַלס איניציאַטאָר, אָדער אַלס פאַרגרעסערער און אַנטוויקלער פון דער ארץ־ישראלדיקער אינדוסטריע.

און ס'איז דאָך אַ באַוווסטע זאַך, אַז דעם גרונטשטיין פון דער גאַנ־צער טעקסטיל־אינדוסטריע אין ארץ־ישראל האָבן געלייגט ייִדן פון לאָדזש און איר אומגעגנט.

אַזוי איז די זאָקן־פאַבריקאַציע אַנטשטאַנען אין לאַנד, אַ דאַנק די באַקאַנטע לאָדזשער: דאַנציקער, בראַון, גוטער, שיינפאַרבער, ויבדלו לחיים, יהודה מאָזעס און משה בערלינסקי, וועלכע האָבן געגרינדעט די „לודזיה".

אויך די ערשטע וואַטע־פאַבריק און וואָל־וועשעריי ווי אויך רייסעריי און שפינעריי האָבן איינגעריכטעט אין לאַנד די באַקאַנטע לאָדזש־זגיער־זשער שוואָגערס וואָלף און וואָלף רייכערט און צבי טענענבוים ז"ל.

די ערשטע בוימוואָל־סחורות האָבן געגומען אויסאַרבעטן בשותפות משה פרייטאַג (איצטיקער לייטער פון דער טעקסטיל־אָפּטיילונג ביים „משרד הבטחון" — אפרתי), צוזאַמען מיט גאָלדבערגן און אליעזר וואַר־שאַווסקי (היינט: ורדינון).

די ערשטע טריקאָטאַזש־פאַבריק האָט אויפגעשטעלט דער באַקאַנ־טער אינדוסטריעלער העניך וואָידיסלאַווסקי ז"ל; האַנטעכער און טיש־טעכער און ענלעכע זאַכן האָט דער ערשטער געגומען אויסאַרבעטן ישראל רוזשאַנסקי־ראָזען ז"ל; פּראָטע־באָד־מאַנטלען — בענדעט וואַרשאַווסקי

ז״ל; די ערשטע טעקסטיל פאַרבעריי האָט איינגעריכטעט זבאַר; ערשטע אַפּרעטור — ראָזענבערג; קראַוואַטן־שטאָפן־פאַבריק — א. טענענבוים; פיין־פּאַפּעלינען־שטאָפן — „חברת אריגים״: דוד יאַקובאָוויטש מיט יצחק ורדי; קונסט־זיידן — שלמה וואַידיסלאַווסקי; די ערשטע וואָל־שטאָפן־פאַבריק האָט אויפגעשטעלט שמואל שמושקיעוויטש, צוזאַמען מיט די ברידער גינצבורג (פירמע „אריץ״); די ערשטע ברעזענטן און געלטן־שטאָפן — חנוך שפיגל ז״ל (איצט די פירמע „ברידער שפיגל״); אַלגע־מיינע בוימוואָל־שטאָפן — אינזשיניער יעקב געפּטער (באַקאַנטע פירמע „ארוגאי״); נייעסטע זאָקן און טריקאָטאַזש־אַרטיקלען — שפיר, ראָטענ־בערג און דיקער (באַוווּסטע פירמע „גרב״); „טריקאָ־רקם״ — ישראל סווירנאָווסקי; בעסערע בוימוואָל־סחורות — דוד קליימאַן ע״ה; קאַמגאַרן־שטאָפן און צווירנעריי — מענדעלזאָן; וואָל־שטאָפן — יצחק גוטמאַן; קאַרירטע דאַמען־שטאָפן — גליקסמאַן און זין; בעסטע קראַוואַטן־שטאָפן — שמעון קליימאַן; יוטע־לייוונט אויף זעק — יצחק גאָלדין; גאַרן־צווער־נעריי און טעקסטיל־שטאָפן — קליימאַן און גאָטהייל (חברת „ארתא״); בוימוואָל־שטאָפן — צמח פּאַדאָוויטש ז״ל און זון; קאַמגאַרן־שטאָפן — דוד בערגער; מאַטראַצן־שטאָפן — ח. ב. קאַמינסקי; גאַרדינען־שטאָפן און קיכן־לאַפּענס — א. קאַמינסקי; טעקסטיל־שטאָפן — פעלצמאַן.

אָבער אויך פיל אַנדערע אַרטיקלען, וואָס געהערן צום טעקסטיל־געביט האָבן לאָדזשער געשאַפן אין ארץ־ישראל. אַזוי, למשל, האָט די ערשטע און גרעסטע העמדער און פּידזשאַמע־פאַבריק, אויפגעשטעלט שמואל ליפּמאַן; גומי־באַנד און שפּיצן — אהרן ביאַלער; גאַלאַנטעריע־בענדער — דוד ווינדמאַן; בוימוואָל און זייד־בענדער — זיין שוואַגער שוויזגאַלד; הענטשקעס און קאָרסעטן — פרידע; זון און רעגנשירעמס — קוגעל; קינדער־ און דאַמען־באַקליידונגס־אַרטיקלען — מענדל שרייבאַום אאַ״וו.

**
*

כדאי צו דערמאָנען איז אויך דעם פאַקט, אַז אַפילו אַזעלכע לאָדזשער, וואָס זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל אין סאַמע לעצטן וועלט־קריג און שוין נאָך אים, האָבן שוין באַוויזן צו שאַפן אין לאַנד פיל וויכטיקע

אינדוסטריעס, ווי, למשל: דער באַקאַנטער אינדוסטריאַל יחיאל־מאיר פּיק, — די גרויסע שפּינערייַ „פלך״; שמריהו לעווי (שמערל) — די באַקאַנטע וואָל־שטאָפן־פאַבריק און קאָלדרע־פלעיטן פאַרן מיליטער; אביגדור קינסטלער — די איינציקע אין גאַנצן נאָענטן מזרח, פאַבריק פון שפּולן; שמואל שאַרפהאַרץ, וואָס האָט צוזאַמען מיט צדוק טענענבוים און א. היישרעק אויפגעשטעלט די באַקאַנטע טעקסטיל־פאַבריקן „קאָנקאָרדיאַ״ און „חברת א״י אמעריקע״; דוד ווינדהמאַן — די שפּינערייַ „שרון״; סקאָ־סאָווסקי און בידערמאַן — די טעקסטיל־פאַבריק „סקאָטעקס״; ברידער זילבערשאַץ און נאָך פיל אַנדערע לאָדזשער, וואָס האָבן געגרינדעט זייער וויכטיקע טעקסטיל־פאַבריקן פון פאַרשידענע אַרטיקלען פאַרן לאַנד, ווי למשל: אהרן אַגינסקי, אריה קליימאַן, מיכאל קרישעק, מאַקס יאַנאָווסקי, הענעך קרישעק, באָזשעכאָווסקי, משה בודזינער, פאָגעל, בענקעל, יעקב ביעזשונסקי אאַ״וו.

נישט איינער פון זיי פאַרנעמט זיך אינטענסיוו מיט נאַציאָנאַל־קול־טורעלע און געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכע און, בעיקר, מיט די אַזוי וויכטיקע פאַרן לאַנד שוץ־ און זיכערקייטס־אַנגעלעגנהייטן...

**
*

און אַז מ׳באַקאַנט זיך טאַקע מיטן אויבן־אויסגערעכנטן מאַטעריאַל וועגן דער שאַפונג־פעקייט פון די לאָדזשער, פאַרשטייט מען ערשט ווי ריכטיק עס האָט דאָ געטון דער גרינדער פונעם „אינדוסטריעלער פאַר־באַנד אין ארץ־ישראל״, דער באַקאַנטער עסקן און פאַכמאַן אריה שענקאַר, וואָס האָט שוין דאַן צוגעקליבן צום דעמאָלטיקן „ועד־הפועל״ לרוב יידן פון לאָדזש, צו וועלכע אויך איך האָב געהאַט דעם זכות און כבוד צו געהערן.

דאָס איז אויך די סיבה, וואָס ה׳ שענקאַר, אַלס פּרעזעס פון אינ־דוסטריעלן פאַרבאַנד און זיין לאַנגיעריקער סגן — אינזש. עכטמאַן, לויבן אַזוי די לאָדזשער מיט זייער פלייס און אונטערנעמונג־קראַפט.

.73

## דיזענהאָף, תל־אביבער בירגערמייסטער, לויבט די לאָדזשער

אָבער נישט בלויז מיטן גרינגדן טעקסטיל־אונטערנעמונגען האָבן זיך די לאָדזשער אַזוי באַוויזט געמאַכט אין ארץ־ישראל! זייער פלייס און איניציאַטיוו האָט אויך געשאַפן פיל אַנדערע אונטערנעמונגען אין לאַנד.

אַזוי איז די ערשטע גרעסטע מעבל־פאַבריק געגרינדעט געוואָרן דורך דעם באַקאַנטן לאָדזשער כלל־טוער ברוך גוראַלסקי ז״ל (בשותפות מיטן בירגערמייסטער און גרינדער פון רמת־גן — אברהם קריניצי).

אויך האָט דער לאָדזשער בירגער אהרן לובינסקי אויפגעבויט אין לאַנד די ערשטע פאַבריק פון געבויגענע שטולן און מעבל; די ערשטע פערלמוטער־קנעפ־פאַבריק האָבן געגרינדעט די לאָדזשער אריה גליקס־מאַן און יהודה מאָזעס, צוזאַמען מיטן פאַכמאַן מאיר פרענקל ז״ל (פאָטער פון באַקאַנטן אַדוואָקאַט יהודה פרענקעל).

די ערשטע שפיגל־פאַבריק האָט געגרינדעט הענעך קאָזשעץ (היינט: „קורי״); די ערשטע שנוראָוואַדלע־פאַבריק — טורנער; קראַוואַטן־פאַבריק — ענגלישער; שאַכטל־פאַבריק — אשר פרענקעל; דאַך־פאַפע־ און איזאָ־לאַציע־אַרטיקלען — נחום שערף (פירמע: „חריפאָלט״); בעסטע מעטאַ־לענע בוי־אַרטיקלען — דוד וודאָווינסקי און קינדער; בלייערס און קרייד־פאַרבן — פאַדאָוויטש (פירמע: „מולדת״); קינסטלעך מיסט — פיין; כע־מישע שטאָפן — אינזשיניער זשעלינסקי; אינסטאַלאַציע־טיילן פאַר עלעק־

טרישער לייטונג — ברידער כהן; און נאָך פיל אַנדערע אינדוסטריעס, וואָס לאָדזשער יידן האָבן געשאַפן אין ארץ־ישראל.

אויך אין דער ברילאַנטן־בראַנזשע זענען אַריינגעדרונגען עטלעכע באַקאַנטע לאָדזשער, מיט אליעזר מאַזור („חברת אחים מאַזור") אין דער שפּיץ.

**
*

מיט אַ געוויסער סאַטיספאַקציע דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אויך די ערשטע פּאַפּיראָסן־פאַבריק, וואָס רעכנט זיך איצט אַלס איינע פון די וויכטיקסטע ווירטשאַפט־אונטערנעמונגען און גרויסער פּרנסה־קוואַל אין לאַנד, איז געגרינדעט געוואָרן אין ארץ־ישראל דורך אַ לאָדזשער, — דורך דעם פאַבמאַן און אונטערנעמער לובלינער („חברת לובלינער"), וואָס איז שפּעטער אַריבער אין די הענט פון די באַקאַנטע אונטערנעמער: וואַס־קיעוויטש, פאַליקאַנסקי און ד"ר וו. מאָזעס, גרינדער פון דער איצטיקער גרויסער חברה „דיובעק".

דערביי מוז מען צוגעבן, אַז טאַקע אַ דאַנק אָט־דעם לאָדזשער לובלינער זענען אין יענע „ימי־בראשית" ניצול געוואָרן פון פולשטענדיקן באַנקראָט אַלע טאַבאַק־פּלאַנטאַטאָרס, וועלכע האָבן אינוועסטירט געלט, כוחות און צייט און זענען געבליבן מיט זייער טאַבאַק, נישט האָבנדיק קיין שום מעגלעכקייטן אים צו פאַרווענדן אין לאַנד.

און אחרון אחרון — וויפל ענערגיע און פאַך־קענטעניש האָט אַרויס־געוויזן, ביים גרינדן די באַקאַנטע אייל־ און זייף־פאַבריק „יצהר", דער פאַבמאַן און מיטגרינדער פון דער חברה, אינזשיניער מאיר בערגער (זון פון אהרן־יהודה ז"ל), ברענגענדיק די דאָזיקע פאַבריק אויף איר הויכער און וויכטיקער מדרגה. און וויפל ענערגיע און פאַך־בקיאות האָט אָט דער זעלבער מאיר בערגער אינוועסטירט ביים אויפבויען זיין נייע גרויסע אייל־ און זייף־אונטערנעמונג „טית־בית", וואָס ער האָט לעצטנס אויפ־געבויט, צוזאַמען מיטן באַוווּסטן כלל־טוער און פאַבמאַן טרובאָוויטש.

עס איז פאַקטיש נישט מעגלעך אויסצורעכענען דאָ אַלץ, וואָס עס האָבן ביז היינט געשאַפן אין ארץ־ישראל די יידן פון לאָדזש און איר אומגעגנט. דאָך ווילן מיר דאָ ברענגען נאָך עטלעכע פאַקטן, פון וועלכע

מ׳קאָן זיך מאַכן אַ באַגריף וועגן דער פעיקייט פון די לאָדזשער און וואָס אַלץ ס׳איז אַנטשטאַנען אין לאַנד אַ דאַנק זיי.

אַזוי, למשל, איז אַפילו די ערשטע און גרעסטע קאָמוניקאַציע־געזעלשאַפט „אגד״ געגרינדעט געוואָרן דורך די לאָדזשער: משה ראָזענבערג ז״ל און לאורך ימים יעקב (יאַנעק) האַוזמאַן און אברהם וואַלדמאַן;

אויך די ערשטע באַנק פאַר עולים פון פוילן — „בנק עולים״ (היינט: באַנק ענגלאַנד א״י), איז געגרינדעט געוואָרן דורך לאָדזשער, מיט אברהם לערנער אין דער שפּיץ;

די ערשטע טויב־שטומע־שולע האָט געגרינדעט דער באַקאַנטער לאָדזשער פּעדאַגאָג אריה ליפשיץ (זון פון עסקן טוביה ליפשיץ פון זגיערזש);

די ערשטע גרויסע בינען־צוכט פאַר האָניק־עקספּאָרט האָבן געגרינדעט די ברידער גלילי (סטאָלינסקי) פון לאָדזש;

דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון דער באַקאַנטער טראַנספּער־געזעלשאַפט „העברה״ (וואָס אַ דאַנק איר איז אַריבערגעפירט געוואָרן פון דייטשלאַנד קיין ארץ־ישראל ס׳פאַרמעגן פון הונדערטער ייִדן) איז געווען דער לאָדזשער יונגער עסקן שמואל (סם) כהן (זון פון באַקאַנטן עסקן יעקב־מענדל כהן);

די ערשטע אונטערנעמונג פאַר טיף־בויערונגען פון וואַסער־ברונעמער („אַרטעזישע״) האָט געשאַפן דער באַקאַנטער לאָדזשער פאַכמאַן יהודה יאַראָכאָווסקי ז״ל;

דאָס איינאָרדענען אין לאַנד אַ ספּעציעלע טיי־פאַקעריי פון דער וועלט־באַקאַנטער פירמע „וויסאָצקי״, איז אויך אַנטשטאַנען דורך דער איניציאַטיוו פון אַ לאָדזשער, — פון דעם באַקאַנטן פאַכמאַן און לייטער פון דער א״י־פיליאַל, שמעון־זיידלער (זון פון וויסאָצקיס פאַרטרעטער אין פוילן, — שלום זיידלער).

די גרויסע וואַראַנט־לאַגער־הייזער פאַר שיף־ און באַן־לאַגער־שטאָפן „עצמון״, האָט געגרינדעט דער באַקאַנטער לאָדזשער אונטערנעמער ראָזנבערג־רוזן (פון פון באַקאַנטן עסקן מרדכי רוזן).

און לסוף נאָך איינע, אָבער פון די וויכטיקסטע אונטערנעמונגען אין ארץ־ישראל — די לופט־פלי־געזעלשאַפט „אל־על״ — זי איז אויך געגרינדעט געוואָרן מיט דער ענערגישער מיטהילף און באַטייליקונג פון

באַקאַנטן לאָדזשער יונגן עסקן אברהם ריבקינד (ברודער פונעם ביבליאָ־גראַף יצחק ריבקינד און אייניקל פונעם פּאָפּולערן לאָדזשער בירגער ר׳ סענדער דישקין ז״ל).

***

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַביסל באַקאַנט מיט די פּרטים וועגן דער אונטערנעמונג־קראַפט פון לאָדזשער אין ארץ־ישראל, איז כדאי צו הערן די מיינונג, וואָס דער ערשטער תל־אביבער בירגערמייסטער, מאיר דיזענ־האָף האָט געהאַט וועגן זיי:

געווען איז עס אין יאָר 1924. קיין ארץ־ישראל איז דאַן אָנגעקומען אַ גרעסערע גרופּע לאָדזשער טוריסטן, לרוב אינדוסטריאַלן, מיטן באַ־קאַנטן גרויס־אינדוסטריעלער און פּרעזעס פון דער קהילה, סענאַטאָר שלמה בודזינער ז״ל, אין דער שפּיץ.

געקומען זענען זיי, ווי די צייטונגען האָבן באַריכטעט, „לתור את הארץ״, — אויסקוקן ס׳לאַנד, צי עס זענען פאַראַן מעגלעכקייטן פאַר אינדוסטריע־שאַפונגען. און ווי ס׳פלעגט זיך דאַן פירן, זענען אויך די דאָזיקער לאָדזשער געקומען ס׳ערשטע צו זייער „לאָדזשער פאַרשטייער״, כביכול, — צום שרייבער פון די דאָזיקע שורות, — אַלס גרינדער פון דעם פאַרבאַנד „עולי פוילין״ אין לאַנד.

ווי זיי זענען באַר אַריין צו מיר אין שטוב, קומט אָן אַ ספּעציעלער שליח פון דער עיריה און פאַרבעט אונדז אַלע, אין נאָמען פון בירגער־מייסטער, צו אַ קבלת־פּנים אין עיריה אַריין.

דיזענהאָף האָט זיי אַלע זייער פריינדלעך אויפגענומען; געכאַפּט מיט יעדן אַ שמועסל, געזאָגט אַ גלייכווערטל און נאָכן כיבוד פון אַן עכטן טערקישן קאַפע, שטעלט ער זיך אויף און ווענדט זיך מיט זיין ליב שמייכעלע צו די אַנוועזנדע מיט פאָלגנדע ווערטער:

„מיינע ליבע דאַמען און הערן!

איר ווייסט דאָך וואָס די וועלט זאָגט וועגן די פראַנצויזן? ווען אַ פראַנצויז דערהערט וועגן עפּעס אַ געשעעניש אין דער וועלט, גיט ער אַ געשריי: „שערשע לאַ פאַם!״ — דאָס הייסט: „זוך דערביי די פרוי״!...

די פראַנצויזן זענען טיף איבערצייגט, אַז הינטער יעדער וויכ־טיקער געשעעניש געפינט זיך אַ פרוי.

איך אָבער, יעדעס מאָל ווען איך הער, אָדער ווען איך זע, אַז עס שאַפט זיך עפּעס נוצלעכעס און וויכטיקעס אין ארץ־ישראל, טראַכט איך מיר באַלד: „אַהאַ, געוויס געפינט זיך הינטער דעם עפּעס אַ לאַדזשער"!...

ווייל והער נאָך, חוץ מיר, קאָן עדות זאָגן וועגן דער גרויסער טעטיקייט פון די לאָדזשער אין ארץ־ישראל און באַזונדערס אין אונ־דזער תל־אביב!".

אויסרעכענענדיק פאַרשידענע אונטערנעמונגען, וואָס לאָדזשער האָבן געשאַפן אין לאַנד, סיי אין די מושבות ווי אויך אין די שטעט, באַזונדערס אין תל־אביב, האָט דיזענהאָף באַטאָנט מיט פּאַטאָס.

„שוין דער פאַקט אַליין, אַז דעם עצם־געדאַנק, אויפצובויען אַ תל־אביב, האָט געשאַפן אַ לאָדזשער, מיין ליבער פריינד וויס, דאָס אַליין געניגט דאָך זיכער צו ווייזן צו וואָס איר לאָדזשער זייט פעיק!

און איצט, מיינע ליבע געסט, זייט זיכער, אַז גראָד ווי אייערע פריערדיקע ברידער, אַזוי וועט איר אויך דאָ קאָנען געפינען מעג־לעכקייטן צו שאַפן קאָנסטרוקטיווס פאַר אייך און במילא אויך פאַר אונדזער לאַנד!

און איך פאַרזיכער אייך, אַז ווען איר וועט באַשליסן דאָ עפּעס צו מאַכן, דאַן בין איך מיט אייך און צו אייער דינסט! מאַכט־זשע, שאַפט־זשע און באַגליקט"!

(פון דיזענהאָפס רעדע אין דער עיריה, עק שדרות רוטשילד און נחלת־בנימין).

ענלעכע אָפּשאַצונג־ווערטער פלעג איך נישט איינמאָל הערן אויך פונעם צווייטן בירגערמייסטער ישראל רוקח און פון זיין שפּעטערדיקן געהילף, אליעזר פּערלמאַן, בעת מיין קאַדענץ (1926־28), אַלס מיטגליד אין שטאָטראַט פון תל־אביב, ווי אויך פון דעמאָלטיקן „ראש מחלקת התכנון", אליעזר קאַפּלאַן (שפּעטער פינאַנץ־מיניסטער) און דוב האָז (שפּעטערדיקער וויצע־בירגערמייסטער), וועלכע זענען דאַן אויך געווען ראַטמענער פון תל־אביבער מאַגיסטראַט.

## 14.

# לאַדזשער אין דער ארץ־ישראל אַגריקולטור

אָבער נישט נאָר אויפן האַנדל־ און אינדוסטריע־געביט האָבן לאַ־דזשער זיך אויסגעצייכנט אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אויפן אַגריקולטו־רעלן געביט האָבן זיי אַ סך אויפגעטון.

איך וועל, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דאָ נישט אויסרעכענען די נעמען פון די הונדערטער און אפשר טויזנטער לאָדזשער, וואָס האָבן דורך זייער איניציאַטיוו אַזויפיל געשאַפן אין לאַנד, הן אויפן געביט פון פלאַנטאַ־ציעס פון כּרמים און פּרדסים און אַנדערע אַגריקולטורעלע אונטערנע־מונגען.

איך וויל בלויז פאַרצייכענען דעם פאַקט (וואָס נישט אַלע ווייסן אים), אַז אַפילו ביים גרינדן די קיבוצים האָבן לאָדזשער געהאַט אַ גרויסן חלק.

אַזוי, למשל, האָבן לאָדזשער חלוצים געגרינדעט אין לאַנד די ערשטע אַגריקולטורעלע קבוצה אין חיטין (נעבן מצפּה), וואָס האָט באַקומען איר הכשרה נאָך אין די יאָרן 1911־13, אין דגניה;

אויך עין־חרוד איז אַנטשטאַנען, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און מיט דעם פּערזענלעכן ענערגישן אָנטייל פון פאָלגנדע לאָדזשער: משה און שמואל שפּירא, אליהו פליישער, צבי סטריקאָווסקי, און ישראל פלאַנבוים. צו די דאָזיקע חברים איז שפּעטער אויך צוגעטראָטן אַ צווייטע גרופּע לאָדזשער וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דער באַקאַנטער שרייבער און עסקן אליעזר ליבענשטיין (ליבנה), אַ זון פון איינעם פון די ערשטע

לאָדזשער ציוניסטן יהודה־לייב ליבענשטיין ז״ל, וואָס איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל;

אויך כפר יחזקאל איז געגרינדעט געוואָרן, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די באַקאַנטע לאָדזשער בן־דוד (פשיגורסקי) און זיין פרוי רבקה;

צו דער גרינדונג פון נהלל האָבן פיל געהאָלפן די לאָדזשער אליעזר בראָון און היללי (מאַנטירסקי);

צו דער גרינדונג פון דער קבוצה גשר האָט זייער פיל געהאָלפן דער איבערגעגעבענער לאָדזשער חלוץ (היינט באַקאַנטער עסקן) זאב יאָסקאָוויטש;

דער לעצטער איז אויך געווען דער הויפּטגרינדער פון קבוץ אשדות־יעקב. זאב יאָסקאָוויטש איז אַ זון פון אברהם און אייניקל פון באַקאַנטן חסיד איטשעלע וואָלער;

דער הויפּטגרינדער פון מחניים (דאָס דערוויטערטע באר טוביה) איז געווען דער לאָדזשער חלוץ יצחק בן־צדק (האַלטרעכט) און זיין שוועסטער רות.

אויך קיבוץ־באַראַכאָוו, חולדה, מעלה־חמשה און נאָך אַנדערע קבוצים זענען אַנטשטאַנען מיט דער הילף פון לאָדזשער;

ביי דער גרינדונג פון תל־יוסף האָט ענערגיש אָנטייל גענומען אַ לאָדזשער. וואַרשטאַצקי האָט ער געהייסן.

איינער פון די ערשטע גרינדער פון דגניה איז געווען יהושע מנוח (יהושע רוס) פון זגיערזש;

די מיטגרינדערין פון קבוצת גבע אין עמק־יזרעאל איז געווען אַ לאָדזשערין, חברה קאַלינסקאַ, אַ טאָכטער פון משה קאַלינסקי פון לאָדזש.

אַפילו צווישן די ערשטע שומרים אין ארץ־ישראל זענען געווען נישט ווייניק לאָדזשער און איינער פון די עלטסטע פון זיי, משה סעגאַלאָוויטש, איז דערהרגעט געוואָרן אין יאָר 1915, בעת דער שמירה אין רחביה.

און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז איינער פון די ערשטע וואָס האָט מיט 50 יאָר צוריק איינגעפירט אין ארץ־ישראל דאָס זעצן קאַרטאָפל (ביז

דאָן איז דאָס געווען אַ זעלטנהייט), איז געווען דער לאָדזשער ציוניסטישער יוגנט־עסקן יוסף־שלום טענענבוים (ברודער פונעם שרייבער), וועלכער פלעגט באַציִען פאַר זיין געלט די בעסטע סאָרטן אויסלענדישע, באַזונדערס אַמעריקאַנער, קאַרטאָפל און זיי אומזיסט פאַרטיילן צווישן די פאַרשידענע קאָלאָניסטן אין לאַנד.

צום שלוס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז צווישן די ערשטע גרינדער פון סאַמאָראָדנעם „הסתדרות העובדים״ איז אויך געווען אַ לאָדזשער, — מרדכי־ישעיה עלבינגער, וועלכער רעכנט זיך אַצינד אַלס איינער פון די איבערגעגעבנסטע און טיכטיקסטע עסקנים פון „קופת־חולים״ אין ארץ ישראל.

75.

## די מיינונג פון לאָרד באַלפור וועגן לאָדזשער יידן

לאָדזשער ייִדן האָבן זוכה געווען צו אַ געהעריקער אָפּשאַצונג, נישט בלויז פון ייִדישע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, נאָר אויך פון זייער אַנגעזעענע און באַוווסטע נישט־ייִדן.

איך וועל דאָ נישט דערמאָנען די לויב־ווערטער וועגן אונדזערע ברידער פון די פאָרשטייער פון דער רוסישער און שפּעטער פּוילישער מאַכט, ווייל עס קען זיין, אַז זייערע לויב־ווערטער אויפן חשבון פון די לאָדזשער ייִדן זענען נישט פריי פון אַנדערע כוונות.

איך וועל אָבער ציטירן אַן אָפּשאַצונג וועגן די לאָדזשער ייִדן פון איינעם פון די חשובסטע נישט־ייִדישע פּערזענלעכקייטן. דאָס איז די מיינונג פון לאָרד אַרטור דזשיימס באַלפור, — דעם ענגלישן מיניסטער און שעפער פון דער היסטאָרישער „באַלפור־דעקלאַראַציע״.

דאָס איז געשען באַלד נאָך דער עפנטלעכער זיצונג פון פעלקער־בונד־ראַט, אין רוים.

לאָרד באַלפור האָט דאַן אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ גערעדט וועגן אויפבוי פון ארץ־ישראל און צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט דאָס פאָלגנדיקע:

„איך בין טיף איבערצייגט אַז ארץ־ישראל, דאָס הייליקע לאַנד און דאָס פאָטערלאַנד פון ייִדישן פאָלק, וואָס איז ביז איצט געווען וויסט, פאַרלאָזן און חרוב, דערוועקט זיך אַצינד ווידער צו דער אמתער ווידעראויפלעבונג.

גאַנץ באַזונדערס אַצינד, ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אהין די גרויסע ייִדישע אימיגראַנטן־עמיגראַציע... 

„...גאַנץ באַזונדערס אַצינד, ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אהין די גרויסע ייִדישע איינוואַנדערונג, וועלכע ברענגט אַריין אין לאַנד ייִדן פון דער גאַנצער וועלט, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס געפינען זיך די ייִדן פון לאָדזש, וואָס האָבן זיך אַזוי באַרימט געמאַכט מיט דער אַנטוויקלונג פון זייער שטאָט און איר וויכטיקער אינדוסטריע״

(פון די טעלעגראַמעס פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען דעם 12טן דעצעמבער).

איז דעריבער גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס זייענדיק אַזוי פֿעיִק און ענערגיש, זענען אַ סך לאָדזשער, באַלד נאָכן דערגרייכן אונדזער אומאָפּהענגיקייט, באַשטימט געוואָרן פון דער ישׂראל־רעגירונג אויף פאַרשידענע וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן, ווי למשל: אינזשעניער מאיר בערגער, אַלס ערן־לייטער פון דעם רעגירונגס־אַמט פאַרן „מלאי״ (רעזערוו־אַרטיקלען) פון לאַנד; א. קליימאַן — אַלס לייטער פון דעם טעקסטיל־איינקויף פאַרן מיליטער; משה ראָזען (רוזשאַנסקי) — אַלס ראַטגעבער ביים דערמאָנטן אַמט; משה אפרתי (פּרייטיק) — אַלס עקספּערט פאַר טעקסטיל־אַרטיקלען ביי דער איינקויפשטעל פון משרד הבטחון און שפּעטער אַלס הויפּט־שעף פון דעם דאָזיקן אַמט; חיים לוריע — אַלס לייטער פון דער פאַרקויף־שטעל ביים משרד הבטחון; עזרא רייכערט און יחזקאל יאַראָכאָווסקי אויף וויכטיקע פּאָסטנס ביים ים־פלאָט; יהודה ארזי (טענענבוים) אַלס איינקויפער פון כלערליי געווער פאַרן מיליטער; זיין ברודער טוביה ארזי — אַלס ראַטגעבער ביי דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון נאָענטן מזרח, ביי דער „אונא״, תחילת אין לייק־סוקסעס, דאַן אין פּאַריז און לאָנדאָן, און נאָכדעם אַלס יועץ (ראַטגעבער) פאַר די קאָנסולאַרע ענינים און האַנדלס־אַטאַשע ביי די ישׂראל־אַמבאַסאַדע אין טערקיי, דערנאָך אַלס ראַטגעבער ביי דער אַמבאַסאַדע אין אַרגענטינע, און די ישׂראל־רעגירונג האָט אים לעצטנס דערהויבן צום ראַנג פון אַ געזאַנדטן, כדי אים צו באַשטימען אין אַן אַנדער לאַנד; עזרא רייכערט (ירון) — תחילת אַלס ישׂראל־געזאַנדטן אין יוגאָסלאַוויע און איצט דאָסזעלבע אין האָלאַנד; אינזשעניער שלמה ארזי — אַלס בויער פון דער צייטווייליקער ישׂראל־רעזידענץ הקריה, אין שרונה, ביי תל־אביב און שפּעטער אויך די הקריה אין ירושלים; זוסמאַן יעבץ — אַלס גובערנאַטאָר

פון רמלה און לוד; עוזר בערמאַן — אַלס הויפּט־קאַסיר ביי דעם רעגי־רונגס־אַמט פון רשיונות און פּאַר אימפּאָרט און עקספּאָרט־אַרטיקלען און שפּעטער אויך ביי פּאַרשידענע אַנדערע רעגירונגס־אַמטן; דאַווידאָוויטש (בן־דוד) אַלס לייטער פון דעם פּאַרקויף־אַמט פון פיינטלעך באַוועגלעכן פּאַרמעגן; אַדוואָקאַט הרפזי (נייגאָלדבערג) אַלס פּראָקוראָר פון תל־אביבער געריכט; הענדעלעס —אַלס לייטער פון „מלאי" אין תל־אביב, יפו אאַ"וו.

זעלבסטפּאַרשטענדלעך, האָב איך דאָ אויסגערעכנט נאָר אַ טייל פון די לאָדזשער וואָס פּאַרנעמען וויכטיקע אַמטן אין ישראל, און דאָך קאָן מען מיט רעכט זאָגן, אַז מיר האָבן זיך מיט אונדזערע לאָדזשער אין ישראל בכלל נישט וואָס צו שעמען!

.76

## אומעטום דערקאָנט מען דעם לאָדזשער מיט זיין לאָדזשערישקייט!

עס איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז אַ לאָדזשער עסקן דערקאָנט מען אומעטום דורך זיין טיכטיקער „לאָדזשערישקייט". אָט אַזוי איז עס געווען אין די פאַרייניקטע שטאַטן, ווו די לאָדזשער האָבן נאָך מיט 70 יאָר צוריק (1886) געגרינדעט דעם באַוווסטן לאָדזשער פאַרבאַנד „טרוי־בראָדערס", פון וועלכן עס זענען מיט דער צייט אַנטשטאַנען די צענדליקער לאָדזשער לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען און לאָדזשער יאָנגמען־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אַזוי באַוווסט אין דער וועלט מיט זייער אינטענסיווער און פרוכטבאַרער טעטיקייט.

דאָס זעלביקע איז געשען כמעט אין אַלע לענדער, ווו עס געפינען זיך לאָדזשער עסקנים. דעריבער איז אויך קיין וווּנדער נישט, וואָס אין די פאַרייניקטע שטאַטן איז יאָרנלאַנג געווען דער פּרעזידענט פון פוילישן יידנטום, דער לאָדזשער כלל־טוער בנימין ווינטער ז"ל און וואָס אויך אפילו נאָך זיין טויט זענען זיינע נאָכפאָלגער לאָדזשער, ווי למשל: בערנאַרד ראָזענשטיין, פישער און די טיכטיקע לאָדזשער כלל־טוער מיטן עסקן באַש בראש, וועלכע שטייען איצט אין דער שפּיץ פון דעם פאַרבאַנד.

דאָס זעלבע איז אויך געווען אין ענגלאַנד, ווו צוזאַמען מיט די לאָדזשער עסקנים: א. ענגעל, יאַסקאָוויטש און קני, איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער פוילישער אָרגאַניזאַציע פון די פוילישע יידן, דער באַרימטער לאָדזשער מאָלער לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי.

אויך אין דרום־אַפריקע האָט זיך דערוואָרבן זייער פיל אָנזען און אכטונג דער באַקאַנטער לאָדזשער עסקן מאַקס גאָנסקי, (אייגנטימער פון

דער לאָדזשער פירמע גאַנסקי און ענגעלמאַן), וועלכער טוט זייער אַ סך אויפֿן נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן געביט.

אַזוי איז אויך געווען אין ארץ־ישראל, ווו עס איז, בעת דער גרויסער עליה פון פוילן, געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער פוילישער לאַנדסמאַנשאַפט „עולי פוילין", דער וויצע־בירגערמייסטער פון תל־אביב, אברהם לערנער פון לאָדזש, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע לאָדזשער.

***

ווען דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום האָט, נאָכן ערשטן וועלט־קריג, באַשלאָסן צו שיקן קיין פוילן אַ דעלעגאַציע, כדי צו העלפן זייערע ברידער אין דער שרעקלעכער נויט, איז וועמען, מיינט איר, האָט מען עס געשיקט? טאָקע די דריי לאָדזשער עסקנים: ווינטער, פישער און ראָזענשטיין!

דאָס זעלבע איז געשען אויך אין ענגלאַנד, ווו דאָס דאָרטיקע ייִדנטום, האָט וועגן דעם זעלביקן ענין געשיקט קיין פוילן די באַקאַנטע לאָדזשער עסקנים: ענגעל, קני און אַ"וו.

די לאָדזשער פאַרבאַנדן אין נאָרד־אַמעריקע, וואָס האָבן געגרינדעט דעם „הילפס־פאַרבאַנד פאַר לאָדזשער ייִדן", האָבן זיך דערוואָרבן אַ וועלט־נאָמען. די „לאָדזשער פּרויען־פאַרבאַנדן" אין נאָרד־אַמעריקע זענען געווען די ערשטע אין דער וועלט, וואָס האָבן אין סאַמע מיט פון צווייטן וועלט־קריג אַרויסגעשיקט קיין ארץ־ישראל אַמבולאַנסן מיט די נייעסטע אַפּאַראַטן און נייטיקסטע מעדיקאַמענטן, כדי צו געבן גיכע הילף זייערע שוואַכע און פאַרוווּנדעטע ברידער.

און איז עס דען נישט אַ כאַראַקטעריסטישער סימבאָל פאַר דער ענערגיע און שאַפונגס־פעיקייט פון לאָדזשער ייִדן, אַז אויך דער שעפער און פירער פון באַוווּסטן אַמעריקאַנער „נאָדל־אַרבעטער־פאַרבאַנד", וואָס ציילט ביי אַ האַלבן מיליאָן אָרגאַניזירטע מיטגלידער, — דער באַרימטער אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער דוד דובינסקי, וואָס כאָטש ער איז געבוירן אין בריסק, האָט ער אָבער, ביז זיין אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע, געלעבט און געאַרבעט אין לאָדזש?

אָט דאָס זענען אונדזערע לאָדזשער. דערמיט האָבן זיי זיך קונה־שם געווען אין דער וועלט.

.77

## וואָס האָט נחום סאָקאָלאָוו געזען אין לאָדזשער יידן

פיל שרייבער, זשורנאַליסטן און פּאָעטן האָבן געשריבן וועגן לאָדזש און אירע מענטשן, יעדער לויט זיינע פעיקייטן, לויט זיין אויפפאַסונג און לויט זיין באַגריף. אָבער אין איינס זענען אַלע איניק געווען: וועגן לאָדזש אַלס שטאָט פון קאָנטראַסטן. פון איין זייט — גרויסער עשירות און לוקסוס, און פון דער אַנדערער זייט — דלות און נויט;

פון איין זייט — פרייד און געלעכטער אין די הערלעכע פּאַלאַצן און לוקסוס־דירות, און פון דער צווייטער זייט — הילצערנע כאַטקעס, טונקעלע און פייכטע קעלער־שטובן און אַ טרויעריקע נידערגעשלאָגנקייט פון נויט־ליידנדע מענטשן.

פון איין זייט געפינסטו מענטשן מיט האַרץ און נשמה, וואָס זייער גאַנץ שטרעבן איז צו שאַפן עפּעס ניצלעכעס פאַר דער געזעלשאַפט, און פון דער אַנדערער זייט, — מענטשן, וואָס לעבן נאָר פאַר זיך אַליין און ווילן בשום־אופן נישט וויסן פון קיין שום כלל־ענינים.

אָט דאָס אַלץ האָט געברענגט דערצו, אַז מען זאָל די שטאָט באַצייכענען אַלס שטאָט פון קאָנטראַסטן.

און איצט לאָמיר הערן, ווי האָט געקוקט אויף לאָדזש דער קעניג פון די יידישע זשורנאַליסטן, אונדזער שריפטשטעלער נחום סאָקאָלאָוו.

***

צוערשט אָבער פאָלגנדע קורצע הקדמה:

געווען איז עס מיט לערך 45 יאָר צוריק. דער „קרן היסוד" איז

נאָך דאָן געלעגן אין זיין וויגעלע און געוויסע ציוניסטישע עסקנים, ס׳רוב לאָדזשער יידישע כלל־טוערינס, האָבן אויף זיך גענומען צו זאַמלען זילבער און גאָלד־זאַכן אַלס פאָנד פאַרן „קרן הגאולה״. גראָד האָט דאָן געדאַרפט קומען קיין לאָדזש דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָר־



מרים טענענבוים

פרעזעסין פון דער ציוניסטישער פרויען־סעקציע ביים לאָדזשער „קרן הגאולה״ און „קרן היסוד״

גאַניזאַציע נחום סאָקאָלאָוו, און דער לאָדזשער ציוניסטישער קאָמיטעט האָט איבערגעגעבן דער פרויען־סעקציע, בראש פון וועלכער ס׳איז דאָן געשטאַנען די באַקאַנטע ציוניסטישע עסקנית, פרוי מרים טענענבוים ז״ל (פרוי פונעם שרייבער), איינצואָרדענען סאָקאָלאָוון אַ געהעריקן קבלת־פנים־אָוונט.

און איצט הערט וואָס עס איז דאָן געשען:

אַריינקומענדיק יענעם אָוונט אין אויפנאַם־זאַל פון דער אָרגאַניזאַ־

ציע (ציגל־גאַס 4), איז דער גאַסט, סאָקאָלאָוו, אַזוי איבערראַשט געוואָרן פונעם קבלת־פּנים, וואָס די לאָדזשער פרויען האָבן פאַר אים איינגע־אָרדנט, אַז אין ערשטן אויגנבליק האָט ער ממש נישט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן זיין געריהרטקייט.

און ווייסט איר פון וואָס ער איז אַזוי איבערגעראַשט געוואָרן?

סאָקאָלאָוו האָט דערזען אַ לאַנגן שיין־דעקאָרירטן טיש מיט — — —

מיט זילבערנע לייכטער און קאַנדעליאַבּרעס, מיט אַנטיקוואַרע זילבערנע מגילה־שייטן, בשמים־ביקסלעך, בערג מיט זילבערנע גאָפּל־מעסער־לעפל, וואָס די לאָדזשער ציוניסטקעס האָבן צונויפגעזאַמלט.

און אָנשטאָט דעם „טראַדיציאָנעלן „כיבוד" פון זיסקייטן, טאָרטן, קיכלעך און פרוכטן, האָט אים די דערמאָנטע פרוי טענענבוים צוגעטראָגן אַ גרויסע זילבערנע טאַץ, באַלאָדנט מיט הונדערטער גאָלדענע קידושין־פינגערלעך, וואָס די לאָדזשער פרויען האָבן געגעבן פאַרן קרן־היסוד.

פאַרצירט דעם אויבנאָן האָט, פון איין זייט — אַ ריזיקע פושקע, אָנגעפילט מיט אַלט־זילבערנע מטבעות, וואָס האָבן געוויגן 16 פונט און וועלכע עס האָט מנדב געווען פאַרן קרן הגאולה שמריהו לעווי און זיין פרוי, און פון דער אַנדערער זייט — אַ גרויסע וווּנדערשיינע, זילבערנע ספר־תורה־קרוין, וואָס עס האָט געשאָנקען דער באַוווּסטער לאָדזשער עסקן משה העלמאַן (ביידע איצט אין ארץ־ישראל).

באַצויבערט פון דעם אָריגינעלן קבלת־פּנים, וואָס די לאָדזשער פרויען האָבן פאַר אים איינגעאָרדנט און איבערראַשט פון די פיל ווערט־קעגנשטאַנדן וואָס לאָדזשער ייִדן האָבן מנדב געווען פאַר דעם נאַציאָנאַלן צוועק, שטעלט זיך סאָקאָלאָוו אויף און מיט זיין נאַטירלעך ליב און באַ־חנט שמייכעלע נעמט ער רעדן:

„ווי באַוווּסט בין איך פון תמיד אָן איינער פון די גרויסע פאַרערער און פון די געשווירענסטע סימפּאַטיקער פון פוילישן ייִדנטום.

און איר מעגט מיר, מיינע טייערע, הייליק גלייבן, אַז נישט צוליב מיין פערזענלעכער אָנגעהעריקייט צו דער דאָזיקער חשובער ייִדישער משפּחה פיל איך צו איר די דאָזיקע גרויסע אַכטונג.

איך אַכט און שעץ דעם דאָזיקן יידישן שבט — דאָס פּוילישע יידנטום — דערפֿאַר, וואָס ער איז אין מיינע אויגן איינער פֿון די זאַפטיקסטע און לעבנס־פֿעיִקסטע שבטים פֿון צווישן די איבעריקע יידישע שטאַמען!".

מיט עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע ביישפּילן אילוסטרירט ער די לעבנספֿעיִקייט און דעם עקזיסטענץ־ווילן פֿון פּוילישן יידנטום, ווי אויך זיין שטרעבן זיך צו דערהאַלטן לויט דער מסורה און תורה פֿון פֿאָלק ישראל און דאַן גייט סאָקאָלאָוו איבער צו לאָדזש און צו אירע יידן און זאָגט פֿאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע ווערטער:

„און ביי נאָך אַ זאַך וויל איך זיך דאָסמאָל אָפּשטעלן: ביי מיין באַזונדערער שוואַכקייט וואָס איך האָב צום לאָדזשער יידנטום.

און איר דאַרפֿט דאָך פֿאַרשטיין, ליבע שוועסטערס און ברידער מיינע, אַז די דאָזיקע פֿאַרערונג און גרויסע אַכטונג צו אייך, לאָדזשער, האָט זיך אין מיר דערוועקט, נישט צוליב עפּעס אַ קרובה־שאַפֿט צו אייער טעקסטיל.

מיין אַכטונג און ליבשאַפֿט צו אייך שטאַמט פֿון אַ גאַנץ אַנדערער סיבה: פֿון דעם באַוווּסטזיין, אַז איר, לאָדזשער יידן, זענט אימשטאַנד דורך אייער פֿעיִקייט און ענערגיע, מיט אייער ווילן און פֿלייס, מיט אייער איניציאַטיוו און קאַפּיטאַל אויפֿצולעבן אונדזער היסטאָריש היימלאַנד, ארץ־ישראל, פֿון ביידע זייטן ירדן.

איך מוז מודה זיין, אַז דער לאָדזשער ייד איז אין מיינע אויגן דאָסזעלבע וווּנדער ווי די שטאָט גופֿא! ווייל, אַז דו קומסט נעענטער צו לאָדזש צו און פֿאַר דיינע אויגן באַווייזט זיך דער ריזיקער וואַלד פֿון קוימענס — אַ וואַלד וואָס שטייגט און דערהייבט זיך פֿון די הונדערטער פֿאַבריקן, — דאַכט זיך דיר, אין פֿלוג, אַז דו קומסט אַריין אין אַן איינהייטלעכן אָרט, אין אַן אָרט, ווו ס'איז אַלץ — אויף לאָדזשער לשון געזאָגט — געוועבט פֿון איין און דעמזעלבן רוי־שטאָף.

קומסטו אָבער אַריין אינעווייניק און באַקענסט זיך נעענטער מיט דער שטאָט גופֿא און מיטן לעבנס־גאַנג פֿון אירע איינוווינער

דאַן קומסטו צום באַשלוס, אַז נישט אַן איינהייטלעכע שטאָט האָסטו פאַר דיר, נאָר אַן אָרט פול מיט פּאַראַדאָקסן און מאָדנע קעגנזייטיקייטן!...

אָט, למשל, געפינט זיך אין לאָדזש אַ סאָרט מענטש, וואָס פון פרימאָרגן ביז נאָך האַלבער נאַכט איז ער דורכגעדרונגען מיט ביזנעס און האַנדל און זיינע געדאַנקען זענען כסדר פאַרנומען מיט רוישטאָף און פעדים, מיט סחורות און קונים, מיט מאַשינען און וועקסלען, געלט און בענק און ענלעכע „לאָדזשער אידעאַלן”...

דאַקעגן, טרעפסטו אין לאָדזש אַ קרייז ייִדן, וואָס זענען פון קאָפּ ביז די פיס ארייננגעטון אין ליטעראַטור און קולטור, אין קונסט און וויסנשאַפט און אין ענינים פון דערציִונג און רעליגיע, צדקה און מצוה־זאַכן און ענלעכע „ביזנעס” פון דעם סאָרט.

און דו קאָנסט אָבער אין לאָדזש אויך געפונען מענטשן, וואָס זענען אַן אויסגעצייכנטער אָביעקט פאַר פאָרשער פון מענטשן־נשמות און זייער כאַראַקטער.

אָט איז זיך אַזאַ מין ייִד אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד אַ געשוווירענער אינטערנאַציאָנאַליסט, אָדער פאַרברענטער „אגודהניק”, צי אַ הייסער „בונדיסט”, „פאָלקיסט”, ייִדישיסט וואָס איז ממש אימשטאַנד זיך מקריב צו זיין פאַר זיין פאַרטיי צי פאַרן אידעאַל זיינעם, — אָבער — — — אָבער זאָל, חלילה, געשען עפּעס אַן אומגליק ביי ייִדן, צי זאָל ערגעץ־ווו אין אַ ייִדישער קהילה, — אַפילו אין ארץ־ישראל, — אויסברעכן אומרוען און ס'נייטיקט זיך אין געלט צי אין אַנדערע הילפס־מיטלען, איז ווער, מיינט איר, פון די לאָדזשער, ברענגט דער ערשטער זיין „מתן בסתר” פאַר דעם דאָזיקן הייליקן צוועק, אויב נישט דער דאָזיקער קעגנער פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם?

אַזעלכע „פּאַראַדאָקסאַלע ייִדן” האָבן איך פערזענלעך געזען אין אייער לאָדזש שוין נישט איינמאָל! און דווקא צווישן קרייזן, וואָס איר וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלייבט”...

אָט אַזוי האָט נחום סאָקאָלאָוו אָפּגעשאַצט די ייִדן פון דער „קאָנטראַסטן־שטאָט” לאָדזש!

78.

## ווער און וואָס זענען די לאָדזשער ספינקסן?...

אָט אַזוי האָט דאַן סאָקאָלאָוו געשילדערט אין יענעם אינטערעסאַנטן פאָרטראַג די לאָדזשער ייִדן און זייערע משונהדיקע כאַראַקטערן, מאַכנ־דיק צום סוף פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן אַנאַליז:

„עס איז אָבער פאַראַן צווישן לאָדזשער ייִדן נאָך אַ סאָרט מענטש — אַ מענטש, וואָס מיך פּערזענלעך אינטערעסירט ער אפשר מער פון אַלע אַנדערע — איך מיין דאָ דעם „לאָדזשער ספינקס", דאָס הייסט, אָט יענעם ייִדן, וואָס איז פאַר מיר אַ זייער אַנגענעם רעטעניש!

אָט האָב איך פאַר מיר אַזאַ ייִד, אַ ייִד וואָס דעם גאַנצן טאָג איז ער דורך און דורך „ביזנעס־מענטש", און חוץ פון געשעפט איז ער נישט אימשטאַנד און וויל אויך נישט הערן פון עפּעס אַנדערש.

קומט אָבער אָן די אָוונט־צייט און די זון הייבט אָן אונטער־גיין, נעמען ביי אים אויך „אונטערגייין" אַלע געשעפט־געדאַנקען. און אויף זייער אָרט הייבן אָן אויפשיינען געדאַנקען פון עכטער נשמה־יתירה, געדאַנקען וועגן די איידלסטע און שענסטע ייִדישע אידעאַלן.

און דעמאָלט גיט זיך אָט דער דאָזיקער בייטאָגיקער ביזנעס־מאַן אָפּ מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידין נאָר מיט גע־זעלשאַפטלעכע ענינים און עדלעכע „לאָדזשער אידעאַלן"...

אַזעלכע „ייִדישע ספינקסן" געפינט מען אין אייער לאָדזש זיכער מער ווי אין מצרים גופא..."

## לאָדזש און אירע יידן

ביים ענדיקן די אָפּשאַצונג וועגן לאָדזשער יידן, נעמט זיך סאָ־קאָלאָוו מיט אַמאָל צו די לאָדזשער יידענעס און דערקלערט וועגן זיי דאָס פאָלגנדע:

„אָבער דעם „ספינקס פון אַלע ספינקסן", געפין איך אין לאָדזש צווישן די יידישע פרויען. אָט זיצן פאַר מיר און נעבן מיר ציוניס־טישע טוערינס מיט חברטע מרים טענענבוים אין דער שפּיץ; און ווען מ'קוקט זיך אַזוי איין אין זייער עלעגאַנטער קליידונג, אין זייערע מאָדערנע פריזורן און שיינעם צירונג, דאַכט זיך דיר, אַז דו האָסט פאַר דיר אַ גרופּע פרויען פון יענעם איינטאָניקן סאָרט פון „שוואַכן געשלעכט", וואָס זייער הויפּט טראַכטן און דענקען איז נאָר וועגן מאָדע וכדומה.

אָבער ווען דו באַטראַכסט גענוי זייערע געזעלשאַפטלעכע מעשים און זעסט מיט דיינע אויגן די גרויסע דערפאָלגן פון די פעולות זייערע, באַקומסטו די גרעסטע אַכטונג פאַר אָט די לאָדזשער פרויען און ממילא רייסט זיך פון דיין האַרץ אַרויס די ברכה: „אַזעלכע יידישע טעכטער אויף אַלע יידישע קהילות געזאָגט גע־וואָרן!".

***

אָט אַזוי האָט געזען ס'לאָדזשער יידנטום אונדזער מנהיג הדור נחום סאָקאָלאָוו ז"ל.

און מיט אַזעלכע האַרציקע ליעב־ווערטער האָט ער עס אָפּגעשאַצט די פעולות פון די לאָדזשער עסקנים, וואָס אַ דאַנק זיי איז די לאָדזשער קהילה דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון איינע צווישן די פּאָפּולערסטע יידישע קהילות בכל תפוצות ישראל.

און דאָס לאָדזשער יידנטום האָט טאַקע פאַרדינסט דעם דאָזיקן לויב!

ווייל ביים לאָדזשער יידן האָט האַרמאָנירט פּראַקטישקייט מיט אידעאַ־ליזם, נוצלעכקייט מיט שיינקייט, מענטשלעכקייט און יידישקייט;

ווייל דער לאָדזשער ייד האָט זיינע נאַציאָנאַל־קולטורעלע און סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע ווערטן געשאַפן — נישט בלויז פאַרן כלל אַליין, נאָר אויך ממש פאַר יעדן פּרט און פּרט;

און ווייל דער לאָדזשער ייִד האָט תּמיד זיך באַמיט צו דערפילן די באַדערפעניש פון זיינע ברידער אין גאָר דער וועלט גראָד ווי ער פלעגט עס דערפילן פאַר די ייִדן פון זיין אייגענער עדה!

מיט איין וואָרט: לאָדזשער יידן האָבן מיט זיך פאַר־קערפערט דאָס וואָס אונדזערע גדולים האָבן זיך געוואונטשן צו זען ביי יידן: „תורה וגדולה במקום אחד!".

— סוף —

# נעמען־רעגיסטער:

## א


אַבע — 246
אָבאַדאָווסקי (עובדיה) — 273
אַבוגאָוו — 190
אַבערזשאַנעק, י. 270
אַבראַמאָוויטש — 349
אַגינסקי, אהרון — 357
אַדלער, אַמאַליאַ — 271, 296
אַדלער, יענקל — 273
אַדלער, יוליוס — 271, 296
אַהרנס — 206
אובערבוים, שלמה אהרון — 190
אוגער, ישעיהו — 249, 250, 254, 255, 270, 307, 312, 314, 316, 319
אַווערבוך — 312
אוליגאָווער, מרים — 270
אוסישקין — 291
אורבאַך, מעכל — 98
אורבאַך, שמואל — 190
אוריזאָן, יוסף — 188, 235
אוריזאָן, לייב — 241
אחד־העם — 291
אייגער, שמואל־יעקב — 132
איידעלמאַן, ש. (מולע) — 182
אייזנער, אברהם־דוד — 188, 224
אייזנער, ג. — 271, 312
אייזנער, וואָלף — 188
אייזנער, יצחק — 131
אייזנער, מאיר — 188
אייזנער, שבתאי — 188
אייזענבראַון — 116
אייזענשלאָס, אלתר — 270
איינשטיין, פּראָפעסאָר — 291
אַקסאַקאָוו — 129, 130
אלבאם, חיים — 190
אַלטער, אברהם מרדכי ר׳ (גערער רבי) — 219
אַלטערמאַן (חזן) — 201
אַלעקסאַנדער דער 1טער, צאַר — 40
אַלפערן, אַ. — 271
אַנטאָני (פּאָטערל) — 166
אָסאָוויצקי, מיכאל (אָסף) — 261, 270
אַסט, אהרון — 181, 236, 237
אָסטראָווסקי, אַנטאָני, גראַף — 45, 46, 48, 90, 91, 130, 131
אסתרין — 299
אָפּאָטשינסקי, פּרץ — 270
אַפּעלבוים, מ. — 270
אָקסענבערג — 271
אָקרוטני, יוסף — 271
אַראָנזאָן, נחום — 273
אָרבאַך, זקן — 33, 121

אַרבאַך, יצחק — 98
אַרבאַך, מענדל, ר' — 23, 33, 87
אַרבאַך, שמואל — 190
אַרזי (טענענבוים), טוביה — 367
ארזי (טענענבוים), יהודה — 367
אַרזי, שלמה — 261, 367
אַרמיאַן, ד"ר — 260
אַרנשטיין, מאַרק — 246, 306, 307
אַש, שלום — 234, 246
אשכולי (ווייינטראוב) ד"ר — 171, 254, 255, 270


## ב

באַגראַשאָוו, ד"ר — 347
באַזשעכאָווסקי — 357
באַלפור, אַרטור דזשיימס, לאָרד — 290, 366
באַמאַש, מאיר ד"ר — 231
באַראַכאָוו, בער — 182, 301
באַראַכאָוו, ליובאַ — 182
באַראַקס — 190
באַרוך — 188, 276
באַרטשינסקי — 188
באַרטשינסקי, הענעך — 273
באַרנשטיין — 190
באַרנשטיין, אברהמעלע ר', (סאָכאַטשעווער רבי) — 221
באַש — 369
באַש, תנחום — 190, 241
בודזינער, משה — 357
בודזינער, שלמה — 188, 361
בוהלע, קאַרל — 116
בולמאַן — 271
בונין, חיים־יצחק — 272
בונין, י. ד. — 270
בוקעט — 188
בורצעוו — 146, 147
בזשעזשינסקי — 190
בזשעזשינסקי, א. י. — 236, 265
בזשעזשינסקי, יוסף — 131
ביאַליק — 176, 234, 275, 291, 301
ביאַלער, אַהרון — 356
ביאַלער, טוביה — 179, 184, 188, 224
ביאַלער, י. מ. — 245
ביאַלער, שלום — 224
בידערמאַן — 357
ביי (חזן) — 201, 273
ביי (זון) — 273
בינימיני־בירנצווייג — 271
ביעזשינסקי, יעקב — 357
ביעלשאָווסקי — 80, 180
ביעלשאָווסקי, פרוי — 179
בירגער — 116
בירנבוים — 188
בירנבוים, אברהם־בער — 273
בירנבוים, אליהו, הרב — 181
בירנבוים, יהושע — 188
בירנבוים, יוליאַ — 272
בירנבוים, מ. — 235
בירנצווייג, יצחק — 105, 107, 109
בלאַוואַט, שלמה־יצחק — 33, 121
בליישטיפט — 270
בעלין, מאיר — 190
בעלינגוולאַז, בייבע — 122
בעלמאַנט, לעאַ — 272
בענדער (מאַלער) 273
בענדער, ישראל־יעקב — 98
בענצמאַן — 233, 295, 305
בענקעל — 357
בעסער, אברהם — 190, 276
בערגער — 27, 190, 333, 346
בערגער, אברהם — 57, 121
בערגער, אהרון־יהודה — 359
בערגער, אייזיק — 57, 121
בערגער, ברוך (מילנער) 57, 121
בערגער, דוד — 356
בערגער, ידידיה ר' 32, 57—59, 96, 98, 226
בערגער, מאיר, אינזש. — 359, 367

בערגער, מרדכי (גבור) — 57, 121
בערגער, נתן — 33, 57, 121
בערגער, עוזר, ר׳ — 32—34, 52—55, 57, 58, 60—62, 80, 98, 116, 121, 131, 188, 198, 226, 227
בערלין, אליהו — 343
בערלינסקי, משה — 355
בערלינסקי, ש. — 270
בערמאַן — 150
בערמאַן (מאָלער) — 273
בערמאַן, אפרים־פישל — 190
בערמאַן, יחיאל־יצחק — 179, 180, 221
בערמאַן, ל. (גראַף קאָלי) — 270
בערמאַן, מאיר — 246
בערמאַן, עוזר — 368
בערמאַן, פישל, ר׳ — 26, 33
בערמאַן, שמואל, ר׳ (שמואל בזשעזשי־נער) — 26, 33, 94
בערנשטיין, ש. ד״ר — 260, 271
בערקאָוויטש, דניאל — 190
בערקאָוויטש, י. ד. — 319
בערקמאַן, יצחק — 246, 260
בראָדסקי — 266
בראָדער, ד״ר — 260
בראָדערזאָן, משה — 270
בראָודע, מרדכי, ד״ר — 236, 259, 260
בראַון — 355
בראון, אליעזר — 364
בראון, מיעטשיסלאַוו — 272
בראונער, שלמה־יצחק — 33, 105, 107, 109, 121
בראַט, צבי — 236
בראַט, שמואל, הרב — 271
בראַמבערג־ביטקאָווסקי, פראָפ׳ — 260
בראַנאָווסקי, אברהם — 33, 94, 121, 132, 133
בראַנאָווסקי, יהודה־לייב — 121, 130, 132
בראַנאָווסקי, מאיר — 33, 94, 121
בראַנדעס, געאָרג — 325, 326
בראַנדשטעטער, מיכאל ד״ר — 260
בראַסלאַווסקי, יוסף — 349, 350, 352
ברוינער, יצחק — 273
ברייגין, ראובן — 302
בריסקי, מ. 233
ברעמזע, גענעראַל — 123
ברענער — 190
ברענער, י. ח. — 301

## ג

גאָטהייל — 356
גאָלד — 212, 242
גאָלדבלאַט, אורי, ד״ר — 236, 246
גאָלדבערג — 244, 355
גאָלדין, יצחק — 236, 356
גאָלדין, עזרא — 270
גאָלדפעדער — 179
גאָלדשטיין, ש. — 271
גאָנסקי — 188, 370
גאַנצוויך — 246
גאָסטינסקי — 190
גאָרטשאַקאָוו, גענעראַל — 109
גוטמאַן — 271
גוטמאַן, יצחק — 356
גוטמאַן, מענדל — 188, 190
גוטער — 355
גוטער, בנימין — 236
גוטער, יוסף — 261
גוטערמאַן — 241
גוטערמאַן, יצחק — 259
גוטשקאָוו, פראָפעסאָר — 166
גוצקאָוו — 296
גוראַלסקי — 190
גוראַלסקי, ברוך — 358
גורקאָ, גענעראַל־גובערנאַטאָר — 147
גייער, לודוויק — 56, 59, 64, 74, 75, 101, 115, 180
גינזבורג, ווילהעלם — 117

גינזבורג, י. — 190
גינצבורג — 80, 356
גינצבורג, ב. — 188
גיסער, קאַרל — 74
גלאַדשטיין (קאָמפּאָזיטאָר) — 273
גלאַזער — 188
גלאַצשטיין — 170
גלילי (ברידער סטאַלינסקי) — 360
גליצענשטיין, העלענאַ — 277
גליצענשטיין, הענעך — 273, 275—283, 293
גליקסמאַן — 356
גליקסמאַן, אריה — 358
גליקסמאַן, ב. א. — 188, 190
גליקסמאַן, בענדעט — 180
גנעסין — 296, 299
געפּטער, יעקב, אינזש. — 356
גערשאָווסקי, פּיניע — 188
גערשוני, פּרוי, ד״ר — 148
גראָדזענסקי (מאָלער) — 273
גראָווע, משה — 188
גראָמאַן — 116, 117
גראָס — 190
גראָסבערג, חנה — 271
גראָסלייט, י. א. — 190
גראָסמאַן — 190
גראָסער — 246
גראָסקאָפּף, חיים־פּנחס — 188
גרונין, יעקב — 241
גרינפעלד — 190
גרינשטיין, ב. — 190
גרעיבער, קאַרל — 135
גרשוני — 182

## ד

דאָבזשינסקי (מאָלער) — 273
דאָבראָניצקי, אַדאָלף — 178, 232, 239
דאָבראָניצקי, דניאל — 188
דאָווידאָוויטש — 295
דאָווידאָוויטש, (בן־דוד) — 273
דאָווידזאָן, לייביש — 232, 233
דאַנילעוויטש, הערשעלע — 270
דאַנין — 333
דאַנין, יחזקאל — 343, 346
דאַנציקער — 355
דובינסקי, דוד — 370
דודעלטשיק, יחיאל — 132
דזשיגאַן — 271
דזשייקאָבס, קאָלאָנעל — 326
דזשילאָווסקי, שמואל־הירש — 132
דיזענהאָף, מאיר — 333, 343, 346, 358, 361, 362
דיטריך — 117
דיגענזאָן, יעקב — 246, 304, 306, 307
דיקער — 356
דישקין, סענדער — 242, 361
דראַבקין — 190
דרויאַנאָוו, אַלתר — 339, 343
דרייזענשטאַק — 231
דרייפוס, (קאַפּיטאַן) — 236

## ה

האָבער — 273
האוזמאַן, יעקב (יאַנעק) — 360
האָז, דוב — 362
האָכענבערג — 190
האָכשטיין — 246
האַלבערשטאַט — 188
האַלטרעכט, (בן־צדק) יצחק — 364
האַלטרעכט, רות — 364
האַלענדערסקי, א. — 182
האַלער, גענעראַל — 324, 330
האַלפערן, יונה — 260
האַמבורסקי, אלחנן — 33, 94
האַמבורסקי, עמנואל — 312, 314
האַמבורסקי, פּנחס — 132
האַמבורסקי, פישל — 132
האַנעמאַן, (מאָלער) 273
האָפמאַן — 341
האַפריכטער — 116

האַרפּאַזי, נ. — 270
הורוויץ, ישעיהו — 236, 312
היידן — 296
היימאַן, עדואַרד — 117, 330
היינצל, יוליוס, — 116, 140—142
היישריק, א. — 357
הילדעסהיימער, עזריאל, ד״ר, הרב — 180, 334
הילזבערג, איגנאַץ — 272, 273
הילזבערג, אַלעקסאַנדער — 272
הילולא, משה — 236, 241
הילל (מאַנטירסקי) — 261, 364
היללע — 117
הילער, פּנחס, הרב — 264
הירש, באַראָן — 202
הירשבערג — 179, 180, 188
הירשבערג, אַלתר — 245
הירשנבערג, שמואל — 188, 273, 275—277, 281—285, 287, 289, 293
הירשפעלד, זלמן — 271
הכוהן בן הלל, מרדכי — 339, 343
הכוהן, דוד — 242
הכוהן, הלל, הרב — 264
העלמאַן, מרדכי — 190, 241
העלמאַן, משה, ר' — 190, 201, 235, 246, 373
העלער, חיים, פּראָפעסאָר — 242, 272
הענדעל (קאָמפּאָזיטאָר) — 233, 296
הענדעל, אידאַ — 273
הענדעלעס — 368
הערמאַן — 190, 241
הערץ, אַננאַ — 179
הערץ, יעקב — 178, 195, 200, 204, 214—216
הערצל, טעאָדאָר — 203—215, 217, 219, 222—224, 226—230
הערשקאָוויטש — 236
הרפזי (נייגאָלדבערג), אַדוו. — 368


## ו


וואַידיסלאַווסקי, הענעך — 179, 355
וואַידיסלאַווסקי, יעקב — 188
וואַידיסלאַווסקי, יצחק־מאיר — 184
וואַידיסלאַווסקי, משה — 179, 355
וואַידיסלאַווסקי, שלמה — 356
וואַלדמאַן, אַברהם — 360
וואַלינסקי (פּאָליציי־אינספּעקטאָר) — 110
וואַלף, הערצקע — 184
וואַלף, יוליאַן — 174
וואַלפסאָן — 205, 206
וואַסערמאַן — 190
וואַסקעוויטש — 359
וואַקס — 188
וואַרכיוקער, יעקב — 179, 190
וואַרשאַווסקי, אברהם־מענדל — 188
וואַרשאַווסקי (ורדינון), אליעזר — 355
וואַרשאַווסקי, בענדעט — 245, 355
וואַרשאַווסקי, זכריה — 116
וואַרשטאַצקי — 364
וויטקאָווסקי (קאָמיסאַר) — 40
ווילאַנד — 190
ווילע — 188
וויינטרויב — 312
וויס, עקיבא אריה — 210, 236, 241, 246, 331—350, 352, 362
וויצמאַן, פּראָפעסאָר — 291
ווילטשינסקי — 188
ווילענסקי, (מאַלער) — 273
ווינאַווער, נחמיה — 273
ווינדמאַן, דוד — 322, 323, 356, 357
ווינטער, בנימין — 369, 370
ווינער — 190
ווינער, בנימין — 224
ווינער, משה־אהרן — 188
וויסאַצקי — 360
וויעלאָפּאָלסקי, אַלעקסאַנדער (מאַרקיז) — 48, 92, 112
ווישליצקי, חיים־יעקב — 188

ווישעוויאַנסקי — 188
וועגמייסטער — 246
ווענדיש — 65, 67—69
ווערדיגער, יעקב — 268
ווערנער — 292
ורדי, יצחק — 356

## ז

זאַווישאַ, אויגוסט, גראַף — 105, 109
זאַווישאַ, אַרטור — 109, 124
זאַווישאַ (טאָכטער) — 124
זאַכערט — 117
זאַלצמאַן, בראַנקאַ — 271
זאַלצמאַן, יחזקאל, ר' — 33, 64, 94, 97, 134—137
זאַנגוויל — 291
זאַנד — 80
זאַנדבערג — 173, 271
זאַנדבערג, פּרוי — 271
זאַנענבערג, יעקב־וואָלף — 94, 121
זאַנענבערג, פּנחס — 77
זאַסלאַווסקי, רודאָלף — 271, 296, 299
זאַקס, א. ש. — 270
זאַקס, ד"ר — 148
זאַקס, רפאל — 117
זבאַר — 356
זיגלבוים, אַרטור · 182
זיגמונט אויגוסט, קעניג — 50
זייבערט, בערל — 188, 190, 194, 322
זייבערט, רחלע — 194
זיידלער, סיני — 184
זיידלער, פּנחס — 23
זיידלער, שלום — 180, 360
זיידלער, שמעון — 360
זיידע, מאיר — 186, 190
זיידעמאַן — 80 , 116
זילבערבלאַט — 190
זילבערבערג, וו. — 296, 299
זילבערץ — 223, 295
זילבערצווייג, זלמן (כּספּי) — 246, 271, 296
זילבערצווייג, נתן — 246
זילבערצווייג, צבי, הרב — 181
זילבערשאַל — 357
זילבערשטיין, טערעזע — 211
זילבערשטיין, לייב — 180, 184
זילבערשטיין, מאַקס — 178
זילבערשטיין, מאַרקוס — 117, 188, 211, 239, 276
זילבערשטיין, סטאַניסלאַוו — 163, 165
זילבערשטיין, צבי, הרב — 182
זילבערשטראַם, ד"ר — 235
זעליקמאַן (גימנאַזיע אייגנטימער) — 246
זעליגמאַן (גימנאַזיע אייגנטימער) — 206
זעליגמאַן, (באַנקיר, לאָנדאָן) — 206
זעליקאָוויטש — 24
זעלמאַנאָוויטש (אפרים־לאָזער) — 182
זשאַבאָטינסקי — 234, 301
זשעזשעווסקי, סעם (שמואליק) — 273
זשעלינסקי — 358

## ח

חורגין — 340
חורגעל — 236
חיותמאַן — 333, 335, 346
חלפי — 271

## ט

טאַביאַש — 182
טאַגעליכט — 190, 246
טאַובע — 272
טאַומאַן, מאוריצי — 188
טאָכאָווקין — 349
טאַנגערמאַן (בירגערמייסטער) — 46, 136
טאַנצמאַן — 273, 349
טאַרטאַקאָווער, אריה ד"ר — 360
טוווים, יוליאַן — 272

טורנער — 358
טורקאָוו, זיגמונט — 279
טורקאָוו, יאָנאָס — 271, 272
טורקאָוו, מאַרק — 232, 233
טובערג, ה. 190
טייטלבוים — 188
טילער — 179
טיקאָטשינער — 64
טעמפעלהאָף — 293
טענענבוים, אַ. — 356
טענענבוים, אברהם (ארזי) — 149, 307, 309, 312, 317, 322.
טענענבוים, אברהם („שלאָסער") — 182
טענענבוים, אסתר ד"ר — 271
טענענבוים ב. — 270
טענענבוים, בתיה־לאה — 148, 152, 153
טענענבוים, טוביה ר' — 190, 195, 220, 234, 241, 246, 268, 269, 346
טענענבוים, יוסף־שלום — 208, 226, 365
טענענבוים, יצחק־מאיר — 182
טענענבוים, ישראל — 271
טענענבוים, מרים — 372, 373, 377
טענענבוים, צבי — 355
טענענבוים, צדוק — 357
טרובאָוויטש — 359
טרייסטמאַן, אליעזר־לייב, הרב — 100, 163, 165, 166, 168, 171, 173, 255, 265—267, 326
טרייסטמאַן, שלום, הרב — 246
טרייסטמאַן, שמחה, הרב — 245, 265, 272
טרעיגער (בירגערמייסטער) — 71—73, 78, 79, 81, 84, 85, 109
טרעמבאַטש, מאַוריצי — 273
טשאַמאַנסקי, אַלעקסאַנדער — 188
טשאַרקאָווסקי (בירגערמייסטער) — 42, 57, 130, 132
טשלענאָוו — 291

י

יאַגעלאָ — 231
יאַטשעווסקי (גובערנאַטאָר) — 164, 167
יאַנאָווסקי — 116
יאַנאָווסקי, חייקל — 190, 233, 241, 273, 295
יאַנאָווסקי, מאַרק — 357
יאַנאַסאָוויטש, יצחק — 271
יאַסני, וואָלף — 270
יאָסקאָוויטש — 190, 369
יאָסקאָוויטש, אברהם — 364
יאָסקאָוויטש, זאב — 364
יאָסקאָוויטש, יצחק ר' (איטשעלע וואַ־לער) — 229, 268, 364
יאַצקאַן — 150
יאַקובאָוויטש, דוד — 356
יאַקובי, יאַן — 70
יאַראָטשינסקי, זיגמונט — 188, 239, 243—245, 305
יאַראָטשינסקי, פּרוי — 244
יאַראָכאָווסקי, יהודה — 360
יאַראָכאָווסקי, יחזקאל — 367
יאַרבלום, ה. — 233
יואל, אַלעקסאַנדער — 231, 236
יודעלעוויטש, מאַקס — 190
יונגסטער — 180
יוסטמאַן, גרשון — 182
יעבץ, זוסמאַן — 367
יעדוואָב, ה. — 271, 296
יעלין, ד"ר — 302
יעלסקי, ישראל ד"ר — 20, 203, 204, 206, 208, 226, 232
יערוזאַלימסקי, בעריש — 116
יערוזאַלימסקי, מענדל־וואָלף, הרב — 264
יפה, אברהם — 261
יפה, לייב — 180, 233

ירחמיאל, ישראל־יצחק ר׳ (אַלעקסאַנד־רער רבי) — 218, 219
ישראליט, יצחק — 190

## כ

כאַווין, הרב — 300
כאַלאַדענקאַ, דוד — 182
כהן — 190, 206
כהן, (ברידער) — 359
כהן, גוסטאַוו — 206
כהן, יעקב ד״ר — 260
כהן, יעקב (שרייבער) — 270, 286
כהן, יעקב־מענדל — 184, 360
כהן, פנחס — 270
כהן, צבי ד״ר (צביה) — 250, 252, 253, 271
כהן, שלמה־חיים — 190, 260
כהן, שמואל — 354, 360
כהנוביץ, ישראל — 236
כוואַט, הערמאַן — 188
כורגעל — 271
כיגרין, מ. — 188
כייפעץ, יאַשאַ — 273
כץ — 236
כץ, א. — 270
כרמל — 190

## ל

לאַנגלעבן, א. — 246
לאַנגע — 116
לאַנדאַו — 188
לאַנדאַו, אבא — 81
לאַנדאַו, ווילהעלם (באַנקיר) — 81, 148, 206
לאַנדאַו, שמואל (סאַמועל) — 80, 190
לאַנדאַו, שמעון — 116
לאַנדע, אברהם ר׳ (טשעכאַנאָווער רבי) — 195, 268
לאַנדע, דודל — 64, 67—75, 80, 129
לאַנדע, זיגפריד — 326
לאַסקי, מאַרטין — 117
לאַסק — 190, 246
לב, שמואל — 235
לובינסקי — 116
לובינסקי, אהרון — 358
לובלינער — 359
לוסטערניק — 190, 235
לוסטערניק, מ. — 270
לוריע, חיים — 367
ליאָוו — 295
ליבנה, אליעזר (ליבענשטיין) — 363
ליבענשטיין, יהודה־לייב — 210, 236, 260, 264
ליבערמאַן, נפתלי — 190
ליטהאַוער — 188
ליטווין (ברידער) — 190
ליטווין, צבי — 188, 235
ליינער, מרדכי־יוסף (איזשביצער רבי) — 94
ליכטענשטיין, ישראל — 180, 182, 183, 270
ליליען, אפרים — 284
לינדענפעלד — 190
ליס, אלתר — 182
ליס, גרשון־אליהו — 244
ליפמאַן, שמואל — 236, 356
ליפנאָווסקי — 116, 190
ליפשיץ, הרב (קאַלישער רב) — 100, 267
ליפשיץ, אריה — 360
ליפשיץ, טוביה — 360
ליפשיץ, יעקב — 116, 241
ליפשיץ, ירחמיאל — 188, 212
ליפשיץ, משה הרב — 264
ליקערניק, אַדאָלף — 81—85, 99, 100
ליקערניק, באַלבינאַ — 83
ליקערניק, יוסטינאַ — 83
ליקערניק, לעאָן — 83
ליקערניק, פרידריך — 83

לישעצקי — 148
לעאָנאַרד — 116
לעווי — 190
לעווי, שמריהו (שמערל) — 344, 357, 373
לעווי, פּרוי — 373
לעוויט — 190
לעווין — 242
לעווין, באַלעסלאַוו פּראָפעסאָר — 271
לעווין, שמריהו ד״ר — 234
לעווינזאָן, אברהם — 190, 246, 295, 296
לעווינזאָן, נחמן — 190
לעוועגטאַל, קלמן — 235
לעוושטיין — 190
לעיעלעס, אַ. (גלאַנץ) — 271, 307
לעמל, בצלאל — 241
לערנער — 370
לערנער, אַברהם — 360

## מ

מאַגאַזאַניק, אליעזר — 190, 241
מאַגאַליף — 246
מאַזה, הרב — 174
מאַזור, אליעזר — 359
מאַזעס, יהודה — 190, 224, 236, 278, 355, 358
מאַזעס, מ. ד״ר — 359
מאַמראָט — 64, 80, 129
מאַנאַסאָווסקי — 190
מאַנטירסקי — 182, 261, 364
מאַנטעפיאָרע, משה — 274
מאַנטער, בנימין — 261
מאַני — 350
מאַסטבוים, יואל — 246
מאַקרסקי, א. — 235
מאַקרסקי, שולמית — 182
מאַראַקאַ, בנימין — 190
מאַראַקאַ, לעמל — 264
מאָרגנשטערן, מנחם־מענדל, (קאָצקער רבי) — 93
מאָרגנשטערן, מענדל — 190
מאַרגענטוי, העגרי — 324, 326, 328—330
מאַרכעוו, פּ׳ 235
מאַרמעלשטיין, מאיר — 182
מאַרקאָוויטש (מאָלער) 273
מאַרקאָוויטש, י. מ. — 312
מאַרקס (באַנקיר) — 306
מאַרקעל (מאָלער) — 213
מוקדוני, ד״ר — 246
מייזל — 182
מייזל, אליהו־חיים, הרב — 159, 242, 264—269
מייזל, אליעזר־יצחק, הרב — 265
מיימאָן, הלל — 182, 270
מייראַנץ — 122
מיכאַלעוויטש — 246
מיכלין, ד״ר — 347
מילגראַם, כתריאל — 190
מילייקאָווסקי, הרב — 259
מילער (גובערנאַטאָר) — 147
מינדיזשעצקי, (מאָלער) — 273
מינדעל — 242
מינץ, בנימין — 261
מינץ, פּ. (אַלעקסאַנדער) 271
מנוח, יהושע (רוס) — 364
מעדעם — 246
מעטמאַן־כהן, ד״ר — 338
מענדעלזאָן — 356
מענדעלסאָן (קאָמפּאָזיטאָר) — 233, 296
מענדעלע, מוכר־ספרים — 234, 244, 246, 301, 303—309, 314
מעסס, קאַרל — 69

## נ

נאַכומאָווי צפורה (קאַצענעלסאָן) — 245, 295, 301

נאַמבערג, ה. ד. — 94, 97, 99, 234, 246, 264
נאַמבערג, יחזקאל, הרב — 94, 264
נאַמבערג׳ יידל, ר׳ — 264
נאַפּאַלעאָן — 26, 37, 119
נאַרדוי, מאַקס — 205, 207, 291
נאַרקיס, מ. — 283—285
נאַשעלסקי — 271
נוסבוים, איגזש. — 307
ניידע — 116, 179
ניימאַן — 188
ניימאַן, אלימלך — 261
ניימאַן, גרשון — 326
ניימאַן, י. מ. (א. פויגל) — 270, 296, 312
ניימאַן, עוואַ (בזשעזשינסקאַ) — 273
ניסהאַוז — 312
ניעבעלסקי — 28
ניעבעלסקאַ, מאַגדאַלענאַ — 28
ניקאַלאַי, ניקאַלאַיעוויטש — 163, 167, 168, 171, 267

## ס

סאַוואַ, (דראַמאַטורג) — 272
סאַלאַדוכאַ׳ יהודה — 298—300
סאַלווע — 273
סאַמעט — 188
סאַפּיר, בערל — 188, 190
סאָקאָלאָוו, נחום — 149—157, 160, 161, 218, 224, 234, 244, 291, 293, 371—377
סאַרני׳ ד״ר — 236
סוואַזשינסקי, גענעראַל — 34, 35
סווירבאַווסקי, ישראל — 356
סופר, חיים־יידל — 123
סטאַליאַראָוו — 116
סטערצעווער, משה, ר׳ — 100, 101
סטריקאַווסקי, מענדל — 190
סטריקאַווסקי, צבי — 363
סיבער, האַנס — 84
סילמאַן, ק. — 339, 340
סמיליאַנסקי, דוד — 332—335, 338, 343, 346—348
סעגאַל, גבריאל, ר׳ (שניאַדאָווער רבי) — 265
סעגאַלאָוויטש, ז. — 270
סעגאַלאָוויטש, משה — 364
סעמיועל, הערבערט — 291, 326
סעמיועל, סטיואַרט — 326, 330
סקאַסאָווסקי — 357

## ע

עהרענפרייז׳ הרב — 291
עטינגאָן, באַריס — 187, 188, 354
עטינגאָן, נחום — 187, 188
עטקינד, בערל — 188
עכטמאַן, אדוו. — 357
עלבינגער, טערעזאַ — 236
עלבינגער, מרדכי, ישעיהו — 245, 365
עליאַשעוו, יצחק — 233
עלענבערג׳ ד״ר — 260
ענגלישער — 358
ענגעל, אַ. — 364, 370
ענגעל, חיים — 236
ענגעלמאַן — 188, 370
ענדער — 116
עפּשטיין (פּאָזנאַנסקיס קאַסיר) — 200
עפּשטיין, שלום — 190
עק נתן, ד״ר — 260
עקיבא — 330

## פּ

פּאַדווע, לייב — 241
פּאַדלישעווסקי — 234
פּאַדקאַמינער — 233
פּאָזנאַנסקי — 21, 179
פּאָזנאַנסקי, ישראל — 117, 178, 185, 187, 188, 193—208, 210, 213—216, 237, 239, 242, 272

פאָזנאַנסקי, לאה — 185, 194, 195, 200
פאָזנאַנסקי, מאַריץ — 117, 211
פאָזנאַנסקי סענדער — 148
פאָזנאַנסקי, קלמן (קוואלער) — 33, 193—195, 208
פאָזענטשעווסקי, לייב — 131
פאַט, יעקב — 261
פאַטאַצקי, פראַנצישעק (גראַף) — 74, 87, 88, 129, 134
פאַטאַש, ר. — 270
פאַכטער — 341
פאַליקאַנסקי — 359
פאַלעסקין (הערי) — 335
פאַמפער, שמעון־בער — 287
פאַנטעל — 188
פאַנסקי, ד״ר — 148
פאַצאַנאָווסקי, פעליציאַ — 273
פאַשקעוויטש, פירשט — 46, 51, 53, 62, 64, 68, 69, 84
פויזנער, שלמה, הרב — 264
פיאָטרקאָווסקי, שמואל — 188, 241
פיאַסקאָווסקי — 190
פיטאָווסקי — 188
פיליכאָווסקי, לעאָפּאָלד — 173, 275, 286, 293, 369
פיליצער, י. מ. — 188
פיליצער, שמעלקע — 184, 188, 224
פילסודסקי, יוזעף — 183
פינטשעווסקי, הערש — 116
פינעס — 190, 233
פיק, יחיאל־מאיר — 188, 357
פיקעלני, משה — 188, 233
פלאַט — 312
פלאַטער, העגריק (גלח) — 88, 89
פלאַצקער — 180, 236, 241
פלעווע (מיניסטער) — 155, 213
פעטערס — 150
פעלצמאַן — 356
פערלבערג — 190
פערלמאַן, אברהם ד״ר — 260
פערלמאַן, אליעזר — 362
פערלמוטער, הרב — 273
פערלמוטער, לייזערקע — 273
פרוסאַק, אברהם־משה — 138, 139, 142
פרוסאַק, דוד — 101, 179, 188, 241, 276
פרץ, י. ל. — 246
פשיגורסקי (בן־דוד) — 264
פשיגורסקאַ, רבקה — 264

## פ

פאַגעל — 357
פאַדאָוויטש, צמח — 356
פאַדאָוויטש, (זון) — 356, 358
פאַלק, ד״ר — 233
פאַנער, מ. — 270
פוקס, חיים־לייב — 271
פיאַלקאָווסקי, (אַרציבישאָף) — 88, 89
פייטלאָוויטש, אברהם — 33, 121
פייטלאָוויטש, יעקב־ (פּראָפעסאָר) — 33, 274, 307
פייטלאָוויטש, משה (קוטשער) — 23, 28—30, 274
פיין — 358
פיינבערג, קאַרל — 235
פיכמאַן, יעקב — 301
פינקעל, יחזקאל — 181
פישער — 369, 370
פלאַט — 271
פלאַטאָ, לעאָן — 180
פלאַטאָ, מיכאל — 236, 241, 259
פלאַנבוים, ישראל — 363
פליישער, אליהו — 363
פעפער — 190
פראַמער, י. ד״ר — 272
פראַנק, (ייקאַ־לייטער) — 321—323
פראַנק, (שווישפילער) — 299
פרוג — 234

פרומקין — 349
פרידמאַן — 61, 62, 188
פרידמאַן, באַריס — 190
פרידמאַן, יוסף — 241
פרידמאַן, פיליפ, ד״ר — 55, 86, 186, 260, 271
פרידע — 356
פרידע, ישראל — 172
פריידענבערג — 188
פרייטאַג (אפרתי), משה — 236, 355
פריינד — 330
פרישמאַן, דוד — 184, 234, 246, 270, 276, 277, 282, 283, 287—289, 292, 300, 304, 306, 307
פרעכנער, מענדל — 180
פרענקל — 190
פרענקעל, אַשר — 358
פרענקעל, יהודה־ אדוו. — 261, 358
פרענקעל, ירמיהו, ד״ר — 250
פרענקעל, מאיר — 358

## צ

צוקער, לודוויק — 188
ציגלער, שמואל — 175
ציגלער, ר. — 50
ציטער — 190
ציטער, יוסף — 261
ציטרין — 242
צייטלין, הלל — 234
צילקאָוו, הרב — 232
צימערמאַן, היינריק — 272
צלאל — 190
צמח — 241, 297
צעדערבוים, חיים — 132

## ק

קאַהאַן, ישראל — 270
קאַהאַן, לאַזאַר — 270, 307, 312
קאַזשעץ (קורי), הענעקי — 358
קאַטשאַלסקי, אפרים (פראָפ.) — 271
קאַכאַנסקי, אביגדור — 33
קאַכאַנסקי, ש. 190
קאַלינאָווגאַ (קלינגבייל), דאָראַ — 271
קאַלינסקי, אברהם — 122
קאַלינסקי, משה — 201, 364
קאַלינסקאַ, (טאָכטער) —364
קאַמינסקי, א. — 356
קאַמינסקי, ח. ב. — 356
קאַמיעניעצקי 242
קאַמיעניעצקי, פּראָפעסאָר — 272
קאַן, אשר (אָסקאַר) — 61, 116, 142, 187, 188, 191, 304
קאַן, הענעך — 273
קאַן, יאָסל — 116
קאַן, יעקב־מענדל — 190
קאַן, לוי — 116, 142
קאַן, לעאָן — 116
קאַן, מיכאַל — 117
קאַנשטאַט, הערמאַן — 117, 178—180, 190, 239
קאַנשטאַט, מינאַ — 185
קאַסמאַן — 249
קאַסמאַן, אליעזר — 159, 162
קאַפּלאַן — 190
קאַפּלאַן, אליעזר — 362
קאַפּעל, נתן — 188
קאַפּעלסקאַ — 148
קאַפּעמאַן — 116
קאַפּף — 233
קאַפּציאָווסקי — 190
קאַפּציאָווסקי, א. ב. — 233
קאַצענעלבויגן, י. — 296
קאַצענעלסאָן — 190
קאַצענעלסאָן, יצחק — 233, 245, 246, 260, 262, 270, 296, 299—302, 307
קאַצענעלסאָן, יעקב־בנימין — 242, 263
קאַרנאָווסקי, פישל — 190
קאַרפּ, מאיר — 180
קאַרפּאָווסקי — 190

קב־ונקי — 190
קוגעל — 356
קוטנער, מאַרקוס — 188
קוטנער, ש. 271
קוניצער — 116, 141, 142
קופּער, שלמה — 273
קורץ, גדליה — 190
קושמיראַק, לייב, ר' — 220, 274
קושמיראַק, עקיבא — 220
קין, אַריש — 194
קין, זיסע־חיה — 194
קינסטלער, אביגדור — 357
קיסין, בן־ציון — 190, 241
קיפער, פּרוי — 179
קירשראַט, יאַן — 244, 245, 307
קלאַצקין, ד"ר — 302
קלויזנער, יוסף, פּראָפעסאָר — 234
קליימאַן, אַריה — 357, 367
קליימאַן, דוד — 190, 356
קליימאַן, שמעון — 356
קליין, אַדאָלף — 117
קלעצקי, פּאָול — 273
קנאַסטער, ד"ר — 149
קני — 369, 370
קעלער — 116
קעניגסבערג, שלמה־אהרון — 190
קעסטענבערג, יעקב — 188
קעסטענבערג, מאיר — 241
קראַוזהאַר — 109
קראַטאַשינסקאַ, פּרוי — 180
קראַשניצקי — 272
קרול, חיים — 270
קרושע — 116
קריניצקי, אברהם — 358
קרישעק, הענעק — 357
קרישעק, מיכאַל — 190, 312, 357
קרעמער — 242
קרעניג, קאַרל — 116
קרעניצער — 246


## ר


ראַבאַן, ישראל — 270
ראַבאַן, (מאָלער) — 273
ראַבין, י. ד"ר — 260
ראַגאָווי, מ. מ. — 182
ראַגאָזשינסקי, משה — 190
ראַדאָשיצקי, י. ח. — 271
ראָווינאַ, חנה — 297
ראָווניצקי — 301
ראָווסקי — 190
ראָזען, יונה — 235
ראָזענבוים — 236
ראָזענבוים, אליהו, ד"ר — 260
ראָזענבלאַט, אורי, ד"ר — 233, 235, 236, 354
ראָזענבלאַט, דודל (פּשעדבאָזשער) — 33
ראָזענבלאַט, ישעיהו — 33, 117, 188
ראָזענבלאַט, סאַמועל — 188, 233, 276
ראָזענבלום, מ. 235
ראָזענבערג — 356
ראָזענבערג, מאָטל, (מרדכי רוזן) — 320, 360
ראָזענבערג־רוזן, (זון) — 360
ראָזענבערג, משה — 360
ראָזענטאַל — 116
ראָזענטאַל, (מאָלער) — 273
ראָזענטאַל, ב. אַדאָלף — 180
ראָזענטאַל, אַלבערט — 117
ראָזענטאַל, יוליוס — 188
ראָזענפעלד, איגנש. — 322
ראָזענשטיין, בערנאַרד — 369, 370
ראָטלעווי — 273
ראָטענבערג — 356
ראָטקאָפּף, אַ. — 236
ראָטשילד, עדמונד, באַראָן — 193, 205, 320—323
ראָמאַנאָ, עמנואל — 273
ראָמשינסקי — 233

ראָסעט — 116
ראַפּאַפּאָרט — 80
רובינשטיין — 349
רובינשטיין, אַרטור — 272
רובינשטיין, (שאַכמאַטיסט) — 273
רוזשאַנסקי — 260
רוזשאַנסקי־ראָזען, ישראל — 355
רוזשאַנסקי־ראָזען, משה — 367
רומינשטיין — 116
רומקאָווסקי — 179, 188
רוסינאָוו, אליעזר — 236
רופּין, אַרטור, ד"ר — 3399, 344
רוקח, ישראל — 347, 362
ריבקינד, אברהם — 181, 242, 361
ריבקינד, יצחק — 181, 242, 271, 361
ריגער, אַליעזר, ד"ר — 260
ריגער, שאול, ד"ר — 260
ריזענבערג — 190
רייזמאַן, אַברהם — 188
רייזען, אברהם — 246
רייזפעלד, קאַרל — 188
רייכמאַן, שמואל — 235
רייכערט — 307
רייכערט, איטקע — 273
רייכערט, וואָלף — 355
רייכערט, ישראל, (פּראָפעסאָר) — 271
רייכערט עזרא (ירון) — 367
ריינעס, יעקב־יצחק, הרב — 223, 224
ריכטער, יוזעף — 116
רעמבאַלינסקי (נאַטשאַלניק) — 42, 43, 58, 77

## ש

שאַכעטאָוויטש — 236
שאַלקעוויטש (בן־אביגדור) — 319
שאַרפהאַרץ, שמואל — 357
שאַץ, מאַגיסטער — 235
שאַץ, פּראָפעסאָר — 282—284
שוואַרץ, שמואל איגזש. — 274
שוואַרץ, ישכר — 274
שוויאַטלאָווסקי — 190
שוויזגאַלד — 356
שוויג־שתקאי, ד"ר — 236
שווייקערט — 116
שווייצער — 307
שולמאַן, ש. — 182
שולץ, יהושע — 131
שולץ, (דיריגענט) — 272
שומאַכער — 271
שושנה, ר. — 271
שטיין, יעקב — 116, 180, 241
שטיינבערג, יהודה — 301
שטיינהאַוער, צדוק — 107
שטיינשניידער — 179
שטילער — 80, 188
שטילערמאַן — 190, 241
שטערן — 180
שטערן, א. מ. — 190
שטראָוך, זלמן — 190
שייבלער, קאַרל — 116, 117, 138, 140, 141, 195, 196
שיידעמאַן, גענעראַל — 163, 165, 166, 168, 169, 171
שיין, מרדכי — 209
שיינפּאַרבער — 355
שיינקין — 338, 339, 346
שימין — 318
שיפּאָוו, גענעראַל — 134
שיק, אַ. — 116
שיק, אַרטור — 15, 16, 116, 273
שיקער, עזרא — 178, 180
שלאָסבערג, מענדל — 116, 188, 241
שלום־עליכם — 234, 246, 248, 253, 301, 310—319
שלום, יוסף־אליהו — 339, 341, 342
שלום, יעקב — 346
שלעסער — 117
שמואלי, א. — 270

שמולעוויטש, יעקב — 188
שמושקעוויטש, שמואל — 356
שמחוני, ד"ר — 260, 270
שענקאַר, אריה — 322, 357
שענקעוויטש, הענריק — 305
שעפנער, ב. — 271
שעפּס, ישכר — 274
שעפּסקי, טוביה — 181
שעראַדסקי, ה. — 271
שעראַטשעק־וואָלמאַן, מרים (שיר) — 320, 322
שערף, נחום — 358
שפּאַן, ש. — 260
שפּיגל, (ברידער) — 356
שפּיגל, חנוך — 356
שפּיגל, ישעיהו — 270
שפּיגל, (מאָלער) — 273
שפּינאָזע, ברוך — 217, 281
שפּיר — 356
שפּירא, אָשר — 326
שפּירא, משה — 363
שפּירא, נ. — 233
שפּירא, שמואל — 363
שפּריירעגן, בערל — 188, 190
שרייבאום, מענדל — 180
שרייבער, פּאַביאַן — 277
שרת, משה — 354

## ת

תא־שמע (טאַשמע), אַ. — 182
תידהר, דוד — 339—341

## פון זעלבן מחבר ביז איצט דערשינען:

געשיכטע פון לאָדזש און לאָדזשער יידן — **לאָדזש**, 1909

געשיכטע פון לאָדזש און לאָדזשער יידן — **פּיעטרקאָוו**, 1910

לאָדזשער שפּיגל — **לאָדזש**, 1912

די כאָליערע — **לאָדזש**, 1912

נאַפּאָלעאָן אין לאָדזש — **לאָדזש**, 1913

וועלט־קריג, וועלט־פרידן און משיחס־צייט — **לאָדזש**, 1920

# דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַ״ג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ת. שאַשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אַפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאָס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאליאקיעוויטש** — א טאג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים **(אויספארקויפט)**
35) **יוסף וואלף** — לייענענדיק פרצן...
36) **צפורה קאצענעלסאן־נאכומאוו** — יצחק קאצענעלסאן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פאוויאק
38) **נחום סאקאלאוו** — פערזענלעכקייטן
39) **רחל קארן** — היים און היימלאזיקייט **(לידער)**
40) **א. אלמי** — מאמענטן פון א לעבן
41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאצק **(אויספארקויפט)**
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע
43) **מ. קיפניס** — הונדערט פאלקס־לידער **(אויספארקויפט)**
44) **ז. זעגאלאוויטש** — מיינע זיבן יאר אין תל־אביב **(אויספארקויפט)**
45) **ד"ר ה. שאשקעס** — א וועלט וואס איז פארביי... **(אויספארקויפט)**
46) **שלמה וואגא** — חורבן טשענסטאכאוו
47) **אברהם זאק** — יארן אין וואנדער **(לידער)**
48־49) **ש. איזבאן** — פאמיליע קארפ **(אויספארקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד"ר א. מוקדוני** — מיינע באגעגענישן **(זכרונות)**
51) **ר. שושנה־קאהאן** — אין פייער און פלאמען **(אויספארקויפט)**
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פראזע אין פוילן
53) **יאנאס טורקאוו** — אין קאמף פארן לעבן **(אויספארקויפט)**
54) **יצחק פערלאוו** — די מענטשן פון „עקזאדוס 1947" **(ראמאן)**
55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אש** — פעטערבורג — ווארשע — מאסקווע
59) **ד"ר פיליפ פרידמאן** — אשוויענטשים
60) **ב. ראזען** — טלאמאצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם **(ראמאן)**
63) **יאנוש קארטשאק** — משהלעך, יאסעלעך, ישראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד ביים
יידישן קולטור־קאנגרעס, בוענאס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראדע** — שיין פון פארלאשענע שטערן
67) **רבקה קוויאטקאווסקא** — פון לאגער אין לאגער
68) **יואל מאסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָ . **(זכרונות)**
69) **אליהו טראצקי** — גלות דייטשלאנד
70) **ד"ר י. שאצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה **(אויספארקויפט)**
71) **נחמן מייזיל** — געווען אמאל א לעבן... **(אויספארקויפט)**
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאכטע פון נאראקאווע **(אויספארקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד

75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) יהושע פערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע 1937)

77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן

78) דניאל טשאַרני — ווילנע

79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)

81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך

82—83) יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)

84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע

85־86) מרדכי שטריגלער — גורלות

87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)

89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)

90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91־92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע

93) שמעון האָראָנטשיק — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)

94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)

95—96) יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)

99) פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) י. הירשהויט — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע צייטונג״
בוענאָס־איירעס, 1955).

102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע

103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) — י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)

105־106־107) — מיכאל באָרוויטש — אָרישע פּאַפּירן

108־109) מרדכי שטריגלער — געאַרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)

110־111) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש.
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס,
ניו־יאָרק, 1956).

112) ברוך האָגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר ליטעראַטור־פאָנד ביי „די אידישע צייטונג״,
בוענאָס־איירעס, 1956).

113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) מאַקס וויינרייך — פון ביידע זײַטן פלויט (וועגן אורי קאָוונער)
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן.
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען

## עס גרייט זיך צום דרוק:

ד״ר יצחק שוואַרצאַרט — זכרונות
דוד פלינקער — יאַנקל באַלעגאַלעס צײַטן
שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
פנחס וועלנער — דערציילונגען

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 123

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINE
Hecho el Depósito que marca la ley

Copyright by:
A. TENENBAUM-ARAZI (Tel Aviv, Israel)

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 15 DE JULIO DE 1956, EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

A. TENENBAUM-ARAZI

# L O D Z

★

Editado por la

UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA

Buenos Aires — 1956